STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01572

MILHOME-YORN

Golde Gutman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible handwritten dedication]

[illegible] 25טן סעפטעמבער 1945

פון דער זעלבער מחבר:

צווישן קראנקע (שפיטאל-רעפארטאזשן)

וואס מיין פריינט האט דערציילט (דערציילונג)

בעסאראביע 1918 (ראמאן)

מיין שטעטל יעדינעץ (ראמאן), 2 בענדער

צווישן בערג (דערציילונגען)

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

מילחמה-יארן

(1914-1918)

ר אָ מ אַ ן

בוענאָס איירעס 1945

דעם בוך ווידמע איך מיין קלענס־טער שוועסטער י ע נ ט ע ל ע מיט איר מאַן און קינדערלעך, אין פּאַריז, צו זייער אויפשטיין תחית המתים — צום ראַטעווען זיך פון נאַציש ן גיהנום.

דער בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון אַ געזעל־שאַפטלעכן קאָמיטעט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

משה גיטעלסאָן — פּרעזידענט; יעקב שבח — וויצע־פּרעזידענט; יוסף שעכטער — סעקרעטאַר; ט. בערעלעכעס — פּראָ־סעקרעטאַר; אַברהם ליטווינאָוו — קאַסיר; וואָקאַלן: סימאָן גאָרענשטיין, אברהם ווײַנשטיין, משה האָלצמאַן, כאָסע בערג, מיגעל רויטבערג, מערענשטיין און יודל שעכטער.

.1

15־טער אויגוסט 1914.

א בלייכע זון, א פארנאכטיקע, צאנקט אין מעלאנכאלישער מידקייט. נאר מידערהייט פארצוקט זי אין אירע טונקל־רויטע געוועבן א גרויען וואלקן, א שטילן, א פארלוירענעם.

דער הימל טוקט זיך אין א פארצויגענער טונקלקייט, קוקט מיט טרויער אף דער זון, וואס שווימט אפיר פונעם אנגערוקטן וואלקן און שפרייט זיך אויס ווי אן אפגעכאלעשטע אף די ווענט פון די העכערע הייזער און אף דעם בארג וואס פון יענער זייט שטעטל.

די געסלעך שטייען ווי פארשעמטע, אויסגעלאשענע פון זייער שטענ־דיקער פרייד און איינגעוועבטע אין גרויען ביינאשמאשעסדיקן אומרו.

פון די גרויסע פארזשאווערטע שלעסער אף די צוגעקלאפטע טירן פון קלייטן און פון שענקען, פון די שמאלע ליקלעך ארויס, פון די דעכער אף נידעריקע ארעמע שטיבלעך, פון די שטיינער אף דער ערד — פון אלץ טראגט זיך א שטומע שרעק, א פיינלעך־פארצווייפלטע געבראכנקייט.

מיט פיינלעכער שרעק אף די פנימער, מיט אנגסטלעכן ווארטן, שטייען אידן מיט ווייבער אף די ראגן. מיט צערודערטע פנימער לויפן אנדערע פון אלע ארומיקע הינטערגעסלעך, צו דער פאטשט־גאס.

יונגעלייט און מיידלעך, ווייבער מיט קרענקלעך־צעהיצטע פנימער און גויעס מיט צעפלויגענע ברוסטן הינטער די גראבע לייוונטענע העמ־דער, קליינע קינדער, וואס פלאנטערן זיך צווישן די גרויסע — אלץ רייסט זיך אין בלינדן עקסטאז אף פארויס, אלץ ווייטער.

באלעגאלעס, וואוילע יונגען, זיינען אומגעדולדיק און פאכען מיט די בייטש־שטעקעלעך איבער די איינגענע און פרעמדע קעפ. מיט א בראנ־דיקער היץ אין די צעברויזטע אויגן און מיט קוילעס פון צעשטורעמטע הערצער, שרייען זיי:

— קריכט ניט ווי די וואנצן! מאכט א וועג, זאגט מען אייך!...

— שטעלט זיך אין א זייט! — הערן זיך אנדערע קולות. — ס'איז „ניעוואזמאזשנע" די גאס דורכצוגיין!...

נאר קיינער הערט ניט די רייד און אויך ניט דאס שעלטן און דאס זידלען פון די אומגעדולדיקע באלעגאלעס. די צעברויזטע מענטשן־מאסע

רייסט זיך אַלץ פֿאַרויס. דורך טרערן פֿון פֿרייד און פֿון גרויסער דערוואַר־טונג טראָגט זיך דער געשריי:

— ס'איז אויס מיט דער מילחמה!... מען האָט צעלאָזט דעם זאַ־פּאַס!... באַם וואָלאָסט זיינען זיי!...

קיינער פֿרעגט ניט ווער עס האָט די גוטע בשורה אַראָפּגעבראַכט אינעם שטעטל און קיינער צווייפֿלט ניט דאַכט זיך, אינעם אמת אירן.

אַפֿילו די רייכע לייט, די באַלעבאַטישע אידן, וואָס האָבן פֿיינט דעם אימפּעט און דעם ענטוזיאַזם פֿונעם המון, די וואָס קוקן אויס זייערע זין און איידעמס פֿון גוואַישע הענט, פֿון גיין דינען דעם קייסער, וואָס ווייסן ניט פֿון דעם פֿאַרצווייפֿלטן וואַרטן אַף אַ בריוו פֿונעם פֿראָנט, אויך זיי זיינען מיטגעריסן פֿונעם טומל, פֿון דער פֿרייד וואָס ס'איז שוין אויס מיט דער מילחמה.

די פֿרייד זייערע מערקט זיך אינעם יאָנטעוודיקן וואַרטן אַף די טרעפּ פֿון זייערע גאַניקלעך און אינעם צופֿרידענעם שמייכלען אין די ברייטע נגידישע בערד אַריין. אַזוינע מערוצעדיקע פּנימער האָבן מענטשן וואָס עסן כסדר צו דער זאַט. די מערוצעדיקייט קומט אויך פֿון זייער טיפֿן גלויבן אין גאָט און אין זיין גענאַד צו זיי, צו די שיינע אידן, צו די גע־טרייסטע זין פֿונעם גאָט פֿון ישראל, וואָס לייזט זיי אויס פֿון גויעשע הענט און פֿון... קבצנות.

ניין, זיי וועלן זיך מיט דעם פּראָסטן המון נישט אויסמישן, זאָלן זיי, די קבצנים לויפֿן, זאָלן זיי זיך די פּיס אָפּקלאַפּן! זאָלן זיי לויפֿן די זאַפּאַסניקעס אַקעגן! נישקשה, אַ איד אַ נגיד מעג זיך פֿאַרגינען אויס־וואַרטן ביז מען וועט אים די בשורה אין שטוב אַריינברענגען...

פֿונדעסטוועגן, טוט מיך איינער אַזאַ איד אַ כאַפּ פֿאַר אַ האַנט און בעט זיך באַ מיר:

— גיי, מיידעלע, טו אַ קוק בּיים וואָלאָסט, צי זיינען טאַקע די זאַ־פּאַסניקעס צוריקגעקומען. צי האָט זיך די מילחמה געענדיקט...

דאָס לויף איך טאַקע צום וואָלאָסט. איך וויל אַהיימברענגען די בשורה די שכנים אונדזערע, אַן אַלט פּאָרפֿאָלק, וואָס זייער איינציקער זון האָט זיך אוודאי צוריקגעקערט פֿון דער מילחמה און זיי, די טאַטע־מאַמע, האָבן שוין קיין כוח ניט צו לויפֿן אים באַגעגענען...

די לעצטע זון־פֿאַסמעס צעשיטן זיך אין אַ דינעם גאָלד־שטויב אַף די קליינע פֿאַרשטויבטע פֿענצטער פֿונעם וואָלאָסט. מאַכנעסווייז פֿלאַ־טערן גרויסע טויבן איבערן גרינעם, פֿון דער זון אָנגעהיצטן דאַך. זיי וואַרקען מיט אַ קינדערשער שטיפֿעריי און צעפֿליען זיך מיט אַ פֿליגל־געפּאַטש איבער דער אָנגעלאָפֿענער מענטשן־מאַסע, וואָס באַלאַגערט דעם פּלויט און דעם ברייטן צוגעשלאָסענעם טויער פֿונעם וואָלאָסט.

דער נאַטשאַלניק, אַ ברייטפּלייציקער פּויער מיט אַ ווייסער באָרד און מיט גרויסע זומער־שפּרענקלעך אַף זיין רויטן קאַצאַפּישן פּנים, איז

צעטראָגן און בייז. אַף די טרעפּ שטייענדיק, שרייט ער מיט אַ דערשטיקטן הייזעריקן אָטעם:

— טיעפּיער וואָיענאָיע ווּרעמיאַ, ניעטו טוט ניקאַקיך זאַפּאַסני־קאָוו!... זאַבעריטיעס זשידי בעזאָבראַזנייע!... פאַרנעמט אייך פונדאַנען

— הייסט עס — נישטאָ דאָ קיין זאַפּאַסניקעס...

נאָר דער עולם וויל פון גאָרנישט ניט וויסן, ער לויפט אַרום דעם פּלויט, אַרום דעם געשלאָסענעם טויער, ער בעט און שרייט און פאָדערט:

— זאָגט וואו זיינען זיי, די זאַפּאַסניקעס?! מירן זיי אַנטקעגן גיין!...

— אַ בראָך איז מיר אין הארצן, דער מאַן מיינער איז נישטאָ דאָ!...

— און מיין זון? ווי איז דער מאַמעס געדערים! מיין זון איז אויך ניט צוריקגעקומען!...

— קינדער, אָפּגענאַרט האָט מען אונדז! ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה!...

מיידלעך און ווייבלעך פאַלן זיך אין די אָרעמס. אַ קלאָגעריי, אַ טיף יאָמערן צעטראָגט זיך ווייט און ברייט אַרום דעם וואָלאָסט.

עטלעכע סאָלדאַטן לויפן אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע, וואַרפן זיך צום פּלויט און מיט נאַהייקעס צעטרייבן זיי דעם עולם. פּויערטעס הע־שען אין די הענט אַריין. ווייבער קלאָגן שטיל מיט אַ ווייכן סליחותדיקן ניגון.

ערשט איצט דערפילט מען דעם איפּעשדיקן ריח פון אַ נבילה, וואָס ליגט ביים פּלויט, אַ באַזעצטע מיט גרויסע ווערים און מיט גראָבע גרינע פליגן, וואָס זשומען און דרייען זיך אין אַ געדיכטן קנויל אין דער לופטן.

מענטשן שטייען אַרום דער נבילה. ס׳אַרט זיי ניט וואָס די פליגן נעמען זיי שפּרינגען אין די פּנימער און יאָגן אַף זיי מיט אימה, מיט איפּעש.

מיט איימעדיק געבויגענע קעפּ, פאַרשעמטע און אַנטוישטע, צעגייט מען זיך שפּעטער אין פאַרשידענע ריכטונגען, אַרומגעכאַפּטע פון אַ גרויער טונקלקייט, וואָס וועבט אין זיך איין די מענטשלעכע געפאַלנקייט, דעם אָפּגענאַרטן ביטחון און די צעטראָטענע האָפענונגען.

לעבן דער סעמינאַריע טומלען אַנדערע מילחמה־קרבנות. דאָרט, אין דעם צעברויזטן מענטשן־שטראָם, שיינט נאָך העלער טאָג. דאָס שפּילן פון די קלעזמער און דאָס ווילדע בראַוואָ־פּאַטשן רייסט אויף דעם מוח. גלחים מיט זייעדע זשיפּעצעס און הויכע מיצן אַף די קעפּ, טראָגן דאָרט הייליקע בילדער און צלמים אין די הענט אין אַ פּראָצעסיע. אַ קאַלטע בייזקייט וויעט פון זיי.

אויך די בילדער פונעם רוסישן קייסער מיט זיין ווייב טראָגט מען דאָרט, אַרומגערינגלט פון דרייקאָלירטע פענער, וואָס פלאַטערן אין דער לופטן מיט קראָעשער חשבות. רייכע ווייבער און זייערע טעכטער שטייען

איבער די באַלקאָנען אַריבערגעבויגן. רויזן וואַרפן זיי אױף דער גרויסער פּראָצעסיע. זיי אַפּלאָדירן און שרייען אין ווילדן עקסטאַז.

— אורא, זא מאַטושקו ראַסיו, זא ביעלאוואָ צאַריאַ!...

אויך דער שכן אונדזערער, רב איציק זעלמאַן, שרייט דאָרט „או־ראַ!" איבערן קאָפּ, אין דער הויך, טראָגט ער אַ גרויס בילד פון דעם קייסער מיט דער קייסערינע.

די פּראָצעסיע, הער איך, גייט איצט צום קליינעם סעמינאַריע־קלויס־טער בענטשן דעם זיג פון דער רוסישער אַרמיי.

פאַרנאַכט, ווען איך קום צוריק, איז שוין דער שכן אונדזערער, איציק זעלמאַן, אין דער היים. ער לייענט „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" פאַר עט־לעכע אידן און בחורים פונעם געסל.

אַן אַנדער מענטש איז דער איציק געוואָרן. קענטיק די מילחמה האָט אים באַגליקט. פּשוטע אידן רופן אים אין שיל אַריין. ער דאַוונט דאָרט פאַר עמוד און העלפט זיי בעטן באַם רבונו של עולם, אַז ניקאָלאַי דער רוסישער קייסער, זאָל מנצח זיין אין דער מילחמה.

שטילע, ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, קוקן זיי רב איציקן אין מויל אַריין. זיי שלינגען ממש די ווערטער, די נייעסן, וואָס ער לייענט פאַר זיי.

אַ געדיכטע שטילקייט דריקט דאָס געסל. די שטערן אָפן באַצאַרטן הימל, זיינען אָנגעשפּיצטע, שאַרפע און גלוויקע ווי די אויגן פון די פּשוטע אידן. אין די פענצטער פון איציקס זאַל איז ליכטיק. אױף אי־צקס פּנים איז אויך אַ ליכטיקייט פאַראַן. אויך גרויסע טראָפּנס שוויס, ווי באַ אַ סאַרווערן אױף אַ רייכער חתונה. די גאַלעריע ווערט פול מיט מענטשן. מען שטעלט פראַגעס אונדזער געלערנטן שכן. איינער אַ איד פרעגט אים שטיל:

— מילא, דער קייסער וויל זיך שלאָגן, זאָל ער, אָבער מיט אידן וואָס וועט זיין? מיט פּרנסה? דער יאַפּאָנטשיק האָט אונדז שוין באַוויזן וואָס מילחמה איז!... אַ איד גייט זיך אָנעמען פאַרן קייסער, ער גיט פאַר אים אַוועק זיין בלוט, זיין לעבן, גיט מען אים דערפאַר צרות מיט חרפּות, דעם זשיד פאַרכאַטי...

— טאַקע אַזוי — מישט זיך אַריין אַ צווייטער מיט אַ שטילן גמרא־ניגון. — איך פאַרשטיי ניט, בענעמאָנעס, דעם גאַנצן שכל פון דער מילחמה, פון גיין זיך שלאָגן דער רוח ווייס פאַר וועמען. וואָס איז, די יויך דיינע וועט דיר שוין פעט ווערן?! מנוחה דאַרפן מיר, שלום!... זאָלסט ניט הרגענען, שטייט געשריבן...

— אויך מיר, דאָס אידישע פאָלק, מעג הרגענען! — שרייט אַ בחור מיט אַ בלייך פּנים און מיט הייסע שוואַרצע אויגן. — פאַרן הייליקן לאַנד וועלן מיר זיך שלאָגן!

מיין מאַמע, וואָס שטייט אױף דער גאַלעריע לעבן איציקס פענצטער, גיט אויך צו:

— ווען מען קען אָפּנעמען דאָס הייליקע לאַנד אָן בלוט־פאַרגיסונג, וואָלט געווען גאָטס ניסים, זיין גרויסער רצון!
אַף איציקס פּנים, דעם צערונצלטן און מיט שוויים באַגאָסענעם, טויכן אויף דינע שמייכעלעך, איראָנישע, וואָס דאַרפן באַטייטן:
— אויך מיר פּאָליטיקער!...

2.

מיין טאַטע זאָגט, אַז איציק איז געוואָרן אַ מילכאָמע־פּלאַמפּלאַץ.
איך וויים, אַז מיין טאַטע האָט ליב יענעם מין אידן, וואָס ריידן פּשוט און נאַטירלעך, וואָס לאַכן ברייט און פריי און קענען אָוועקגעבן ס'לעצטע קערבל זייערס סיי אַף אַן אָרעמער חתונה און סיי שבת אין שענקל... זינט די מילחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט דער טאַטע אינגאַנצן זיך דערווייטערט פון אונדזער שכן.
אַ פאַרלוירענער גייט ער אום. די בעקעריי אונדזערע שטייט אַ געשלאָסענע. אונדזערע אַרבעטער האָט מען צוגענומען אין דער מילחמה. טעג גאַנצע גייט ער אום מיט אַ פינצטער פּנים און מיט אַ רוסישער צייטונג אין קעשענע. ווען ער קומט אהיים, דערציילט ער פאַר דער מאַמען און פאַר די עלטערע שוועסטערלעך וואָס ער האָט געהערט אין גאַס אָדער וואָס ער האָט געלייענט וועגן דער מילחמה.
— וואָס הערט זיך עפּעס אין גאַס, הערש? פרעגט אים די מאַמע מיט אַן אומרואיק קול — די איבעריקע בעקערייען זיינען שוין אויך פאַרמאַכט?
דער טאַטע טוט אַף איר אַ באַנגיקן קוק און זאָגט:
— ראַצע, די מילחמה האָט אָפּגעהרגעט די טערקן, זיי ווערן איצט בדיל הדל. די מאַכט קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן און פאַרשיקט זיי אין געפענקעניש... זאָלסט אַ קוק טון, וויב מיינס, ווי אונדזערע ברידער גרייטן זיך צום „פובליטשנע טאָרג”! אידישע שונאים וועלן שוין האָבן אַף וואָס אַ ביל צו טון!...
די מאַמע ווערט רויט און באַלד בלייך.
— וואָס האָט די מאַכט צו די טערקן? — פרעגט זי מיט אַן אומשולדיקער מינע. — וועמען האָבן זיי חלילה שלעכטס געטון?
— אין מילחמה, וויב מיינס, פרעגט מען ניט קיין קשיות. אונדזערער וויל איצט ניט קיין פרעמדע אונטערטאַנען אין זיין לאַנד.
— וואָס הייסט ער וויל ניט? און אומגליקלעך מאַכן אומשולדיקע מענטשן וויל ער?
דער טאַטע גיט אומגעדולדיק אַ מאַך מיט דער רעכטער האַנט. דאָס דאַרף הייסן: אַרויסגוואָרפענע רייד, אַ אידענע בלייבט אַ אידענע.

די מאַמע קען שוין אַפּנים דעם טאַטנס מאַך מיט דער האַנט. זי ווערט רויט און שטאַמלט פאַרשעמט:

— אַ גראַביעזש איז עס, אַן אומדערהערטע זאַך!

— וואָלט איך געווען באַ געלט — זאָגט דער טאַטע — ראַטעווע איך אָפּ אַ שטיק פאַרמעגן זייערס. פאַר אַ שיבוש פאַרקויפט די מאַכט די בעסטע שטיקער מעבל, ס'בעקערישע געציג. די מילחמה וועט אייביק ניט געדויערן, די טערקן וועלן צוריקקומען, וועלן זיי מיר אומקערן ס'געלט מיט דאַנק, מיט גוטברודערשאַפט.

די מאַמע טוט זיך אַ כאַפּ, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל באַגריפן דעם גאַנצן פאַרפלאָנטערטן ענין. זי בעט זיך באַם טאַטן:

— הערש, איך וויל ניט זייער דאַנק און ניט זייער גוטברודערשאַפט. איזמאַעל האָט דיר איינמאָל אָפּגעדאַנקט... געדענקסט, נאָך מאַכמעדס טויט?... אויך זיי וועלן דיך באַשולדיקן אין אומאָרנטלעכקייט. און וואו זיינען אידישע מיילער? לעבעדיקערהייט וועלן זיי דיך אויפעסן... זאָרג דיך ווינציקער פאַר רב אייזיק יעקעלעס... טראַכט פון דיר, פון דיינע קינדער, מאַך אויף די בעקעריי, אַף ברויט וועט מען יאַקאָס פאַרדינען!...

דער טאַטע קוקט אַף איר מיט אומעטיקע אויגן און שטאַמלט פאַרלוירן:

— ראַצע, ווייב מיינס, עס מוטשעט מיך דער סאָוועסט. ווער וועט זיי ביישטיין אינעם אומגליק, אויב ניט איך?

דורך די אָפענע פענצטער פון זאַל רוקט זיך אָן די דעמערונג, אַ שווערע און אַ גרויע. מיט גרויע פּנימער, באַזאָרגטע, קוקן טאַטע־מאַמע אַף די קינדער און שווייגן. אין דעם טוט אַ לויף אַריין אַ שכן אונדזערער, נאַפּטאָלע דער הילצער. דער טאַטע פרעגט אים מיט אַ פרעמד קול, אַ גלייכגילטיקס:

— איר האָט עפּעס געוואָלט, רב נאַפּטאָלע?

צעשראָקן איז דעם אידנס פּנים. פונעם שוואַרץ־גרויען בערדל, פון די קליינע זשעדנע אויגן, פון אים אינגאַנצן, זעצט אַ היץ, אַ טיפע צערודערונג. מיט אַ צערודערט קול און מיט צעפּאַכעטע הענט, בעט ער דעם טאַטן:

— הערש, אַפּריער גאָט און דערנאָך דורך דיר קען איך געהאָלפן ווערן. אַ גרידע מיט גאָלד שטייט מיר איצט אין קאָן. צו די טערקן לאָזט מען מיך ניט צו, קיין וועקסלען אַפן געלט וואָס זיי קומען מיר, האָב איך ניט. טו דו אַ שמועס מיט זיי אַף טערקיש, אַ פּאָר וועקסלען דאַרף איך, מיטן פּריסטעוו וועל איך מיר אַליין אַן עצה געבן...

דער טאַטע, ווייס איך, האַלט ניט פון דעם אידן; סיי ביי דעם מעל און סיי באַ דעם האָלץ, וואָס דער טאַטע מיט די טערקן קויפן באַ אים, פעלט צו דער וואָג. זיי מוסרן אים גוט אויס, רעכענען אים אָפּ צו איין גראָשן און ער שווערט זיך באַ באָרד און פּיאות, באַ זיין כשר לייבצו־

דעקל, אַז גאָט ווייסט דעם ריינעם אמת... נאָר שפּעטער חזרט זיך אי־בער דאָס אייגענע. דער טאַטע זאָגט צו אים:

— איר רב נאַפּטאָלע, וועט פון יאָר צו יאָר רייכער ווערן און מיך שיקט איר איינשטעלן מיין פּריוואַטהייט צוליב דעם אָנגערויבטן געלט אייערן...

רב נאַפּטאָלע שפּרינגט אָפּ פון עם טאַטן ווי אַן אָפּגעבריטער:

— הערש, ווי גאָט איז דיר ליב, טו דאָס פאַר מיינע טעכטער, דעם נדן פון דערוואַקסענע בתולות האָב איך צו זיי אַריינגעבראַכט.

דער טאַטע דרייט זיך ס'טשופּרינקעלע און זייעט שטיל צווישן די ציין:

— איך וועל אפשר אַ שמועס טון, רב נאַפּטאָלע, ס'איז אָבער אַן איינשטעלעניש.

לאַנג טענהט נאָך דער איד מיט אים. אויך די מאַמע טענהט צום טאַטן, אָבער שוין נאָך דעם אידנס אַוועקגיין:

— הערש, אַ טאַטע פון זעקס קינדער ביזטו. קיין איינס פון זיי שטייט נאָך ניט אויף די אייגענע פיס. שטופּ דיך ניט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט!...

די מאַמע איז געוועט גערעכט. באַלד אינדערפרי, איז דעם טערקס קלייט אַ פולע געווען מיט מענטשן, מיט פּאָליציי. דאָס געסל איז געשטאַנען אַ געהויקערטס, פול מיט זאָרג. אַ בלייכע זון האָט איבער דעם גערוט, געוואַכט איבער דעם ווי אַ מאַמע אין איר פאַרלוירנקייט לעבן איר קראַנק קינד.

אַ פאַרלוירענער, שטייט דער טאַטע לעבן די טערקן, באַוואַכטע פון פּאָליציי. מיך האַלט ער אָפּן פאַרקויף־טיש. ער רעדט צו מיר עטלעכע טערקישע ווערטער. איך פאַרשטיי זיי ניט. עמזא פאַרשטייט זיי יאָ. ער ענטפערט אים צוריק אויף טערקיש.

דער פּריסטאַוו שטעכט איין די האַרטע בליקן זיינע אינעם טאַטנס האַרץ. ער וואָרנט אים:

— ניעלזיאַ גאַוואָריט פּאָ טורעצקי! ס'הייסט, מען טאָר ניט ריידן אין טערקיש.

דער טאַטע רעדט ווייטער. דעם פּריסטאַווס אויף אַרויף פאַרדרייטע וואָנציעס שטייפן זיך ווי בא אַ הונגעריקן קאָטער. מיט ווילד־צערייצטע קעציישע אויגן, טוט ער אַן אָפּגעהאַקטן ברום:

— הערשקאַ, טי אַרעסטאָוואַן! ביזט אַרעסטירט, הייסט עס.

שפּעטער קומט צו לויפן אַ פרעמדער גוי, אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ סוחריש צעהיצט פּנים און אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן אַנצוג, ווי ער וואָלט אויף אַ שימחה געקומען. ער כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ טיש, ווייזט מיט אַ לאַנג שטעקעלע אויף די אָנגעוואָרפענע חפצים און שרייט האַסטיק און צודרינגלעך:

— אַדין רובל, כטאָ באָלשע? אַדין רובל דוואַצאַט — כטאָ באָלשע?

איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין ווי אַזוי די מענטשן האָבן האַרץ אָפּ־צוקויפן די זאַכן. נאָך יעדן שטיק מעבל אָדער אַנדער זאַך, וואָס די קויפער שלעפּן אַרויס פון דער קלייט, גייט מיר איבער אַ גרויל איבערן לייב. זיי פאָדערן פון מיר יושר, גערעכטיקייט, די זאַכן: איז דאָס מענטש־לעך, גאָלדע, אַרויסצורייסן אונדז פון די אַלע איינגעזעסענע פּלעצער און־דזערע און פרעמדע מענטשן זאָלן אונדז שלעפּן, טון מיט אונדז וואָס זייערע הערצער גלוסטן?...

אין מיר וויינט דאָס האַרץ. און פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין באַ־טריבט, אַז אויך אַסאַנען, מיט די איבעריקע טערקן, האָט מען באַנאַכט פון די געלעגערס אַראָפּגענומען און אין קייטן געשלאָסענע זיי אָפּגעפירט אין וואַלאַסט.

אַ קאַלטע און אַ חושכדיקע שטיל איצט די בעקעריי, אַ באַליידיקטע, ווי אַן אָפענער קבר, וואָס שעמט זיך, וואָס האָט תערומות צו די מענטשן, וועלכע מאַכן אים פאַר דעם גרעסטן מיטבאַטייליקטן אין די אומגליקן זייערע.

אידישקעס און גויעס שפּאַצירן דאָ אום, זיי שנאָפּן אַרום די צע־פּראַלטע טירן פון די זייטיקע קעמערלעך, אַרום די מולטערס, וואָס שטייען פון די ווענט אָפּגערוקט און אַרום די זעקלעך מעל מיט די רויטע זיגלען אַף זיי...

אַבן הויף הוליעט אַ כאַפּטע קינדער. זיי טאַנצן אינעם אייז־קעלער. אַנדערע שלעפּן אַראָפּ שטיקער שינדל פונעם דעכל וואָס איבער דער קערניצע און שפּייען אַריין אין איר... אַ, אַ.! אַ, אַ!...

די קולות זייערע, די חוצפּה, דאָס שפּייען אַף יענעמס אומגליק, פאַרקלעמט מיך באַם האַרצן. באַ מיר און באַ מיין וריווקען איז די דאַ־זיקע שטוב, יעדער ווינקעלע אירס, פאַרבונדן מיט די שענסטע, מיט די הייליקסטע געפילן אונדזערע, און דאָ גאָר... אַלץ ווערט פאַרשוועכט, צע־טראָטן און באַליידיקט...

אויך דער פּריסטעוו באַליידיקט עמזאַן. אין מאַכמעדס פּריוואַטן צימער נעמט ער באַ אים צו די שליסלען פון דער אייזערנער קאַסע. איך זע ווי ער נעמט אַרויס דאָס געלט פון דאָרט. עמזאַ שווייגט. צו מיר שמייכלט ער מיט אַ טויט פּנים, אינגאַנצן אָן בלוט.

פון די ווענט, פון די געבעטע שטולן, פון די גראַטעס באַם פענצ־טער, פון אַלע ווינקעלעך, קוקן צו מיר אַרויס מאַכמעדס גוטע צע־שמייכלטע אויגן. זיי טרייסטן מיך: זאָרג ניט, גאָלדע, מיין האָב און גוטס וועט זיי קיין נוצן ניט ברענגען. דאָ וואו עס הערשט איצט אומגע־רעכטיקייט, געוואַלד און אויסגעצעריי, וועט קומען די גערעכטיקייט! זי וועט מישפּטן!...

איך געפין אָבער קיין רו ניט. ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה לויף איך איבער די אויסגעליידיקטע צימערן. מיך ציט אַהין, צו די היימישע ווינ־

קעלער, וואו איך האָב די שענסטע, די גליקלעכסטע טעג פון מיין קינד־הייט פארבראַכט.

אפּדערנאַכט איז אין זאַל בא אונדז א צערודערונג. פיליא מיט די קינדער אירע זיינען געקומען. זיי זיינען באַצאַרט און פאַרוויינט. זיי שיקט מען ניט אַרויס פון יעדינעץ, זיי זיינען ניט געבוירן אין טערקיי. די מאמע בעט זיך בא פיליאַן און גלעט איר די הענט:

— וויין ניט, פיליא, א שוועסטער, א מאמע וועל איך דיר זיין, מיטן ביסן ברויט וועלן מיר זיך טיילן.

דער טאַטע בייזערט זיך:

— גענוג געיאָמערט! רייד זיינען גאָרניט ווערט! מיט עסן דאַרף מען זיי באַזאָרגן! ס'איז א חילול השם איבערצולאָזן מענטשן זיי זאָלן שמאַכטן אין תפיסה!..

די מאַמע, דעם טאַטנס אייביקע קעגנערן, די אומצופרידענע פון זיין פריינטשאַפט צו די טערקן, וויטיקט איצט אייניגעם מיט אים, מיט פיליאַן און מיט די קליינע קינדער אירע. מיט אַן אומרואיקן פלאַם אין אירע אויסגעוויינטע אויגן, גייט זי אייניגעם מיט דעם טאַטן און מיט פיליאַן אוועקטראָגן א קויש מיט עסן און מיט געטראַנקען צו די אַרעס־טירטע טערקן.

א פאַרטראָגענע אין מיין גרויסן עלנט, אין דער בענקשאַפט נאָך אסאַנען, צי איך מיך אוים אף דער סאָפע. איך הער מיך איין אינעם שטילן יאָמערן פון מיין אויפגעבראַוזטן האַרץ. ערשט איצט פיל איך ווי שטאַרק צוגעבונדן איך בין צו דעם אסאַנען. ווען איך שעם מיך ניט און ווען איך האָב ניט מורא, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן מיך שלאָגן, דערציייל איך דער גרויסער שוועסטער פון מיין ווייטיק. אַן עצה וואָלט איך געבעטן... אַזוי, וועל איך אויסגיין פון בענקשאַפט, פון רחמנות... קיינער וועט ניט וויסן פון וואָס איך בין געשטאָרבן. אסאַן אויך נישט.

א מאָדנע פינצטערקייט קוקט איצט פון די טיפע זאַל־ווינקלען אַרויס. אף יעדן שטיקל מעבל, אף די שויבן, אפן טונקל־אָראַפּגעדרייטן לאָמפּ, קוקן טרויעריק אַרויס די פאַרבענקטע פּנימער פון די טערקן און מער פון אַלעמענס — אסאַנס.

3.

אפן דריטן טאָג ענדיקט זיך דער אויספּאַרקויף פונעם טערקישן פאַרמעגן. אויך ענדיקט זיך מיין טאַטנס ניצחון, זיין כוח בייצושטיין און זיך קעגנצושטעלן אַלע שטרויכלונגען פון לעבן. ער איז מער נישט

בכוח אַריבערצושפּאַנען די אונטערגעלייגטע שטיינער. דער טאַטע פאַלט. אײניינעם מיט עמזאַן, ווערט ער אַרעסטירט.

אין שטוב הער איך, אַז די מאַכט וועט אים אַרויסשיקן פון יעדינעץ אײניינעם מיט די טערקן. שולדיק אין דעם איז נאַפטאָלע הילצער. דער פּריסטעוו טענהט, אַז דער טאַטע האָט גערעדט אױף טערקיש, ער איז אַ... שפּיאָן.

מיין מאַמע איז מיטאַמאָל געוואָרן העכער, שטאַרקער און באַריידעווודיקער. ווי אַ צערייצטע טיגערטע, מיט דער גאַנצער דאָרפישער עקשנות אירער, לויפט זי פאַרטיידיקן דעם טאַטן, באַווייזן זיין ערלעכקייט. זי טראָגט מיט זיך זיין אַלטן פּאַספּאָרט און טענהט אַלץ צו די עלצטע: איר מאַן איז ניט קיין טערק, נאָר אַן אמתער איד, אַ ריינער ווי גאָלד... זאָלן זיי אַליין אַ קוק טון אינעם פּאַספּאָרט...

זי קלאָגט פאַר אונדז:

— קינדער מיינע, איך וועל ניט לאָזן אַוועקרייסן דעם טאַטן אייערן!.. פאַרוואָס זאָל אַ מענטש אַ גאַנץ לעבן זיינס פאַר פרעמדע זינד אָפּקומען?.. ווי האָבן די פּאָליציייסקע קיין בושה ניט צו שוויטשען מיר אין די אויגן? אַ טערקישער שפּיאָן, זאָגן זיי, איז אייער טאַטע, ווי געפעלט אייך אַ חוצפּה!... דער פּריסטעוו זאָגט, אַז אייער טאַטע איז אַן אומגעוואונטשענער, אומגליק וועט ער ברענגען דעם צאַר! ער לאָזט זיך אינגאַנצן ניט ריידן, דער גזלן!...

לויט מיין פאַרשטאַנד, וואָלט די מאַמע ניט באַדאַרפט איינלייגן וועלטן פאַר דעם טאַטנס באַפרייונג. זי האָט דאָך אים געוואָרנט ער זאָל זיך ניט זאָרגן פאַר רב נאַפטאָלע דעם הילצער!... ווען מען שיקט אַוועק דעם טאַטן קיין סיביר, וואָלט איך מיך באַנאַכט אַרויסגעגנבעט פון דער שטוב און צופוס וואָלט איך געלאָפן צו אים, צו די טערקן...

די מאַמע אָבער רוט ניט. זי לויפט בעטן בא רב נאַפטאָלען ער זאָל גיין עדות זאָגן, אַז דער טאַטע איז ניט קיין טערק, קיין שפּיאָן. און ער ענטפערט איר קאַלט און רואיק:

— איך האָב דאָס, חלילה, נאַראָטשנע ניט געטון. אפשר טאַקע ווייסט ער, דער פּריסטעוו, וואָס ער טוט? קיין גרויסער צדיק איז דער מאַן דיינער קיינמאָל ניט געווען! אַ קשיה אױף אַ מעשה! רב נאַפטאָלע ליוואַק קען זיך ניט גיין אייסעקן מיט שפּיאָנסטווע, מיט פּאָליציי! זיך ליינן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט!...

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן זע איך, מיין מאַמען אַזאַ דערצאָרנטע, אַזוי פאַרטיידיקן דעם אמת, דעם יושר, די גערעכטיקייט. דורך טרערן טענהט זי צו אונדז:

— קיין סיביר, קינדער, וועלן מיר זיך אַוועקלאָזן! מיר וועלן זיך צושטעלן צום קייסער! דעם טאַטנס אומשולד וועל איך באַווייזן! דעם נאַפטאָלען וועט גלאַטיק ניט אָפּגיין! ער וועט שוין זען, די שטילע ראַצע וועט אויפדעקן די מאַסקע פון זיין פּנים! זיין לייזיקע באָרד וועל איך

אים אויסזשמוקען, קיין סיביר, צו אייער טאַטן, וועל איך זי מיטנעמען — אַן אַנדענק פון סדום!...

אין שטוב ביי אונדז שטייט אַ קאַלטער טרויער. סיי די שוועסטער־לעך מיינע, סיי פּיליאַס קינדער, וואָס זיינען כסדר באַ אונדז, זעען אויס ווי קראַנקע, שטילינקע, מיט גרויסע אויגן, פּייכטע און דערשראָקענע. קענטיק, זיי פילן אַרויס די שרעק, דעם אומגליק וואָס רוקט זיך אָן אַף די יונגע לעבנס זייערע.

מיט דריי טעג שפּעטער, ווערט דער טאַטע באַפרייט. און דווקא דורך אַ אידן אַן אַ שיינעם נאָמען און... אַן אַ גאָט אין הארצן... מייער טיאָמנע רופט מען אים.

אַ הויכער איז מייער טיאָמנע, אַ בויגעוודיקער, אַ גראַציעזער. ווייסע אָנצוגן טראָגט ער און ווייסע פּאַנאַמע־היט. זיי פּאַסן אים צום בלייבן פּנים, צו די מילדע בלויע אויגן, קלאָרע ווי באַ אַ קינד. אַ סך מאָל האָב איך אים באַ אונדז אין בעקעריי געזען.

די מעקלערס, וואָס קומען צו איציק זעלמאַן און אויך איציק מיט זיין ווייב, דערציילן, אַז ער איז אַן אויסוואורף. אַלע טאָג פאָרט ער מיט אַ קאַרעטע אין וואַלד אריין מיט דעם פּריסטעווס ווייב און מיט נאָך שיינע פּריצעלעך, וואָס קלעפּן אַרום אים ווי בינען אַרום האָניק. ער עסט באַ זיי טריפהנע וואַרעניקעס און כאַפּט אַריין אַ קערטל אַפילו אום יום־כיפּור. די טשאַכאַטקע האָט ער באַקומען פון רויכערן ציגאַרן אום שבת, פון הוליען מיט נאַטשאַלסטווע און מיט זייערע ווייבער...

די מאַמע, וואָס האָט זיך כסדר אָנגענומען גאָטס קריוודע און מורא געהאַט, אַז דעם מייער טיאָמנעס אפּיקורסות וועט ברענגען אַ גרויס אומ־גליק אַפן שטעטל, אַז איבער אים וועלן, חלילה, קליינע קינדער און קימ־פּעטאָרנס אָנהייבן שטאַרבן, טענהט שוין איצט איינגאַנצן אַנדערש:

— אַ גאָטס עבירה, קינדער מיינע, וואָס דער מייער טיאָמנע איז אַראָפּ פונעם גלייכן וועג. קענטיק איז אַף אים גאָרניט. סיי זיין ריידן און סיי זיין באַנעמען זיך צו מיר, איז אַ זעלטענע זאַך. דאָס זיידענע קול, די לויטערע אויגן וואָס שמייכלען, די ווייסע הענט, ס'גאַנצע איידעלע געשטאַלט זיינס, איז נאָר אין די גאַזעטן צו באַשרייבן. ווי אַ... גוטער איד, ניט אָפּצוגלייכן...

מער פון אַלץ געפעלט דער מאַמען וואָס דער מייער טיאָמנע קען דעם טאַטן. ער האָט זיך געבייזערט אַף אים:

— וואָס־זשע, ער איז פונעם זינען אַראָפּ, דער קלוגער טשאָרנאָפּוי?! ווייסט ער דען ניט, אַז די היפּאָקריטן קענען אַ טאַטן פון זעקס קינדער קיין סיביר פאַרשיקן צוליב זייערע אַ פּאָר רובל? יאָגן דאַרף מען אַזוינע מענטשן ווי דעם היישעריק, ווי די זלידניע פליגן!...

אַפּדערנאַכט איז דער זאַל אונדזערע פול מיט אידן און מיט ווייבער, מיט מיידן און מיט בחורים, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן דער מאַמען

א מאַזלטאָוו צוליב דעם טאַטנס באַפרייט ווערן. די מאַמע איז מכבד די געסט מיט היימישן ווישניאַק. יאַנטעוודיק, צופרידן איז זי. דער טאַטע האָט אַ ניט ניכטערדיקן אויסזען. די באַקן זיינען אים איינגעפאַלן, ווי נאָך אַ קרענק. פול מיט טרויער קוקט ער אויף פיליאַס קינדער, וואָס קלאַמערן זיך אַרום אים איינעם מיט איר און מיט ביידע קלענערע שוועסטערלעך.

ווי קען דער טאַטע פריילעך זיין, אַז אָן זיין וויסן, האָט מען די טערקן פון יעדינעץ אַרויסגעשיקט. די בשורה האָט אים ווי אַ דונער געטראָפן און האָט אים איינגעבראָכן. מיט אַ געבראָכן קול רעדט ער גאַנצע טעג פון די טערקן, פון זייער אומגליק און פון דער אומגערעכטיקייט צו זיי.

— ראַצע, די מאַכט איז אַ פאַרברעכן באַגאַנגען. צי האָב איך ניט געטאָרט וויסן ווען אַ גוטער ברודער ווערט פון זיין היים, פון זיין פאַרמעגן אוועקגעריסן? אין געהיים, מיט קייטן אויף די הענט, האָט מען זיי באַנאַכט אַרויסגעפירט, ווי מערדער, ווי רוצחים!

מיט שטילע ווערטער באַרואיקט די מאַמע כסדר דעם טאַטן:

— יאָ, הערש, האָסט רעכט געהאַט! מענטשן זיינען שלעכט און אומראַכמאָנעסדיק. וואָס וואָלט די פאָליציי געקענט דערלייגן ווען פיליאַ מיט די קינדער געזעגענען זיך מיט מאַכמעד אַלי, ווען מיר אַלע געזעגענען זיך מיט זיי? ניט אומזיסט זאָגן די ציציליסטן, אַז דער קייסער טויג אויף טויזנט כפּרות, צווישן אונדז געזאָגט...

איך פיל איצט, אַז די טערקן זיינען אַ שטיק לעבן דעם טאַטנס. מיטגענומען האָבן זיי מיט זיך דעם טאַטנס פרייד, זיין עקשנות צו דערוויזן זיינע שונאים וואָס גערעכטיקייט איז און וואָס טשאַרנאָפּוי, דער פאַרהאַסטער, דער פאַרפאָלגטער, קען נאָך אויפטון!

אַ וואָך צייט איז דער טאַטע קראַנק. אַ צונויפגעדרייטער, אַ פאַרטייעטער אין זיין ווייטיק, ליגט ער אין בעט. ער קען קיין מענטשן פאַר די אויגן נישט אָנקוקן. צו אונדז און צו פיליאַן מיט די קינדער טענהט ער מיט פאַרדרוס:

— אַלעוויי וואָלטן זיי מיך געוווען אוועקגעשיקט מיט זיי איינעם פון יעדינעץ! קאַנטשאַפט האָב איך אומעטום. גוטע ברודער וואָלטן מיר געהאָלפן. אַ גרויסע בעקעריי וואָלטן מיר זיך געמאַכט דאָרטן. סיי איך און סיי די טערקן האָבן מיר געקענט זיין גליקלעך און אייך אויך גליקלעך מאַכן. און איצט, וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן? צו וועמען וועל איך מיך צוקלעפּן?

4.

אַ נייע פרייד טויכט אויף פאַר מיין טאַטנס אויגן.

פרייטיקצונאַכטס, ווען דער טאַטע זיצט באַם שבתדיקן טיש, אַרומ־

געריננגלט פון אונדז און פון פיליאַן מיט די קינדער, טוט פיליא פּלוצים אַ זאָג:

— הערשקאָ, איך זע דיין זכאַריע. ער דיך וויל זען. וויל אַרויפּקומען.

דער טאַטע שטעלט אָן אַ פּאָר אומעטיקע אויגן, שטילע דורכדרינגלעכע:

— וואָס האָט ער דאָ צו טון, דער מערזאַוויעץ? אפשר וויל ער מיר אַביסל געלט אויסלייען? נישקשה, מיט זיין עשירות וועל איך מיך נאָך אויסגלייכן!...

— הערשקאָ, זכאַריע דיך ליב, זכאַריע בענקט נאָך די קינדער...

— זיין טרייפן פּנים וויל איך אין מיין שטוב ניט זען. אַ פּחדן, שיקט שילאַטן־שאַמאָסים. זאָל ער זיצן אין דער היים!...

די שבתדיקע מנוחה, מיט אַ דינעם טרויער דורכגעוועבט, די סראָרישקייט פון אַמאָליקע גוטע צייטן, די גרויסע זילבערנע לייכטער, דער הענג־לאָמפּ מיט זיין מידן בליץ, דער מאַמעס פרומע און פאַרזאָרגטע שבתדיקע פּנים, די ברייט־אויפגעריסענע אויגן פון אַלע מיינע שוועסטערלעך, אַלע ווינקעלעך, דוכט זיך, זיינען פול מיט דערוואַרטונג, מיט דער שטילער האָפענונג, אַז אָט וועט אַריינקומען זכאַריע.

דער טאַטע זינגט די זמירות מיט אַן אומרואיק דערשלאָגן קול. די מאַמע מיט פיליאַן, איך און די עלטערע שוועסטערלעך זינגען מיט. נאָר נישטאָ מער די פרייד פון אַמאָל. עס פעלן באַם טיש די בעקער־יונגען, זייער געזונטע פריילעכקייט און קינדישע אומבאַהאָלפנקייט באַם נישט קענען אויסזינגען ווי געהעריק די עברי פון די זמירות. זיי פעלן איצט, די אייביק ווילדע און צעלאָזענע קינדער, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געקענט האַסן דעם שונא און ליב האָבן דעם פריינט, אים אַכטן, פאַרערן און דאַנקבאַר זיין! וואָס האָבן אַזוי ליב געהאַט דעם אמת!...

אויך די שבתדיקע מאכלים זיינען איצט אָרימע. נישטאָ אַפן טיש דער פּאָלומיסיק מיט דעם גרויסן קאַרפּ, וואָס איז געקאָכטערהייט געליגן אַ גאַנצער ווי לעבעדיק. עס פעלן די דרייערליי קוגעלעך מיט די צימעסן פון מערן און פלוימען.

נאָך די זמירות, קייעט דער טאַטע אַ טרוקן שטיקל קוילעטש אין זאַלץ איינגעטונקען. אַ טיפער אומרו וויברירט אַרום אים און צעשווימט זיך אין אַלע ווינקעלעך. ס'איז מאָדנע שטיל. די מאַמע מיט פיליאַן קוקן צו דער טיר. ס'הערט זיך דאָס צוויטשערן פון אַ גריל ערגעץ אין קיך אונטערן אויוון. די צאַנקענדיקע ליכט קנאַקן, די שמאָלע פלעמלעך ציען זיך אויס, ווערן אומרואיק און פאַלן צוריק אין מאַכטלאָזן אויסגיין...

אויך אַזוי שטיל עפנט זכאַריע די טיר און בלייבט שטיין אַף דער שוועל. בלייך און צעשמייכלט איז זיין איידל פּנים.

— אַ גוט שבת אייך! — שטאַמלט ער.

אַ ציטער לויפט דורך דעם טאַטנס פּנים. ער קלאַפּט מיט די שפּיץ פינגער אין טיש און שווייגט. אַלץ שווייגט.

זכאַריע ווערט נאָך בלייכער. מיט אַ טיף קול, אַ זאַנפטס, אַ בעטנ־דיקס, טוט ער אַ זאָג:

— רב הערש, איר ווילט מיר טאַקע ניט מוחל זיין? בין איך טאַקע אַזוי זינדיק קעגן אייך?

באַ דער מאַמען שטייען טרערן אין די אויגן און זי ווענדט זיך צום טאַטן:

— הערש, טו אַ קוק ווער ס'איז צו אונדז געקומען! מען טאָר קיין מענטשן ניט פאַרשעמען!...

דער טאַטע טוט אַ קוק אויף דער מאַמען, אויף אונדז אַלעמען. אַ טי־פער געראַנגל איז אויף זיין פּנים אויסגעקריצט. מיט אַ שטיל קול, פול מיט ליבע און פאַרגעבונג, רופט ער זיך אָן צו זכאַריען:

— וואָס זשע שטייסטו באַ דער טיר ווי אַן אביון? גיי צום טיש, ס'איז שבת! נעם, ראַצע, ברענג אַ פלעשל ווישניאַק, אַ פרעמדער מענטש, אַ גאַסט איז דאָ!

— ניט קיין פרעמדער בין איך אייך! — דריקט זכאַריע דעם טאַטנס הענט און טרערן שטייען אים אין די אויגן. — איך בין דער אייגענער וואָס אַמאָל, גאָט ווייסט מיין אמת, וואָס אין האַרץ באַ מיר האָט זיך אָפּגעשפּילט נאָך דעם ווי מען האָט אייך אַרעסטירט. טויזנט מאָל בין איך צום וואָלאָסט געלאָפן, באַם גאָטס גנב, באַ הילצערן געווען. אַ לשון, דאָס האָט אוועקגעלייגט! המנס מפּלה זאָל אויף זיי אַלע קומען!...

אין זאַל ווערט פרייִלעכער. די דינע צאַנקענדיקע פלעמלעך ציִען זיך אויס און קוקן אָנגעשטרענגט אויף זכאַריען, אויף זיין צעשטראַלט פּנים מיט די גליקלעכע רויזן־אויגן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן צע־פלאַמטע פּנימער, מערוצעדיק שטילע. אַזוי מוזן אויסזען טאַטע־מאַמע, וואָס זייער בן־יחיד האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ לאַנגן, עקשנותדיקן רוגז.

איציק זעלמאַן מיט זיין ווייב קומען אויך צוגיין, שבתדיק פאַרפּוצטע מיט איבערגעזעטיקטע פּנימער. איציק דריקט זכאַריעס האַנט און שמייכלט ברייט, יאַכסאַניש גייוועדיק:

— באַרעכאַבאַ אַ איד! דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען! און די טערקן אייערע, זיי מוזן זיך נאָך שלעפּן מיטן עטאַפּ!...

דער טאַטע מיט זכאַריען קוקן זיך איבער, אַ טיפער ווייטיק טויכט אויף אין זייערע אויגן. אויך פּיליאַ ווערט טרויעריק. טרערן נעמען גיסן פון אירע אויגן און רינען שטראָמענווייז איבער אירע שיינע אויסגע־בלייכטע באַקן. די פלעמלעך פון די ליכט לאָזן זיך אַראָפּ, צאַנקען מיט אין שטילן טרויער. טרויעריק ווערט דער געשפּרעך. די גאַנצע צייט רעדט איציק פון דער מילחמה, פון דעם קייסערס גרויסע מפּלות און פון די גרויסע גליקן, וואָס אידן וועלן, מיט גאָטס הילף, דערפון האָבן...

שפּעט באַנאַכט, ווען איך ליג שוין מיט דעם טאַטן, אַרומגענומען פון אַ ברוינזנדיקער פרייד, הער איך ווי ער זיפצט און רעדט אַריבער צו דער מאַמעס בעט:

— שלאָפסט, ראַצע?

— ניין, הערש!

— איך קען קיין רו נישט געפינען. מיט איין האַנט האָט אונדז דער אויבערשטער געשטראָפט און מיט דער אַנדערער — געבענטשט...

זכאַריע איז געוואָרן דעם טאַטנס אַ שותף. אין שטוב הער איך, אַז דאָס גאַנצע געלט זיינס האָט ער אַריינגעלייגט אינעם שותפות. דער טאַטע, הער איך, האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן אָנגעוואוירן. די אַרענדאַרעס, אַלע, קונים זיינע, האָבן ניט צו באַצאָלן די חובות. דער האַנדל זייערער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעשטעלט. צענדליקער קאַסטנס מיט אייער און אַנדערע סחורית, האָבן ניט די סוויוועניקעס וועמען צו פאַרקויפן.

מען זעט איבערהויפּט ניט קיין אַרענדאַרעס בײַ אונדז אין קלייט. קומט אַמאָל אַן אַלטער קונה, איז ניט צו קויפן געבעקס, נאָר אויסצורעדן זיך זיין צעבראָכן האַרץ, זיך באַקלאָגן אױף דער שלעכטער פרנסה און פרעגן וואָס הערט זיך אין שטאָט און וואָס שרייבן די גאַזעטן וועגן דער מילחמה...

דער טאַטע מיט זכאַריען אַרבעטן אַליין. בײַם טאַטן איז דאָס פּנים פאַרזאָרגט, די פרנסה איז ניט צופרידנשטעלנדיק.

אויך דאָס געסל אונדזערס שטייט אַ שטילס און אַ פאַרווייגטס. וויבער מיט פאַרקלאָגטע פּנימער, לויפן דורך צום הייליקן אָרט, אויסבעטן בײַ די טויטע, אַז די זין און איידעמס זאָלן זיי געזונטערהייט פון דער מילחמה אַהיימקומען.

דערווייל, פירט מען אַרויס פונעם שטעטל און פון די אַרומיקע גוייִשע גאַסן די שענסטע, די קרעפטיקסטע יונגעלייט, וואָס קערן זיך מער ניט אום צוריק.

אין דער פּאָטשט־גאַס רעשט זיך, דאָרט זעט מען נייע אויפגעקומענע גבירים, מעקלער מיט צעפלויגענע קאַפּאָטעס און מיט שטעקעלעך אױף די הענט אויפגעהאָנגען און אויך אַמאָליקע פאַרמעגלעכע אידן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט זייערע באַנקביכלעך און קוקן מיט אַנגסט אױף די טויטע ציפערן, וואָס וואַרעמען ניט מער, זאָגן ניט צו קיין כבוד אױף דער וועלט און קיין מנוחה אױף יענער וועלט...

אין שטוב בײַ אונדז פילט מען ניט די שרעק פאַר דער מילחמה, כאָטשע זי איז ניט ווייט פון אונדז. אין גאַליציע גראָבט מען שוין „אָקאָפּעס", מען גרייט דעם פראָנט. אַ מערוצעדיקע פרייד האָט זיך אין אַלע ווינקעלעך אָפּגעזעצט. קיינמאָל זיינען טאַטע־מאַמע ניט אַזוי רואיק געווען, ניט אַזוי געמיטלעך. די פרייד זייערע נעמט זיך פון צוויי זאַכן: קודם וואָס זכאַריע איז מיט אונדז און אויך דערפון וואָס ברײַנדל די־

קרומע האָט פאַרמאַכט די בעקעריי, פאַלט זי דעריבער מער ניט אָן אַף קיינעם פון אונדזער הויזגעזינד, ווען מען גייט פאַרביי צו פּיליאַן.

וואָס אַן אמת, זכאַריע האָט זיך באַדייטנד געענדערט. ער איז געוואָרן ברייטער, מענערישער, די אויגן אָפענער, פרייער, אַנגענומען מיט בחורישער קראַפט, מיט סודות. אַ שמייכל, אַ שעלמישער, שוועבט אַף זיין אויבערשטער ליפּ, אַ פאַרטייעטער אין בחורישער אייגנליבע און צופרידנקייט... נאָר זיין געטרייקייט און גוטסקייט, זיין ברייטהאַרציק לאַכן, זיין געזונטע פרייגיביקייט, איז געבליבן ווי געווען.

קלאָגט זיך אַמאָל די מאַמע אַף דער שלעכטער פרנסה, אַף דער שרעק, וואָס אידן לעבן נעבעך איבער, באַרואיקט זי דער טאַטע:

— זינדיק ניט, ווייב מיינס, זכאַריען האָט מען אונדז איבערגעלאָזט, זאָג גם זו לטובה...

פלוצים האָט זיך אין שטוב בא אונדז ווידער אַ רודער געטון. די טירן פון דער זאַל שטייען כסדר אָפענע, צעפּראַלטע. סוחרים און מעקלערס קומען, לויפן אַהין און צוריק ווי די ווילדע ציגן. איציק זעלמאַן, אונדזער שכן, זאָגט, אַז מיין טאַטע האָט געמאַכט אַ גאָלדן געשעפט, אַ שטיק רויטשילד וועט ער ווערן... די מאַמע, ווידער, איז אומצופרידן מיט דעם „געשעפט". אַ „פּאָדריאַד" האָט דער טאַטע אָנגענומען, צוצושטעלן שוואַרץ ברויט צום רוסישן פראָנט.

איינמאָל הער איך ווי די מאַמע טענהט צום טאַטן:

— הערש, מען דאַרף ניט לייגן דאָס לעבעדיקע אַפן טויטן!... ניט דו ביזט דער מענטש פון סאַכרעריי און ניט פון איבערלייגן זיך. אַלץ מאַכסטו מיט זיי אַפן וואָרט... טאָמער חלילה מאַכט זיך אַ מיכשול — קנאַקניסל וועסטו זיי רופן!...

דער טאַטע שטעלט אַף איר אָן אַ פּאָר קינדישע, גלויביקע אויגן און טענהט:

— קאַזנאַ, ווייב מיינס, איז ניט עפּעס אַ אידיש געשעפט, וואָס אַ נאַרישער שאַכער־מאַכער וויל פון דער מילחמה באַגליקט ווערן! קאַזנאַ זוכט ניט אַזוינע טויזנט קאַרבאַוואַנצעס מיינע! אַ קאָנטראַקט מאַך איך, די פּאָדריאַטשיקעס שרייבן זיך אונטער, וואָס נאָך, ווייב מיינס, ווילסטו?!

— איך וויל ס'זאָל ניט זיין בא אונדז אַ גרויסע כמאַרע און אַ קליינער רעגן...

— לייג מיר ניט אויס צום שלעכטן, ראַצע!

— הערש, דו וואַרפסט אַוועק קוילעטש און לויפסט זוכן ברויט!

— וועסט פון הונגער ניט שטאַרבן, ווייב מיינס!

— ניט פאַר הונגער האָב איך מורא; דער ביזיון! שטעלסט איין זכאַריעס בלוט! פאַר דעם האָב איך מורא! און היינט איבערצובלייבן מיט איר, דעם טייערן חפץ דיינעם — ווייזט זי אָן אַף מיר. — אויסוואַלגערן וועט זי זיך אין אַלע קאַנאַוועס, אין אַלע בלאָטעס! חרפּות, בושות ברענגט זי מיר!...

— זאָרג ניט, ווייב מיינס, באַ מיר איז זי טאַקע אַ טייערער חפץ, איך וועל זי מיטנעמען מיט מיר. ריווקען — אויך. זיי האָבן זיך ליב, די קינדער!

אַ פּאָר טעג הער איך דעם זעלבן געשפּרעך. אויסגעפירט האָט דער טאַטע.

אין אַ גאַנץ פרי פאָרט צו צו אונדזער קלייט אַ גרויסע פּויערישע פור. דער טאַטע מיט זכאַריען וואַרפן אין איר אַריין ס'גאַנצע בעקערישע געצייג און איינע פון די גרויסע בעקערישע מולטערס.

אַ טיפע שטילקייט שוועבט איבערן געסל. ס'זילבערט זיך נאָך דער באַנאַכטיקער טוי, באַפּוצט די געבוינגענע ביימלעך לעבן טערקס קלייט. ווייבער מיט פאַרשלאָפענע פּנימער קומען אַרויס צום וואָגן. אויך אידן מיט יאַרמעלקעס אַף די קעפּ און מיט נייגיריקע אויגן. די מאַמע שטייט לעבן דעם לאָדן מיט ברויט באַם פענצטער פון דער קלייט. אַן אומרואיק פּנים האָט זי. איך מיט ריווקען, אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע קליידעלעך, זיצן שוין אויבנאָן אינעם פייעטאָן. דער טאַטע מיט זכאַריען זיינען צעראַשט, זיי פאַרגעסן זיך צו געזעגענען מיט דער מאַמען. שוין זיצנדיק מיט מיר און מיט ריווקען אינעם פייעטאָן, שרייען זיי, פאָכען מיט די הענט:

— ראַצע, אַלע טאָג ווילן מיר האָבן בריוו!

די מאַמע שרייט נאָך דעם פייעטאָן מיט אַן אומרואיק קול:

— הערש, היט מיר דאָרטן אָפּ די קינדער! ס'איז מיידלעך! צוואָג זיי די קעפּלעך מיט גאַז! לאַנגע האָר מוז מען אָפּהיטן!...

אויסגעשפּרייט אין גרינער שטילקייט ליגט דער וועג. לייכטע ווינטן טראָגן זיך פאַרביי, אָנגעזאַפּטע מיט קילע וואַלד־ריחות, מיט דער פרישקייט פון די אַרומיקע טייכן. באַ די זוימען פון די פעלדער זיצן קליינע פּויעריש'ע קינדער, שטילע, מיט פאַרבענקטע אויגן. פאַרבענקט איז דער וואַלד, דער געדיכטער און רוישלאָזער.

פּירלעך אַ סך, באַזעצטע מיט סאָלדאַטן, פאָרן פאַרביי. זיי פאָרן צום פראָנט, צו סאַדיגורע. פאַרחושכט זיינען די סאָלדאַטן, פאַרברענט פון דער זון. ווייט און ברייט צעטראָגט זיך דאָס טרויעריקע מילחמה־ליד זייערס. די קולות זייערע לויפן נאָך דעם פייעטאָן אונדזערן ווי אַ בייז וואונדער, ווי אַ וויסטער חלום...

באַם זוים פון אַ דערפל גייען מיר אַראָפּ פונעם פייעטאָן. אַ פאַרגליווערטע שטילקייט וויברירט אַרום די קליינע שיין־באַמאָלטע הייזלעך. אַן אומזיכערקייט טראָגט זיך אינעם ריח פון פריש קוואַל־וואַסער, פון איבערגעצייטיקטע פרוכטן אַף די ביימער.

דער טאַטע מיט זכאַריען און די עטלעכע געדונגענע אַרבעטער, וואָס פאָרן מיט אונדז קיין בריטשאַן, טרינקען צו גלעזלעך בראָנפן און בייסן צו פון דעם לעקעך, וואָס די מאַמע האָט זיי אין וועג מיטגעגעבן. זיי זינגען שטיל און באַנגיק.

זכאַריע מיטן טאַטן כאַפּן זיך אַריין אין וואַלד און ברענגען פון דאָרט אַרויס ניס אין די גרינע שאָלעכצער און גרויסע איבערגעצייטיקטע עפּל.

פון ערגעץ נאָענט הערט זיך דאָס קוואַקען פון זשאַבעס און דאָס געגערן פון טויבן. פויערטעס מיט סערפּן אין די הענט לויפן אַרויס פון די פעלדער. אויף זייערע צעשראָקענע פּנימער איז אויסגעדריקט טיפער אומעט, פּיין.

זכאַריע פּרואווט זיין פּריילעך. ער מוטיקט מיך מיט מיין עלטערן שוועסטערל:

— עסט, קינדער, די ניס און געדענקט! אין בריטשאַן וועט אייך דער טאַטע קויפן פונעם שענסטן און פונעם בעסטן. דאָרט וועט איר טראָגן בלויע פאָרמעס מיט ווייסע פאַרטעכער. אין אַ רוסישער שקאָלע וועלן מיר אייך שיקן!

5.

דער פּאַרנעס, דער אָנהויב פון דער אַרבעט איז געווען גרויס, מיט טומל, מיט פּאַטאָס. די בעקעריי האָט פיר גרויסע אויוונס און עטלעכע צימערן. זי האָט אויך אַ גרויסע פּירקאַנטיקע קלייט, מיט הויכע טירן און פענצטער צו דער גאַס. זיי זיינען נאָר אַלט און צעפאָרן, די טירן מיט די פענצטער, ווי די מיסטקאַסטנס און אויך די ווענט זיינען אַלטע און אָפּגעקאַלופּעטע.

די מאָדנע אומגעלומפּערטע געביידע, איר הויכער בלעכענער דאַך, וואָס איז קיילעכיק ווי אַ קלויסטער־קופּאָל, דער רעש און די געזאַנגען פון די זעכצן מענטשן, וואָס באַקן דאָס סאָלדאַטסקע ברויט, די סאָלדאַטן מיט די אָפיצירן, וואָס גייען דאָ אַריין און אַרויס, די הפקרדיק־צעפּראַלטע טירן פון דער קלייט, דאָס אַלץ דערמאָנט אָן קאַזאַרמע.

גרויסע ברויטן, שוואַרצע און פּירקאַנטיקע, ווי די ציגל, זיינען באַ די ווענט אויסגעלייגט. דער טאַטע מיט זכאַריען זיינען כסדר פאַרנומען, אַרומגערינגלטע פון סוחרים און פון מעקלערס. זיי גרייטן שוין דעם ערשטן טראַנספּאָרט ברויט. איך הער אויך, אַז דער טאַטע רעכנט זיך שוין אָפּ מיט די מיטניקעס און אַז ער גרייט זיך קויפן אַ שטוב און אַריי־בערברענגען קיין בריטשאַן די מאַמע מיט די שוועסטערלעך.

דעם טאַטן געפעלט ניט די בעקעריי. מיר, דווקא יאָ. און צוליב צוויי טעמים: קודם, רופט מען זי אופּראַוויליעניע, אויף רוסיש, און ס'קלינגט מיר שיין. און צווייטנס, שטייט זי לעבן דער ליפּקאַנער בריק. מיין מאַמע איז אַ ליפּקאַנער און איך פיל אַ נאָענטקייט צו דער בריק. דערצו, איז אויפן אַנדערן ראַנג די אַמאָליקע טערקישע בעקעריי און איך מיט מיין שוועסטערל זיינען מיר בלוטיקע שונאים דעם נייעם באַלעבאָס פון דער

טערקישער בעקעריי. ווי האָט ער האַרץ צו באַלעבאַטעווען איבער דעם פרעמדן האָב און גוטס!

מער ווי אַלץ געפעלט מיר מיט ריווקען די טיפע ריטשקע אונטער דער ליפקאַנער בריק, וואָס איז פול מיט בלאָטע, מיט געפייגערטע הינט און קעץ, מיט צעבראָכענע קעסטלעך און אַלטע פאַרזשאַווערטע בלעכן. מיר פאָרן רייטנדיק אויף די אָנגעוואָרפענע שטיינער און קעסטלעך, ביז איבער די פּופּיקעס אינעם פאַראיפּעשטן וואַסער. קינדער פון די הינטערגעסלעך קומען צו אונדז. אַלע אינײנעם טאַנצן מיר אינעם וואַסער אונטער דער ליפקאַנער בריק.

דער טאַטע, ווייזט אויס, האָט אין אונדז פאַרגעסן. אַ כאַפּטע אַלטע גוטע ברידער זיינע און גוטע שוועסטער לאָזן אים ניט צו רו. זיי באַשיטן אים מיט קאָמפּלימענטן און קוועלן אָן יעדן וואָרט זיינעם:

— אַז הערשעלע זאָגט אַ וואָרט, איז עס מלא טעם, די מערײנע איז עס ווערט. נישטאָ דער מלך, וואָס זאָל פאַר דעם קענען באַצאָלן...

איך מיט ריווקען זיינען מיר דערווייל באַם טאַטנס אַ קוזינע, באַ דעם פעטער מאָרדכעס און דער מומע כאַנעס אַ טאָכטער. עסטער־לייע רופט מען זי. גאַנצע נעכט הוסט זי און זיפצט פונעם האַרצן. מיר געפעלט דאָס ניט. אויך געפעלט מיר ניט איר גרויס איינגעפאַלן פּנים מיט די אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, אירע טרוקענע אויסגעהאָרעוועטע הענט. מיט די בלויע האַרטע אָדערן אונטער דער הויט, די פייכטקייט, וואָס טריפט כסדר פון אירע טונקל־בלויע אויגן, דער שפּיציקער בויך, וואָס ציטערט באַ איר אונטערן גראָבן לעדערנעם פאַרטוך, און די גרויע האָר וואָס זיצן אונטערן קאָפּנטיכל. דאָס אַלץ מאַכט זי אַלט, מיאוס און פאַר־חושכט.

ערשט איצט פאַרשטיי איך דעם ווערט פון מיין מאַמעס שיינקייט, פון איר אייביקער יאָנטעוודיקייט. איך פרעג אַמאָל מיין שוועסטערל:

— וואָס וואָלסטו געטון ווען עסטער־לייע איז אונדזער מאַמע?

— איך וואָלט זי דערהרגעט! — ענטפערט זי מיר מיט אַ זיכערן טאָן. — און דו, גאָלדע?

— אויך ס'אייגענע. — ענטפער איך. — זי האָט דאָך גאָר אַ קיי־לעכיקע פלייצע מיט אַ דאַרער איינגעפאַלענער ברוסט...

עסטער־לייע האָרעוועט אַ סך. זי באַקט ברויט צו פאַרקויפן און אויך פאַרקויפט זי הייוון און באָרשט. זי האַנדלט מיט פּרוכטן. אין קעלער, הינטער דער שטוב האַלט זי זיי.

די שטוב איז אַ נייע. די צוויי גרויסע פענצטער פון דער זאַל באָדן זיך כסדר אין זון. לעבן די טרעפּ פונעם פאָדערהויז, איז דאָ אַ נייע קערניצע מיט אַ גרינעם אייזערנעם פּלומפּ. אַ גאַנצן טאָג פּאָמפּעט מען וואַסער. דער פּלומפּ סקריפּעט הייזעריק ווי דער אויסגעטרוקנטער גאָרגל פון אַ גאַנדז, וואָס איך מיט ריווקען מאַכן מיר פון אים פייפעלעך.

עסטער־לייע קען ניט פאַרליידן דעם רעש פון די מיידן מיט די וויי־

בער אַרום דער קערניצע. איך מיט ריווקען קענען זיך פֿאַרליידן. שאָען לאַנג זיצן מיר אַף דער פּריזבע אונטער די פֿענצטער פֿון דער זאַל און מיר קוקן ווי מען פּאָמפּעט וואַסער. מיר האָבן אויך ליב צו זיצן אין קעלער און איבערקלייבן די פּרוכטן. מיר עסן זיך אָן מיט האַרטע פֿלוימען און מיט עפּל און שפּעטער קענען מיר קיין שטיקל ברויט ניט נעמען אין מויל אַריין.

דער טאַטע ווייסט ניט פֿון אונדזער פֿריי און הפקרדיק לעבן, וואָס פֿילט אונדז אָן מיט פֿרייד און מיט קינדערשער חוצפּה.

אין קעלער ליגן אויך פֿעלצן, באַשיטע מיט קלייען און מיט גראָבער זאַלץ. אַ זויערקייט טראָגט זיך פֿון זיי. אוואַמצע, עסטער־לייעס מאַן, האַנדלט מיט פֿעלצן און מיט קוטשמעס. ער פּאָרט אַרום איבער די אַרו־מיקע דערפֿער און שטעטלעך. אַהיים קומט ער מיט אַ רואיקן שמייכל אַף זיין אויסגעקעכלטן פּנים, דעם קיילעכיקן און ברוין־באַבערדלטן, און מיט שטילע שמייכלען אין די ביר־קאָלירטע מאַנדל־אויגן. אַ זאַטקייט פֿילט זיך אַרויס פֿון זיין קול. איך הער ווי ער באַרימט זיך פֿאַר מיין טאַטן.

— לאַך ניט, הערש, פֿון די זויערע פֿעלעכלעך אין קעלער! פֿעטע קוגלען עסט מען פֿון זיי! די מילחמה צאָלט! מען האָט אַ גוטע שטוב און אַ שיינעם נדן פֿאַר דער טאָכטערס וועגן!...

כייקע רופֿט מען זי, די באַסיעכידע זיינע. זי זאָרגט זיך ניט, וואָס איין פֿוס איז באַ איר אַ קורצערער. שטענדיק זינגט זי און איז פֿריילעך. זי נייט אויס שיינע פֿייגל מיט קאַטשקעס אַף די האַנטיכער און סערוועטן, וואָס זי גרייט זיך אָן צו דער חתונה. זי קען אויך שטריקן וואָלענע זאָקן און סוועטערס. מער ווי אַלץ געפֿעלט מיר ווי שיין זי שמירט אָפּ די ערדן מיט דער פּריזבע און באַמאָלט זיי מיט שיינע רויזן, מיט רויטע בלעטער.

קוקט עמיצער אָן כייקעס אָן אויסגענייטן האַנטוך, אַזוי ווערט דאָס מאַטעווע פּנים אירס, דאָס שמאָלע שפּיציקע קינדל און די קיילעכיקע קאַרטאָפֿליע־נאָז צעקוואָלן פֿון פֿרייד. די קליינע שוואַרצע לעבעלעך אַף איר פּנים, וואָס זעען אויס ווי מיט אַ נאָדל אויסגעשטאָכן, ווערן דער־טראָנקען אין דער נחתדיקער צעשמייכלטקייט.

צוויי שורות ווייסע ציין שמייכלען אַרויס פֿון איר ברייטן מויל. פּונקט אַזוי שמייכלען אירע מילך־ווייסע בלוילעכע אויגן, מילדע און קינ־דישע. אַן אומרואיקע איז זי, זי רעדט גיך און אַרבעט גיך. בשעתן גיין, שפּרינגט זי אונטער און בייגט זיך אויס אַף איין זייט. זי העפּעט, טאַנצט אונטער אַפֿן קרומען פֿוס און פּאָכעט דערביי מיט אירע לאַנגע, שמאָלע און ווייסע הענט.

אַ גוטע און ברייטהאַרציקע איז די כייקע. זי גנבעט אַרויס גרע־שעלעך פֿון דער מוטערס לעדערנעם טאַש און קויפֿט אונדז נאַשוואַרג. אַז מיין ריווקע זאָגט איר, אַז גאַנווענען איז ניט שיין, איז אַ זינד, לאַכט כייקע און כאַפּט אונדז קושן:

— קינדערלעך, נאַרעלעך, ערלעכע שעפּעלעך, מיר פֿאַר אייערע ביינ־

דעלעך! זאָל נאָר מיין מאמע אריינעמען אַ מענטשן אַף מיין אָרט, וועט זי דאַרפן געבן אַ סך מער גרעשעלעך וויפל איך נעם באַ איר ארויס פונעם טאַש...

אויך לאַכט בייקע וואָס איר מאמע ציטערט אַזוי איבער איר בן־יחיד בייעמלען, וואָס זי וויל דווקא, אַז דאָס קינד זאָל ווערן אַ רב.

אַ שטילער איז דאָס אינגל, מיט שווארצע מאַנדל־אויגן, טיפע און מיט אַ לענגלעך מאַטעווע פּנים, אַ באַביינטס. בייקע האָט ליב איר איינציק ברודערל. זי פאַלט צו צו זיינע שווארצע האָר און קושט זיי ווילד.

אויך מיין טאַטן קושט בייקע. זי הענגט זיך אָן אַף זיין האַלדז און קושט אים די אויגן און דעם שטערן. זי פרייט זיך ווי אַ קליין קינד:

— פעטער הערש, פאַרוואָס זענט איר ניט מיין טאַטע? דער בעסטער, דער קלוגסטער אין דער וועלט זענט איר! איך האָב פיינט די קאַרגעצורות ווי דעם טויט! שפּילן, לאַכן לאָזן זיי אויך ניט!... ווען פאַרט שוין אַוועק מיין טאַטע מיט די זויערע שמוישן זיינע?... ער זוכט שוין אַ חתן פאַר מיר, אויך פון די שמוישלעך!...

דער טאַטע גלעט בייקעס בלאָנדע צעפּ. ער בעט זי:

— וועסט אַכטונג געבן אַף די מיידן מיינע?... אין דער רוסישער שקאָלע וועל איך זיי דיר איינגיכן מיטגעבן. וועסט מיט זיי אויסחזרן די אוראָקן, וועט דיר דער פעטער הערש קויפן שיינע מתנות, ווילדע ציג איינע!

אַלצדינג געפעלט מיר אין דעם בריטשאַן, אחוץ עסטער־לייעס קרעכצן מיטן הוסטן און דער צוזאָג צו שיקן אין דער „שקאָלע". אַף דעם בין איך געפאָרן צו־גאַסט? בעסער וועל איך גיין צום פעטער לייב און דער מומע באָבע, וואו מען גיט אונדז צו עסן שווארצע באָבעלעך פון רעטשןמעל און באַלאַבעשקעס מיט שמאַלץ.

די מומע באָבע וויל ניט מיר זאָלן זיך שפּילן אונטער דער ליפּקאַנער בריק, זאָגט זי אונדז צו, אַז די בעסטע קוואַסניצעס, וואָס שטייען דערוויל אין די פאַרמאַכטע פעסלעך, וועלן זיין פאַר אונדזערטוועגן. די מומע וויל אויך ניט מיר זאָלן זיך אויפהאַלטן נאָר באַ די פריינט פון טאַטנס צד.

דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר שטאַרק ליב דעם פעטער לייב מיט דער מומע באָבע. די מאַמע האָט איינגעפלאַנצט אין אונדזערע הערצער אַ גרויסע אַכטונג צו זיי. נאָר מיר גייען מער צום טאַטנס פריינט. באַזונדערס האָבן מיר ליב צו פאַרברענגען באַם טאַטנס אַ פעטער, אויך אַ בעקער. אונדז איז נאָענט און ליב דער רעש, די פרייע האַלטונג, די זאַטקייט, וואָס איז אָפּגעזעצט אין אַלע ווינקעלעך פון אָט דער שטוב.

דער פעטער מאָרדכע, דער בעקער, וואוינט די צווייטע שטוב פון דער „אופּראַוולעניע". אַ הויכער איז ער, מיט שמאָלע אַקסלען און מיט אַ גרוי בערדל, אַ שמאָלס און אַ שפּיציקס. דעם פעטערס מויל און דאָס

רעכטע אויג זיינען אים אויסגעקרומט אַף אַ זייט. טוט ער אַ שמייכל, פּאַרציט זיך ס׳בערדל זיינס אַף אַ זייט. דאָס קרומע אויג אויך.

אַ גוטער איז דער פעטער און אַ פריילעכער. ליב האָט ער אַלע פריינט זיינע. ער ווייסט אָבער, ער פירט חשבון ווער פון זיי עס האָט אים ליב און ווער עס קומט גלאַט פון יוצא וועגן אָדער בעטן בײַ אים אַ טובה, ברענגען און אָוועקטראָגן אַ מישפּחה־רכילותל...

דער פעטער וועט קיין איינעם פון זיינע פריינט ניט מבייש זיין, ניט אָפּזאָגן אין אַ טובה. ער פרייט זיך אָבער ניט מיט זייער אָנוועזנהייט.

די מומע עטיע איז אַ הויכע, אַ ברייטע און אַ פעסטע, מיט אַ גרויס רואיק פּנים און טיפע קלוגע קנייטשן אַפן הויכן שטערן. אירע טונקל־גרינע אויגן זיינען שטילע און וואַרימע. פון איר הויכער ברוסט, פון די ברייטע קאַפּטעס מיט די פּאַרטוכער וואָס זי טראָגט, פונעם ווייסן טשי־פּעק אַף איר קאָפּ גרויע האָר, טראָגט זיך אַ מאַמישע וואַרימקייט. מיט אַ וואַרים צעשמייכלט פּנים, טראָגט זי אונדז אַנטקעגן גרויסע שטיקער צוקער־לעקעך און הייסע אייערקע בייגל.

דעם טאַטן רופן זיי הערשעלע משומד, ציגיינעריש בלוט, ניט גור־טער... איך הער ווי דער פעטער מאָרדכע בעט זיך בײַם טאַטן:

— הערשעלע משומד, ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען זאָלסט אַ שפּיי טון אַף דעם יעדינעץ. וואָס ווייסן זיי דאָרט, די בהמות? דאָ אין ברישאַן האָסטו אַף דיר מבינים. ברענג אַריבער די ראַצע דיינע מיט דעם קליינוואַרג. נישקשה, ס׳מעג איר אָנשטיין, דער גרויסהאַלטערקע!...

אין דער דאָזיקער שטוב קומען אויך מיין טאַטנס אַמאָליקע באַ־קאַנטע „באַרישאַניעס״. מיך מיט ריווקען קושן זיי אַ סך און ריידן מיט באַגייסטערונג:

— אוי האָט איר אַ זיידן!... און וואָס פעלט, חלילה, דעם טאַטן אייערן! אַ בריליאַנט איז דאָס און ניט קיין מענטש! אַלע צרות פאַר־געסט מען ווען מען איז לעבן אים! פּערל שיטן זיך פון זיין מויל!...

איך האָב איצט ליב מיין טאַטן מער ווי שטענדיק. אָך, ווען איך קען אַראָפּברענגען קיין ברישאַן די שונאים זיינע! זאָלן זען און הערן! איך און ריווקע האָבן מיר געפונען חן אין זייערע אויגן.

— די קלענערע — שמייכלען זיי נאָכעסדיק — איז אינגאַנצן דער פּאָטער! דער שמייכל, דער שקאָצישער שטעל... הערשעלע מיט די ביי־נער! די עלטערע — אַ שטילע, געראָטן, דאַכט זיך, אין דער מוטער, אַ גרויסהאַלטערקע, זאָגט מען, איז זי, אָבער שיין, אַ מאַלכעסטע!

צום טאַטן האָבן זיי טענות:

— הערשעלע, ווען קומסטו צו מיר אַף קנישעס?

— און צו מיר אַף וואַרעניקעס!...

— נאָכן אויסלייזן בײַ מיר דעם ערשטן טראַנספּאָרט ברויט — ענטפערט זיי דער טאַטע, — בין איך אינגאַנצן אייערער, ווי איך בין אַ איד!...

6.

אין אַ קילן און שטילן פאַרנאַכט, אין די שאָען, ווען פילבאַרע מענטשן ווערן באַהערשט פון אַ מידקייט, פון אַ פילאָזאָפישן פאַרטראַכטן זיך, פון מאָנען דין וחשבון פון זיך אַליין און פון דער וועלט, אָט אין אַזאַ פאַרנאַכט, טרעף איך דעם טאַטן מיט זכאַריען אין אַ געהויבענער שטימונג. אַזוי מוזן אויסזען מענטשן, וואָס זיינען פלוצים באַגליקט געוואָרן.

דאָס סאָלדאַצקע ברויט ליגט אין די זעק אָנגעפּאַקעוועט. צוויי פרעמדע מענטשן שטייען באַם טישל, וואו דעם טאַטנס ביכער מיט די חשבונות ליגן. זיי רעכענען און פאַרשרייבן אין זייערן אַ גרויסן בוך, אַ פירקאַנטיקן. מיין ריוועקע מיט בייקע עסטער־לייעס שושקען זיך:

— דאָס זיינען די פּאָדריאַטשיקעס!..

הויכע זיינען זיי און שמאָלע, די צוויי פרעמדע מענטשן, אויסגעפוצטע אין ווייסע אָנצוגן מיט געלע שיך, אַמעריקאַנער פאַסאָן. אומגעדולדיק קוקן זיי אַף די ציפערן אינעם בוך, אַף די זעק מיט ברויט און אַף די גרויסע אָבאָז־וועגענער, וואָס שטייען פאַר דער טיר. אין אַ פרעמדער שפּראַך ריידן זיי און קוקן מיט בייזקייט אַף די ווייבער מיט די קליינע קינדער, וואָס האָבן באַלאַגערט די אָפענע טירן מיט די פענצטער פון דער „אופּראַוולעניע".

אינדעם פאָרט צו אַ ברישקע און אַ קליין פאַרשוינדל, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם, שפּרינגט פון איר אַראָפּ. צו די פּאָדריאַטשיקעס לויפט ער און רעדט צו זיי אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך הייסע און אָפּגעהאַקטע ווערטער.

מיט אַ היץ אין די פּנימער און מיט אַ פיבערהאַפטן ציטער אין די הענט, נעמען זיי צונויף ד'י פאַרשריבענע פּאַפּירן פונעם טיש, לייגן זיי אַריין אינעם בוך און לויפן אַרויס צו דער ברישקע. אַלע דריי פאָרן זיי אַוועק.

דער טאַטע מיט זכאַריען, די בעקער־אַרבעטער מיט די ווייסע פאַרטיכער און ווייסע קוילעכדיקע היטעלעך אַף די קעפּ, בלייבן שטיין צווישן די אָנגעוואָרפענע זעק מיט ברויט ווי פאַרשטיינערטע, ווי צעמישטע. מיט צעמישטע בליקן קוקט זיך דער טאַטע אַרום. אַ מידקייט, אַ חוזק־שמייכל וויברירט פאַרלוירן אַרום זיינע מויל־ווינקלען.

עס לויפן זיך אָן מענטשן, קוקן אַפן טאַטן, אַף זכאַריען, אַף די זעק מיט ברויט און שושקען זיך שטיל. אייניקע זיפצן, אַנדערע שמייכלען און וויצלען זיך...

אָפּדערנאַכט זיינען מיר באַם פעטער מאָרדכע דעם בעקער. דורך די אָפענע פענצטער וועיעט אַריין אַ קילער ווינט אינײנעם מיט קינדערשן

געלעכטער און געוויין. די מומע עטיע און דער פעטער מאָרדכע האָבן איצט פרומע פּנימער מיט אַ סך צונויפגעצויגענע קנייטשן אונטער די אויגן. אין זאַל שטייט אַ געדעמפּטע ליכטיקייט, דורכגעוועבט מיט טיפן מענטשלעכן אומעט. דער סאַמאָוואַר אַפן טיש, שיפּעט. די טיי אין די גלעזער איז שוין קאַלט געוואָרן. די מומע זיפצט און בעט דעם טאַטן:

— הערש, גיי צום טיש, טרינק אַ גלאָז טיי! אַז גאָט וויל ניט, וועט קיינעם קיין חכמות ניט העלפן!

דער טאַטע שפּאַנט אום אַ צערודערטער. ער רעדט מיט אַ באַליי־דיקט קול:

— ס'איז אַן אומדערהערטע זאַך! אָן אַ זיי געזונט זיינען זיי אַנט־לאָפן, מיר אַ שפּיי געטון אין פּנים! מערזאַווצעס! פּחדנים!

דער פעטער מאָרדכע ציט צונויף דאָס קרומע אויג, וואָס שלעפּט נאָך אַ האַלב בערדל און מוסערט דעם טאַטן:

— מען טאָר ניט, הערשעלע, גלויבן דער גאַנצער וועלט! אַ ווייך שטיקל פּאַפּיר איז ווערט קאַבאַק, אַן אויסגעבלאָזן איי!...

— וואָס טוט זיך מיט אייך, פעטער?! קאַזנאַ, גאָסודאַרסטווע, איז באַ אייך קיין בטוח ניט? זיי, די סוואָלאַטשעס, זיינען פאַרבליבן מיטן געלט! איך וועל זיי אָפּזוכן פון אונטער דער ערד אפילו! אַף חוזק האַנדלען פּחדנים!...

עס קומען אַריין דעם טאַטנס חברטעס, שטילע, מיט באַטריבטע פּנימער. עס קומען אַריין אידן, דעם פעטערס שכנים. אַלע איינינעם שמועסן, זיי טענהן און ריידן אויס אַלדאָס בייז אַף די פּאָדריאַטשיקעס, אַפן קייסער און אַף דער מילחמה, וואָס ברענגט פאַר אידן צרות מיט שלעק, נויט און אָרימקייט.

איך ווער געוואָר, אַז דאָס רוסישע מיליטער האָט זיך געמוזט אָי־בערטראָגן אַף אַ וווייטערן פּונקט און די פּאָדריאַטשיקעס זיינען אַרויס־גערופן געוואָרן נענטער צום פראָנט. איך ווער אויך געוואָר, אַז דער טאַטע מיט זכאַריען זיינען פאַראָרימט געוואָרן. קיין אייגענע צען גראָשן פאַרמאָגן זיי ניט מער...

דער טאַטע רוט ניט. ער לויפט צו אַדוואָקאַטן, ער וויל פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן די פּאָדריאַטשיקעס... נאָר קיינער פון זיי וויל ניט אָנע־מען די „דיעלע".

דעמאָלט נעמט זיך דער טאַטע ווידער אין די הענט אַריין. אָן אַ גראָשן געלט, פּרואווט ער ווידער ס'מזל. ער לייט געלט באַם פעטער מאָרדכע דעם בעקער, באַצאָלט די אַרבעטער און שיקט אַוועק אַ בריוו צו דער מאַמען. שרייבט איר פון זיין דורכפאַל און בעט זי זאָל קומען קיין בריטשאַן.

אין ענטפער באַקומט דער טאַטע פול מיט פאַרוואורף. די מאַמע

דערמאָנט אים אירע רייד און גיט צו: הערש, ביזט געלאָפן כאַפּן אַ האָז, איז ער אַנטלאָפן...

דער טאַטע איז פאַרצווייפלט. דער מאַמעס בריוו מאַכט אים פאַר אויס מענטש. שפּעטער פאַרענטפערט זיך די מאַמע, אַז איציק זעלמאַן, אונדזער שכן, האָט איר אַזוי געהייסן שרייבן און דער טאַטע באַרואיקט זיך. ער דערמאָנט איר פונדעסטוועגן באַ יעדער געלעגנהייט די פּאָר ווער־טער מיט ביטערניש, מיט ווייטיק און מיט פּראָטעסט.

געקומען איז די מאַמע מיט אַ וואָך שפּעטער און מיטגעבראַכט די דריי שוועסטערלעך. זי זעט אויס העבער, די מאַמע, מיט אַ שטיל אויס־געאיידלט פּנים, אַ פאַרטראַכטס. ווייבער און מיידן פון דער גאַס קומען אַלעמאָל מיט אַן אַנדער אויסרייד און כאַפּן דערוויילן אַ קוק אויף דער מאַמען. אַ רעש איז אין עסטער־לייעס שטוב ווי אויף אַ יאַריד. די מאַמע היט זיך אויס פון מענטשן. איך הער ווי דער טאַטע זאָגט צו איר:

— זאָרג ניט, ווייב מיינס, די צייט וועט אַלץ באַווייזן, מירן זיי אָפּזוכן און אַרויסקריגן ס'געלט פאַרן טראַנספּאָרט ברויט...

אַן אַנדערשמאָל טרעף איך דעם טאַטן מיט דער מאַמען זיצן אין עסטער־לייעס פּאַדערהויז אויף אַ שמאָל סאָפּקעלע און דער טאַטע שמייכלט צעוויינטיקט:

— ווי געפעלט דיר, ווייב מיינס, די גאָלדענע געשעפטן מיינע? גייט איינעם גוט, ווילט זיך אים גליטשען אפן אייז...

די מאַמע קוקט אויף אים מיט טרויעריקע אויגן און מיט געבעט:

— הערש, וואָס ווילן מיר דאָ אויסזיצן? טו אַ קוק אויף די קינדער אונדזערע... נאַווענאַדניקעס, נעבעך!... קום אַהיים, גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן!...

— ווייב מיינס, באַם ערשטן קלאַפּ, האָסטו זיך מיר אונטערגעגעבן? פּחדנים טוען אַזוי! גוטע שפּילער שרעקן זיך ניט אָוועקצוגיין פון די קאָרטן מיט איבערגעקערטע קעשענעס!... היינט, די „גוטע פריינט" מיינע! אַ געבראָטענע טויב ווילסטו זיי אין די פּיסקעס אַריינוואַרפן? ראַצע, ווייב מיינס!

— הערש, איך זאָג דיר דען אַ דעה? פּשוט, ס'גלוסט זיך ניט ליגן דאָס לעבעדיקע אָפּן טויטן.

— מיר מוזן איינשטעלן, ווייב מיינס. מירן צופאָרן קיין כאַטין. די גוטע ברידער האָבן מיר צו וויסן געגעבן, אַז די פּאַדריאַטשיקעס זייַ־נען דאָרט, אַ נייעם פּאַדריאַד האָבן זיי געמאַכט...

מיט באַזאָרגטע פּנימער, פאָרן טאַטע־מאַמע דעם אייגענעם טאָג קיין כאַטין. יענטעלען נעמען זיי מיט זיך. איך מיט ריווקען און די צוויי קליינע שוועסטערלעך בלייבן מיר ווידער באַ עסטער־לייען.

די קינדער האָבן באַקומען טרויעריקע פּנימער, שמאָלע און טיפע אויסגעבענקטע אויגן. זיי ווייַנען אָפּט און בעטן זיך צו דער מאַמען. עסטער־לייע זיפצט אין קיך באַם פּריפּעטשיק און רעדט אַריין אין פייער:

— קיין בייז אויג, אַזאַ כאַליאַסטרע צו באַהאָדעווען, ווי נעמט מען אַזוי פיל?...

די זאַטקייט אַף אוראַמצעס פּנים איז מיטאַמאָל פאַרוויסט געוואָרן. אַ שטילער, מיט אומצופרידענע קנייטשן אַפן שטערן, שפּאַנט ער איבער דער קיך, וואָס דינט זיי אויך פאַר אַ שלאָפצימער און וואַרפט אונדז צו פאַרזאָרגטע, אומצופרידענע בליקן.

סיי איך און סיי ריווקע, פאַרשטייען מיר, אַז מיר זיינען אומגעבעטענע געסט, באַהאַלטן מיר זיך אין קעלער, אַרומגענומען פון געפאַלנקייט באַ זיך, פון אומעט און פון... הונגער. מיר עסן פון די פרוכטן וואָס שטייען דאָרט. עסטער־לייע כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַהין און ברענגט אונדז אַלטע, פאַרטרוקנטע פּאַפּושויענע לאַטקעס. מיר עסן זיי מיט אַפּעטיט און שעמען זיך צו קוקן איינע דער אַנדערער אין די אויגן.

אויך באַם פעטער לייב און באַם פעטער מאָרדכע דעם בעקער נעמט מען אונדז ניט אויף ווי אַמאָל. מיט רחמנות־בליקן און מיט אומצופרידענע זיפצן קומען זיי אונדז אַקעגן. די איינציקע וואָס האָט זיך ניט געענדערט צום שלעכטן, איז כייקע. און געהיים, אַז די מוטער זאָל ניט וויסן, גיט זי אונדז גרויסע שטיקער ברויט מיט פוטער און שטיקער פרישן מאַלאַי מיט מאַליסניק.

איינמאָל זיינען מיר אוועקגעגאַנגען אַף אַ גאַנצן טאָג און צילאָז געבלאָנדזשעט איבער די שמאָלע געסלעך. פאַרנאַכט, שוין אויסגעמאַטערטע פון הונגער און פון עלנט, זיינען מיר צוריקגעקומען און זיך אויסגעזעצט הינטער דער שטוב אין אַן אויסגעמוליעטן גרוב. ריווקעס פּנים איז שטיל און אַלט.

— גאָלדע, — זיפצט זי, — איך שעם מיך אין שטוב אַריינצוגיין. מיר זיינען שוין ניט קיין געסט...

— ווען מיר שלאָפן אינדרויסן! — רוף איך מיך אָן. — אין גרוב איז וואַרים. גאָט וועט אַף אונדז אַכטונג געבן!

נאָר אַכטונג געגעבן אַף אונדז האָט כייקע. זי לויפט צו צו אונדז און טרערן שטייען איר אין די גוטע אויגן:

— מיר האָבן געבענקט נאָך אייך, — פּאַכעט זי מיט די הענט. — איך לויף אום אייך זוכן און זיי זיצן זיך דאָ ווי די קעצעלעך, אַזוינע שטילע! מיר זיינען דאָך פריינט! אַז אייער טאַטע וועט ווידער אויפגעריכט ווערן, וועט איר אונדז אָפּדינען אין פריידן!...

עס גייען אַוועק אַ פּאָר טעג און טאַטע־מאַמע קומען אַלץ ניט צוריק און עסטער־לייע זיפצט אַלץ:

— וואָס וועל איך טון מיט אַזוי פיל פרעמדע עסערס? און זיי דאַרטן אין כאָטין, דענקען ניט פון דעם!...

און זי איז אויך ניט אומגערעכט, די עסטער־לייע. איר שטוב איז שטענדיק פול מיט געוויין פון מיינע קליינע שוועסטערלעך, מיט וואָכע־

דיקער נעבעכדיקייט. איינמאָל הער איך ווי בייקע קריגט זיך מיט דער מוטער, מוסערט זי:

— קאַרגע צורה, וואָס האָסטו אַזוי מורא פאַרן דלות? אַז ער וועט צו דיר דאַרפן קומען, וועט דיר ניט העלפן קיין שפּאָרן, קיין קוקן אינעם טאַרבעלע אונטערן קישן... נעם, קאָך עפּעס אָפּ פאַרן פעטער הערשס קינד'ער... שוואַרץ ווי קויל זיינען זיי געוואָרן...

— שווייג, דו נעבפּע, פונדיינעטוועגן פּראַצעווע איך! אַ מויד מיט אַ מום וועט קיינער ניט ווע‏לן פאַר אַ כלה! אַ גרויסן נדן דאַרף מען! מען קען איצט קריגן פאַר דיר אַ „בעזשעניק", אַ דאָקטער!...

בייקע אַנטלויפט אין זאַל אַריין, וואַרפט זיך אַרויף אַפן בעט און קלאָגט אין די קישנס אַריין:

— אַף טויזנט כפּרות באַדאַרף איך דעם נדן דיינעם, מיטן דאָקטער, איך דאַרף ניט קיין חתן! איך דאַרף ניט חתונה האָבן!

דער זאַל איז פול מיט געוויין, מיט איר טיפן מיידלשן טרויער. די סצענעס צווישן בייקען מיט איר מוטער חזרן זיך איבער. נאָר בייקע פירט אויס. עסטער־לייע ווערט רואיקער. מיט אַ האַכנאָעדיק געבוי‌גענער פּלייצע גרייט זי אָנבייסנס מיט וועטשערעס פאַר בייקען און פאַר מיר מיט די שוועסטערלעך. מיר עסן אָן הנאה די צוגעגרייטע מאכלים. עס העלפט ניט בייקעס לאַכן, איר וויצלען זיך באַם עסן. מיר קוקן זיך שטום אין די אויגן און קיינער פון די אַרומיקע זעט ניט וויפל צער מיר בריען אויס אין אונדזערע קינדערשע הערצער.

ערשט איצט פאַרשטייען מיר דעם ווערט פון אונדזער גוטער היים, פון דער מאַמעס געטריישאַפט און פון דעם טאַטנס פרייגיביקייט, פון זיין בחורישן עקסטאַז און פון זיין פרייען זיך מיט די זעקס מיידן זיינע. מיר פאַרשטייען אויך, אַז עסטער־לייעס געמיטלעך לעבן איז איבער אונדז צעשטערט געוואָרן.

מיין ריוועקעס פּנים איז גרין געוואָרן, פאַרפינצטערט, אַ פיינלעכע געבּאַלנקייט האָט זיך אין אירע מילדע אויגן אָפּגעזעצט. אָפט, ווען מיר זיצן אין קעלער אָדער הינטער דער שטוב, וויינט ריוועקע מיט פרום פאַר־לייגטע הענט אַפן האַרצן:

— פאַרוואָס קומט דאָס אונדז, נאָט? וועמען האָבן מיר שלעכטס געטון? ברענג אונדז צוריק אַהיים!... קער אונדז אום די טאַטע־מאַמע, האָב רחמנות!...

ריוועקעס געבראָכנקייט, איר געטרייקייט צו די קליינע שוועסטערלעך, מאַכט פון מיר אַ תל. ווען איך קען מיך צעשניידן אַף שטיקער, אַבי ריוועקען זאָל גוט זיין, טו איך דאָס. איך באַקלאָג מיך טאַקע ניט פאַר איר. זאָל זי מיינען, אַז מיך הונגערט ניט, אַז מיר איז גוט...

7.

מיט פאַריתומטע פּנימער, אויסגעמאָגערטע און ווייסטע, ווי אַנט־לאָפענע פון אַ שריפה, קומען דער טאַטע מיט דער מאַמען פון כאַטין.

דער טאַטע האָט אַ געשוויר אַף אַ פוס. עסטער־ליע ליגט אים אַריין אין בעט און ברעכט זיך די הענט:

— וואָס איז דיר, הערש, ביזט דאָרט קראַנק געוואָרן?

די מאַמע רעדט מיט אַ געבראָכן קול:

— ער איז פאַרביי און ניט אַזוי זיך קראַנק! אַ מכה רייסט אים אַף אַ פוס...

שפּעטער ליגט אים די מאַמע הייסע פּריפּאַרקעס פון מאַמעליגע. דעם טאַטן ווערט אַביסל בעסער. אַווראַמצע זעצט זיך אַוועק אַפן ראַנד פון בעט און טענהט:

— וואָס האָסטו דאָרט אויפגעטון, הערש, מיט די פּאַדריאַטשיקעס דיינע?

— די נשמה, אַווראַמצע, קען מען באַ יענעם ניט נעמען. זיי זיינען דאָך אידן, די מערזאַווצעס. איך האָב זיי געהאַלטן פאַר פראַנצויזן אָדער פאַר עכטע רוסן... דערפילט דאָס נאָר דעם ריח פון געלט, ווערט דאָס גלייך אַויס איד!... מערזאַווצעס, פּחדנים! ווי די האָזן האָבן זיי פאַר מיר געציטערט... זיי האָבן געשוואַוירן, געגעבן ס׳ערן־וואָרט, אַז קאַזנאַ האָט בטול געמאַכט דעם קאָנטראַקט. זיי וועלן זען אַרבעטן וועגן דער זאַך... נו, ווי נעמט מען אידישע קינדער און מען וואַרפט זיי אַריין אין אָס־טראָג?! ס׳איז דען סדום?... דערוויל בין איך קראַנק געוואָרן. וואָס וועל איך דאָרט זיצן? איך האָב דעם ענין איבערגעגעבן צו אַ גוטן אַדוואָקאַט. די גוטע ברידער וועלן זיך שוין אָפּגעבן מיט דעם...

אַווראַמצע שמייכלט און פרעגט מיט אַ גמרא־ניגון:

און אַז דער גוטער אַדוואָקאַט דיינער וועט אויך גאָרניט אויפטון?...

— איז פאַר־פאַלן! — קוועטשט דער טאַטע אַפן פאַר. — ווי אַ פאַטש איבערן הינטן. איך בין שוין געוואוינט צו פאַרלירן געלט!...

די מאַמע, וואָס האַלט אונדז אַלע לעבן זיך, קוקט אַפן טאַטן מיט פאַרזאָרגטע אויגן און שווייגט. פיינלעך שווער איז איר שוויגן. די פיינ־לעכקייט שפּרייט זיך איבערן זאַל, פרעסט די הערצער און פרעגט: וואָס וועט זיין?

באַנאַכט שלאָפן מיר אַף דער ערד, די מאַמע און איך מיט די שוועס־טערלעך. אַ דורכזיכטיקע בלויקייט שטייט אין די פענצטער, אַ שטילע, אַ מיסטישע. מיט אַ שטיל טרויעריק קול רעדט צו אונדז די מאַמע און גלעט די קעפּלעך באַ די קליינע שוועסטערלעך:

— לעבעדיקע יתומים זענט איר נעבעך געוואָרן, ווייסטע נאַוועס־נאַדניקעס... אונדזער שטוב איז געווען אַ „ראַטני דוואָר", ווער אין גאַט

ס'האָט געגלויבט, דער האָט געגעסן. און דאָ?!... פריינט, משטיינס גע־זאָגט!...

דער מאַמעס תערומות צו עסטער־לייען, פיל איך, זיינען נישט קיין באַרעכטיקטע. פאַרוואָס וויל זי ניט פאַרשטיין, אַז מיר זיינען שוין אוים געסט?... אַז מיר עסן אומזיסטע קעסט? בייקעס נדן וועלן מיר אויפעסן!... איך קען ניט איינשלאָפן. דעם טאַטנס קרעכצן, דער מאַמעס אויקען און וויקען, די טיפע באַנאַכטיקע פאַרלוירנקייט, איר פאַרצוקנדיקע שרעק, וואָס שוועבט הינטער די פענצטער, די שרעק פאַר דעם ביטערן מצב אונדזערן, רויבט בא מיר אוועק די רו, דעם שלאָף.

פלוצים זעצט זיך אויף די מאַמע און רעדט אין דער באַנאַכטיקער בלויקייט אריין:

— הערש, דו שלאָפסט?

— ניין, ראַצע!

— הערש, איך וויל אהיימפאָרן, גענוג זיך אַרומגעשלעפּט ווי די ציגיינער!

דער טאַטע וואַרפט זיך אומרואיק אַפן געלעגער און זיפצט. די מאַמע פרעגט אים:

— הערש, וואָס אישעווסטו זיך אַזוי? צום שיינעם רומעל פעל איך דיר דאָ?

— זאָרג ניט, ווייב מיינס, וועסט פאָרן אהיים. די דריי קליינע קינ־דער וועסטו מיטנעמען, גאָלדע מיט ריווקען בלייבן דאָ מיט מיר...

— איך קען זיי דיר ניט לאָזן, ס'איז מיידלעך, זיי דאַרפן דער מאַמעס השגחה, ס'איז מילחמה!..

— ראַצע, האָב קיין מורא ניט! ניט מיינע טעכטער וועלן גיין אין אַ שלעכטן וועג... אַז דער שורש איז געזונט, זיינען די פירות אויך גע־זונטע... אַ מבין דאַרף מען זיין אַף די צוויי מיידן!... פון פינקלען וויל איך איצט ניט שמועסן. יענע איז אַן אויסנאַם — אַ צדיקית, אינגאַנצן מיין מאַמע, עליה השלום... און, ווי לעבט אַ מענטש אַליין? וואָס בין איך, אַ אינגעלע? קיין בייז אויג ניט, זעקס טעכטער אַף דער וועלט גע־בראַכט און ערשט?...

דער טאַטע ווערט אַנטשווינגן. ס'בעט אונטער אים קרעכצט. אויך אוראָמצע מיטן ווייב, וואָס ליגן אין קיך אַף דער סאָפע, זיפצן און וואַרפן זיך אומרואיק אַף די געלעגערס.

אַפן אַנדערן טאָג, שערט זיך אַרום דער טאַטע זיין בערדל, דאָס פריצייטיק גרוי געוואָרענע, ער און די מאַמע פוצן זיך אוים אין די שבת־דיקע מלבושים און ביידע, סאָלידע, מיט דער אַמאָליקער נגידישער חשי־בות, גייען זיי שפּאַצירן.

אַזאַ אָנשטעל מוזן האָבן אַלע אָפּגעקומענע גבירים, וואָס שעמען זיך מיט זייער דלות. איבערהויפּט מערקט זיך די אָרימקייט אַפן טאַטן. די

פּלייצע איז באַ אים קיילעכיקער געוואָרן, שווערער. שווערע קנייטשן, פאַרזאָרגטע, האָבן זיך אַרום זיין מויל און אונטער די אויגן איינגעשניטן. נאָך טיפער ווערן באַ אים די קנייטשן, ווען די מאַמע מיט די דריי קליינע שוועסטערלעך פאָרן אַהיים. ער ווענדט זיך צו מיר מיט ריווקען:

— טעכטער מיינע, איר וועט גיין מיטן טאַטן, צי איר ווילט זיך שפּילן?

— מיט דיר, טאַטע, ווילן מיר גיין!

— און פאָלגן וועט איר מיך?

— יאָ, טאַטע!

— גיט זשע מיר אייער וואָרט!

— ווי מיר זיינען — אידן!...

דער טאַטע נעמט אונדז אין דער אופּראַוולעניע. אַן אָנגעדרוקטע גרויקייט שטייט דאָרטן און אַ טיפע מאָרעשכוירע. אַף די אַלטע פאָלן מיט די גרויסע שפּאַרונעס, אַף די פּאַרווייִנטע ווענט, וואָס נעמען אונדז אַרום מיט שרעק, מיט פאַרשעמטקייט, אַף די פּולע זעק מיט ברויט, קריכן אום ווערים, לאַנגע און גראָבע. אַ נאַסע לופט, דורכגענומען מיט שימל און מיט זויערקייט, שטיקט מיר דעם אָטעם. צעפּראַלטע שטייען די טירן פון דער בעקעריי און פון די צימערן, אָנגענומען מיט אַנגסט, מיט וויסט־קייט, ווי די אָפענע אויגן פון אַ גויסעם.

פון די אָפענע אויוונס, פון אונטער די פאָלן, הערט זיך אַ סוויטשען פון זשוקעס, אַ לויפעריי פון מייז. ווי אָפענע מיילער, זשעדנע און הונ־געריקע, שטייען די פיר אייזערנע טירן פון די אויוונס. דער טאַטע גייט אום פון איין צימער אין אַנדערן, באַטאַפּט די זעק מיט ברויט, וואָס זיי־נען באַוואַקסן מיט אַ גרינעם שימל און אַרומגעכאַפּט פון אַ געדיכטער זויערער פּאַרע. ריווקע האָט ברייטע אויגן, פול מיט פּחד, וואָס קלעפּן אָפּן טאַטנס געבויגענער פּלייצע. דער טאַטע דערפילט אַף זיך אירע אויגן און פרעגט מיט אַ טיפן חוזק, מיט ביטול:

— נו, טעכטער מיינע, איר וועט העלפן דעם טאַטן אַרבעטן, צי איר וועט אים לאָזן אַליין? אַ טאַטן אַ קבצן האָט מען דאַכט זיך פיינט!...

ריווקעס אויגן ווערן פול מיט טרערן. זי רעדט צו מיר טיף און גע־בראָכן:

— גאָלדעלע, מיר מוזן זיך געבן פ'וואָרט צו זיין גוטע קינדער, געטרייע. מירן העלפן דעם טאַטן אַרבעטן... זעסט, וואָס פון אונדז איז געוואָרן? שולדיק אין דעם איז די מילחמה... זי האָט אונדז פאַראָרימט, פאַרשעמט...

אין דעם אָפּהערנאַכט פירט אונדז דער טאַטע איבער אַ סך הינטער־געסלעך. אַ שוואַכקייט האָט ער צו זיי. דאָרט האָט דער טאַטע אין זיינע בחורישע יאָרן קאַנטשאַפט געהאַט. ער אַליין דערציילט אונדז:

— די שענסטע מיידלעך, די שטילסטע, זיינען פון די קליינע אָרימע

שטיבלעך אַרויסגעקומען. ס׳היטל מעג מען זיך אַראָפּנעמען פאַר זיי!... פרייד, געזאַנג און לעבן איז דאָ אַמאָל געווען!...

איצט זיינען די געסלעך טונקל און אויסגעלאָשן. מיט אויסגעלאָשענע אויגן קוקן אונדז נאָך ווייבער, וואָס זיצן אױף די פריזבעס און אױף די טרעפּ פון זייערע גאַניקלעך. שטיל און אויסגעלאָשן שטייען טרוקענע ביימלעך פאַר די שטיבער. פאַרוועלקטע בלעטער וואַלגערן זיך פאַרשעמטע און איבעריקע, קוקן נאָך דעם טאַטן און באַדויערן אים: מיר ווייסן, הערש, אַז דאָס לעבן דײנס גייט אונטער... די מילחמה האָט דיך אין תהום אַריינגעשלעפּט... אַ פינצטערער הארבסט האָט דיך פון דיין מדרגה אַראָפּגעוואָרפן, אַזוי ווי אונדז, צעטראָטענע און איבעריקע...

אַ שטילער דערשראָקענער הימל הענגט איבער די געסלעך, וואו עס דרייען זיך אום אינוואַלידן, שוין פון דער מילחמה צוריקגעקומענע, ווער מיט איין האַנט, ווער מיט אויסגעברענטע אויגן און ווער אױף קוליעס אָנשטאָט פיס... דער טאַטע ווערט אומרואיק, ער שפּאַנט האַסטיקער און טענהט צו אונדז, ווי מיר וואָלטן שולדיק געווען אין דעם גרויסן וועלט־חורבן, אין דעם ברודער־מאָרד...

— אַ גרויס פאַרברעכן באַגייט מען קעגן מענטשן, ווען האָט מען דאָ אַזויפיל אומגליק געזען?

און די ווינטן וואָס קומען פון די פאַרשעמטע פעלדער, צעטראָגן דאַכט זיך זיינע ווערטער און באַדויערן און מאַנען און פאָדערן.

מיר האָבן אונדזער טאַטן מאָדנע ליב באַקומען. און צוזאַמען מיט אים אויך די אַרבעט. דער טאַטע צעשניידט דאָס שוואַרצע ברויט און טריקנט דאָס איבער. ער מאַכט דערפון סוכאַרעס. איך מיט ריווקען קלייבן זיי איבער. מיר צעברעכן יעדער שטיקל באַזונדער. די פייכטע מוז מען איבערטריקענען. די אַרבעט איז ניט קיין גרינגע. מיר באַקומען צעשטאָכענע און געשוואָלענע פינגער, נאָר מיר קרעכצן ניט און באַקלאָגן זיך ניט. דער טיש אױף וועלכן דער טאַטע שניידט דאָס ברויט, קרעכצט יאָ. ער פאַרשטייט אַפנים מיין טאַטנס שווייגן און אויך מיינס און מיין ריווקעס.

אַ טיפע אויסגעהוילטקייט, ווי פון אָפענע קברים, טראָגט זיך פון דער אופּראַווליעניע. יעדעס וואָרט אונדזערס קלינגט דאָ אָפּ מיט אַ טעמפּן ווידערקאָל. נאַריש און פאַרלוירן זעען אויס די פנימער פונעם טאַטנס באַזוכער. שטיל און אױף די שפּיץ פינגער קומען זיי אַריין און מיט זאָרג אין די אויגן.

דער פעטער מאָרדכע מיט דער מומע עטין ברענגען אונדז פרישע אייעריקע בייגל און מאַן־פּלעצלעך. זיי זיפצן און נעמען אונדז אַרום מיט וואַרימע, מיטפילנדיקע בליקן. די מומע עטי זאָגט:

— האָסטו דאָס באַדאַרפט, הערש? וואו איז דיין חכמה אַהינגעקומען?

דער טאַטע לייגט אוועק דאָס לאַנגע מעסער פון די הענט און קוקט דער מומען גלייך אין פנים אריין:

— וואָס איז מומע, איך פאַרשעם דיר די מישפחה? ס׳מעג מיר אָנשטיין ארבעטן! מיינסט אפנים איך בין דעם רבין רב העשעלעס א זון?!

ווען די מומע גייט אוועק, קרעכצט דער טאַטע. עס קרעכצט בא אים דאָס מעסער אין די הענט און די גראָבע רייפטלעך ברויט, וואָס פאַלן פונעם מעסער אַפיר.

דעם טאַטנס אמאָליקע באַקאַנטע „באַרישניעס" פּרוּאוון אים פריי־לעך מאַכן, הויבן זיין מוט. זיי דערמאָנען אים די אַמאָליקע פריילעכע יאָרן און פאַרזיכערן אים, אז די זיבן גוטע יאָר זיינע דאַרפן ערשט קומען.

— הערשעלע, קרוין, געזונט און שטאַרק זאָלסטו זיין! וועסט זען ווי די פּאָדריאַטשיקעס וועלן זיך נאָך אָפּרופן! וועסט פאַרקויפן די סור־כאַרעס און ווערן רייך ווי קורח.

א בחורישער שמייכל, א מערוצעדיקער, צעשיינט זיך אפן טאַטנס פאַראָרימט געוואָרענעם בערדל. ער דערציילט זיי אַנעקדאָטן, זינגט לי־דער און די ווייבער קוועלן און רייבן דורך טרערן:

— דיר, הערשעלע, טאָר ניט זיין שלעכט! ס׳פּאַסט דיר ניט! וועסט זיך, מיט גאָטס הילף, ווידער ארויפכאַפּן אפן פערדל!...

מיר ארבעטן ביז אין די שפּעטע באַנאַכטיקע שאָען. אידן קומען, פריש געבאַקענע מעקלער און סוחרים. עפּעס, דאַכט זיך, פּאַסט זיך גאָר־ניט די נייע באַשעפטיקונג צו די בעסאַראַבער אידן, די ערדאַרבעטער, אַרענדאַרעס און באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעשטעקט מיט דעם פיבער פון מילחמה־געשעפטן. זיי קומען צו לויפן מיט רעש, מיט צעפלויגענע פּאָלעס און מיט שטעקעלעך אין די הענט. זיי באַקוקן די פאַרטיקע סוכאַרעס און מען זאָגט צו אויסצוגעפינען א גוטן קונה. זיי באַוואונדערן דעם טאַטנס איינפאַל:

— דאָרט וואו תורה, דאָרט איז חכמה! וואָס דען, טשאָרנאָפּוי־וויסט ווי א דריי צו טון מיטן רײדל?

אין אַן אָפּדערנאַכט, ווען איך מיט ריווקען זיצן מיר צווישן א קופּע מיט געטרוקנטע רייפטלעך ברויט און קלייבן זיי איבער, קומט צו דער טאַטע און שטעלט אַן אַף אונדז א פּאָר שטילע באַטריבטע אויגן:

— ס׳איז אייך שווער צו ארבעטן, טעכטער מיינע? זאָל דערוויילן זיין געזונט! דער טאַטע וועט שוין אַליין ארויסענדיקן און אפשר וועל איך צודינגען א מענטשן!...

א פרייד טויכט אויף אין אַלע איברים מיינע: דער טאַטע זאָרגט פאַר אונדז! מען דאַרף אים אָפּדינען מיט אמת, מיט געטרייקייט און מיט פאַרשטענדעניש!... און איך מיט ריווקען ענטפערן מיר אין איין אָטעם, ווי מיר וואָלטן זיך שטומערהייט צונויפגערעדט:

— ס׳איז אונדז ניט שווער צו ארבעטן!...

— פאַרוואָס זשע ברעכט איר די סוכאַרעס מיט די ציין?
— ווייל אַזוי איז גרינגער, גיכער!...
— ווייל די פינגער טוען אייך ווי, קלאָוטעס! אַרבעט מיט חשק, טעכטער מײַנע, וועט איר ניט פילן קיין שווערקייט, וועט איר ניט דאַרפן באַנוצן די ציין! דעם מוט דאַרף מען ניט פאַרלירן, קיינער ווערט קיין מייסטער ניט געבוירן... מיט געלט ווערט מען אויך ניט געבוירן, ווער עס ווערט רייך פון גניבה, פון גזילה, פון אויסנוצן יענעמס הענט, יע־נעמס מארך פון די ביינער... נאָר דער טאַטע אייערער האָט געהאָרעוועט ווי אַן אייזל, פאַרשוואַרצט געוואָרן און — קיין שכל ניט געהאַט!.. פאַר מיר אַרט מיך ניט — אַ קבצן האָט ניט וואָס אָנצוואַווערן, אָבער איר... דער טאַטע וועט אייך ברענגען אַ צוהעלפער, וועט אייך זיין היימלעכער בײַ דער אַרבעט און מיר אוודאי!

8.

דער זעכצן־יאָריקער הערשל איז אַ הויכער און אַ שמאָלער. זיינע לאַנגע הענט און פיס שטעקן אים אַרויס פון קורצע הויזן און פון קורצע אַרבל פון זיין אָפּגעריבענעם רעקל. באָרוועס איז ער. דער טאַטע האָט אים געפונען אַ שלאָפנדיקן אויף דער ליפּקאַנער בריק. זיינע קויל־שוואַרצע אויגן, הייסע און אומרואיקע, די שפּיציקע אַקסלען און אומרואיקע לאַנגע און געטאָקטע פינגער, די ענערגישע קינבאַקן, אַלץ לויערט פאַרצוקנדיק און מיט אויסגעהונגערטער זשעדנעקייט אויף די טרוקענע סוכאַרעס, אויף די שוואַרצע פאַרשימלטע ברויטן. באַלד לויפן אום זיינע פינגער צווישן די סוכאַרעס, ווי איבער די קלאַווישן פון אַ פּיאַנאָ און אַ טיינעגפולער הייסער שמייכל, דורכגענומען מיט אימפּעט, צעגיסט זיך אויף זיין ברוין כיינעוודיק פּנים, אויף זיינע בלוט־רויטע פרישע באַקן.

דער טאַטע קוקט אויף דעם אינגל מיט אַ שטיל באַזאָרגט פּנים און מיט זאָרג אין קול זאָגט ער:

— זעסט, הערשל, די צוויי מיידן? מיינע טעכטער זיינען זיי! קוק דיך צו ווי מען אַרבעט, וועסטו דיך גיך אויסלערנען! סוכאַרעס קלייבן איז טאַקע ניט קיין טאַכלעס, נאָר וואַלגערן זיך אויף דער ליפּקאַנער בריק איז אוודאי קיין טאַכלעס ניט!... וועסט קריגן אַרבעט אין אַ בעקעריי, דער גוטער יאָר וועט דיך ניט נעמען! נאָר מיט ווילן, מיט אויסדויער, וועסטו ווערן אַ מענטש, אַן אַרבעטער!..

— קיין גרויסע תורה איז עס ניט, איינס און צוויי קען איך די מלאכה, אַבי לאָזט מיך אַרבעטן, לאָזט מיך שלאָפן אין דער אופּראַוור־ליעניע!

מיר ווערן מיט אים גיך באַפריינדעט. זיין דרייסטקייט, דער צע־שטורעמטער אומרו, די עקשנות, וואָס ברויזט פון יעדער באַוועגונג

זיינער, זיין אַקראָבאַטישער שפּרינגען איבער די סוכאַרעס, זיינע ווייסע שטאַרקע ציין, וואָס צעקנאַקן די סוכאַרעס ווי מיט אַ מעסער, זיין קאָפּ שוואַרצע האָר, דערהויבט אים אין אונדזערע אויגן.

הערשל פאַרמאָגט אין זיך ווילדקייט און שוואונג. ער קען אויך לייענען און שרייבן. ער קען דאַווענען. ניין, ער איז ניט ווי די אַנדערע היימלאָזע אינגלעך, וואָס מיין טאַטע פלעגט אַריינעמען צו אונדז אין דער בעקעריי. מיר האָבן אים ליב ווי אַ ברודער. ער אונדז אויך. און אויך דעם טאַטן.

אַ קיילעכיקער יתום איז ער. די קרובים זיינע, וואָס וואוינען אין נאָוואָסעליעץ, האָבן אים עטלעכע יאָר אויסגעהאַלטן. זיי האָבן אים אָבער שלעכט באַהאַנדלט. הערשל קען קיין באַליידיקונג ניט ליידן, איז ער אַנטלאָפן מיט אַ שאַטרע ציגיינער, געוואַנדערט מיט זיי איבער שטעט און איבער דערפער. זיי האָבן אים ליב געהאַט און טייער געהאַלטן, ניט געלאָזן אים זיך טרעפן מיט אידישע אינגלעך, אים אויסבאַהאַלטן פון אַ אידיש אויג. נאָר הערשל האָט סיי ווי ניט געוואָלט קומען צווישן אידן. זיין יונג האַרץ איז פול מיט האַס און פאַרביטערניש. ער האָט געוואָלט ווערן אַ ציגיינערישער קעניג...

און הערשל דערציילט: די ציגיינער האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַן אייגענעם, ער זאָל זיך אָפּשמאַדן און חתונה האָבן מיט אַ ציגיינער־מיידל, מיט דער שענסטער פון זייער שאַטרע. האָט אין אים אָבער דערוואַכט זיין אידישקייט, זיין דערציונג, אים האָב זיך געדאַכט זיינע טויטע טאַטע־מאַמע קוקן אים נאָך און בעטן און וויינען:

— קדיש איינציקער, זון אונדזערער, בייט ניט אויס דיין אמונה, האָב ליב דיינע ברידער, גיי צו זיי, וועסט אויפלעבן!...

איז הערשל אומרואיק געוואָרן, האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען און די ציגיינער זיינען צודרינגלעך געוואָרן: אָדער ער שמדט זיך און האָט חתונה מיט דעם ציגיינער־מיידל אָדער זיי וועלן אים דערשטעכן!... און ער האָט מורא באַקומען פאַר די הייס־בלוטיקע און נקמה־נעמענדיקע ציגיינער, האָט ער זיי צוגעזאָגט אוועקצוגיין פונעם אידישן גלויבן און ווערן אינגאַנצן אַ זייעריקער... ביז זיי האָבן אים אויפגעהערט היטן און זיך גענומען גרייטן צו דער שימחה, צום שמד און צו דער חתונה. און אין אַ באַנאַכט, ווען אַלע אין לאַגער זיינען געשלאָפן, האָט ער זיך פון דאָרט אַרויסגעקראָגן און, אַ באָרוועסער, אין אַן אַלטן צעריסענעם בגד, איז ער שאָען לאַנג געלאָפן צופוס ביז ער איז אָנגעקומען קיין בריטשאַן...

אַ חוץ זיין לעבנס־געשיכטע, דערציילט אויך הערשל שיינע מעשות, פון גוטע אידן, פון שדים און פון קייסאָרים, פון אַ בן־מלך און בת־מלכה און פון די ציגיינערישע קונצשטיק, פון זייער קישעפמאַכעריי און געוואַגטקייט. דערציילט ער וועגן די ציגיינער, טויכט אויף אַף זיין פּנים און אין זיינע הייסע אויגן אַ ליכטיקע, שפּרודלדיקע פרייד. פון יעדן

וואָרט זיינעם, פון אַלע זיינע איברים רייסט זיך דעמאָלט אַ ווילדע בענק־שאַפט צו דעם אומגעצוימטן זאָרגלאָזן ציגיינערישן וואַנדער־לעבן.

הערשל עסט מיט אונדז בײַ דער מומע עטי און איז גליקלעך ווען דער טאַטע זאָגט אים צו מיטצונעמען מיט אונדז קיין יעדינעץ.

איין זאַך נאָר איז מיר ניט געפעלן אין דעם אינגל: זיין איבערגע־טריבענער האָנער. פאַר דעם מינדסטן שפּאַס, וואָס מען מאַכט מיט אים, אָדער ווען מען באַמערקט אים אַ באַגאַנגענעם פעלער, שפּרינגט ער אויף אַ צאָרנדיקער. הערשל קען זידלען און באַליידיקן. איינמאָל איז ער אַף מיר אָנגעפאַלן דערפאַר וואָס איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז ער וואַרפּט אַריין נאַסע סוכאַרעס צווישן די טרוקענע:

— ניט מיט מיר קאָמאַנדעוועט מען!... איך בין פון אַזאַ שיינעם איכעס ווי דו, כאָטשע איך אַרבעט בײַ דיין טאַטן!...

די ווערטער זיינע פאַלן אַף מיר ווי שווערע שטיינער, ווי בייזע קללות. פון ווייטיק און פון בושה, רייד איך צו אים קיין וואָרט ניט. איך מייד אים אויס. ער מיך אויך. אַ פּאָר טעג זיצט ער בײַ דער אַרבעט אַ בייזער, אַ צאָרנדיקער און זינגט איין ציגיינעריש לידל נאָכן אַנדערן. נאָר אינמיטן דערינען, ווען דער כעס איז אים אַפּנים אָפּגעגאַנגען, טוט ער צו מיר אַ זאָג:

— ביזט אַ נאַר, גאָלדע!... מיינסט איך בין דיר אַ שונא? כעס איז עבודה זרה!... אַ מענטש, אַז ער פאַלט אַריין אין דער רציחה, איז ער ניט בײַם קלאָרן זינען!... נאָר דער כעס האַלט ניט אָן אייביק!... אַ סך ערגער זיינען די פאַלשע מענטשן, יענע וואָס שווייגן און באַהאַלטן אויס דעם כעס. ווי טיינע הינט זיינען ·זיי, שטילינקערהייט וועלן זיי דיר אַ בים טון, אַזש ביזן ביין!...

הערשל שטרעקט צו מיר אויס זיינע הענט, די אומרואיקע און שלאַנקע, און דריקט מיר שטאַרק מיינע הענט. פון צופרידנקייט וואָס איך בין אים מוחל און בעט מיך מיט אים איבער, לערנט ער מיך אויס ציילן ביז צען אַף ציגיינעריש: אַדינטשיק, דווינטשיק, טרינטשיק, טשרינ־טשיק, פּיאָדאַם, לאַדאַם, סוקמאָן, טוקמאָן, דעריווויאַנאַ, טאַרקום. און איצט איז ער איבערמענטשלעך גוט און געהאָרכזאַם. די פריינטשאַפט צווישן אונדז צעפלאַקערט זיך ערשט.

נאָר אָט איז הערשל שוין ווידער ברוגז. דער טאַטע מוז אָפּשטעלן דאָס טריקענען די סוכאַרעס, ווייל קיין קונים אַף זיי זיינען נישטאָ. ער דינגט צוויי שוואַרצע אַרבעטער זיי זאָלן באַנאַכט צעוואַרפן דאָס איבער־געבליבענע ברויט אונטער דער ליפּקאַנער בריק און אין די זייטיקע געס־לעך. דאָס ברויט פאַרשפּרייט אַ שווערן פאַרשימלטן און ווערעמדיקן ריח און הערשל גייט אַרום מיט אָנגעשפּיצטע אויערן ווי אַ האָז. איינמאָל רופט ער זיך אָן צו אונדז:

— אייער טאַטע וועט מיך ניט מיטנעמען קיין יעדינעץ... אין גאַס שמועסט מען, אַז קיין אייגענע פרוטה פאַרמאָגט ער ניט, ער האָט ניט

מיט וואָס אויפצומאַכן אייער בעקעריי. נאָר איך וועל סיי ווי קומען קיין יעדינעץ, איך האָב מיך צוגעוואוינט צו אייך... איך וועל דאָרטן טראָגן וואַסער און האַקן האָלץ און וועל אַרויסהעלפן אייער טאַטן, איך האַלט פון אים, אַ גוטער ברודער איז ער...

דער טאַטע קומט אָן אַף די רייד און הערשל טוט אַף אים אַ צערו־דערטן בליק, פול מיט דערוואַרטונג. דער טאַטע רופט זיך אָן:

— קינדער, גענוג געקליבן סוכאַרעס, איך דאַרף זיי וואַרפן אין די רינשטאָקן!

דער טאַטע האָט אַן אומעטיק פּנים. די ווענט, די לעבער אין זיי, די טירן און די צעפּאָרענע פענצטער און די פּיסקעס פון די אָפענע אויוונס, אַלץ לאַכט פון אים, חוזק אָן אויפהער.

מיט אַ ברי אין די אויגן און מיט אַן אומרואיק קול פרעגט הערשל:

— און מיט מיר וואָס וועט זיין, רב הערש?

דער טאַטע האָט אַ פאַרשולדיקט פּנים, אַ פינצטערס, און ער טרייסט דאָס אינגל:

— דו, הערש, וועסט אַריינגיין צו מיין פעטער מאָרדכע, וועסט דאָרט ווערן אַן אַרבעטער און ניט דאַרפן קיינעמס טובות...

ס'אינגל נעמט שפּאַנען איבער דער לאַנגער פוסטער קליִט, כעס און פאַרוואורף פּילט זיך פון זיין יעדן שפּאַן. זיין בויגעוודיקער קערפּער איז אָנגעצויגן ווי מיט טויזנט פרוזשינעס. ער גלייכט זיך אויס אַקעגן טאַטן. פייער שפּריצט פון זיינע קויל־שוואַרצע אויגן:

— אַלע מענטשן זיינען ליגנער! אַ ציגיינער איז קיין מענטש ניט באַ אייך? אַ ציגיינער וועט דעם גוטן ברודער זיינעם אַף הפקר ניט אי־בערלאָזן!...

— הערש, פאַרצייע מיר! אָבער, וואוהין זאָל איך דיך נעמען? ס'וואַסער איז מיר ביז איבערן מויל! פון עפּענען מיין בעקעריי קען איצט קיין רייד ניט זיין!...

דאָס אינגל ענטפערט ניט. אַ צאָרנדיקער, לאָזט ער זיך גיין צו דער טיר.

דער טאַטע פאַרשטעלט אים דעם וועג:

— הערש, וואוהין גייסטו איצט?

— ניט אייער טאַטנס עסק!...

— הערש, קענסט ניט דעם טשאָרנאָפּאָי!... איך בין איצט געבליבן אַ קבצן אַף דריקעס, קיין בחור בין איך ניט... הערש, פאַרצייע מיר!...

דאָס אינגל שפּיזט דורך דעם טאַטן מיט זיינע קלוגע אויגן און פרעגט שטיל:

— און אַז די פּרנסה אייערע וועט זיך פאַרבעסערן, וועט איר מיך אינזינען האָבן? גיט מיר אייער וואָרט!

אפילו ווען איך גיב דיר ניט מיין וואָרט, ביזטו סיי ווי אינגיכן באַ מיר. סיידן חלילה אַ מיכשול... טשאָרנאָפּוי איז נאָך ניט געפּייגערט...

הערשל נעמט באַם טאַטן דאָס געהאַלט, ציט אַף זיך אַרויף ס׳שמאָלע אָפּגעריבענע רעקל און גייט אַוועק אַ שטילער, אַ צערודערטער. אַ שטיל קינדיש געוויין ווייעט אַרום אים, כאַטשע ס׳צעפלאַמטע פּנים זיינס און זיינע טיפע אויגן וואַרפן אונדז צו אַזוי פיל צעצווייגענע שמייכעלעך...

צום לעצטן מאָל זעען מיר אים אָפן צווייטן טאָג באַם אַהיימפאָרן.

אַ גרויער צערונענער נעפּל שוועבט איבער די געסלעך, אָנגענומען מיט ריחות פון זומערדיקן רעגן, מיט פייכטער שטרוי און מיט דעם רויך פון די קוזניעס. קופּעס שטרוי ליגן באַם וועג, ווי אָפּגעשאָטן מיט קליינע זילבערנע טרערעלעך. זיי שמייכלען אָקעגן אַ שמאָלן פּאַס זון, וואָס שניידט דורך די אָנגערוקטע נעפּלען און שפּילט זיך אַף די אויסגעדאַרטע רוקנס פון די פערדלעך און אָפן פּנים פון אונדזער באַלעגאָלע.

אידן און ווייבער, וואָס שלעפּן פאַר די הערנער זייערע ציגן אין דער טשערעדע, שטעקן אַריין זייערע פאַרשלאָפענע פּנימער אינעם פאַיעטאָן, וואו מיר פאָרן, און גאַניצן פויל.

באַ דער יעדיניצער בריק הערט זיך ס׳קלאַפּן פון קאָוואַדלעס. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט רויך, מיט אימפּעט און מיט געזאַנג, מיט דער פרייד פונעם נייעם טאָג. די ברייטע הילצערנע טיר פונעם פעטער לייבס שטוב און די לאָדנס שטייען נאָך פאַרמאַכטע, זיי קוקן דאַכט זיך נאָך אונדזער פאַיעטאָן מיט אַ טענה:

— צום פעטער לייב זענט איר ניט געקומען זיך געזעגענען! ס׳איז ניט שיין, ניט מענטשלעך!...

עמיצער שרייט פון צווישן די נעפּלען אַרויס:

— קינדער, איר ווילט זיך ניט געזעגענען מיט מיר? ס׳איז ניט שיין, ניט גוטברודעריש!...

מיט דער לייכטקייט פון אַ הירש, שפּרינגט צו צום פאַיעטאָן הערשל. ער פאָכעט מיטן היטל און שרייט אָפן הויכן קול:

— רב הערש, גאָלדע, ריווקע! פאָרט געזונט! פאַרגעסט ניט אין מיר!...

דער טאַטע קרעכצט ווי אַ געבונדענער. פּוילע ווינטן טראָגן זיך פון די האַרבסטיקע פעלדער, אָנגענומענע מיט מענטשלעכע קרעכצן, מיט שרעק און פאַרלוירנקייט.

די סעדער, די וועלדער, שטייען שטילע, ווי מיט בושה און מיט צער אַרומגערינגלט. מיט באַצערטע פּנימער אַרבעטן פּויערטעס אַרום די שטיבער. זיי פלעכטן שטרויענע ראָגאָזשעס, דעקן די דעכער מיט נייער שטרוי, שמירן אַרום די שטיבער, גרייטן זיך צום ווינטער...

פון הינטער די גרויסע סטויגן מיט היי, קוקן אַפיר קליינע קינדער אַף די פּויערים און זעלנער, וואָס גייען באַם זוים פונעם וואַלד מיט אימה־דיק־פאַרלוירענע שפּאַן. אַ שוויים איז אַף זייערע מידע פּנימער אויס־געגאָסן. שטומע פאַרצווייפלונג און רעזיגנאַציע איז פאַרזייט אַף די אַמאָל באַלעבט געוועזענע און פריילעכע וועגן.

9.

די מאַמע גייט אום אַ שטילע, אַ גלייכגילטיקע. זי דערמאָנט נישט אַ וואָרט וועגן די פּאָדריאַטשיקעס און ניט וועגן דעם גאַנצן דורכפאַל פונעם טאַטנס אונטערנעמונג. יעדן טאָג גייט זי אין מאַרק אַריין, ווי אַלע היימישע באַלעבאָסטעס.

בא די גויים זיינען די אויגן צעשראָקענע. אַ שטום געוויין טראָגט זיך פון די יונגע מאַמעס און זייערע קינדער און פון די אַלטע מאַמעס און עקשנים טאַטעס, וואָס זיצן אָפּ שאָען לאַנג בא דער פּאָטשט און פּאַרלויפן דעם וועג דעם בריוועטרעגער און קוקן אים שטום אין די אויגן...

די פּויערטעס האָבן באַקומען פאַרשטשימעטע מיילער און סוחרישן חוש, הייסן זיך צאָלן טייער פאַר סחורה. גיט מען זיי ניט די פּרייז, פירן זיי די סחורה צוריק אין די דערפער. נייע סוחרים זיינען אויפגעקומען, שפּעקולאַנטן, וואָס טרעפן צו זיי אַהיים און צאָלן זיי אַ בעסערן מקח ווי אין שטאָט אָפן מאַרק.

בא איציק זעלמאַן אין שטוב שמועסן די מעקלער פון אַ גרויסן יאַקרעס, פון אַ הונגער. נאָר מיין מאַמע גרייט גאָרניט אָן אָפן ווינטער. זי היט זיך אויס פונעם טומל, פון די מאַרק־ווייבער און פון די באַלע־באָסטעס, וואָס פּרוּוון איר נאַרייען מציאות.

איך טראָג איר נאָך ס'קוישל אין מאַרק אַריין און הער ווי די ווייבער שושקען זיך, ריידן אַריין אין די געגנדזענע הינטנס אָדער אין דער טאָרבע מיט ציבעלעס:

די מויד טראָגט איר שוין נאָך דעם קויש און ניט די דינסט... אַ פּייג האָט זי...

— נישקשה, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטע, — מיר פאַרמאָגן נאָך ניט איר מיסט... דער רוח נעמט אים נאָך ניט, דעם טשאַרנאָפּאַי... אַ קליי־ניקייט, אַ מענטש ראַבעוועט אָפּ ס'גאַנצע פאַרמעגן בא די טערקן, נע־בעך...

— פון בריטשאַן — וואַרפט אַריין אַ דריטע — האָט ער אַהיימגע־בראַכט אַ ממון קורח...

— זי שיינט ווי אַ פּריצה... ווי די מנורה!...

— ווייסעך וואָס, ווער ס'האָט קיין שענערס ניט געזען!...

מיר געפעלט ווי די מאַמע האַלט זיך אין מאַרק, מאַכט זיך ווי זי באַמערקט ניט די לאַקרעץ־זיסע שמייכעלעך פון די ווייבער און זייער קינאה־שינאה, היט זיך מען זאָל ניט זען וואָס זי קויפט, כאַטש זיי שנאַפּן אַרום דעם קוישל און ווילן אַריינקוקן. די מאַמע גייט דעריבער גערנער איינקויפן לעבן קלויסטער, דאָרט טרעפט זי ווייניקער באַקאַנטע ווייבער.

דעריבער אויך האָט די מאַמע געקויפט אַ ניי קוישל, אַ הויכס, גע־פלאָכטן פון רויטע און גרינע ריטלעך און צוויי שמאָלע דעקלעך, וואָס פאַרשליסן זיך מיט אַ געל שלעסל, ווי פון גאָלד... אויך אונדזער שכנה

סאָרקע, דער נייער נעגידיסטע, געפעלט דער מאַמעס ניי קוישל און קוקט אַף די צוגעשלאָסענע דעקלעך... ביז די מאַמע דרייט זיך אַוועק פון איר מיט דעם פאַרשלאָסענעם קוישל און טראָגט עם אַוועק אין קיך אַריין. דאָרט וויינט זי איבערן קוישל, ווי איבער אַ קראַנקן קינד. נאָר אינדרויסן זעט מען אַף איר ניט אַרויס אונדזער דלות, אונדזער אָרימקייט. די פענצטער זיינען נאָך פאַרהאָנגען מיט ווייסע פירהענגלעך, די פאָלן זיינען געוועקסלט און פאַרשפּרייט מיט טעפּיכער.

הונגעריק זיינען מיר, פונדעסטוועגן, ניט. מיר עסן מאַמעליגע, מעניסקעלעך און קיסעליצע. און זכאַריע קוועלט גאָר אָן פון די קאַבצאָנישע מאַכאָלים:

— ראַצע, טעם גן־עדן האָט ס׳עסן... פאַרן מלכות מעג מען עס ברענגען!...

אין שטוב הער איך, אַז די בעקעריי איז נישטאָ פאַר וועמען צו עפענען. אין שטעטל פילט זיך שוין דער הונגער. מעל איז טייער. אָרימעלייט עסן מאַמעליגע און מאַלייעס און די רייכע באַקן אַליין...

דער טאַטע לויפט צו זיינע אַמאָליקע קונים, די סוויוועניקעס, בעט באַ זיי אַ פּאָר קערבלעך אַפּן חוב, ער וויל זיך אויפמאַכן אַ „טשיינע" שותפות מיט זכאַריען... מען קען איצט האָבן דערפון פּרנסה, דורכן שטעטל גייען זעלנער, פויערים טראַנשייען־גרעבער, מען קען ביי זיי לייזן פאַר פּאַפּיראָסן, פאָר פּרוכטן, פאַר טיי... נאָר קומען קומט ער אהיים אַ שטילער און אַ באַזאָרגטער און קלאָגט זיך פאַר דער מאַמען:

— ווייב מיינס, אידן זיינען מענטשן, מענטשן זיינען מענטשן, ס׳איז ניט סדום... אַ טאַטן פון זעקס קינדער, אַ גוטן ברודער, וועט קיינער ניט לאָזן פאַלן!... נאָר אַז אַף יענעם איז אַ נויט, מוז איך דאָס פאַרשטיין... די מילחמה האָט זיי פאַראָרימט, וואו זאָלן זיי נעמען מיר אָפּצוגעבן די חובות?...

אין שטוב באַ אונדז איז מען שטאַרק צערודערט. און ווי זאָל מען ניט זיין צערודערט, אַז זכאַריע איז פּלוצים קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך פאַרשטאָכן די פּיאַטע פונעם רעכטן פוס מיט אַ פאַרזשאַווערטן צוואָק.

זכאַריע ליגט אינעם צימער פון דער בעקעריי. מיך פאַרדריסט דאָס שטאַרק. די מאַמע און דער טאַטע זיצן לעבן אים גאַנצע טעג, לייגן אים קאַלטע קאָמפּרעסן צו דער קראַנקער פּיאַטע. דער גאַנצער פוס איז אים שוין פאַרשוואָלן. זכאַריע האָט אַ בלייך פּנים און שטילע פאַרגאָסענע אויגן. אַ שטילקייט שטייט אין צימער, אַ בייזע אויסגעהוילטקייט.

אויסגעהוילט ווערט באַ מיר אין האַרצן ווען איך ווער געוואָר, אַז דער טאַטע, די מאַמע, האָבן געדונגען אַ אידן, פון די קברנים, ער זאָל אין די נעכט זיין מיט זכאַריען און איב לייגן די קאַלטע קאָמפּרעסן. איך, וואָלט זכאַריען מיין געלעגער אַוועקגעגעבן, איך וואָלט לעבן אים גאַנצע

נעכט געזעסן... איז ער דען ניט אונדזער קינד? ווי שטאַרק מיר האָבן בסדר געבענקט נאָך אים!

דער טאַטע און די מאַמע ווערן אָן זייער אַ סך באַ מיר אין די אויגן. ניט אַזוי דאַרף מען זיך באַגיין מיט אונדזער זכאַריען!... איך ווער געוואָר, אַז זכאַריע אַליין וויל ניט ליגן אין דער שטוב באַ אונדז, ער וויל אָפּהיטן די בעקעריי, אַלע מאָל פעלט פון דאָרט אַן אַנדער זאַך... איך ווייטיק אָבער און קען ניט מוחל זיין די טאַטע־מאַמע מיינע זייער זינד בנוגע זכאַריען.

די מאַמע קאָכט פאַר אים יאַכלעך פון יונגע הינדלעך און באַקט אים פּוטער־קוכן, נאָר זכאַריע, ווייזט אויס, פילט זיך באַאוולט אָדער ער פילט זיך אַלס איבעריקער עסער באַ אונדז אין שטוב...

באַלד ווי זכאַריע איז געזונט געוואָרן, איז ער אַוועק פון אונדז. ער אַרבעט באַ פישל שמועל קוליסער. די שטוב איז געבליבן אַ ליידיקע, אַ פאַרשעמטע און אַ טרויעריקע. דער טאַטע גייט אום בייז און צערודערט, אין זיין אָנוועזנהייט טאָר מען זכאַריעס נאָמען ניט דערמאָנען.

אויך וועגן דער נויט וואָס וואַקסט באַ אונדז אין שטוב, רעדט מען ניט. אינעם נגידישן קוישעלע ברענגט די מאַמע אַהיים אַ שטיקעלע קישקע און אַ פּאָר ברעקלעך פלייש אָף אַ באָרשט מיט צוויי פונט פּאַפּושויע־מעל אָף אַ מאַמעליגע.

די מאַמע שעמט זיך פאַר ניסן דער מומע לייקעס. ער איז געקומען קיין יעדינעץ זוכן אַ שטעלע און האַלט זיך אויף באַ אונדז. ס'פלאַמען דער מאַמע די באַקן פאַר בושה ווען זי גיט אויף צום טיש דעם ראָסל מיט דעם שטיקל קישקע.

ניסענען האָט די גאַנצע מישפּחה שטאַרק ליב, די מאַמע, דער טאַטע... נאָר איצט, ווייס איך, איז די מאַמע אים ניט גערן. זי שעמט זיך מיט איר אָרימקייט.

ניסן איז אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ פרישער פאַרב אָף זיינע מיידלשע באַקן און מיט אַ שטילן שמייכל אָף זיין קליינעם באַחנטן פּנים. איך פּוץ מיך אויס אין ניסנס גרינעם פּידזשאַקל, וואָס האָט אַ ברוין פּוטערן קעלנערל. מיר טוט דעריבער שטאַרק באַנג, ווען פּלוצים באַקומט ער אַ בריוו פון ליפּקאַן, וואו מען שרייבט אים ער זאָל אַהיימקומען.

נאָר אַלציינס, דערפון איז די נויט באַ אונדז אין שטוב און דער הונגער ניט געלינדערט געוואָרן.

דעם טאַטן זע איך איצט זעלטן אין דער היים.

אין אַן אָפּדערנאַכט קומט ער אַהיים פאַרפרי פון גאַס מיט אַ צע־שמייכלט פּנים:

— ווייב מיינס, ווייסט גאָרניט וואָס איך האָב אויפגעטון!...

— פונוואַנען זאָל איך ווייסן, הערש?

— פיר קערבלעך האָב איך היינט פאַרדינט.

— ווי אזוי? בּאַ וואָס?

אין די אויגן בּאַ מיינע בּיידע עלטערע שוועסטערלעך, אַף דער מאַמעס צערודערט געוואָרענעם פּנים, אַף די שווערע שטיקער מעבּל און אין די טיפע ווינקלען פון דער האַלב טונקעלער זאַל, רייסט זיך אַ נייגיר, אַ שטומע פראַגע.

דער טאַטע טוט אַ לאַך, אַ שמייכלט און אַ בּאַלייִדיקטן:

— וואָס קוקט איר אַזוי דערשראָקן? קיין מענטשן האָבּ איך פאַר דעם געלט ניט געהרגעט. פיר פּאַסאַזשירן האָבּ איך היינט אָפּגעפירט קיין בּריטשאַן. מאַשע שטייט דאָרטן אין קאַמער און עסט, זאָל ער אונדז בּרענגען נוצן!...

די מאַמע בּאַקומט בּרייטע אויגן, אויפגעריסענע און דערשראָקענע. זי בּרעכט זיך די פינגער:

— הערש, גייסט ווערן אַ בּאַלעגאָלע? אַז אָך און ווי איז צו מיר!

דער טאַטע קוקט אַף איר מיט שטוינען און שטאַמלט פאַרבּיטערט:

— אַ בּאַלעגאָלע, ווייבּ מיינס, איז דען קיין מענטש ניט?

— הערש, די שונאים אונדזערע וועלן זיך דערלעבּן אַ נקמה. און פינקל... אַ מיידל צו לייט איז זי!...

דעם טאַטנס פּנים צעקרומט זיך, אַ טיפער ווייטיק שניידט זיך איין אין די טיפע קנייטשן אַרום זיין מויל און אָפּן שטערן. ער שמייכלט איראָניש:

— איז וואָס, ראַצע? דער טאַטע אירער, דער בּאַלעגאָלע, וועט אפשר דעם שידוך צעשטערן? און פאַר וועמעס וועגן גיי איך דאָס טון?

די מאַמע לויפט אַריין אין קיך, פאַרשטופּט זיך צווישן אויוון און קלאָגט:

— גאָט, פאַרוואָס קומט דאָס אונדז? ווינציק גוטס האָבּן מיר געטון מענטשן? צי האָבּן מיר, חלילה, אין דיין ליבּן נאָמען פאַרגעסן ווען אונדז איז גוט געווען? געטרויע מיר נאָך איין מאָל, גיבּ מיר צוריק כאָטש אַ האַלב פון מיין פאַרמעגן! וועל איך דאָס ניט ווערט זיין, וועסטו דאָס ווידער אָפּנעמען!...

אין שטוב בּיי אונדז שיינט ווידער די זון. מען הונגערט שוין ניט בּאַ אונדז. דער טאַטע פירט אַרום פאַרשוינען און פאַרדינט גוט. נאָר די מאַמע בּאַהאַלט זיך אויס פון מענטשן. זי שעמט זיך מיט דעם טאַטנס נייער פּרנסה. זי איז בּאַדאַי מסכּים דער טאַטע זאָל אוועקפאָרן, ווען ער בּאַקומט אַ בּריוו אַזש פון טאַמבּאָוו, וואו די טערקן געפינען זיך. זיי רופן אים אַרויס צו זיך. אַלע איניינעם, שרייבּן זיי, וועלן זיי דאָרט אויפמאַכן אַ גרויסע בּעקעריי...

.10

נאָך יאַנטויווים ווערט מיין טאַטע אויס באַלעגאָלע. ער פּרואווט ס'מזל זיינס ווידער מיט אַ פֿאָדריאַד. דאָס מאָל אין שותּפות מיט יאָסל פּאַניעס און עליע קעסטלמאַן.

אין שטוב באַ אונדז האָט זיך ווידער אַ רודער געטון. עס קומען סוחרים, מעקלער, מען טענהט, מען חשבונט, מען דינגט זיך. מיין טאַטע האָט ווידער באַקומען דעם הייסן שימער אין די אויגן און דעם צולאַ־כעסדיקן שמייכל אַרום די מויל־ווינקלען. די גרויע האַרבסטיקע טעג ווירקן ניט אָפּ אויף טאַטנס געמיט, ער איז פֿול מיט גלויבן אין זיינע כּוחות, מיט ברען און מיט ענטוזיאַזם האָט ער זיך צו דער אַרבעט אַ נעם געטון.

דער טאַטע האָט אָפּגעדונגען פּיליעס בעקעריי. דאָרט וועט מען באַקן דאָס ברויט און טריקענען די סוכאַרעס.

איציק זעלמאַן מיט זיין ווייב קומען אַריין צו אונדז עטלעכע מאָל אין טאָג. זיי פֿאַרבעטן שוין די מאַמע צום קאָרטן־שפּיל. די מאַמע גייט ניט. זי באַקלאָגט זיך פֿאַר די קינדער:

— ווי לאַנג איז דען אַז די אייגענע מענטשן האָבן די שטוב אויס־געמיטן און געשעמט זיך מיט אונדז, מיט די קבצנים!...

דער טאַטע קען גאָרניט דערוואַרטן פֿון דעם שותּפות, אַז קיין צוויי צעבראָכענע גראָשן ליגט ער ניט אַריין... מיר ליגט זיך ניט אָפּ שׂכל, אַז צוויי גבירים זאָלן זיין אַזוי גוט און פֿרום און וועלן רייך מאַכן אַ דריטן.

— האַלעוויי, קינדער מיינע — זאָגט די מאַמע — דער סוף זאָל זיין אַזוי פֿריילעך ווי ס'איז דער אָנהויב!... ס'האַרץ איז מיר ניט גרינג, איך וויל אַפֿילו ניט אַרויסברענגען מיינע בייזע מחשבות אויף די ליפּן!...

איבערהויפּט געפֿעלט ניט דער מאַמען רב עליע קעסטלמאַן. ער איז רייך און האָט אַ גרויסע קלייט פֿון שטוואַרג, פֿון זאַקן און קאַלאָשן. מיר געפֿעלט זיין איידעלע הויט אויפֿן גרויסן לענגלעכן פּנים, זיין ברוינע און זויבערע פּאַטריאַרכאַלע באָרד און זיינע שטילע און פֿרומע ברוינע אויגן. פֿון דעם אידן ווייעט מיט חשיבות, מיט רייכקייט...

רב עליע קעסטלמאַן קומט אַריין ווי אַ פּרעמדער אין דער בעקעריי, בעת דער אַנדערער שותּף, יאָסל פּאַניעס, איז פֿול אין אַלע ווינקעלעך, ווי אַ תּושב, ווי אַן אַלטער ריז אין די טיפֿענישן פֿון וואַלד.

יאָסל איז זייער היימיש מיט מיר און מיט מיין ריווקען. צווישן די ציין ריידנדיק, פֿרעגט ער:

— זשאָגט מיר דעם אמת, טשאָרנאָפּויקעלעך, איר קענט טאַקע אוי־בערקלייבן די שוכאַרעש? איר וועט פֿאַרדינען אַ סך געלט, מיר מוזשן מאַכן טויזנט פּוד...

די אַרבעט גייט גראָד באַ אונדז זייער לאַנגווייליק. דער טרויער קוקט באַ אונדז פֿון יעדן ווינקל און נעמט באַ אונדז אַוועק די פֿרייד פֿון דער

אַרבעט. מיר פילן אַף אונדזערע אייגענע פּלייצעס דאָס צעטראָטענע גליק פון די טערקן.

טונקל איז אַף דעם אויוון, וואו מיר אַרבעטן. מייז לויפן אום צווישן דער קופּע מיט סוכאַרעס. מיך פּאַרדריסט אויך, וואָס קעסטלמאַנס צוויי זינדלעך זיינען דאָ גאַנצע באַלעבאַטים. איך מיט ריווקען האַלטן מיר זיך פאַר די נאָנטסטע אין דער טערקישער בעקעריי, פאַר אייגענע, און די אינגלעך ווילן ניט ליידן וואָס מיר גייען נאָך דעם טאַטן מיט די שותפים ווען זיי גייען אויסקוקן די זייטיקע קעמערלעך און שטיבלעך. ווער נאָך קען דאָרט אַלע ווינקעלעך ווי איך מיט ריווקען!... מיר ווילן ניט ליידן וואָס די צוויי ברידערלעך שאַפן זיך מיט די אַרבעטער, מיטן טאַטן. זיי שטייען לעבן אים בעת ער וועגט איבער ס'האַלץ מיט דעם מעל, זיי קוקן איבער די חשבונות אין די ביכער. זיי טענהן:

— מען דאַרף אַכטונג געבן, רב הערש, מען מוז פירן חשבון!..

שפּעטער באַקומען זיי חן אין אונדזערע אויגן. איך מיט ריווקען באַשליסן מיר חתונה צו האָבן מיט זיי... ביידע זיינען מיר פאַרליבט אין דעם קלענערן אין כאָנען. ער איז פּעסט געבויט, וואוקסיק און שלאַנק. מיר געפעלן זיינע גרויסע טונקל־גרינע אויגן מיט די טיפע רעמלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען און זיין קאָפּ מיט בלאָנדע געקאַרבטע האָר. אַ רירעוודיקער איז ער. אומעטום איז ער פול און ער באַפּעלט און בייזערט זיך אויך אַף זיין עלטערן ברודער, אַף מאָטיען, בייזערט ער זיך:

— תּם, לויף ניט אַזוי, לערנט מען דיך!... קוק ניט קיין בויבעריק!...

דער מאָטיע זעט טאַקע אויס ווי אַ נאַר. ער איז אויך אַ מיאוסער. לאַנג, דאַר און אומגעלומפּערט. זיינע טונקלגרינע קורצזיכטיקע און פּלורטאָוואַטע אויגן, האַלט ער צו דער סטעליע פאַריסן. עס שפּראָצן אים רויטע שפּיציקע הערעלעך אַפן בלייכן פּנים, דעם לאַנגן און באַפּרישטשעטן. מיר האָבן רחמנות אַף אים. נאָר חתונה האָבן ווילן מיר ביידע מיט כאָנען...

דערהערן מיר כאָנען אַריינקומען, ווערן מיר אומרואיק און קענען ניט אַרבעטן ווי געהעריק. מיר קוקן נאָך זיין יעדן שפּאַן און ווען מיר בלייבן ווידער אַליין, שעמען מיר זיך קוקן איינע דער אַנדערער אין די אויגן. מיר מיידן אויך אוים צו שמועסן וועגן כאָנען.

איינמאָל ווען ער האָט אַ קוק געטון אַף אונדז מיט וואַרימקייט, מיט אַ צופרידענעם שמייכל, מחמת די אַרבעט אונדזערע איז אים געפעלן, זאָגט מיר ריווקע מיט שטילע אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— איך וועל חתונה האָבן מיט כאָנען!...

— איך בין די קלענערע, קומט ער מיר!... דו נעם דיר מאָטיען!...

— אָבער איך בין עלטער פון דיר!...

— נעם זשע דיר דעם עלטערן ברודער! — שריי איך מיט צאָרן.

— ער געפעלט מיר ניט!

— מיר אויך ניט!

אזוי אַמפּערן מיר זיך כסדר. כאָנעס אָנוועזנהייט צערודערט אונדז. א רוגז האָט זיך צווישן מיר מיט ריווקען איינגעשטעלט. אָבער ניט אַף לאַנג. די גוטע און געטרייע און ערלעכע ריווקע קען קיין רוגז לאַנג ניט אָנהאַלטן. איינמאָל שטעלט זי אָן אַף מיר אירע מילדע ערלעכע אויגן און שמייכלט פאַרלעגן:

— גאָלדע, איך בין געפאַלן אַף אַ שכל: מיר דאַרפן זיך געבן דאָס וואָרט, אַז ניט איך און ניט דו וועלן חתונה האָבן פאַר כאָנען; מיר וועלן זיך חלילה פיינט באַקומען, ווערן שונאים!... און היינט פינקל, וואו איז! זי איז דאָך די עלצטע שוועסטער! מיר טאָרן זי ניט מבייש שטעלן! זאָל זי אים נעמען, דעם כאָנען!...

ריווקעס אָפּפערוויליקייט, די טרערן וואָס שיינען פון אירע אויגן, די חכמה מיט וועלכער זי רעדט, רירט מיר ס'הארץ. די גאַנצע וועלט וואָלט איך איצט געקענט ליב האָבן און זיך אָפּערן פאַר יעדן איינעם.

— ס'איז אַ זינד, גאָלדעלע, צו פאַרשעמען אַן עלטערע שוועסטער!

— רעדט ווייטער ריווקע. — די ווייבער דערציילן, אַז גאָט ווייזט ווען אַן אַלטע מויד גייט אַף דער חתונה צו אירער אַ יונגערער שוועסטער.

עטלעכע טעג נאָכן שלום מאַכן מיט ריווקען, שעם איך מיך אַלץ קוקן איר אין די אויגן: ריווקע איז אַ בעסערע פון מיר, אַ קלוגערע, אַן ערלעכערע!...

פאַרלוירן דעם אינטערעס צו די צוויי ברידער, פאַרלירן מיר אויך דעם חשק צו אַרבעטן אַכצן שעה אין מעסלעס. דעמאָלט ברענגט אונדז דער טאַטע אַ לערן־אינגל. ער אַרבעט באַם באַקן ס'ברויט און אין די פרייע שאָען העלפט ער אונדז איבערקלייבן די סוכאַרעס.

ער האָט הויכע פּויערישע אַקסלען און אַ גרויס געזונט פּנים מיט אַ פרישער פאַרב אין די באַקן און טונקל־בלויע אויגן, שטילע און נאַרישע ווי בא אַ שאָף. דער טאַטע האָט אים געגעבן אַ צונאָמען: טוטעלע.

איינמאָל ציט ער זיך אויס אַף דער קופּע מיט סוכאַרעס און פּראַכט אַרויס דורך די גראָבע פליישיקע ליפּן:

— אין גאַס זאָגט מען, אַז פיליא כאַפּט זיך אונטער... ווען איך האָב אַ פינפערל, באַוויז איך אייך!...

מיין ריווקע ווערט שטאַרק רויט. מיט צעמישטע בליקן קוקט זי אַף דעם בחור.

— שעם דיך ניט, נאַרעלע, — רעדט ער ווייטער — פאַר פינף קערבלעך קען פיליא זיין מיינע!...

— פאַשאָל וואָן! — שרייט אויס ריווקע. — מעשוגענער טוטעלע!

איך ווייס, אַז פיליא איז אַ גוטע. זי וואוינט אין מאַכמעדס פּריוואַטן קאַבינעט. אין אַ ווינקל פון דער קלייט האַלט זי צו פאַרקויפן טיי מיט ברויט. שוין עטלעכע מאָל, אַז איך טרעף לעבן איר סעוואַסטאָפּולן,

דעם פּריסטעוו. פּיליאַס אויסגעבלייכטע באַקן ווערן קיילכיק און ראָז, ווען ער טוט צו איר אַ וואָרימען שמייכל.

איינמאָל טרעף איך זיי ביידן שמועסן. פּיליאַ ווערט רויט. זי זאָגט מיר אין אידיש:

— גאָלדע, דו ניט זאָג מאַמע, אַז איך רעד מיט גאַספּאַדין סעוואַס־טאָפּול!

זי צעלאַכט זיך דערביי מיט אַ זאַנפטער פאַרשייטקייט, ווייזנדיק צוויי שורות ווייסע ציין, גרויסע און גלייכע.

קען זיין, טראַכט איך, טוטעלע זעט זי ריידן מיט דעם פּריסטעוו, רעדט ער דערפאַר מיט אַזאַ זיכערקייט:

— איך שווער אייך באַ וואָס איר ווילט...

ריווקע קריגט זיך מיט אים דערפאַר און איך אויך. נאָר ער לאַכט.

פּלוצים גיט ריווקע אַ זאָג:

— טאָמער רעדסטו נאָך איין וואָרט וועגן פּיליען, וועל איך דיר אָפּטון אַ כישוף, וועסטו ווערן דאָס וואָס מיין האַרץ וועט גלוסטן!...

טוטעלע ווערט בלייך. זיינע גרויסע נאַרישע אויגן עסן זיך איין אין ריווקעס פּנים. ער פּראַכט אַרויס צווישן די צונויפגעשנירעוועטע הויכע ליפּן:

— איר זענט קישעפּמאַכערנס?

— יאָ! — האַקט אָפּ ריווקע.

— באַווייזט מיר אַ קונץ, גיב איך אייך דרייסיק קאָפּיקעס!...

— ברענג אַ פּעשל קאָרטן, וועסטו אַלץ געוואָוירע ווערן!

ריווקע קוקט אַריין אין די אויסגעלייגטע קאָרטן און רעדט זייער שטיל און ערנסט:

— דו האָסט צוויי שוועסטער. איינע רופט מען סימע כייע, די אַנ־דערע — ביילע. זיי דינען אין רייכע הייזער. דיינע שוועסטער האָבן שוין געהאַט קינדערלעך, וואָס זיינען געשטאָרבן. קיינער ווייסט ניט ווער ס'איז דער טאַטע פון די קינדער און דיינע שוועסטער האָבן נאָך ניט חתונה געהאַט...

טוטעלע באַקומט קיילכיקע דערשראָקענע אויגן. ער רופט זיך אָן מיט שרעק:

— ריווקע, ביזט אַ קישעפּמאַכערן! נאָך איין קונץ ווייז מיר, וועל איך דיר באַצאָלן!

— גיי אַרויס אין ליק, — זאָגט צו אים מיין ריווקע, — וועסטו עפּעס זען אינעם פענצטערל פונעם אָפן אויוון...

איך בין איבעראַשט פון מיין ריווקעס איינפאַל און פרעג זי צי אין די קאָרטן זאָגט זיך דאָס אַלץ וואָס זי האָט נאָר וואָס געזאָגט דעם טו־טעלע. זי ענטפערט מיט אַ שטיל צעשמייכלט פּנים:

— פון זכאַריען, פון שעפּסעלען האָב איך דאָס געהערט, שרעק איך אים איבער, דעם תם... צוליב אַ גוטער זאַך, מעג מען זאָגן אַ ליגן...

ריווקע שטופּט מיך אַריין מיט דעם זייט מיר מוחל אינעם פענצטערל און באַפעלט מיר:

— טו דאָס גאָלדעלע פאַר פּיליעס וועגן!...

טוטעלע קומט צוריק אַ צעפּלאָכטענער, אַ באַרוישטער און קלאַפּט מיט זיינע צוויי שטאַרקע הענט ווי מיט צוויי הילצערנע פּראַלניקעס:

— ריווקע, ביזט אַ קישעפמאַכערן! קומט מיט מיר, קינדער, וועל איך אייך ווייזן וואָס איך האָב געזען!

ריווקע וואָרנט אים מיטן פינגער:

— טאָמער רעדסטו אויס איין שלעכט וואָרט אַף פּיליען, ביזטו פאַרלוירן! איך וועל דיך פאַרקישעפן! דו אַליין וועסט אויספּלאַפּלען פאַר יעדן איינעם וואָס סע האָט זיך געטראָפן מיט דיינע שוועסטער!...

— איך וועל קיין וואָרט וועגן פּיליען ניט דערמאָנען, אַבי דערצייל ניט קיינעם וואָס דו האָסט געזען אין די אָפענע קאָרטן!...

פון דעמאָלט אָן ווערט טוטעלע מיט אונדז שטאַרק חבר. מיר וואַרפן אים קאָרטן און זאָגן אים פאָרויס אַ גליקלעכע צוקונפט. ער העלפט אונדז איבערקלייבן די סוכאַרעס און לויבט אונדזער קישעפמאַכעריי.

נאָר דער טאַטע וויל דאָס ניט ליידן און ער זאָגט אים אָפּ.

דעם טאַטן זעט מען ווינציק אין דער בעקעריי. טעג גאַנצע בין איך מיט ריווקען אַליין. אַ סך מאָל ווערן מיר אַנטשלאָפן צווישן די הייסע סוכאַרעס. מיר כאַפּן זיך אויף ערשט ווען די מייז נעמען לויפן איבער אונדז, שלעפנדיק אין די לעכער שטיקער דאַר ברויט.

איינמאָל וועקן אונדז אויף די מייז און מיר האָבן מורא פונעם אויוון אַראָפּצוגיין. ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט און דער טאַטע איז נאָך אַלץ ניטאָ. אין דער בעקעריי איז פינצטער. דאָס קנייטל פונעם דרייער לעמפּל, וואָס שטייט אַפּן קוימען, טוקט זיך, צאַנקט. אַ בלייכע שרעק וויברירט אַרום דעם גלעזל. מיט שרעק קלאַפּן די האַרבסט־ווינטן אין די פענצטער. זיי דערציילן ווי מענטשן פוילן אין די „אָקאָפּעס", ווי זיי האַרגענען זיך, ווי זיי פאַלן, געטראָפן פון קוילן אַף די שלאַכטפעלדער... דאָס וואָיען זיי בייז, צוזאַמען מיט דער מילחמה אַראָפּגעשיקטע אַף דער וועלט, אָדער זיי וויינען אַף דעם אומגליק... זיי דערציילן אונדז אויך, אַז ערגעץ זיינען פאַראַן קינדער, וואָס שפּילן זיך מיט ליאַלקעס און דאַרפן ניט זיצן טאָג ווי נאַכט און קלייבן סוכאַרעס און טראָגן אַף זיך דעם יאָך פון אַרבעט...

ריווקע שאַרט זיך צו צו מיר אין הוילער שרעק, קוקט מיר אַריין אין פאַרשלאָפענעם פּנים און רעדט צו מיר איבערצייגנדיק:

— האָב ניט מורא, גאָלדע, דער טאַטע וועט באַלד קומען, וועט ער אונדז אַהיימנעמען. אַף אונדזערע געלעגערס וועלן מיר זיך אויסשלאָפן ווי די מענטשן!...

— אין דער היים, ריווקע, קען איך שוין ניט שלאָפן... דאָ, אַף די סוכאַרעס, וואָלט איך יאָ געשלאָפן, האָב איך מורא פאַר די מייז...

— אַ מענטש, גאָלדע, קען מיט זיך מאַכן וואָס ער וויל!... וועסט דיר איינריידן, אַז דו קענסט שלאָפן, וועסטו שלאָפן! פרעג דעם טאַטן, דער מאַמען, וועסטו הערן!...

— פאַרוואָס זשע, ריווקע, ווייל איך מיר איינריידן, אַז איך האָב ניט מורא צו בלייבן אַליין אין דער בעקערייַ און האָב דווקא מורא?... דו האָסט ניט מורא?...

— איך, ניין!

— וואָס וואָלסטו געטון, ווען איך מאַך איצט אָן אַ גוואַלד?...

— וואָס הייסט, וואָס? איך וועל אויך שרייען! דער טאַטע וועט אָבער זיין בייז, ער וועט אונדז אָנרופן פחדנים, שלימאַזאַלים!...

— מיר דאַכט זיך אויס, אַז מאַכמעד גייט דאָ אַרום אַפן אויוון־האַטויע.

— זאָג דאָס ניט, גאָלדע, מאַכמעד איז געווען אַ הייליקער, זיין נשמה איז אין גן־עדן... גאָט האָט ליב אַזוינע גוטע און ערלעכע נשמות ווי זיינע...

— מאַכמעד איז דען געווען אַ איד?

— ער איז נאָך לייטישער געווען פון אַ שלעכטן אידן! ער איז גע־ווען געמלט... מאַכמעד האָט אַ סך צדקה געגעבן. ער האָט ליב געהאַט די אָרימע און די גערעכטע. דערפאַר האָט אים גאָט געגעבן דעם גן־עדן...

אין דער היים אַפן זויבערן געלעגער, קען איך ווידער ניט רוען. קודם טוען מיר ווי די ביינער פון וואַלגערן זיך שאָען לאַנג צווישן די סוכאַרעס און אויך ווייל עס טראָגן זיך שטילע זיפצן פונעם שלאָפצימער אַרויס. אין שטוב איז מען שטאַרק באַזאָרגט וואָס אַף די סוכאַרעס גע־פינען זיך ניט קיין קונים...

דעם אַנדערן אינדערפרי טרעף איך אין קליט דעם טאַטנס שותפים און אויך כאַנען מיט מאָטיען. אַ גליווערדיקע אומצופרידנקייט שטייט אין קליט. עליע קעסטלמאַן קוקט אין די אָפענע ביכער. מיט אַ שטיל קול רופט ער זיך אָן:

— הערשס חשבון איז ריכטיקער ווי דער, וואָס מיינע קינדער האָבן מיר צונעשטעלט. לויט הערשס חשבון דאַרפן מיר אויסצאָלן מיט פער־ציק קערבלעך ווינציקער.

יאָסל פאַניעס שמייכלט. אַ זון באַלויכט די קלוגע ברייטע קנייטשן אַף זיין שטערן:

— ווילט איר נאמנות, רב עליע, ווילט איר אַ וואָרטסמאַן, זוכט דאָס באַ דעם טשאָרנאָפּאָיען, באַ די פון זיינס גלייכן...

— באַ אָט־אָ־דעם־אָ?!

— יאָ, באַ הערשעלען, באַ דעם בעקערוק!... בייער אין מויל נעם איך פאַר אים!...

דער טאַטע ברענגט אַרויס די לײדיקע זעק פון דער בעקערײ און גיט זײ איבער כּאַנען מיט מאַטיען. זײ טראָגן אַרויס די זעק און קומען מער ניט צוריק. אויך די שותּפים גײען אַוועק. דער טאַטע שמײכלט איראָניש. ער ווענדט זיך צו מיר מיט ריווקען:

— די שותּפים מײנע זײנען געבליבן באַ אַ פּולן מאַגאַזין מיט סוכאַרעס... באַ וואָס, קינדער מײנע, איז געבליבן אײער טאַטע?... פון שלעכטס און פון צרות זאָל איך אַזוי װיסן!...

די בעקערײ האָט פיליאַ פאַרדונגען צו אַ צװײטן אידן און דער טאַטע ענדיקט אַרויס די סוכאַרעס טריקענען אין אונדזער אײגענער בעקערײ. אַ קונציקן אױוון האָט דער טאַטע געמאַכט. אין כּאָל, לעבן דער וואַנט פון דער קלײט, האָט ער געמאַכט אַ טיפן גרוב, אים אױסגעפלאַסטערט און געמאַכט דרײ ברײטע טרעפּ אַף אַראָפּצוגײן. אין דער וואַנט האָט ער געמאַכט אַ לאַנגן לאָך, אַזאַ הרובע, וואו ס'עם ברענט אַ גרויס פײער. אין דער הרובע ציט ער אַרײן פיר גרויסע רערן און זײערע פּיסקעס קומען אַרויס אין צימער, באַ דער ערד. צו די רערן שטעלט דער טאַטע צו אַנדערע, וואָס װיקלען זיך איבערן גאַנצן כּאָל אַזוי װי געדרײטע שלענג. עס בלײבן נאָר אַ פּאָר סטעזשקעס אַף דורכצוגײן. ער פאַרקלאַפּט דאָס פענצטער וואָס גײט אַרויס אין דער ליק און די טיר, וואָס פירט אין דער בעקערײ און פאַרשטופּט די שפּאַרונעס מיט נאַסע זעק. אין די ווענט קלאַפּט ער אַרײן הונדערטער צוועקעס און הענגט אַף זײ אָן גרויסע רײפטן ברויט. אויך אַף די רערן שטעלט דער טאַטע אַרויף אַ סך בעקערישע בעקנס און פּילט זײ אָן מיט צעשניטן ברויט.

אידן און ווײבער פון דער גאַס קומען צו לויפן אָנקוקן דעם טאַטנס קלוגן אײנפאַל, דעם קונציקן אױוון, וואָס וועט אים אײנשפּאָרן סײ האָלץ און סײ אַרבעט. מיט אַ בחורישער צעפלאַמטקײט אַפן אַלט־געוואָרענעם פּנים, זיצט דער טאַטע אין גרוב און הײצט דעם אױוון. ס'פײער פלאַקערט, זינגט. מיט זינגענדיקע שפּאַן לויפט דער טאַטע פּרוּוון די היץ אין צימער. ער שטופּט אַרײן אַ האַנט אין אַ שמאָלער עפענונג און כאַפּט זי אַרויס אַ רויטע, אַ נאַסע, מיט שוויים באַגאָסן.

אויך איך און ריווקע ווערן מיר באַגאָסן מיט שוויים באַם קלײבן די סוכאַרעס. אַף דער ערד צווישן די רערן זיצן מיר און מיר בריען זיך אָפּ, סײ אין די בעקנס און סײ אין די רערן. ריווקעס פּנים ווערט מיד, אַלט און באַזאָרגט. גרויסע טראָפּנס שוויים שטײען דערויף. די טרוקענע סוכאַרעס פאַלן אַראָפּ פון די צוועקעס, וואָס אַף די ווענט. זײ קלינגען װי די טשערעפּעס. ריווקע בעט מיך אַלץ:

— גײ אַרויס פונדאַנען, גאָלדע, קלײנע קינדער קענען כאַלעשן פון אַזאַ היץ!

ריווקעס געטרײשאַפט צענעמט מיך אינגאַנצן. ניט נאָר וואָלט איך איצט געוואָלט מאַכן אַלײן די גאַנצע אַרבעט, נאָר איך וואָלט מיך אויס־

געצווינגן אַף די הייסע בלעכן און זיך פאַרסאַרפעט לעבעדיקערהייט, ווען איך קען דערמיט גוטס טון מיין ריוועקן...

אַ סך מאָל קומט די מאַמע. זי נעמט אַראָפּ די סוכאַרעס פון די צוועקעס און זיפצט דערביי טיף און באַהאַרצט. מערסטנס קומט זי אַהער אָנגעאָדעווען אונדזער פערדל מאַשע. אַן אַרומגענומענער מיט ווינט, מיט צער און מיט עלנט, שטייט ער אין דער אַלטער צעבראָכענער קאַמער. ער הירזשעט וויינענדיק און לעקט דער מאַמעס הענט בשעת זי אַדעוועט אים אָן. די מאַמע קוקט אים אין די אויגן און רעדט דורך טרערן:

— שיינע צייטן האָסטו באַ מיר דערלעבט, מאַשעלע!... קיין גוטן סוף זאָלן ניט האָבן יענע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעטראַכט מילחמות אַף דער וועלט!...

מאַשע ציט אויס דעם לאַנגן האַלדז און גלעט מיט אים דער מאַמעס באַקן. ער ציטערט אויף און מרוקעט, ווי ער וואָלט געוויינט פאַר איר:

— איך קען ניט זיין אַליין, עלנט און פאַרשעמט!... פאַרלאָז מיך נישט!...

די מאַמע גלעט זיינע ווילד אויפגעשטעלטע אויערן, פלעכט אים איין סטענגעס אין דער שיינער צעקעמטער גריווע און זיפצט שטיל, האַרצרייסנדיק:

— וויין ניט, מאַשעלע, איך וועל דיך ניט פאַרקויפן, חכם מיינער, שטיק גאָלד!...

אַף מאַשעס עלנט זיפצט נאָך איין מענטש, אויך אַן עלנטער, אַן איינזאַמער. דאָס איז יעפים. שוין עטלעכע נעכט אַז ער שלאָפט באַ אונדז אין קלייט. ער איז אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט צוויי שמאָלע אַקסלען, שפּיציקע און מיט אַ ברייטן שרונט אַפן קאָפּ. אַף מיר מיט ריוועקן קוקט דער פויער מיט וואַרימקייט. אַ פרייד זיצט אין זיינע קליינע שוואַרצע אויגן.

פאַראַן טעג וואָס מיר זעען אים ניט. יעפים, ווייסן מיר, אַרבעט דעמאָלט באַ די פּרעמיסלאָווס אין דער אייל־פאַבריק. ער קומט בלויז נעכטיקן. אַף דער פאַרקויף־באַנק אָדער אין גרוב לעבן דעם אייוועלע, בעט ער זיך אויס אַ געלעגער.

די טעג וואָס ער אַרבעט ניט, גיט זיך יעפים אָפּ מיט מאַשען. ער קעמט אים אויס די גריווע, וואַשט אים אָפּ מיט זייף און מיט וואַרים וואַסער, פירט אים צו אַ בעקערייַ זיך אָנטרינקען מיט הייסער ראָפּע.

מאַשע, דער עקשן, דער גרויסהאַלטער, וואָס האָט פיינט אַ פרעמדע האַנט אַף זיך, האָט זיך צו יעפימען צוגעלאָזט. ביידע עלנטע, ביידע פון לעבן אַרויסגעשטויסן, האָבן זיך ליב, פאַרשטייען זיך.

מיר מיט ריוועקן ברענגט יעפים טרוקענע יאַדערס פון דער אייל־פאַבריק. ער מאַכט פאַר אונדז קאָקאָשעס (געפּלאַצטע מאַיס) און בראָט פאַר אונדז קאַרטאָפל.

מיר מוזן אָבער זיצן מיט אים אַף אַ טרעפּל אינעם גרוב און קוקן אינעם גרויסן צעפלאַקערטן פייער, אינעם אייוועלע. אַ וואַרימער אומרו טויכט דעמאָלט אויף אין יעפימס אויגן. ער נעמט אונטערברומען אַ שטילן ניגון, וואָס הויבט זיך אַלץ העכער, מעכטיקער, ווי צעלאָזענע כוואַליעס אַף אַ שטילן טייך...

אַ טיף קול האָט ער, אַ פאַרבענקטס, אָנגעזאַפּט מיט פויערישער ניט דערזאָגטקייט, מיט אומבאַגרעניצטער ברייטקייט און אומעט.

ווערט ער טרויעריק, רעדט ער צו קיינעם קיין וואָרט ניט. ער פּוצט דעמאָלט אויס מאַשען, צעקעמט אים די גריווע, פלעכט אין איר אַריין סטענגעס און ביידע גייען זיי ערגעץ אַוועק, שטילע, ערנסטע און פאַר־טראַכטע...

שפּעט באַנאַכט קומען זיי צוריק. דער טאַטע פרעגט ניט יעפימען וואוהין ער נעמט מאַשען.

איך מיט ריווקען וואַגן אויך ניט צו פרעגן דעם טאַטן וואו ער האָט געפונען דעם יעפימען און פאַרוואָס ער האָט צו אים אַזוי פיל צוטרוי. די מאַמע פרעגט יאָ:

— הערש, נעמסט אַ וויל־פרעמדן מענטשן, אַן אָנגעלאָפענעם פון אויסרייסעניש, געטרויסט אים די בעקעריי, די שטוב... און טאָמער באַ־גנבעט ער דיך? קנאַקניסל וועסטו אים שרייען!

דער טאַטע ענטפערט מיט רוגזה, מיט אַ טיפער באַליידיקונג:

— וואָס וועט ער דאַרט צונעמען? סיידן דעם דלות! אַ מענטש טאָר ניט זען אַף זיך קיין אומצוטרוילעכע אויגן, מען הרגעט אים דערמיט אַוועק, אין אַ שלעכטן וועג שיקט מען אים דערמיט... אַ מענטש האָט זיך ניט וואו אַהינצוטון, טאָ זאָל אים ניט אויספאַלן באַקאָם די גאַסטפריינט־שאַפט דיינע!...

איך מיט ריווקען האַלטן מיר מיטן טאַטן. מיר הענגען זיך אָן אַף יעפימס אַקסלען. מיר קעמען אים אויס די ברייטע שוואַרצע באָרד און פּוצן אים אָפּ די שטיוול. יעפים קנייפּט אונדז אויס די באַקן. ער באַ־שמירט מיט בוימל די אָפּגעבריטע שטיקל לייב אונדזערע און טראָגט אונדז אַף די פּלייצעס. ער פירט אונדז אויך שפּאַצירן רייטנדיק אַף מאַ־שען.

אַלע דריי לאַכן מיר, מיר פרייען זיך און מיר פאַרשטייען זיך אַפן וואונק. ער זיפצט:

— דאָטשקי מאָי דאָטשקי!... טעכטערלעך מיינע!

11.

לייכטע פרעסטלעך באַדעקן שוין די בלאָטע. אַ חותם פון שרעק, פון אומרו, איז אַף יעדנס פּנים אויסגעקריצט. ריווע דער מוידס שטיבל איז מיטאַמאָל ווי איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. אַ הונגער קוקט פון

דאָרט אַרויס. געהויקערטע און באַזאָרגטע גייען אום אָרימע אידן. קיין פּרנסה איז נישטאָ. דער יקרות איז גרויס. מען שטייט אין די רייען אַף צו באַקומען אַביסל צוקער אָדער טיי. מען שטופּט זיך דורך מיט די האַרטע עלנבויגנס. ווער עס האָט געדולד צו וואַרטן, קריגט אַ פונט צוקער און ווער ניט — קומט אַהיים אַ בייזער, אַ פאַרביטערטער, מיט טויזנט קללות אַף די וואָס האָבן אויסגעטראַכט די מילחמה, וואָס האָבן אַן אומגליק אַראָפּגעבראַכט אַף יעדינעץ.

אויך מיין מאַמע שעלט דעם קייסער ניקאָלאַי ימח שמו, ראַספּוטינען... איציק זעלמאַן דערציילט, אַז דעם קייסערס ווייב האָט געשעפטן מיט אַ געזונטן גוי, אַ פּשוטן, וואָס הייסט ראַספּוטין און האָט אַ סך ווייבער, אַלע פון דער קייסערלעכער סוויטע... אָט דער ראַספּוטין ברענגט אַלע אומגליקן אַף ראַסיי, אַף דעם קייסער, אַף יעדינעץ...

אין קייסערס הויף טרינקט מען אַ סך און מען הוליעט... די קייסערינע וויל ניט, אַז איר מאַן זאָל זיך זאָרגן פאַרן לאַנד, פאַר די אינוואַלידן, פאַרפירט זי אים מיט זיסע שמייכעלעך, מיט פאַלשע קושן און ראַספּוטין, דער פּשוטער גוי, ער העלפט איר צו אין דעם...

איך בין בייז אַף דעם ראַספּוטינען און אַף דער רוסישער צאַריניע. און ווי אַזוי זאָל איך האָבן אַ גוט האַרץ אַף זיי, אַז אין שטוב הונגערט מען שוין ווידער! דער טאַטע האָט שוין אַרויסגעענדיקט די סוכאַרעס און זיי איינגעפּאַקט אין זעק. ליגן זיי באַ יאָסל פאַניעס אין גרויסן מאַגאַזאַן. קיין קונים איז נישטאָ. גייט דער טאַטע אום גאַנצע טעג. אַהיים קומט ער אַ שטילער, אַן אַראָפּגעזעצטער. מיט אַ טרויעריק קול רעדט ער צו דער מאַמען:

— ס'כאַפּט מיך אָן אַן איבל: די פלאַם־פלעץ שפּרינגען אין דער לופטן... גיב זיי די טויטע סאָלדאַטן, וועלן זיי שפּעקולירן אַף זיי!... וואו האָבן זיי זיך אויסגעלערנט די פאַרדריפּעטע מלאכה, די ניוועזעניקעס!...

ער מיינט דערמיט אונדזער שכן איציק זעלמאַן. דאָרט איז איצט אַ כסדרדיקער שימחת תורה. מען עסט גוט און מען טרינקט. מעקלערס קומען, מען שפּילט אין קאָרטן. די געלעכטערס זייערע דערגייען צו אונדז איבערן פאָדערהויז.

פינקל, די גרויסע שוועסטער — זי איז שוין אַ גרויסע — איז די פאַרדינערן. אַלע וואָך צאָלט מען איר אויס פאַר איר אַרבעט באַ דער שניידעריי. אַלע דאָנערשטיק ברענגט זי אַהיים שכירות און זי דערלאַנגט צניעותדיק און שטיל דער מאַמען דאָס געלט. אַלע טאָג דערוואַרטן מיר דער טאַטע זאָל אַהיימברענגען געלט פון דער גאַס. איך ווייס ניט צי וויל שוין מער דער טאַטע ניט אַרומפאָרן מיט דעם פורל אָדער עס זיינען קיין פּאַסאַזשירן נישטאָ... און מאַשען מוז מען קויפן אָבריק און אונדז ברויט...

איינמאָל שטיי איך מיט דער מאַמען באַם פענצטער אין זאַל. די גאַס שטייט אַ ווייסע, אַ באַדעקטע מיט דעם ערשטן שניי. די הייזער זיינען

מאַרעשכווירעדיק באַזאָרגט. דער מאַמעס פּנים אויך. ווייט און ברייט קוקן אירע אומעטיקע אויגן. פּלוצים רייסט זי זיך אַפּ פונעם אָרט און אַנט־לויפט אין קיך אַריין. איך טו אַ קוק אינדרויסן: דער טאַטע גייט פאַרביי און טראָגט אַ גרויסן זאַק מיט ברויט אַף די פּלייצעס. דער קאָפּ איז אים אויסבויגן אַף פאָרויס. מיר דאַכט זיך ווי דער זאַק מיט ברויט זעצט אים אַראָפּ צו דער ערד. דער טאַטע, וויזט אוים, דערפילט אַף זיך מיינע אויגן, מיין טיפן מיטגעפיל צו אים, פאַרייסט ער דעם קאָפּ און טוט צו מיר אַ שמייכל, אַ פאַרשעמטן און אַ צוזאָגנדיקן. אַ טיפער ווייטיק צע־שטורעמט מיין האַרץ. איך האָב אַזוי טיף דערפילט די נויט, די געפאַלנ־קייט, וואָס די מילחמה האָט געבראַכט אַף אונדזער שטוב.

אַפדערנאַכט, ווען דער טאַטע קומט אַהיים, דערזע איך פּלוצים ווי די קאַמאַשן זיינען אים אויסגעדרייט און איינגעטונקען אין בלאָטע. דאָס פּנים איז באַ אים פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט. מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל רופט ער זיך אָן:

— ווייב מיינס, דער לײדיקגייער דיינער איז ווידער געוואָרן אַ גרוי־סער פאַרדינער! פאַרוואָס פלאַמען דיר די באַקן ווי באַ אַ שניידער־יונג?

עטעלע, די גראָבינקע, מיט די פוכקע הענטלעך, פלאָנטערט זיך אַרום טאַטנס פיס און קוקט צו אים אַרויף ווי צו גאָט:

— פּאַפּע!... בוים!...

די מאַמע האָט אַ דערשטיקט קול, פול מיט באַהערשטע טרערן. זי בעט דעם טאַטן:

— הערש, וואַרף אַוועק דיין נייע פּרנסה!

— ראַצע, גאָט אַליין האָט פיינט אַ קבצן אַ בעל גאווה. איך קען ניט אומלויפן מיטן שטעקעלע אַף דער האַנט און מיטן דאַשעק אַף הינטן פאַר־דרייט!... איך שטעל צו געבעקס די אָרענדאַרעס, מיינע אַלטע קונים. פאַר ווּעמען בין איך חוטא?... ערלעך פאַרדין איך מיר דעם גראָשן!...

— חוטא? גאָט באַהיט! אָבער די שונאים וואָס זאָגן?...

— ווער? די שאַפּענע קעפּ?! די פּחדנים?! צוליב זיי, ווילסטו, זאָלן אונדזערע קינדער אויסגיין פון הונגער?...

די מאַמע שווייגט. די באַנאַכטיקע רו איז אין צער איינגעוועבט.

יעדן טאָג זעט די מאַמע ווי דער טאַטע טראָגט אום קוישן ברויט און בייגל און ווי סאַרקע, אונדזער אויפגעקומענע שכנה, לאַכט אַריין אין איר ווייסן גאַרענעם שאַלכל, וואָס פאַרהילט איר דאָס אונטערשטע טייל פּנים ביז איבער די שמאָלע ליפּן.

די וואָכעדיקע טעג לעבט מען ווי ס'איז דורך. אַף שבת צו מאַכן פאַרדינט ניט דער טאַטע. דאַנערשטיק שטייט אויף דער טאַטע פריער ווי געוויינלעך. איך זע אים לויפן אין דער פּאָטשט־גאַס מיט גרויסע זעק ברויט אָדער בייגל. ער איילט זיך, ווי עמיצער וואָלט אים נאָכגעלאָפן. אַהיים קומט ער אַ מידער, מיט שווערע קנייטשן אַפן שטערן, מיט אַ האַלבן פוד מעל אַף שבתדיקע קוליטשן און מיט עטלעכע זילבערנע מטבעות.

פאַרדינט ניט דער טאַטע, באַרגט ער עטלעכע פונט מעל בא יאָסל פּאַניעס. פאַרנאַכט גיי איך מיט אים באָרגן ס׳מעל בא דעם אַמאָליקן רייכן שותף זיינעם. ווייבער מיט פאַרכווישעכטע פּענימער, קויפן צו פינף פונט ראַזאָווע מעל...

איינמאָל ווען איך שטיי מיטן טאַטן אין קליט, אַרומגענומען פון דעש, פון אַ דינעם מעל־שטויב און פון עטלעכע אָרימע אידענעס, שטילע און געהויקערטע, לויפט אָן מייערל, יאָסל פּאַניעס עלצטער זון. אַ הויכער איז ער, אַ דינער און אַ גלייכער ווי אַ ווירע. זיין ווייס דורכזיכטיק פּנים איז שמאָל און ביינערדיק. פון זיין ווייסן אָנצוג, פון זיינע לאַנגע אומ־רואיקע הענט, פון זיינע טיף־בלויע שעלמישע אויגן, פון זיין גאַנצן נגי־דישן „איך”, ווייעט מיט צעלאַזנקייט, מיט זאָרגלאָזער בחורישקייט, מיט אַ בחורישער חוצפּה טוט ער אַ זאָג:

— ווידעראַמאָל אָן געלט?... הערשקאָ טשאַרנאָפּוי, גרייט שוין צו די פּראָצענטן אויך!...

דער טאַטע ענטפערט אים מיט אַ געמאַכטער פאַריסנקייט:

— ס׳טראָגן דיר ניט די געשעפטן, מייערל? באַצאָל איך דיר ניט ביז צום יאָר, זיינען מיר קוויט!... האָב איך צו דיר קיין טענות ניט... דו צו מיר אויך ניט!...

12.

פרייטיק אַפּדערנאַכט באַם שבתדיקן טיש, זיצט דער טאַטע אַ שטי־לער, מיט אַ שווער געמיט. דער זמירות איז אויך אַ שטילער, אָן דעם שבת־דיקן חן, אָן פאַטאָס. דער מאַמעס פּנים איז שבתדיק פאַרטראַכט. פּלוצים נעמט דער טאַטע זשמורען מיט די אויגן. ער צעעפנט זיי ברייט, פּרוּווט מיט זיי אַרומנעמען די ווייסע פאַרהאַנגען, דעם קרעדענץ, דעם העל ברע־נענדיקן הענגלאָמפּ און רופט זיך אָן:

— איך וואָלט געשוואוירן, אַז די ריאה איז בא מיר קראַנק גע־וואָרן. ס׳שווינדלט מיר פאַר די אויגן. אַלץ אין זאָל איז אין אַ צעמישונג פון טויזנטער קאָלירן...

— הערש, ס׳מוז זיין פון מידקייט אָדער פון שוואַכקייט... דו עסט ווייניק... איך וועל דיר מאַכן אַ פלאַש מיט רויטער כינע, וועסטו באַקו־מען אַ גוטן אַפּעטיט און וועסט ווערן אַ נייער מענטש!...

דער טאַטע טוט אַ פאַרמאַך די אויגן און מאַכט זיי ווידער אויף. ער זאָגט מיט שרעק:

— ראַצע, ווייב מיינס, ס׳איז ניט קיין שפּילכל... ס׳שטייט מיר אַ פינצטערניש פאַר די אויגן... איך ווער בלינד!...

באַם טיש ווערט שטיל. פון די אויגן בא די שוועסטערלעך, פון אַלע ווינקלען, פון דעם מעבל, פון די פענצטער, טראָגט זיך אָן אומבאַשטימטע שרעק, אַ צערודערונג, פול מיט שלעכטע בשורות.

אַ שלעכטע בשורה ברענגט אונדז די מאַמע שבת באַטאָג, ווען זי קומט מיטן טאַטן צוריק פונעם דאָקטער זילבערמאַן. שאַפּל, ווי לעבעדי־קערהייט ארומגעפליקטע פייגל זעען זיי אויס.

דער טאַטע רעדט מיט אַ ווייכקייט אין קול:

— איך האָב דיר געזאָגט, ווייב מיינס, אַז ס׳איז ניט קיין שפּילכל... נאָר פאַרלירן דאַרף מען זיך ניט... טשאַרנאָפּויען וועט נאָך דער רוח ניט נעמען!...

די מאַמע זעט גראָד יאָ אויס פאַרלוירן, באַדנלאָז, זי, וואָס פאַר־לירט זיך ניט אין די שווערסטע מאָמענטן, וואָס נעמט אויף זאַכן מיט איר געזונטן דאָרפישן חוש און ווייסט שטענדיק אַף פאָרויס מיט וואָס דעם טאַטנס „גרויסע געשעפטן" וועלן זיך אויסלאָזן... זי זאָגט צו אונדז:

— קינדער, מאָרגן פאָר איך מיטן טאַטן צום דאָקטער קרייסקי, קיין מאָלעוו... היט מיר דאָ אָפּ די שטוב און פירט אייך אויף לייטיש, אַז ניט וועל איך אייך דערהרגענען...

— ראַצע, דו רעדסט שוין פון פאָרן. און ווי אַזוי וועלן די קינדער אויסקומען אָן אַ גראָשן געלט? וואו נעמט מען אַף דער הוצאה? וואָס טוט מען?...

די מאַמע האָט אַ צעפּלאָמט פּנים. מיט אַ פלאַם אין די אויגן רעדט זי צו אים:

— די קינדער וועלן דאָ פון הונגער ניט שטאַרבן... פאַר אַלע נייטן, פאַרזעץ איך ס׳ביסל זילבער...

אין שטוב שטעלט זיך אָפּ אַ שטילע געדריקטקייט. די שבתדיקע מנוחה ליגט אונטער איר אַ פאַרשעמטע, אַ צעטראָטענע.

מיט אַ פאַרשעמטן בליק אין אירע גרויס געוואָרענע אויגן, גייט אַוועק די מאַמע צו די סוויוועניקעס, צו אונדזערע קונים, בעטן עפּעס אַפן חוב, וואָס זיי קומען דעם טאַטן. זי קומט אהיים מיט אַ זיכערקייט, די סוויוועניקעס האָבן איר צוגעזאָגט, זיי וועלן אויסצאָלן צו ביסלעך, די קינדער וועלן שוין פון הונגער ניט שטאַרבן. דער טאַטע שטוינט:

— ווי איז דאָס מעגלעך, ווייב מיינס! דיך האָבן זיי אַוועקגעלאָזט אָן געלט! דיך! ווי האָט זיך דאָס געהערט, ראַצע, אַ מענטש אין מיינע יאָרן! ס׳קען ניט זיין!

— זילבערמאַן זאָגט ס׳איז פון ערגערניש, פון די אכצן לעבער, וואָס מען האָט דיר געמאַכט אין קאָפּ...

— און אפשר, ווייב מיינס, וועלן מיר צו שמילן אַוועקשרייבן, צום ברודער?

— הערש, ס׳איז ארויסגעוואָרפענע צייט! מאָרגן פאַרקויף איך מאַ־שען און מיר פאָרן...

— מאַ־שען?! און וואָס, ווייב מיינס, וועלן די קינדער זאָגן?...

אַלע זיינען מיר ווי געפּלעפּט. אַ טרויער, אַ געוויין רייסט זיך פון

יעדן באַזונדער. די מאַמע דענקט אַ ווײַלע נאָך און רעדט מיט ישוב הדעת:

— הערש, און אַז אַ טאַטע פון זעקס קינדער וועט בלינד ווערן, וועט זײַן בעסער?... מיר וועלן אים פאַרקויפן צו היימישע מענטשן, וועט מען אים אָפּהיטן. מירן אים קענען זען...

די מאַמע צעעפנט די שאַפע, זי ציילט איבער אירע שטיקלעך צירונג, דאָס זילבער, די טישטוכער מיט די אויסגענייטע האַנטוכער. זי וואָרנט אונדז:

— קינדער, ס'גאַנצע פאַרמעגן, די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, יעדער שטיקעלע באַזונדער לאָז איך איבער אויף אײַערע הענט, אויף אײַער אחריות. אַלץ מוז איך געפינען אַזוי ווי איך האָב דאָס איבערגעלאָזט!... וועט מיר עפּעס פעלן, זענט איר פאַרלוירן!... איר זאָלט דאָ ניט אומגיין צו די שכנים און בײַ קיינעם גאָרניט נעמען, אפילו ניט צום פאַרזוכן!... מען וועט לאַכן פון אײַך, אײַך אָנרופן נעבעכלעך!... אפילו דעם אויבערשטן טאָר מען ניט ווײַזן, אַז מען גיט זיך נאָך דער געפאַלנקייט, אַז מען לעבט פון אַ מענטשנס גענאַד...

צו מיר ווענדט זי זיך מיט שטילע שטראָפנדיקע אויגן און וואָרנט מיך מיטן ווײַזפינגער:

— גאָלדע, דײַן גאָט איז איצט אויפגעשטאַנען!... איך וועל דיך אָבער ניט שאַנעווען!... איך וועל געוואויר ווערן פון דײַנע שײַנע אויפטועכצער... מיך וועסטו ניט נאַרן, געדענק!...

מאָנטיק אינדערפרי גייען מײַנע טאַטע־מאַמע אַרויספירן מאַשען פון דער קאַמער. איך גיי מיט. די גאַס שטייט אין צערונענע נעפלען און אין קאַלטער אומהיימלעכקייט. מאַשע הירזשעט נאָך איידער מען שליסט אויף דאָס הינטער־טירל. מיט אויפגעשטעלטע אויערן, מיט ווילדער פרייד, מיט תערומות און מיט ליבשאַפט לויפט ער אונדז אַקעגן. ער שפּרינגט, זעצט זיך אַראָפּ אויף די הינטערשטע פיס. די מאַמע גלעט אים מיט אָפּגעבאַ־לעשטע הענט איבערן האַלדז, איבער דער גריווע און רעדט צו אים:

— שטיי אויף, מאַשעלע, חכם מײַנער, גוטע נשמה!...

מאַשע שטייט אויף. ער לעקט דער מאַמעס הענט און קוויטשעט, ווי ער וואָלט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

די מאַמע ענטפערט אים טאַקע, בעט אים און מאַשע פאָלגט.

דער ליוועראַנט, אַוורעמעלע קרעפּטשיק, בײַ וועמען דער טאַטע האָט געקויפט מאַשען ווען ער איז אינגאַנצן צוויי שעה אַלט געווען, לויפט אים אַקעגן מיט דער בײַטש אין דער האַנט און נעמט אים אָן פאַר דער גריווע. מאַשעס אויערן ווערן ווילד אויפגעשטעלט, מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ שפּרינגט ער אין דער לופטן. דער ליוועראַנט וואונדערט זיך:

— האָסט אים אויסגעפּאַשעט, הערש, ווי אין פּסוק שטייט! א לייב איז דאָס, ניט קיין פערד!

מאַשע שטייט ווי אַף הייסע קוילן. מענטשן וואָס גייען פאַרביי, וואונדערן זיך:

— פאַר שיינקייט וועגן מעג מען דאָס האַלטן אין אַ אידישער שטוב! ער איז ווערט די מעריינע.

די מאַמע גלעט מאַשעס גריווע און רעדט צו אַוורעמעלע קרעפּטשיק:

— גיט מיר אייער וואָרט, אַז איר וועט אים ניט פאַרקויפן צו קיין פּראָסטן גוי!... מאַשע וועט זיך נישט אויסטויגן צו קיין פעלד־אַרבעט, וועלן אים די גויים שלאָגן...

מאַשע שאַרט דעם האַלדז איבער דער מאַמעס פּנים. אַ דינער ציטער לויפט איבער זיין אויפגעשווידערטער פעל. דער ליוועראַנט וויל אים אָנעמען פאַרן ציימל, טוט אים מאַשע אַ בריקע מיט אַ פוס איבערן בויך און לאָזט אַרויס אַ דינעם שניידיקן קוויטש.

דער איד שעלט אים:

— די פעל זאָל אַף דיר בּרענען, יחסן! וועסט שוין בעסער ווערן!

צוויי קצבים־יונגען, שכנים אונדזערע, קומען צו הילף דעם ליוועראַנט. מאַשע ווערט ווילד, צעיושעט און שפּרינגט אינדערלופטן. די קצבים בּרענען פון כעס, כאַפּן אָן מאַשעס עק, ווילן אים דרייען, ווי מען דרייט דעם עק בּאַ אַן אָקס, וואָס לאָזט זיך ניט פירן צו דער שחיטה. אויך מאַשע לאָזט זיך ניט, ער זעצט זיך אַראָפּ אַף די פיס און רויעט מיטן פיסק די ערד. אַ פּאָרע זעצט פון זיין יעדן אבר. מענטשן זיינען אין כעס אַף מאַשען, זיי מורמלען:

— וואָס לאָזט מען אים קאָמאַנדעווען, דעם יחסן? ער איז דאַכט זיך משוגע געוואָרן... מען דאַרף אים אָפּשינדן דאָ אַפּן אָרט!...

דער טאַטע מיט דער מאַמען קוקן זיך איבער אין שרעק, אין פּיין און אומבּאַהאָלפנקייט. זיי לאָזן זיך אַראָפּ צו מאַשען און גלעטן זיין צעשויבערטע גריווע. די מאַמע רעדט דורך טרערן:

— שטיי אויף, מאַשעלע, מבינים האָסטו אַף דיר!...

מאַשע פאָלגט. אַרומגעכאַפּט פון אַ ציטערניש, שטעלט ער זיך אויף צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. ער קוקט אַרום זיך מיט צוויי ווילדע טיגער־אויגן. אַ גלייכער, אַ גייוועדיקער, טענצלט ער צווישן זיי און לאָזט זיך פירן אַ געהאָרכזאַמער.

דער ליוועראַנט גייט נאָך און רעדט:

— ס'וועט דיר העלפן, מאַשע, דיין גרויסבּאַכערישקייט, ווי ס'העלפט אַ טויטן באַנקעס!...

אַ גוואַלדיקער צאָרן ברויזט אין האַרץ בּאַ מיר צו דעם ליוועראַנט, ווי צו אַלע מענטשן, וואָס פאַרשטייען ניט אונדזער מאַשעס צער...

פאַרשעמטע און עלנטע, ווי די אבילים, קומען אַהיים מיינע טאַטע־

מאַמע. פּיליאַ מיט די קינדער זיינען געקומען זיך געזעגענען. זי פּרואווט זיין פריילעך, וויצלט זיך:

— דו הערשקאָ, ניט קוק אַף שיינע ווייבל, דיר ניט וויי טון די אויגן!...

איציק זעלמאַן האָט אַן ערנסט פּנים, ער רעדט שטיל:

— זייט ניט איבערגעראַשט!... אין ערגסטן פאַל, וועט מען דאַרפן אַן אָפּעראַציע!...

דער מאַמעס פּנים ברענט. מיט געטרייקייט בינדט זי אוים א שיינעם שניפּס באַם טאַטן אַפן האַלדז, דערלאַנגט אים א שבתדיקן אַנצוג און דעם פּאַלטאָ.

שטיל, אַן דעם אמאָליקן רעש, אַן שטרענגע אַנזאָגעכצער, גייען זיי אַוועק צום איינפאָר־הויף.

מיין עלטסטע שוועסטער, פּינקל, איז צו אונדז שטאַרק צוגעלאָזט. מיר זיינען שטאָלץ מיט איר אויפמערקזאַמקייט צו אונדז. מיר טוען אַלץ וואָס זי הייסט אונדז, אַבי איר צו געפעלן.

און ווי זאָלן מיר זי ניט שעצן, אַז זי האָט אונדז אָפּגעזוכט אונדזערע ליאַלקעס, וואָס די מאַמע האָט פאַראיאָרן נאָך צוגענומען בא אונדז און זיי באַהאַלטן, צוזאַמען מיט זייערע בעטלעך, און קישעלעך. זי ברענגט אונדז שיינע שמאַטקעלעך פון דעם שניידער וואו זי אַרבעט און נייט פאַר די ליאַלקעס מאַנטלען און קאַפּעס, קליידער און וועש...

ווען די מאַמע זעט ווי פּינקל האָט געוואונען די מילחמה מיט די וועלף, ווי זי רופט מיך מיט ריווקען! מיר זיינען אונטער איר האַנט געוואָרן ווי די לעמעלעך. איר געדולד, איר איבערגעגעבנקייט, איר אַוועקגעבן אונדז דעם לעצטן ביסן ברויט, דערהויבט זי בא אונדז אין די אויגן, ביז פאַרגעטערונג.

אַף אונדזער פּינקלען זאָגט מען אין גאַס, אַז איר פּאַסט גאָרניט צו זיין א בעקערס א טאָכטער, אַזוי סטאַטעטשנע איז זי. מיר מיט ריווקען פּאַסט עס גראָד. זאָל נאָר דער טאַטע געזונט ווערן, וועלן מיר ווידער קענען געניסן פון דער בעקערישער רחבות און פרייד! דערווייל אָבער הונגערן מיר. דאָס שפּילן זיך מיט די ליאַלקעס, מאַכט אונדז פאַרגעסן אַן עסן, אָבער ניט אַף לאַנג.

די סוויוועניקעס האַלטן ניט קיין וואָרט. זיי ברענגען ניט קיין איין גראָשן אַף די חובות. איין מאָרדכע יויעל האַלט וואָרט. מיט א פאַרזאָרגט פּנים ברענגט ער אונדז אמאָל צוואַנציק קאָפּיקעס און אמאָל דרייסיק.

די קליינע שוועסטערלעך האָבן באַקומען גרויסע אויגן, הונגעריקע, אויסגעוויינטע און פאַרבענקטע. פּינקל האָט א פרום פּנים, א פאַרטראַכטס, מיט א שטילן הונגער אין די אויגן. זי גייט צו דער אַרבעט אַן איבער־

בײַסן און ליגט זיך שלאָפן אָן װעטשערע. איך כאַפּ מיך אַראָפּ אַפן מאַרק. דאָרט געפין איך פּוילע עפּעלעך אָדער קרויט־קאַטשענעס. פינקל טאָר דערפון ניט װיסן. מיט שטומע בליקן נעמט זי אונדז אַרום און רעדט קיין װאָרט ניט פונעם הונגער.

יעפים ברענגט נאָך אַלץ די געפּראַזשעטע יאָדערס פון פּרעמיסלאָװס אייל־פאַבריק. נאָר סיי איך און סיי ריװקע זיינען שױן איבערגעזעטיקט מיט זיי. ס'װערט אונדז ניט גוט פון עסן די יאָדערס אַפן ניכטערן האַרצן. זיי נודיען צום ברעכן...

יענטעלע װיל ניט עסן די יאָדערס. פון כעס שטעכט זי איין די נעגל אין ריװקעס טרוקענער ברוסט און שרייט און װיינט:

— אַמע!...

יענטעלע האָט ליב ריװקען, זי קען אָן איר אַ מינוט ניט זיין, רופט זי „װיקע" אָדער מאַמע.

טו איך אַ קוק אַף ריװקעס אויסגעגרינטן פּנים, דעם אַלט־געװאָרע־נעם און פאַרזאָרגטן, אַף איר נאָכגעבן זיך װען יענטעלע רייסט איר באַ די האָר און בייסט איר אוים שטיקער פלייש אַף די באַקן בשעת דעם קינד מוטשעט דער הונגער, טראַכט איך, אַז ריװקע איז אַ הייליקע, אַזוי װי די הייליקע אמאות שרה, רבקה, רחל און לאה פונעם חומש אָדער װי די יונגע יעדיניצער מילחמה־װייבלעך, װאָס צאַנקען און װאַרטן אַף די מענער... װען איך האָב ניט מורא פאַר גאָט, פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען, גיי איך גנבענען אַ ברויט פאַר ריװקעס װעגן...

אַ סך מאָל קלייב איך אויף שטיקלעך בייגל פון די קוישן, װאָס שטייען פאַר די בעקערישע קלייטן. איך היט מיך שטאַרק, אַז די בע־קערס אָדער זייערע װייבער און קינדער זאָלן מיך ניט באַמערקן: זיי דאַרפן ניט װיסן װאָס באַ אונדז אין שטוב קומט פאָר...

אין גאַס באַ אונדז, װייזט אויס, האַלט מען נאָך מיין טאַטן פאַר אַ נגיד, פאַר אַ... טשאַרנאַפּױ. די שכנים אונדזערע, די אָרימעלייט, װאָס טראָגן כסדר אַ פאַרדרוס אַף די נגידים, מיידן אונדז אויס.

מיר, װידער, מיידן אויס אונדזערע רייכע שכנים. װייסט טאַקע דעריבער קיינער ניט, אַז מיר הונגערן. און מיר זיינען עלנט, איינזאַם און פאַרשטויסן פון מענטשן.

אונטערן האַרץ באַ מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מאָדנע אויסגע־הוילטקייט. מיר דאַכט זיך דאָרט האָט זיך אַריינגעכאַפּט די האַרבסטיקע קעלט און דרעמלט דאָרט.

אַמאָל קומט צו אונדז דער מאַמעס אַן אַלטע קרובה, די מומע פייגע, מיט אַ גרויסן ביינערדיקן פּנים און מיט קליינע בראָדעװוקעלעך אַף די בלויע אויגן־דעקלעך. זי דערציילט אונדז מעשות פון שדים, פון חתן־כּלה, װאָס זיינען פאַרשלעפּט געװאָרן אין דער נאַכט פון זייער חופּה, פון בעניימעלאָכים, פון ציגיינער... אַ שרעק װאַרפט זי אָן אַף אונדז.

עס קומט אויך איר טאָכטער טויבע, װאָס מיר רופן זי אויך מומע.

מיין מאַמע האָט זיי ביידן ניט ליב. זיי זיינען כסדר צווישן זיך ברוגז. די מאַמע בעט זיך מיט איר איבער ווען באַ איר שטאַרבט אַ קינד אָדער ווען זי מאַכט אַ ברית... צי גאָר ווען איר מאַן, קאַלמען־מייער דער קברן, קומט לייען באַם טאַטן צען קערבלעך אַף צו קויפן זיך אַ פערד... דאָס קברנות טראָגט ניט אַף חיונה... נאָר איך האָב צו דער מומע טויבע אַ שוואַכ־קייט. אפשר איז עס דערפאַר וואָס זי באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז די מאַמע איז אַ גרויסהאַלטערקע און שעמט זיך מיט דער אָרימער קרובה. און אפשר איז עס אויך דערפאַר וואָס אין שטוב באַ אונדז דערציילט מען וועגן זאיר און איר שטוב מאָדנע און אינטערעסאַנטע זאַכן... אַ שטיל פאַרביטערט פנים האָט די מומע טויבע, מיט ברוינע צעפּייניקטע אויגן. בשתיקה, די מאַמע זאָל ניט וויסן, גיי איך אַמאָל צו איר אַהיים. איצט איז די מומע טויבע באַגליקט געוואָרן, אין מתים איז קיין דוחק ניט...

.13

באַם ראַנד פונעם יאַר האָט זיך די מומע טויבע, איצט, מילחמה־צייט, אויסגעבויט אַן אייגן שטיבל. מן הצד, אָפּגעזונדערט פון מענטשן.

די מאַמע דערציילט, אַז עטלעכע קינדער זיינען באַ איר געשטאָרבן. איין קינד, אַ מיידעלע פון אַכט חדשים, איז דערשטיקט געוואָרן. די מומע טויבע מיט דעם מאַן זיינען אַוועקגעגאַנגען אַף אַ חתונה און האָבן דאָס קינד איבערגעלאָזט אין וויגל מיט אַ סאָסקע, אַ שטיקל צעקייט ברויט מיט צוקער אין אַ שמאַטקעלע...

אין גאַס זאָגט מען, אַז דאָס מיידעלע האָבן שדים דערוואָרגן און אויב ניט שדים, איז קאַלמען־מייערס טויטער טאַטע, איסראָעל פּופּיקל. אַף יענער וועלט איז ער זיך נוקם אָן זיין שנור, וואָס אַז זי קריגט זיך מיט זיין זון, שרייט זי: — „דיין טאַטן זאָל עס פונעם קבר וואַרפן! ער זאָל דאָרט קיין רו ניט האָבן, דער ממזר, דער גנב, דער... דער...!‟ דער מומעס שעלטן האָט אַ שם... עטלעכע מאָל איז ער איר געקומען צו חלום און געבעטן, געוואָרנט: „— טויבע, טאָמער הערסטו ניט אויף שעלטן און באַליידיקן, וועל איך באַ דיר צונעמען די קינדער!‟ און ער האַלט וואָרט, דער איסראָעל פּופּיקל...

נאָר איין קינד, ס'עלצטע אינגל אירס, טאַקע נאָך אים אַ נאָמען, האָט ער געשוינט. מען שמועסט אַז דאָס אינגל וואַקסט אַ גוואַר, אַזוי ווי זיין זיידע.

וועגן דעם זיידן זיינעם דערציילט מען, אַז ער איז געווען אַ דאַר אידל מיט אַ בלייך־פּנים און שטילע פרומע אויגן און אַ ברייטע ברוינע באָרד. נאָר הענט האָט ער געהאַט האַרטע, אייזערנע. ער האָט זיך שטענ־דיק אויסגעהיט זיינע הענט אַף עמיצן אַרויפצולייגן: זיי האָבן פריטשמע־ליעט, צום חלשן געמאַכט. אידן פון דער שיל האָבן אים געשעצט פאַר

זיין תורה און חכמה, אָבער נאָך מער פאַר זיין גבורה, פאַר זיין אומ־דערשראָקנקייט.

געווען איז ער אַ חברה־שמש און אַ פעלד־אַרבעטער, געהאַט אַן אייגענעם גאָרטן און אים אַליין באַאַרבעט. די בעסטע קאַווענעס און דיניעס, די שענסטע באַקלאַזשאַנעס און קרויטן זיינען געווען פון איסראָעל פּופּיקלס גאָרטן. אין די זומער־נעכט פלעגט ער שלאָפן אין דער קאַליבע און היטן זיין גאָרטן, אַז פּויערים פון די אַרומיקע גערטענער זאָלן אים ניט שעדיקן, אויס נקמה, וואָס אַ איד טויג זיך אַזוי אויס צו די גרינסן. עס פלעגט קומען צו געשלעגן און ער האָט שטענדיק מנצח געווען.

אין אַ זומערדיקן טאָג — דערציילט מען — ווען די גרינסן האָבן זיך געניוויטיקט אין אָפּפרישונג, האָט ער געשיקט זיין זון ברענגען אַ פעסל וואַסער פון אַ נאָענטער קערניצע. נאָר קאַלמען־מייער איז געקומען צוריק אָן דעם פעסל און דעם פערדל, נאָר מיט בלויע אונטערגעשלאָגענע אויגן. פּויערים וואָס זיינען געשטאַנען מיט זייערע פורלעך אַרום דער קערניצע, האָבן אים צעשלאָגן און פאַרטריבן... איז דער פאָטער אַוועק צו דער קערניצע און געפרעגט די פּויערים:

— פאַרוואָס האָט איר געשלאָגן מיין זון און אים ניט געלאָזט ברענגען וואַסער צו באַגיסן דעם גאָרטן?

האָבן די פּויערים נישט געענטפערט, נאָר גענומען אים באַוואַרפן מיט שטיינער:

— נאַ דיר, קליינער וועוריק, פאַרכאַטער זשיד!...

דעמאָלט איז איסראָעל פּופּיקל אַריינגעשפּרונגען צווישן די פּויערים און גענומען וואַרפן פעטש און זיי צעמאַזיקט, וועמען די ציין אויסגעזעצט, וועמען די אויגן אונטערגעהאַקט און וועמען צעבלוטיקט די נאָז, די אויערן...

די פּויערים זיינען אַוועק צום זעמסקי נאַטשאַלניק און איסראָעלן אָנגעקלאָגט.

דער נאַטשאַלניק קוקט אויף דעם אידן און אין די פאַרשריבענע אַקטן און פרעגט:

— ס'איז אמת, אַז דו האָסט געשלאָגן די פערציק ליאַכעס, וואָס זיצן דאָ? האָסטו זיי צעבלוטיקט?

— יאָ, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק!

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון?

— דערפאַר וואָס זיי האָבן געשלאָגן מיין זון, אים נישט געלאָזט אָנשעפּן וואַסער פון דער קערניצע אויף צו באַגיסן מיין גאָרטן. בין איך געקומען אַליין, האָבן זיי מיך באַוואָרפן מיט שטיינער, באַליידיקט. האָב איך מיך פאַרטיידיקט...

קוקט דער נאַטשאַלניק אויף די פּויערים, וואָס זיצן אויף צוויי לאַנגע בענק מיט די שטרויענע קאַפּעליושן אין די הענט און וואַרטן אויף זיין געדעכטן אורטייל:

— ס׳איז אמת וואָס דער איד דערציילט?

— אמת, גאָספּאָדין זעמסקי! ער האָט געשלאָגן, געממיתט ביז כאַלאָשעס!

דערלאַנגט דער זעמסקי דעם אידן אַ פּאַפּירענעם פּופּציקער און זאָגט:

— נאַ, דאָ האָסטו דיר אַ מתנה פאַר דיין העלדישקייט! דו, אַזאַ קליינער, אַזאַ שטילער, האָסט געקענט אָנברעכן די ביינער פּערציק זשלאָבעס, ווי די אָקסן!

און צו די פּויערים רופט ער זיך אָן:

— פּאָרט אַהיים און שעמט אייך צו דערציילן, אַז איין איד האָט אייך אַלעמען בייגעקומען, אויסגעפּאַטשט אייערע נאַרישע צורות, די שלעכטע!...

צוליב אירע זינד קעגן דעם פרומען שווער אירן, האָט די מומע, זאָגט מען, געשוואַנגערט מיט אַ גילגול... ס׳האָט געוויינט באַ איר אין בויך. די מומע איז שיר משוגע געוואָרן פון שרעק.

קאַלמען־מייער איז דעמאָלט געפאָרן צו אַ גוטן אידן, האָט דער גוטער איד אים געהייסן גיין אַפן הייליקן אָרט און איבערבעטן דעם פאָטער זיינעם, איסראָעל פּופּיקל. אויך האָט דער גוטער איד געהייסן קלינגען מיט לעפלען און מיט גאָפּלען בעת די מומע וועט גיין צו קינד. וואָרום טאָמער וועט זי חלילה הערן דאָס קול פונעם גילגול, וועט זי שטאַרבן...

אומזיסט האָט מען געקלאַפּט און געקלונגען. די מומע האָט געבוירן אַ טויט פאַרזעעניש און האָט ווידער געשאָלטן איר שווער ווען זי פלעגט זיך קריגן מיטן מאַן.

איינמאָל אין אַ פּרייטיקצונאַכטס איז אַרויס אַ שם, אַז די מומע איז געשטאָרבן. אַ גאַנצן שבת איז די מאַמע ניט אָפּגעטראָטן פון איר „טויטן בעט" און שבת נאָך הבדלה, ווען די שמשים זיינען געקומען זי מקבר זיין, האָט מען דערזען אַ פאַרב אַף אירע באַקן. די מומע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

דער דאָקטאָר אַנטשיראָוו האָט געזאָגט, אַז זי איז געליגן אין היינערפלעט. וואָלט מען זי מקבר געווען פרייטיק, איז אוים מיט דער מומע טויבע און מיט אירע קללות און חרמות!...

נאָר סיי ווי שעלט זי שוין ניט מער דעם שוועד. די מומע זאָגט, אַז דאָס האָט ער זי אויסגעבעטן באַ גאָט און זאָל ער דערפאַר האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן...

.14

די מעשות וואָס די מומע טויבע מיט איר טאָכטער דערציילן, מאַכן מיך ניט זאַט. איך בין צוגעוואוינט צו אַ זאַט לעבן און מיין אַרומשלעפּן זיך איבערן מאַרק, רופט באַ מיר אַרויס זינדיקע געדאַנקען: איך ווי

עסן אַ שוואַרצן רונעט, פון די עפּל, וואָס שעוועלע די זיצערקע פאַר־קויפט. אַ פולן וואָגן האָט זי פון זיי. און קיין איין עפּעלע ליגט ניט אונ־טערן וואָגן, אפילו ניט קיין ארומגעביסנס...

איך דערווייטער מיך פונעם מאַרק, נאָר מיך ציט אַף צוריק, עס לאָזט מיך ניט אהיימגיין מיט ליידיקן. איך קוק אַף שעוועלעס שפּיציק פּיסקל און האָב מורא פאַר אירע קללות און זידלערייען... שעוועלע, וויים איך, האָט אַמאָל געכאַפּט באַ דער האַנט אַ אידענע, וואָס האָט באַ איר געפּרואווט אַפּירשלעפּן אַ זילבערן קערבל פונעם זאַק, וואָס ליגט באַ איר אַף דער שטעל. זי האָט דאָס קערבל אָפּגענומען און האָט די אידענע גע־פּירט מיט קללות איבער דער גאַנצער פּאַטשט־גאַס ביז צו איר אהיים. קינד און קייט איז דעמאָלט געלאָפן הערן שעוועלעס קללות און זידלע־רייען... ווייל מען איז גאַס באַליידיקן אַ אידענע, זאָגט מען אַף איר, אַז זי האָט שעוועלעס פּיסק. ערגער ווי אין טאַטן אריין געשאָלטן פילט מען זיך פון דעם צונאָמען שעוועלע...

מיט אַ הייזעריקן קול שרייט שעוועלע און רופט:

— צוואָנציק קאָפּיקעס צען פונט, ווייבער!... עסט און גערענקט!... קויפט איר ניט באַ מיר, עסט אַ גוטע קרענק!...

מיט דעם מינדסטן פינגערל גיט זי אַ וואַזשע אַראָפּ דעם וואָג־טע־לער... געשיקט און געשווינד אַרבעטן אירע טרוקענע הענט, ווי שנעל עס לויפן די מוסקולן אַף איר שמאָלן, טרוקענעם און געלן פּנימל. מיין טאַטע זאָגט, אַז אַ הונגעריקער גנבעט . . . וואָסזשע, שעוועלע איז דען הונגעריק?... זי האָט דאָך אַ פולן וואָגן מיט עפּל!... איכל פּרואוון נאָר איין עפּעלע, אַ קליינס, צוגנבענען... גאָט וועט מיר די זינד פאַרגעבן... ראש־השנה וועל איך גיין צו תשליך, וועל איך אריינוואַרפן אין טייך אריין אַלע מיינע עבירות...

שעוועלע קוקט אַף מיר מיט אירע בליציקע אומצוטרווילעכע אויגן. איך שטיי אַף אַ רעדל פון איר וואָגן און וואַרט... אַן אַנגסטלעכע שרעק באַפאַלט מיך. אַ ים מיט קללות, מיט וויצן און זידלערייען שיטן זיך פון שעוועלעס פּיסקל, ווי די פונקען פון אַ פייערדיקן אויוון. איך וויל שוין אַראָפּשטעלן אַ פוס פונעם רעדל, נאָר אַ מאָדנער געפיל, אַ פאַרפירערי־שער רעדט צו מיר: און פאַרוואָס גנבעט שעווע?... אַ הונגעריקער מעג גנבענען... איך טו ווי די ווייבער, שעוועס קונים, איך נעם אַן עפּל אין דער האַנט, מעסט אים, וועג אים און פרעג וויפל ס'קאָסט אַ פונט... מיט הארץ־קלאַפּעניש וואַרט איך, אַז שעוועלע זאָל זיך פאַרקוקן אַ רגעלע...

מיט אירע געשיקטע דאַרע הענטלעך, שלעפּט שעוועלע אַרויס פונעם בוזים באַ מיר ס'עפּעלע, וואָס איך האָב אהין אריינגעוואָרפן. מיין שווערע האַרעוואַניע, די שרעק, דער נסיון, מיין ערלעכקייט, מיין וואָרט וואָס איך האָב געגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, אַלץ ליגט איצט צעטראָטן, פאַר־שעמט און פאַרשוועכט... די גאַס, דער טיפער הימל, די טערקישע בע־

קעריי, מאַכמעדס ערלעכע אויגן, דער מאַרק מיט אַלע קונים, שעוועלע... אַלץ שרייט מיר נאָך, לאַכט און שפּעט:

— אַ גנבטע! גנבטע! ג־נ־ב־טע!...

איך פּיל ווי דאָס האַרץ גייט מיר פּלאַצן, אָט וועט זיך די ערד עפע־נען און וועט מיך פאַרשלינגען מיט מיין שאַנד, מיט מיין געפּאַלנקייט...

אַ באַזיגטע פון דעם הונגער, פון דעם שפּאָט, פון אַ גרויזאַמער חרטה, אַנטלויף איך. איך פלי, מיך טראָגט ממש אינדערלופטן. איך זע ניט די גאַס פאַר די אויגן...

פאַרנאַכט, אַן אַרומגעכאַפּטע פון אַ מאָדנער צעמישונג, פון אַ מיד־קייט אין אַלע איברים, פון קעלט און פון גייסטיקער געבראָכנקייט, דערזע איך מיך איינע אַליין. אויף אַ שטיין, אונטער דער רישקאַנער בריק זיץ איך. שטיל איז אַרום מיר ווי אויף אַ בית עולם. אין די קליינע גויעשע פענצטערלעך צאַנקט אַ שוואַכע ליכטיקייט. איך בין מקנא די קינדער, וואָס זיצן איצט אין די שטיבלעך. טאַטעס און מאַמעס זיינען דאָרט פאַ־ראַן, מען דערציילט זיי שיינע מעשהלעך, מען לאַכט, מען פרייט זיך... ווי אַזוי וועל איך איצט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב?... מיין גרויסע שוועסטער, די שטילע און ערלעכע פינקל, וועט מיר ניט מוחל זיין...

און אפשר טראַכט איך, איז שוין שעוועלע געווען בא אונדז אין דער היים און האָט מיך פאַרמאַסערט?... ווי שטאַרק איך וואָלט איצט וועלן שטאַרבן!... בושות מיט חרפות ברענג איך אויף אונדזער הויזגעזינד!... ניט אומזיסט זאָגט די מאַמע, אַז איך בין דאָס ערגסטע קינד אירס, זי שעמט זיך מיט מיר, מיט מיין ווילדקייט!... אַ שגץ, זאָגט זי, איז סטאַ־טעטשנער פון מיר!...

אַ וועלט מיט געוויין, מיט עלנט, מיט זינד, דריקט ווי אַ טויזנט פּו־דיקע מאַסע אויף די אַכט פאַרוואָגלטע יאָרן מיינע... אַ פאַרוואָגלטע, אַ דער־שלאָגענע, שלעפּ איך מיך דורך די הינטערגעסלעך און היט מיך פון באַ־קאַנטע... מיר דאַכט, אַז יעדער ווייסט שוין, אַז איך בין אַ גנבטע, אַז איך האָב געבראָכן מיין וואָרט, וואָס איך האָב געגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען...

צווישן די קלויזן האָב איך מורא דורכצוגיין. די מומע פייגע זאָגט, אַז באַנאַכט האַלטן זיך דאָרטן אויף לצים מיט שדים... זיי זינגען דאָרט און לאַכן און פליעסקען און נאַרן אַהין אַריין זינדיקע מענטשן...

ווען זיי ווערן אפילו צעטראַסקעט — באַשלים איך בא מיר — לאָז איך מיך ניט פאַרנאַרן פון זיי!... איך זע שוין וואָס סע קומט אַרויס ווען מען לאָזט זיך אָנריידן פון ניט גוטע, פונעם יצר הרע!...

און אָט הער איך טאַקע ווי עמיצער שרייט מיט אַ וויינענדיק קול:

— גאָלדע, גאָלדעלעע!... וואו ביזטו?!..

ניט קיין שד און ניט דער יצר הרע שרייט עס... ס'איז מיין שוועס־טער ריווקע... מיר פאַלן זיך אַריין אין די הענט און שוויגן. איך האָב.

ס'לשון פאַרלוירן. ריווקע נעמט באַלד שמייכלען, טרערן גיסן זיך פון אירע אויסגעקלאָגטע אויגן:

— גאָלדע, וואו ביזטו געווען? פינקל וויינט, זי מיינט ציגיינער האָבן דיך פאַרשלעפּט... איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט זיך אָפּזוכן! ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט!

די זאַל אונדזערע ווייזט מיר איצט אויס גרעסער און ליכטיקער. ווי שטיל און אויפגעראַמט זי איז! מיט אַ באַטריבט פנים און פרומע דער־שראָקענע אויגן, קומט צו מיר צו מיין גרויסע שוועסטער און באַקוקט מיך לאַנג און ערנסט:

— גאָלדע, פאַר דיר הייבט מיך ניט אָן צו אַרן! נאָר וואָס וואָלט איך געקענט זאָגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען? ווייסטו דען ניט, אַז ציגיינער פאַרשלעפּן קליינע אידישע קינדער? זעסטו מיך זיך שלעפּן איבער די גאַסן? שעם דיך, גאָלדע!...

איך ווייס, אַז פינקל איז גערעכט. פון בושה וואָלט איך מיך לעבע־דיקערהייט אין אַ גרוב אַריינגעוואָרפן! איך וואָלט מיך פאַר איר מודה געווען, קען איך אָבער ניט ריידן. אַ שטיין ליגט מיר אָפּן האַרצן...

אונדזער שכנה סאָרקע, זי קען גראָד ריידן. זי טענהט צו מיר מיט אַ זייט פון איר פאַרפּוידערטן פנים:

— ביזט אַ טאָך, גאָלדע! איך בין דיין מאַמען ניט מקנא!... וואָס שווייגסטו ווי אַ טאַמעזליק? ווי דו ביזט גאָט די נשמה שולדיק?...

פינקל נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט, פירט מיך אין קיך אַריין, דאָרט גיט זי מיר אַ שיסעלע מיט אַביסל קאַלטער פּאַפּושויענער קאַשע און רעדט צו מיר שטיל און באַהאַרצט:

— מעגסט בענטשן גומל וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען איצט נישטאָ! גיב מיר ס'וואָרט, אַז דו וועסט מער אַזוינע שלעכטע זאַכן ניט אָפּטון!

איך גיב פינקלען דאָס וואָרט און פאַר מיר אַליין שווער איך טויזנט מאָל, אַז יעדן שלעכטן נסיון וועל איך ביישטיין.

איך האַלט וואָרט. שוין דעם דריטן דאָנערשטיק, אַז איך גיי נעכטיקן מיט בייעם ראַבינאָוויטשעס אַ דינסט. שווער איז מיר צו שלאָפן אויף איין געלעגער מיט דער אידענע. זי קרעכצט אין שלאָף און האָט אַ לויז לייב אַ וואָרימס, ווי אַן אָנגעבלאָזן שטיק לונג. מיך עקלט פון דעם דאָזיקן לייב. איך שטופּ אַריין אַ שפּיץ פון דער גראָבער קאָלדרע און מאַך אַ מחיצה צווישן מיר מיט דער אידענע. וויל זי אָבער דווקא ליגן לעבן מיר און גלעטן מיין קאָפּ. מיך שרעקן דער אידענעס גרויסע אַרויסגעזעצטע אויגן מיט די רויטע אָדערלעך אין די פאַרגעלטע ווייסלעכער. נאַכלעסיק הענגען איר אַראָפּ די רויטע געוועלקטע באַקן און אַזעלכע טיפע און נאַסע ווינקלען האָט זי באַם מויל... פאַר רחמנות צו איר, לאָז מיך די מאַמע שלאָפן מיט איר. טאָמער בעט אַמאָל אַ שכנה אונדזערע, אַ שיינע באַלע־

באָסטע, די מאַמע זאָל דערלויבן אירס אַ קינד איבערצונעכטיקן באַ איר, ווײַל די מאַמע ניט נאָכגעבן: מיידלעך, זאָגט זי, דאַרפֿן ניט זיין הפקר, זיי טאָרן זיך ניט צוגעוויינען צו פרעמדע געלעגערס... די אידענע, אָבער, איז אַן עלנטע און אָנגעליטענע, דאַנערשטיק באַנאַכט, ווען זי באַקט די קוויליטשן אַף שבת, שלאָפט זי ווינציק, איז איר אומעטיק צו זיין אַליין...

היינטיקע נאַכט ליג איך לעבן דער אידענע אַ רואיקע, אַ געלייטערטע פון די באַפרייטע זינד. איך טראַכט פון מיין פינקלס גוטסקייט צו מיר און האָב פאַר איר גרויס דרך ארץ. מיר דערמאָנט זיך ווי איך בין אַנומלטן געגאַנגען אין פּאָטשט־גאַס, האָט מיך אָפּגעשטעלט העניע איסראָעל לייבס, די אַמאָליקע שכנה אונדזערע און זיך נאָכגעפרעגט אַפן טאַטן און אַף דער מאַמען און נאָך מער אַף פינקלען:

— וואָס מאַכט פאַני? שיק זי אַרויף צו מיר! דאָ וועט זי זיך באַקענען מיט רייכע קינדער.. אַ שאָד אַזאַ פינקל, באַם קייסער מעג זי איינשטיין!...

ווי שטאַרק מיר ווילט זיך איצט גוטס טון! מיר דאַכט זיך אַלץ אַז די מאַמע מיטן טאַטן ווייסן שוין, אַז דאָס האַרץ האָט זיי דערציילט, אַז איך האָב געוואָלט גנבענען... איך קען ניט שלאָפן, קוק איך אַפן צאַנקענדיקן קנייטל פונעם קליינעם לעמפּעלע, וואָס שטייט אַפן קוימען, און אַף די שאָטנס, וואָס כוואַליען זיך פון די טיפע קיך־ווינקלען אַרויס. די אידענע פאָרעט זיך שוין באַם אויוון. זי האַלט דעם גרויסן צעקנוידערטן קאָפּ פאַרן צעפלאַמטן פייער און רעדט אַריין אין דעם מיט אַ פרעמד קול, פול מיט תערומות:

— אוי איז דאָס אַ לעבן!... ס'מזל זיי, די באַלעבאַטים מיינע!... זיי באָליען, רוען... פון וואָס זיינען זיי מיד? פון יאַנקעוו שייעס קימפּעט? אַז ווי איז מיינע יאָרן, וואָס איך קינטשע לעבן פרעמדע פּריפּעטשיקן!... אַ פינצטערע דאָליע האָט מיר גאָט געגעבן!...

אַ שרעק נעמט מיך דורך און גלייכצייטיק אַ רחמנות. ווי אַ שאָטן דרייט זי זיך אום פון דער מולטער מיט דעם טייג צום אויוון און פונעם אויוון צו מיר. שפּעטער שווייגט זי. זי קנייט, דאַכט זיך, אַריין די טרערן אירע מיט די תערומות אינעם אייעריקן טייג פון די שבתדיקע קוויליטשן, וואָס נגידים דאַרפֿן עסן... אָפּגעפאַרטיקט, זעצט זי זיך אַוועק אַפן ראַנד פונעם געלעגער. אַ זיגעריש פלעמל טוקט זיך אין אירע אויסגעוויינטע אויגן, זי האַלט פאַר זיך אַ טעלער מיט קנישיקלעך פון קאַבאַק און פון קאַשע:

— עס, טעכטערל! — בעט זי זיך מיט אַ מערוצעדיק פנים. — פונדיינעטוועגן האָב איך זיי געמאַכט!... טעם גן־עדן האָבן זיי!...

צי איך וויל עסן?... איך מוז אָבער ביישטיין דעם נסיון! איך האָב געגעבן פינקלען דאָס וואָרט! און אויך דעם טאַטן און דער מאַמען. איך שאָקל מיטן קאָפּ:

— ניין!

די אידענע שטייט אָבער צו:

— אפֿשר גאָר אַ שטיקעלע מאַליסניק? אַ פּאָר שוואַרצע באַבעלעך?

די געבעקסן שמעקן מיר, זיי בעטן זיך צום עסן. שוין אַזוי לאַנג, אַז די מאַמע האָט אויפֿגעהערט באַקן די אַלע גוטע מאכלים!... אַמאָל, פֿאַר דער מילחמה, האָט מען געהאַלטן מיין מאַמען פֿאַר דער גרעסטער בריה. אירע געבעקסן האָט מען געטראָגן פֿאַרזוכן סיי צו העניען און סיי צו נעכאָמע מוישע וואָלפֿס און צו טויבע ראַבינאָוויטש, די גרעסטע גבירנ־טעם פֿונעם געסל. אויך זיי פֿלעגן אונדז אַריינשיקן געבעקסן, צוגעגרייט פֿון זייערע דינסטן, וואָס זיינען ניט געווען אַזוי שיין און געשמאַק ווי מיין מאַמעס. איצט, האָט די מאַמע פֿאַרזאָגט ניט צו נעמען בא זיי עפּעס צו פֿאַרזוכן, זיי וועלן דאָס טון אויס רחמנות, פֿאַר מיצווה וועגן... ווי זשע זאָל איך ברעכן דער מאַמעס ווערטער, וואָס זיינען אַזוי אמתדיק און אַזוי קלוג?...

דעם גאַנצן טאָג געפֿין איך מיר ניט קיין רו. עס גייען מיר נאָך די געשמאַקע לאָקנדיקע ריחות פֿון דער ראַבינאָוויטשקעס גוטע געבעקסן און אויך פֿון די וואָס אונדזער שכנה סאַרקע באַקט און זיי שטייען אין די טאָוועלעך לעבן דער אָפֿענער טיר, ווי אומיסטן כדי מיך צו רייצן...

15.

דעם זעלבן אָפּדערנאַכט זיינען געקומען צו פֿאָרן דער טאַטע מיט דער מאַמען. שטיל און פֿאַרענדערט זיינען זיי. דער טאַטע ציט זיך אויס אין בעט. מיר שטעלן זיך אויס אַרום אים און שווייגן. אַרום שטייט אַן איינגעהאַלטענע שרעק. דער טאַטע צעעפֿנט די אויגן און רופֿט זיך אָן שטיל, מוטלאָז:

— ראַצע, ווייב מיינס, אָט זע איך דאָך די קינדער אונדזערע אַרום בעט... האָסט דאָך זיי עפּעס געקויפֿט... גיב אַהער, וועט זיי דער טאַטע צעטיילן אַף גלייכע חלקים!... וואָס שטייט איר עפּעס פֿונווייטנס, קינדער?

די מאַמע ווינקט צו אונדז און גיט צו פֿאַרשטיין מיט האַנט־צייכנס, אַז זי האָט קיין שום מתנות אָדער נאַשערייען ניט געבראַכט. דעם טאַטן ענטפֿערט זי:

— הערש, ס'ברענט דען?... איך וועל אויפּפּאַקעווען ס'בינטל, וועל איך זיי אָפּגעבן ס'זייעריקע...

מיר רוימט זי איין אָפּן אויער:

— גיי אַראָפּ צו דער סענדערקע און באָרג מיר דאָרט פֿיר לויט צוקער... אופֿדיוואָך וועל איך איר באַצאָלן...

די סענדערקע, מיט דעם הויכן בוזים און מיט די בלוט־רויטע באַקן, רופֿט מען אין געסל די נודניטשקע. לאַנגזאַם און שטיל פֿרעגט זי אויס יעדע קלייניקייט פֿון אַ פֿרעמדער שטוב און האַלט דערביי יענעמס הענט כדי מען זאָל איר מוזן ענטפֿערן פּינקטלעך. זי האַלט מיך צו באביידע

הענט און ציט די ווערטער, ווי מען ציט אַ פאַדים פון אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויל. און נאָכדעם ווי זי האָט מיך אַלצדינג אויסגעפרעגט און האָט שוין ניט וואָס צו פרעגן, זייעט זי שטיל צווישן אירע גראָבע ליפּן:

— ווילסטו טאַקע פיר לויט צוקער אָן געלט? איצט, מילחמה־צייט, מענטשן ווייסן ניט וועמעס מאָרגן ס'איז!... אָט וועל איך אַ רוף טון מיין סענדערן!...

סענדער מאַלאַי רופט מען איר מאַן. ער האָט אַ בלוי פּנים. זיין ברייטע בלויע נאָז איז פול מיט בראָדעווקעלעך און מיט קליינע שוואַרצע לעכעלעך. ער איז ניט לאַנג ערשט צוריקגעקומען פון בראַזיל. אין גאַס שמועסט מען, אַז דער איד האָט פון דאָרט אַהיימגעבראַכט אַ ממון קורח און אויך אַ פּאַרטיקע טשאַכאָטקע. סענדער הוסט כסדר און וואַרפט פון זיך אַרויס גרויסע שטיקער לעבעץ, גרויסע ווי קנעפּ... ער סאָפּעט מיר אין פּנים אַריין. זיינע שטילע, פייכטע אויגן הענגען אַף זיין גראָבער סענדערקע און אַף זיינע צווי פאַרזעסענע טעכטער, וואָס האָבן אַ שם מיט בעריעשאַפט און נאָך מער מיט זייער שינאה צו מענטשן:

— וואו וועט דיין מאַמע נעמען געלט אופּדיוואָך? וואָלסטו גע־שוואוירן, אַז די געשעפטן וועלן זיך איר פאַרבעסערן!... מיר גיט מען דען סחורה אָן געלט?

די מאַמע אַף מיין ענטפער טוט אַ ביטערן שמייכל. דער טאַטע איז אויסער זיך. ער לויפט אַראָפּ פונעם בעט און רעדט האַסטיק און דער־שטוינט:

— ראַצע, גיב מיר נאָר אַהער די שיך, איך וועל אַליין אַראָפּגיין צו זיי! סדומניקעס! טשאַרנאָפּוי איז שוין ניט קיין בטוח באַ זיי אַף פיר לויט צוקער! מערזאַווצעס!

פינקל קלאַמערט זיך אין זיינע אָרימס און מיט פייכט געוואָרענע קלוגע אויגן, בעט זי זיך באַ אים:

— טאַטע, טו דאָס ניט!... זיי וועלן דיך ניט פאַרשטיין!...

פינקלען פאָלגט דער טאַטע. איך זע אָבער ווי די אָדערן אַפן האַלדז קלאַפּן אים.

אין דעם קומט צו לויפן פיליאַ. שרעק טוקט אין אירע געטרייע אויגן. זי קושט זיך מיט דער מאַמען און פרעגט זייער שטיל:

— ראַצע, וואָס דיר געזאָגט דאָקטאָר?

— ער הייסט לויפן קיין אַדעס!

דער טאַטע זיצט מיט פיליאַן אַפן בעט. ער קוקט אַף איר מיט ווייטע, צילאַזע בליקן און רעדט שטיל, איראָניש:

— פיליאַ, ווי געפעלט דיר, איך בין געוואָרן אַ קליין אינגל. ראַצע הייסט מיר זיך לייגן אין בעט, פאָלג איך. זיי, דאָרטן אין טאַמבאָוו, וועלן זיך דאָס ניט גלויבן...

באַם שבתדיקן טיש איז שטיל. דער טאַטע זיצט אַף זיין שטענדיקן פּלאַץ, אָבער אָן דער אַמאָליקער פרייד, אָן דער שבתדיקער ברייטקייט

און מנוחה. פון דרויסן קוקט אַריין אַ דורכזיכטיקע, אַ פרעגנדיקע בלוי־קייט. די מאַמע פרעגט:

— יאָ, ראַצע, איך זע די גרינע וואַזאָנעס אַפן קרעדענץ און דיך מיט פיליאַן. אויך די קינדער, וואָס זיצן אַרום טיש. נאָר פּאַרטונקלט, צערונען איז אַלץ...

קידוש מאַכט דער טאַטע איבער אַ גרויסן קוילעטש, אַ פייכטן, וואָס די מאַמע האָט אַהיימגעבראַכט פונעם ווען. פינקל דערלאַנגט צום טיש אַ גרויסן פּאָרצעלייענעם פּאָלומיסעק מיט... אַ צעשניטענעם הערינג מיט ציבעלע...

פיליאַ מיט דער מאַמען און אויך איך מיט ביידע עלטערע שוועס־טערלעך זינגען מיט דעם טאַטן די זמירות. שטיל און דורכגעוועבט מיט טרויער, מיט געבעט און מיט אידישער הכנעה איז דאָס געזאַנג.

איציק זעלמאַן מיטן ווייב קומען אַריין. זיי האָבן שטילע ערנסטע פּנימער. איציק רעדט ערנסט:

— וואָס זשע, קרייסקי איז קיין מבין ניט? אַזאַ מומחה, ״שיקט אייך גאָר קיין אַדעס!... איר זעט טאַקע גאָרניט?..

— ווער זאָגט אייך, אַז איך זע גאָרניט! ס׳איז אַ בילבול!...

דער טאַטע טראַגט איבער דעם שמועס אַף מילחמה, אַף דעם הונגער וואָס מען דערוואַרט אין בעסאַראַביע, אַף דער שרעק און פאַרצווייפלונג וואָס מען פילט אין דער גרויסער שטאָט און אַף דעם ווי מענטשן זיינען יונגערהייט בלינד געוואָרן און די אַדעסער דאָקטוירים האָבן זיי געראַ־טעוועט...

באַנאַכט האַלט מיך דער טאַטע לעבן זיך. איך הער ווי עס האַמערט זיין האַרץ און ווי ער רעדט אַריין אין דער אָנגערוקטער פינצטערניש:

— ראַצע, דו שלאָפסט?

— ניין!

— איז וואָס וועט זיין ווייטער?

— הערש, גאָט שלאָגט ניט מיט ביידע הענט. ער וועט דיר שיקן אַ רפואה...

— ראַצע, איך וואָלט געשוואוירן, אַז היינט אַפדערנאַכט איז מיר ליכטיקער אין די אויגן, ברייטער!... ס׳זאָל טאַקע זיין אַ בעסערונג, צי בלויז אַן איינרעדעניש?...

די מאַמע זיפצט און ענטפערט קיין וואָרט ניט. דער טאַטע פרעגט:

— וואו וועלן מיר נעמען אַף די הוצאות און מיט וואָס וועלן מיר איבערלאָזן די קינדער?

— הערש, אַפן בוידעם אין דער בעקריי, האָב איך באַהאַלטן צוויי מאות ליידיקע זעק. אַ פערציק קערבלעך וועל איך אָפנעמען פאַר זיי!

— ווייב מיינס, ראַצעע!

— יאָ, הערש, זונטיק אינדערפרי פּאָרן מיר אַוועק קיין אַדעס.

.16

דער פּלאַן פונעם טאַטנס רייזע האָט זיך אַביסל געענדערט. פינקל האָט זיך פאַרקילט דעם קאָפּ און די מאַמע וויל אים אויסהיילן איידער זי פאָרט מיטן טאַטן קיין אדעס.

אַ פּאָר טעג קען זיך דער טאַטע קיין אָרט ניט געפינען. שאָען לאַנג ליגט ער אין בעט, רויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן אָדער ער שטייט בײַ די פענצטער פון דער זאַל און קוקט אַרויס. ער פרעגט מיך:

— גאָלדע, דאַכט זיך, אַז די וואַנט פון דער פישעלעכעס שטוב איז געווען אַ רויטע. וואָס זשע זעט זי מיר אויס אַזוי טונקל, אַזוי חושכדיק? וואָס טוט מען און וואוהין לויפט מען?...

די מאַמע, וואָס האָט אַ נייעם מוט און אַ גרויס אחריות באַקומען, זעט צו דעם טאַטן, דעם צעבראָכענעם אָדלער. די ערשטע גלאָז טיי, דאָס שענסטע שטיקל ברויט דערלאַנגט זי דעם טאַטן.

ער וויל ניט עסן, ער בעט זיך:

— גיב די קינדער, איך האָב קיין אַפּעטיט ניט! ראַצע, איך ווער בלינד!...

די מאַמע איז אויסער זיך. זי טראַכט צו אַ נייעם פּלאַן. מיט איר געזונטן דאָרפישן חוש האָט זי אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי צו לינדערן דעם טאַטנס פאַרצווייפלונג. זי שיקט מיך אַוועק מיט דעם טאַטן צום פעטער שמיל, קיין אַלעקסאַנדרען. ווען פינקל וועט געזונט ווערן, וועט זי קומען נאָכן טאַטן און אים פירן קיין אדעס...

דער געפיל פון פאָרן מיט דער באַן, רופט בײַ מיר אַרויס פרייד און איבעראַשונג. אַ חוץ דעם וועל איך ניט לײַדן קיין הונגער, דער פעטער שמיל איז רײַך, ער האָט מיך ליב און וועט מיר צוטיילן פונעם שענסטן און פונעם בעסטן...

אַליין פיר איך אַראָפּ דעם טאַטן פונעם גאָרן. די מאַמע מיט ביידע עלטערע שוועסטערלעך, קוקן אונדז נאָך דורך די פענצטער. עס קוקן אויך שכנים און פרעמדע. דעם טאַטנס שפּאַן זײַנען קרומע און אומרואיקע. אומרואיק קלאַפּט דער פּולס פון זײַן רעכטער האַנט, בײַ וועלכער איך פיר אים. די אויגן, די אויערן, די ברעמען, די נאָז אַפילו, איז בײַ אים מאָדנע אָנגעשפּיצט, ווי ער וואָלט וועלן דורך זיי אויפכאַפּן די פאַרלוירענע ליכטיקייט. ער טראָגט אַף זיך די שבתדיקע פּאַלטאָ. די קוטשמע אַפן קאָפּ איז אים אַראָפּגערוקט איבער די אויערן. דאָס רויטע געשטריקטע שאַרפּעלע אַרום האַלדז, די טאָרבע מיט די מלבושים, וואָס ער טראָגט אונטערן לינקן אָרעם, זײַן שטעלן דעם שטעקן פאָרויס, זײַן פאַרלוירנקייט, דערמאָנט מיר אַ בלינדן בעטלער, וואָס זיצט אין מאַרק און בעט נדבות...

אַ קעלט גייט דורך מײַן לײַב, איך שעם מיך פאַר די מענטשן, וואָס קוקן אונדז נאָך. דער טאַטע, קענטיק, שעמט זיך אויך: ער פּרואווט זיך האַלטן פעסט און גיין אַ גלײַכער, אַ רואיקער. נאָר באַם אַרויפגיין אַפן

פאַיעטאָן, פאַרלירט ער די גלייכגעוויכט און פאַלט אין אים אַריין אַף די פיס פון די פּאַסאַזשירן... ער טוט מיר אַ דריק די האַנט, נאָר צום איבער־ברעכן און מורמלט אויפגערעגט:

— ווי אַזוי פירסטו מיך? ס'פאָרן ליגט דיר אין זינען, פרייסט זיך!...

ווען דער באַלעגאָלע זעצט מיך אַוועק אַפן מיטן פונעם פאַיעטאָן, בייזערט ער זיך:

— אַ וואַזשנע קינד!... זי קען שוין גיין אַ באַרג אַרויף, ווי איך בין אַ איד!...

אַ טיפער ווייטיק שניידט מיין האַרץ. איך דערפיל מיטאַמאָל, אַז מיין טאַטע איז געפאַלן, ער פאַרנעמט שוין ניט קיין פּלאַץ אַפן ווייכן אויבנאָן, דער באַלעגאָלע דרייט זיך שוין ניט אַרום אים ווי אַמאָל און רייבט ניט איין האַנט אין דער אַנדערער:

— נו, אַ גוטן ציגאַר, אַ גוט שקאַליקל בראָנפן, האָט איר באַזאָרגט, רב הערש?...

איך פאַרשטיי שוין, אַז די לאַנג באַגערטע רייזע וועט ניט האָבן יענעם חן און אויך ניט יענע פרייד ווי דעמאָלט ווען דער טאַטע האָט מיך גענומען קיין ליפּקאַן אָדער קיין בריטשאַן. אַ טיפער טרויער נעמט מיך אַרום. אויך פון די פויערישע שטיבלעך, פון די אָפּגערוימטע פעלדער און פון די בלאָטיקע וועגן יאָגט אַ טרויער.

דער באַלעגאָלע שמייסט די אויסגעדאַרטע פערדלעך, וואָס שלעפּן קוים די פיס און דעם פאַיעטאָן פון די גריבערדיקע און מיט בלאָטע אָנגעפילטע וועגן אַרויס.

נאַקעטע שטייען די גערטענער, אָנגענומענע מיט נאַסקייט, מיט אומעט. די פּאַסאַזשירן דרעמלען אָדער זיי גענעצן אין די אויפגעשטעלטע קעלנער פון זייערע גראָבע בורקעס.

דער טאַטע איז אומרואיק. אַלע חושים זיינע זיינען איצט וואַך, ווי ער וואָלט וועלן דורך זיי אויפכאַפּן די פרייד, די שיינקייט, דאָס גליק פון די אַלטע דורכגעוואַנדערטע וועגן. נאָך יעדן דערפל, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, פרעגט ער מיך:

— גאָלדע, דאָרטן אין דער רעכטער האַנט, שטייט נאָך אַ קליינער קלויסטער? אין דער לינקער דאַרף זיין אַ קערניצע מיט אַ גרויסן זשאָ־לאָב באַ דער זייט...

— טאַטע, דו זעסט?

— אַוודאי זע איך? דיין טאַטע וועט זיך אַפילו דעם מלאך המות ניט אונטערגעבן!...

לעבן טאַטן זיצט אַ מענטש, וועמען איך זע צום ערשטן מאָל. קענטיק, אַ פרעמדער. ער האָט אַ גלאַט ראַזירט פּנים און אַ געלן הערב אַפן גרינעם קיילעכיקן היטל. ער קוקט אַפן טאַטן מיט אַ פּאָר קלוגע אויגן, גרויסע און קיילעכיקע, העל־בלויע און וואַרימע.

דער טאַטע פרעגט מיך עפּעס אין וואַלעכיש, צעשמייכלט זיך דעם פרעמדנס פּנים. ער פרעגט:

— זי שפּריכן רומעניש?

און ער נעמט שיטן מיט פרעמדע ווערטער ווי ס׳שיט אַ שטאַרקער האָגל. די פּאַסאַזשירן רוקן אַרויס די רויטע נעז פון די וואַרימע קעלנער און קוקן זיך אַרום. דער פרעמדער שמייכלט און רעדט צום טאַטן:

— איך האַבע פילע שפּראַכען קענען געלערנט... אויך פראַנצעז, ענג־ליש אונד העברעיש...

— זי זינט יודע?

— יאַ...

דער טאַטע פרעגט אים אין וואַלעכיש:

— שטי טורעשטי? קענט איר טערקיש?

דער יונגערמאַן נעמט שיטן מיט טערקיש ווי מיט זערנעס פון אַ דרעש־מאַשין, און ער ווענדט זיך צום טאַטן מיט אַ שטילער איראָניע:

— קענען זי טירקיש?

דער טאַטע שאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין, און איך קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס דער טאַטע זאָגט, אַז ער קען ניט קיין טערקיש, דעמאָלט ווען מען האָט אים געהאַלטן באַ אונדז פאַרן בעסטן טערקיש־קענער. צי ניט דערפאַר וואָס ער האָט זיך איינמאָל אָפּגעבריט מיט טערקיש ריידן?

באַם וואָקזאַל שטייט אַ געדיכטער רויך און די לופט איז פול מיט טשאַד און מיט פייכטקייט. דאָס טראַסקען פון די רעדער אַף דער שמאָ־לער אַספּאַלטירטער סטעזשקע, דאָס לויפן פון די ברייטע צעהיצטע פור־מאַנעס מיט פעלצענע היטלען אַף די קעפּ און גראָבע לייבלעך מיט שטריק אַרומגעגאַרטלט, דאָס פייפן פון די באַן־סיגנאַלן, דאָס שפּאַנען פון די מאַסן פויערים, יונגע און אַלטע, מיט שווערע קלומקעס אַף די פּלייצעס און מיט שרעק אַף די אויסגעמאַטערטע פּנימער, דאָס אַלץ איז פאַר מיר ניי, איבעראַשנדיק. עס לויפן דאָ אום אידן מיט שווערע פּו־טערנע מאַנטלען, סטודענטן מיט שוואַרצע „רובאַשקעס״ און בלויע היי־טעלעך אַף די קעפּ, פּריצעלעך, הויכע און שמאָלע, מיט זיידענע זאָקן, מיט שיך אין קאַלאָשן אַף דאַרע פיסלעך. פאַרויס זיי לויפן טרעגער מיט זייער געפּעק... דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך חרטה וואָס איך בין געפאָרן מיטן טאַטן. איך בין מקנא ריווקען וואָס זי זיצט אינדערהיים און ווייסט ניט פון אַזוינע צרות. מיר איז אומעטיק פונעם טאַטנס האַלטן די אויגן אין דער לופטן, פון זיין ריידן צו מיר:

— גאָלדע, זיי ניט צעטראָגן! דאָ דאַרף מען קוקן ווי מען גייט! פיר מיך גלייך מיטן שאַסיי, וועלן מיר אָנקומען צו דער גלאַוונער טיר פונעם וואָקזאַל!...

אין וואָקזאַל איז אַ רעש ווי אין אַ משוגעים־הויז. דורך צעפּראַלטע, הפקרדיקע טירן לויפן אַריין און אַרויס סאָלדאַטן מיט ביקסן און מיט קלומקעס אַף די פּלייצעס. דער בופעט, מיט דעם גרויסן מעשענעם סאַמאָ־

וואַר, איז אַרומגעשטעלט פֿון אידן מיטברייטע בורקעס, פֿון פּויערים אין בּעלצן און פּאַסטעלעס און פֿון סאָלדאַטן מיט צעהיצטע אויגן, אומ־רואיקע, ניט אויסגעשלאָפֿענע. די פּאָרע פֿונעם סאַמאָוואַר שטייט אין דער לופֿטן און דעמפֿט צו די ליכטיקייט פֿון די גרויסע פאַרמאַכטע בענזין־לאָמפּן... אויפֿן קאַלטן שטיינערנעם פּאָל זיצן מענטשן, מערסטנס פּויערטעס מיט גראָבע שאַלן אויף די אַקסלען און מיט אַרומגעבונדענע קעפּ. לעבן זיי וואַלגערן זיך בינטלעך שפּייז און צונויפֿגעבונדענע עופֿות. שווער צו אונ־טערשיידן צווישן דעם געשריי פֿון די עופֿות און דעם געוויין פֿון די קינ־דער וואָס זיי האַלטן לעבן זיך... ברייט צעוואַקסענע פּויערים רויכערן ציגאַרן פֿון מאַכאָרקע און שפּייען, אַנדערע דרעמלען אויף די לאַנגע בענק אַרום די ווענט און שנאַרכען מיט די נעז... אַ געמיש פֿון שוויס, פֿון בראָנפֿן, פֿון זויערע מאַלייעס, פֿון אַלטע בּעלצן און ביליקן טיטיון, טראָגט זיך דאָרט אום, בייסט אין דער נאָז און שטיקט אין האַלדז...

מיך באַפֿאַלט אַן אימה אַ קוק טוענדיק אויפֿן טאַטן, ווי ער זיצט אויפֿן פּאָל מיט דעם בינטל אויפֿן שויס און מיט דעם שטעקן איבערגעלייגט פֿון אויבן... די קני, וואָס שטעקן אים אַרויס פֿון די צעגומענע פּאָלעס, דאָס רויטע שאַרפֿעלע אַרום האַלדז און די אַראָפּגערוקטע קוטשמע איבער די אויגן, דערמאָנט מיך אָן יענע בעטלער, וואָס איך האָב געזען אין יעדינעץ און אויף די בריטשאַנער מאַרק־פּלעצער... מער נאָך ווי רחמנות צום טאַטן פֿיל איך בושה, געפֿאַלנקייט... מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אַלע חוזקן פֿון אים, שפּעטן... מענטשן, ווייס איך, האָבן גרויס פאַרגעניגן פֿון אָפּחוזקן אומגליקלעכע, געפֿאַלענע...

איך לויף צום בילעטן־פֿענצטערל, וואָס איז באַלאַגערט מיט פּויערים, פּאַרעקשנטע ווי די פּעלדזן...

דער סאָטסקע, מיט לאַנגע קאָטער־וואָנציעס און אַ מעשן בלעכל אויפֿן לאַץ פֿון זיין שינעל, נעמט אַלעמאָל אַוועק פֿונעם פענצטערל אָן אַנ־דער פּויער, וואָס לאָזט קיינעם נישט צוקומען קויפֿן אַ באַן־בילעט. איינעם דערלאַנגט ער מיט דעם פויסט איבער דער פּלייצע, אָן אַנדערן מיט דער קני איגעם הינטן און אַ דריטן גיט ער אַ ריס פֿאַרן אויער אָדער אַ שלעפּ פֿאַרן קאָלנער. אַלץ ווערט געטון שטילינקערהייט. פּויערים פּלאַצן פֿון געלעכטער און וואַרפֿן די שולד איינער אויפֿן צווייטן.

איך כאַפּ דערווייל אַ קוק צום טאַטן און שריי:

— זעסט מיך, טאַטע?...

— יאָ, קלאַוותע!

— זאָג מיר אַ סימן!

— דיין שאַלעכל איז אויסגעבונדן מיט צוויי שפּיצן אויף פאָרנט. שטופּ דיך צו צום פענצטערל און קויף די בילעטן, וואָס גיכער! מיר טאָרן ניט אָנווערן די באַן!

איך זעץ מיך אַראָפּ און נעם קריכן בײַ דער ערד, דורך די פּויערישע

פּים. זיי ווילן דאָס ניט ליידן, קלאַפּן מיר איבער דער פּלייצע, שילטן:

— שאַ טוט זאַ זלידניאַ!

איינער שלעפּט מיך אַרויס פון דאָרט און וואַרפט מיר אַוועק ביז אַף דער מיט פון וואָקזאַל. די אַנדערע פּלאַצן אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער, וואָס פאַלט אַף מיינע יונגע פאַרשעמטע יאָרן, ווי גרויזאַמע קלעפּ, ווי די אומגעצוימטע מענטשלעכע שלעכטקייט...

דער טאַטע מונטערט מיך:

— לאָז דיך אויס פון די נאַרישע כאַמעס! אַף כוח, אַף גוואַלד דאַרף אַ מענטש ס'זייניקע דערגרייכן!... זיי, דאָרטן באַם פענצטערל, זייענען קלוגער פון דיר, דרייסטער, טו אַ וויַיז, קלאַוויטע איינע, וואָס דו קענסט!...

איך ווער מיט אַן אמת פאַרעקשנט, איך טראָג איבער געדולדיק די סטוסאַקעס, וואָס פּויערים דערלאַנגען מיר איבערן קאָפּ און אין די זייטן, מיט אַ קעציישער עלאַסטישקייט, צי איך מיך אַלץ טיפער צווישן די מענטשן, אַלץ נענטער צום פענצטערל. באַ די גראַטעס כאַפּ איך מיך אָן און שריי אויס דורך טרערן:

— גאַספּאַדין קאָנדוקטאָר, דאַיטיע מניע אַדין ביליעט אי טשעטווערט!

צו די גראַטעס פון יענער זייט פענצטערל, שפּאַרט זיך צו אַ מענעריש פּנים מיט מילדע און צעשמייכלטע טיף־בלויע אויגן, מיט שוואַרצע אַף אַרויף פאַרדרייטע שמאָלע וואָנצעס און מיט אַ לאַכנדיק קול, פרעגט ער מיך:

— סקאָלקאָ טיעביע ליעט? סקאַזשי, מאַליענקאַיאַ קופּטשיכאַ!...

איך שטעל מיך אַף די שפּיץ פינגער און קוק דערשראָקן דעם מענטשן אין די אויגן:

— וואָסיעם ס'פּאָלאָווינעם גאָדאָם!

מיט אַן ערנסטקייט אין קול פרעגט ער ווידער:

— קודאַ טי יעדיעש? אי זאַטשעם טי פּרישלאַ סאַמאַ'?

זיין מילדקייט צו מיר, די פּויערדיקע קלעפּ און באַליידיקונגען פון די פּויערים, מיין אַנטוישונג אין דער רייזע און מיין טאַטנס אומגליק, האָבן זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטון פון מיר מיט אַן אומנאַטירלעכן שטראָם טרערן. די טרערן האָבן געפּליַיצט פון אַלע מיינע איברים. מיט אַ דערשטיקט קול האָב איך אים געזאָגט וואוהין איך פאָר און אַז מיין טאַטע זיצט אַפן פּאָל און וואַרט אַף מיר...

אַ געריירטער, איז ער אַרויסגעקומען צו מיר, מיך אַרויסגענומען פון געם געדרענג און שטיל און געטריי אַ פרעג געטון:

— אַ גדיע טוואַי אָטיעץ?

איך פיר אים צום טאַטן. ער דערלאַנגט אים ברידערלעך די האַנט און פרעגט:

— קאַק וואַשע אימיאַ, בראַט?

— הערשקאָ!

— כאַראַשאָ, הערשקאָ, יאַ וואַס פּראַוואָזשו דאָ פּאָיעזדאַ!...

דער טאַטע באַקומט אַ פריילעכער פּנים. ער שטעלט אַף אים אָן די טעמפּ געוואָרענע אויגן און פרעגט:

— ווי רוסקי?

— טאָטשנאָ, הערשקאָ בראַט! ניע זשורים, באָך פּאָמאָזשעט!...

ער נעמט דעם טאַטן אונטערן רעכטן אָרעם און פירט אונדז אַרויס אַף דעם פּעראָן.

אַ בייזער ווינט יאָגט פון די אַרומיקע פעלדער, אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון פאַרפוילטן גערשטן און קאַבאַקעס. עס ווייעט דאָ מיט אומרו, מיט פּחד, מיט מענטשלעכער אַכזריות. גויים און גויעס, סאָלדאַטן מיט ביקסן אַף די פּלייצעס, לויפן פון איין צוג אַפן צווייטן, טרעטן איבער פרעמדן געפּעק, איבער געבונדענע עופות און קליינע קינדער. סאָלדאַטן געזעגענען זיך און קושן זיך מיט זייערע פאַרקלאָגטע ווייבער. פּויערטעס קלאָגן אַריין אין די אָפענע באַן־פענצטערלעך ווי אין קברים פון אייגענע...

דאָס אומלויפן פון די קאָנדוקטאָרס מיט די רויטע פענדלעך און לאַמטערנס אין די הענט, דאָס פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון, דאָס טראַסקען פון די בופאָרעס און דאָס געוויין פון די ווייבער מיט די קליינע קינדער, צעטומלט מיך אינגאַנצן. דאָ צווישן דעם פרעמדן מענטשן־שטראָם, לעבן דעם טאַטן און דעם פרעמדן גוטן מענטשן, האָב איך אַף אַ מאָדנע שטאַרקן אופן דערפילט ווי דאָס לעבן איז פול מיט לײדן און מיט צער. איך האָב דערפילט ווי אָט־דאָ, אַף דעם דודעשענער וואָקזאַל, האָב איך אָנגעהויבן לעבן אַ ניי לעבן, פול מיט זאָרג און אַחריות און אַז אַראָפּוואַרפן וועל איך פון מיר דעם דאָזיקן עול ערשט ווען מיינע אויגן וועלן מיד ווערן, אַזוי ווי בא מיין טאַטן...

צוויי גרויסע לאָקאָמאָטיוון הויבן אָן סאָפּען און לאָזן אַרויס פון זיך שוואַרצע וואָלקנס רויך. די וואַגאָנעס צעשאַלן זיך, די רעדער שניידן זיך מיט בייזער צײנקריצעניש אַף די הייסע שטאָלענע רעלצן... יונגע שיקסעס לאָזן אַרויס אַ פאַרצווייפלט קוויטשעריי. זיי הענגען זיך אָן בא די אָפענע וואַגאָן־פענצטערלעך און קושן זיך מיט די סאָלדאַטן, וואָס שטעלן צו זיי אַרויס די פּנימער, האַרטע, מיט אַ דערשטיקט געוויין אין די אויגן... אַ געפּאָכעריי מיט טיכלעך, אַ טיפע מענטשלעכע פאַרלוירנקייט, אַ צעבראָכענער געיאָמער, געשרייען און וואָרענונגען פון די קאָנדוקטאָרן: „סטאַנציאַ דאָנדושעני דאָ בעלצי!...” דאָס אַלץ ווערט פאַרטראָגן מיטן קאַלטן ווינט, מיטן ווילדן מענטשן־שטראָם, וואָס לויפט פון איין צוג אַפן צווייטן, שפּרינגט, פאַרלירט זיך און זוכט ווידער...

אויך אונדזער באַגלייטער איז אומרואיק. ער האָט זיך קוים אַריינגעריסן מיט אונדז אין אַ פול־געפּאַקטן וואַגאָן און בעט זיך:

— דאַיטיע דאָראָגו, בראַטצי, זדיעס ניעסטשאַסטני טשעלאָוויעק!...

אומעטום, די בענק און אונטער די בענק, אין די שמאָלע דורכגענג, אַף די פּאָליצעס און אַף די פּלאַטפאָרמעס, זיצן מענטשן אַף זייער געפּעק, דערשראָקענע, אומצוטרוילעכע און פּאַרחושכטע. אַ היץ איז אין וואַגאָן, דורכגעזאַפּט מיט שוויס, מיט מאַכאָרקע, מיט בראָנפן, מיט דערשטיקטע קולות פון קליינע קינדער און פון עופות און מיט אַ צעבלוטיקטן ווייגעשריי פון די גרויסע... קוים געקראָגן אַ שטיקל פּלאַץ פאַרן טאַטן אין אַ ווינקל לעבן אַ פענצטערל און פאַר מיר אַף דער ערד צווישן די בענק.

פון פּאַרדרוס ווײנט אין מיר ס'האַרץ: אַף דעם האָב איך יאָרן לאַנג געחלומט וועגן פאָרן מיט דעם „פּאָיעזד"?! איך וועל דאָך גאָרניט קענען זען און וועל ניט האָבן וואָס איבערצודערציילן מיין שוועסטער ריווקע און מיין הברטע סאָסיע!...

מיט ווילדן האַסט שווימען אַריין די וואַגאָנעס אין דער באַנאַכטיקער אומזיכערקייט, רייסן אַוועק קינדער פון עלטערן, ברידער פון שוועסטער, מענער פון די ווייבער, טאַטעס פון די הײמען... נאָר אין האַרץ באַ מיר לעבט אַ שטילע האָפענונג און קלאַפּט צום טאַקט פון די שווערע וואַגאָן־רעדער: „פאָרסט צום פּעטער שמילן... פאָרסט צום פעטער שמילן..."

סאָלדאַטן אַף די פּאָליצעס הייבן אָן זינגען, שטיל און מאָנאָטאָן:

„פּראָשטשאַי פּאָדאָליאַ, דאַ זדראַוסטוואוי קאַווקאַז!
„פּראָשטשאַי דיווטשאָנקאַ, פּאַסליעדני ראַז!...

אַנדערע כאַפּן אונטער:

„פּטיטשקאַ ליעטאַלאַ טשערעז גאַרו...
„סאַם דאַבראַ זנאַיו, פּאַ סמערט יעדו...

אַנדערע שרייען איבער:

„העי סאָלדאַטושקי, בראַווע רעביאַטושקי,
„גדיע וואַשי זשאָנע?
„נאַשי זשאָנע פּולי דאַ פּאַטראָנע, וואָט נאַשי זשאָנע!...

דאָס געזאַנג טראָגט זיך מיט כעס, מיט שטורעם און פּראָטעסט. דער טאַטע זאָגט צו מיר:

— האָב ניט מורא, גאָלדע, ס'איז זיי ביטער אַפן האַרצן, זינגען זיי, הוליען!...

שפּעט באַנאַכט ווערט אין וואַגאָן אַ צערודערונג. דער קאָנדוקטאָר לויפט אום מיט אַ פּראָזשעקטאָר אין די הענט, טראָגט אים אונטער צו יעדנס פאַרשלאָפן פּנים און בייזערט זיך:

— סטאַנציאַ בעלצי! באַבי, סטאַנציאַ!...

אין דער מידער שיין טויכן אויף מידע פּנימער, פאַרשלאָפענע, דערשראָקענע. זיי קרעכצן, קליינע קינדער וויינען. סאָלדאַטן זינגען ווידער:

„אַטדאַיוט נאַס וו'סאָלדאַטע, אַטפּראַווליאַיוט נאַ דאַלני וואָסטאָק!

„טשעם מי זדיעם ווינאָוואַטע, טשטא וויראָסלי נאַ לישני גאָדאָק?
„אַסטאַווליאַיעם מי קראַי סוואָי, אַסטאַווליאַיעם מי מאַט אי אָטצאַ!
„אַסטאַווליאַיעם מיט בראַטיאַ אי סיאָסטרע, ביט מאָזשעט נאַווסיעגדאַ!

זייערע טרויעריקע ניגונים לויפן אום איבער די האַלב־טונקעלע וואַגאָנעס, פאַרפולטע מיט מענטשלעכער שיפלות און פאַרלוינקייט, ווי די קאַלטע האַרבסטיקע ווינטן איבער עלנטע קברים, פאַרלאָזטע, ווייטע פון אייגענע און באַקאַנטע.... ווי אָנגעוואָרפענע, ווי הרוגים פילן די מענטשן אָן די פּלאַטפאָרמעס, די שמאָלע אַרויסגענג פון די וואַגאָנעס...

ווידעראַמאָל דערפיל איך די אחריות פאַרן לעבן, פאַרן טאַטן, פאַר דעם אָרימען בינטל מיט מלבושים, וואָס מען האָט מיר אָנגעטרויט. איך קוק ניט צי איך שפּאַן איבער עמיצן אָדער אויף עמיצן. מיט עקשנות דרינג איך אַריין צווישן דעם מענטשן־געפּעק און האַלט פעסט דעם טאַטנס רעכטע האַנט, ווי ער וואָלט געווען דאָס קינד און איך די מאַמע...

.17

ווי צוויי קליינע קינדער, פאַרלוירענע און עלנטע, בלייבן מיר שטיין אויפן פּעראָן, אַרומגענומען מיט קאַלטע ווינטן, מיט אַ בליצנדיקער ליכטיקייט פון די גרויסע בענזין־לאָמפּן און מיט אַ ריי קורצגעשוירענע ביימלעך, אַ קליין בולוואַרל...

דער צוג איז שוין אַוועק. פון ערגעץ נאָענט הערט זיך אַ קלאַפּן פון רעדער אויפן אַספאַלט, ס׳לויפן נאָך פאַרביי פרעמדע פּאַסאַזשירן און כאַפּן זיך אַריין אין פאַיעטאָנעס, וואָס ווערן מיט זיי פאַרשוואונדן. אַ באַנאַכטיקע שרעק לויערט פון די טויטע רעלצן אַרויס, זי גיסט זיך צונויף מיט דעם טרויער פונעם טיפן הימל, וואָס איז דורכגענומען מיט מענטשלעכע זיפצן, מיט זייער געבעט און מיט זייער עלנט. דער טאַטע זעט אויס אָרים און עלנט. ער טרייסט מיך:

— מיר וועלן זיך דערוואַרטן אויף אַן איזוואָזטשיק... זיי באַפרייען זיך פון די ערשטע פּאַסאַזשירן, לויפן זיי דאָ אום ווי די פאַרסאַמטע מייז, זוכן, נישטערן...

ווי געטריבן פון עמיצן, לויפט טאַקע אָן אַ פורמאַן, אַ ברייטער, אַ צעוואַקסענער, מיט אַ פוטערן היטל אויפן קאָפּ און מיט אַ רויטן פּויערישן גאַרטל אַרום בעלצל. ער כאַפּט ס׳בינטל פונעם טאַטנס האַנט און פרעגט אַ פּאַרסאָפּעטער:

— צו וועמען?

— צו שאַמע דעם בעקער.

אַ מאָדנע שטילקייט הויערט איבער די הויכע בלעכענע דעכער, איבער די צוויי לאַנגע שורות מיט גרויסע שטיבער. מיט אַ צעפּייניקט פּנים קוקט אַרויס אַ שטיק לבנה פון אַן אָנגערוקט שטיק וואָלקן. ערגעץ זעט

זי שרעקלעכע זאַכן צו: געוויין פון קינדער און פאַרצווייפלונג פון מאַ־
מעס... פייפנדיקער טויט און טייכן בלוט...

דער טאַטע הערט זיך איין אינעם אומרואיקן בילן פון די הינט און
אינעם שאָרכען פון דיביימער. ער זאָגט צו מיר:

— מיט פאַרבונדענע אויגן, קען איך דאָ אָנטרעפן צו אַלע מיינע
באַקאַנטע... שפּילסט דיך וויפל מאָל דער טאַטע איז די גאַס דורכגע־
פאָרן!... אַזוי פיל מאָל וויפל האָר כ'האָב אַפן קאָפּ!...

אַז דער טאַטע איז ניט קיין פרעמדער אין בעלץ, דערקען איך ערשט
בײַ שאַמען בעקער אין שטוב, אין דער אויפנאַמע, וואָס מען מאַכט אים.

אַ ברייטער איד, וואָס סאַפּעט שווער און האָט מילך־ווייסע אויגן
מיט אַ רויט פּנים, אַ בראָנפנדיקס, האָט אַריינגעכאַפּט דעם טאַטן אין
זיינע לאַנגע הענט און לאָזט אים ניט אַרויס פון זיי. ס'קול זיינס איז
הוילע פרייד און עקסטאַז:

— ברודער הערשעלע, וואו ביזטו געווען אַזוי לאַנג? איך האָב פאַר־
רויסגעוווסט, אַז דער האָבער וועט דיר אַ שטעך טון, וועסטו קומען צו
פאָרן...

דער טאַטע ענטפערט אים צעטראָגן:

— מיך, שאַמע ברודער, האָט די מילחמה געטראָפן ווי אַ דונער!...
קודם מאַך מיר פּלאַץ פאַר דער קליינער!... שיינע יאָרן זיך דערלעבט בײַ
איר טאַטן! אויך אַ קרבן פון דער מילחמה...

אין דעם קומט צו לויפן שאַמעס ווייב. אַ ברייטע אידענע, אַ הויכע,
מיט אַ לויטער פּנים ווי בײַ אַ פּריצה, מיט אַ הויכן שטאַלטנעם בוזים. זי
טוט אַ טראַסק מיט ביידע הענט אינדערלופטן און טאַנצט אונטער פון
פרייד און אַנטציקונג:

— הערשעלע טשאַרנאָפּוי!... וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט דיך אַהער
געבראַכט אַזוי שפּעט? שאַמע, איך האָב דיר ניט געזאָגט נאָך באַטאָג,
ווען די קאַץ האָט זיך געוואַשן, אַז אַ גאַסט וועט קומען?... שטיל, ווי
אַ גנב, כאַפּסטו דיך אַריין, הערשעלע, מיט דיינע כקידעלעך!... אין שלאָף,
ווי דו זעסט מיך לעבן, האָב איך דערפילט דעם מאַמזערישן ריח דיינעם...

דער טאַטע רעדט צו איר מיט תערומות, מיט באַליידיקונג:

— צי דען האָסטו ניט געהערט ווען דער באַלעגאָלע האָט אַרויסגע־
רופן דיין שאַמען?...

די אידענע פּאָכעט צום מאַן מיט אירע שיינע אַנטבלויזטע הענט:

— שאַמע, האָסט מיר ניט געוואָלט אָנזאָגן די גוטע בשורה, וועט
דיך דאָס קאָסטן טייער!...

שאַמע ברענגט צו טראָגן אַ פלאַש מיט בראָנפן און אַ קיישעלע מיט
פרישע אייערקיע בייגל. ער דרייט זיך אַרום טאַטן און ווייצלט זיך:

— הערש, וואָס זיצטו מיר עפּעס ווי אַ... באַמאַכטער? ווי אַן אָפּ־
געשלאָגענע הושענה? מירן באַנעצן די גומענס. נאָך אונדז, ברודער,
בלייבט גאָרניט! איך בין שוין באַלד בײַ נעילה! איך וועל שוין ווי עס

איז — צודאָסן ביזן פּוד!... אָבער דו, אַ רוח, אַ ניט גוטער, טריף בלוט לעבט אין דיינע אָדערן!...

— אָט דאָ ליגט דאָך דער הונט באַגראָבן! — ענטפערט דער טאַטע אומעכטיק — ס׳ווערט מיר פאַרשטעלט די שיין פון די אויגן... ווער־זשע דאַרף ס׳בלוט אין די אָדערן, ס׳פייער?...

שאַמע מיטן ווייב טרינקען אַ סך לחיימס צום טאַטן און פּלאַצן פאַר געלעכטער:

— הערשעלע, אַ לעבן אַף דיין קלוגן קאָפּ! באַ דער איצטיקער צייט וואָלטן מיר דיך ניט באַדאַרפט אַוועקלאָזן פונדאַנען! אַ טשיסטע טעאַטער מיט אים!

דער טאַטע נעמט אריין דאָס פּנים אין די הענט און בליפּעט ווי אַ קליין קינד. די שאַמעכע ברעכט די פינגער, טופּעט מיט די פיס אין פּאָל און שרייט אין פאַרצווייפלונג:

— הערש, איך האַלט דאָס ניט אויס! זאָג מיר אַז ס׳איז ניט אמת! איז עס מעגלעך, אַזאַ פייער, אַזאַ פרייד זאָל אַזוי גיך אויסגעלאָשן ווערן?!

אַ טיפער אומעט האָט זיך בּלוצים באַזעצט אין דעם טונקל באַלויכ־טענעם צימער. ס׳קליינע לעמפּל, וואָס שטייט אַף אַ נאַכט־טישל, איז מאָדנע אויסגעצויגן, אַזוי ווי די צעווייטיקטע פּנימער פון שאַמען מיטן ווייב. מיט אַ צעווייטיקט קול רעדט דער טאַטע:

— דער אומגליק, פריינט מיינע, איז ניט נאָר מיינער! ווען איך בין כאָטשע עלטער מיט צוויי צענדליק יאָר, מילא! טשאַרנאָפּוי וואָלט ניט געווען קיין בלינדער, קיין אומזיסטער עסער!... פאַרן טויט האָב איך קיין מורא ניט!... נאָר גיי זיי אַ חכם ווען זעקס קינדער, איינס קלענער פונעם אַנדערן, דאַרפן דיך נאָך האָבן! דאָ, פריינט מיינע, ליגט דער הונט באַגראָבן!...

שפּעטער ליג איך מיטן טאַטן אַף אַ ווייס געלעגער, אַ וואַרימס און אַ באַקוועמס. שאַמע מיטן ווייב זיצן לעבן טאַטן ערנסטע, פאַרזאָרגטע און נאָכגיביקע. דער שמועס דרייט זיך אַלץ אַרום די יונגע יאָרן, וואָס זיינען אַוועק מיט גאָרניט, פון פאַמיליען־צרות און פון קראַנקייטן. אויך פון דער מילחמה רעדט מען, פונעם אומגליק וואָס זי ברענגט און פון די מענטשן וואָס האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן... גאָלדענע געשעפטן מאַכט מען פון יענעמס אומגליק!...

גאַנץ פרי טרעף איך דעם טאַטן אין קלייט. אַ ברייטע זון, אַן אויס־געדרוטע, ליגט אַף די ווענט און אַף די פּולע פּאָליצעס מיט ברויט. שאַמע מיטן טאַטן זיצן באַ אַ קליין טישל און טרינקען טיי. שאַמע טראָגט אַ רויט פּעלצל אָן אַרבל און האָט אַ רויט אויפגעבלאָזן פּנים. די שאַמעכע טראָגט אַ ווייסן כאַלאַט, ווי אַ דאָקטערשע, און האָט אַ שיינע פריזור, מיט אַ סך קעמעלעך באַשטעקט. זי בעט דעם טאַטן:

— הערש, בלייב באַ אונדז כאָטשע ביז מאָרגן, מירן דאָ אריינגיין

צו אַ דאָקטער... אדרבה... וואָס הייסט אַ מענטש זאָל באַ זיך אַזוי אַראָפּ־פאַלן!...

דער טאַטע רופט זיך אָן:

— דיין שאַמע האַלט אין איין הוסטן, ביזט געוועזן מיט אים באַ אַ דאָקטער?

שאַמע טוט אַ מאַך מיט דער רעכטער האַנט און סאָפּעט הייזעריק ווי אַ פעטע גאַנדז:

— לאָז צו רו!... איכל שוין צודאָסן ביזן פּוד!... קיין זכר איז מיר ניט געבליבן פון אַמאָל!... ווער האָט זיך דאָס געריכט?...

— זאָל ער ניט רויכערן און ניט טרינקען אַזוי פיל! — צעהוידעט די שאַמעכע איר פּיין געטאָקטן בוזים. — אַ ממון קורח קאָסט ער מיך!...

מיין טאַטע גייט מיט מיר אַרוים אין דרויסן. ער זיפצט:

— וואו צוויי שלאָפן אַף איין קישן, דאַרף זיך אַ דריטער ניט מישן...

שוין איז די גאַס. צוויי שורות הויכע הייזער, מיט רויטע און בלויע בלעכענע דעכער, באָדן זיך אין זון, אין לופט. אַ סך פאַיעטאָנעס פאָרן דאָ פאַרביי. ווייבער מיט מיידלעך שוועבן פאַרביי, שיין פאַרקעמטע און אין ווייסע פאַרטוכער אָנגעטון, גראַציעזע און רירעוודיקע, אַזוי ניט ענ־לעך אַף די יעדיניצער אָפּגעלאָזענע אידענעס... אַלץ איז דאָ שענער, אויך די ביימער אַף די טראָטואַרן זיינען דאָ ברייט צעוואַקסן, זומערדיק, און ניט פאַרטרוקנט און נעבעכדיק, אַזוי ווי די ביימלעך פאַרן טערקס קלייט.

דער טאַטע זאָגט:

— טאָכטער מיינע, דאָס וואָס דו זעסט דאָ, איז ניט בעלץ, ווען דו זעסט די גלאַזענע גאַסן, ווייסטו וואָס שיין הייסט!... זאָל נאָר דער טאַטע געהאָלפן ווערן מיט אַ רפואה ווערסטו זען זאַכן, וואָס קיין רייכערע קינדער פון דיר האָבן ניט געזען... נגידים צעוואַרפן זיך ניט מיטן קערבל...

שאַמע קומט צו צו אונדז. ער שאָקלט מיטן גרויסן קאָפּ און נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון מיינע אויסגעדרייטע שיך. ער דערלאַנגט מיר אַ זילבערן קערבל און זאָגט:

— קויף דיר אַ פּאָר שיכלעך, טשאַרנאָפּויקעלע! דאָ איז ביליקער ווי אין יעדינעץ!...

דער טאַטע קויפט מיר אַ פּאָר געטראָגענע שיכלעך באַ אַ אידענע וואָס פאַרקויפט שיכוואַרג לעבן שאַמעס קלייט. מיר געפעלן זיי. דער לע־דער איז טונקל געל און ווייך ווי סאַמעט. די אָפּצאַסלעך הילצערנע און אויסגעהוילטע. די נעזלעך שמאָלע, אַמעריקאַנער פאַסאָן... איך שפּיגל מיך אין זיי, ווי אין אַ טייערן דימענט: איצט וועל איך שוין ווערן אַ גרויסע!...

באַם טאַטן, וויזט אויס, בין איך נאָך אַלץ אַ קליינע. אַף די הענט האַלט ער מיך בעת מיר פאָרן פון בעלץ קיין אַלעקסאַנדרען צום פעטער שמיל...

.18

פאַר דער מילחמה פלעגט די באַן זיך אָפּשטעלן אין אַלעקסאַנדרען, באַ דעם קליינעם וואָקזאַלכל. איצט שטעלט זיך די באַן דאָרט ניט אָפּ. עס קומען שוין ניט אַהין קיין פרעמדע פּאַסאַזשירן. די פערדלעך שלעפּן זיך קוים אין דער געדיכטער בלאָטע. פון די אַרומיקע ברייטע פעלדער בלאָזן אַהער קאַלטע ווינטן מיט ריחות פון צוקער־בוריקעס, פון ווייַן און פון איבערגעצייטיקטע קאַווענעס. מחנות גנז, איינגעטונקענע אין בלאָטע, שפּאַנען אום איבער קופּעס מיט בוריקעס, אָנגעוואָרפענע צווישן רעלצן און אַלטע וואַגאָנעס. דער הימל איז אָנגעזאַפּט מיט רעגן, מיט פאַר־זוויערטקייט און מיט פחד. דער טאַטע זיפצט, טוליעט מיך אין זיין פּאַלטאָ און רעדט צו מיר:

— די גאַנצע וויסטקייט האָט דאָ די מילחמה אָנגעאַרבעט. פאַר דעם אומגליק איז לעקסאַנדרען געווען אַ שטיק דאַטשע. דאָ האָט געפלאָסן מיט מילך און מיט האָניק, אַזוי ווי אין ארץ ישראל אַמאָל. די בעסטע וויינ־טרויבן, קאַווענעס, וואָל און צוקער־בוריקעס, די בעסטע פרוכטן האָבן גרויסע סוחרים באַצויגן פונדאַנען און אויך פון פלאָרעשט, פון מאַרקו־לעשט און פילעשט. אידן האָבן דאָ געלעבט ווי גאָט אין אדעם... אַ פעטע ערד... דאָ זיינען די קאָדרעס... מיך פלעגט עס אַהער אַראָפּטראָגן ממש אָף גוואַלד... שפּילסט דיך וואָס די נאַטור איז דאָ! די געזונטסטע מענטשן, אַזוי ווי די ביקעס, טרעפסטו דאָ!...

באַם קליינעם וואָקזאַלכל דרייט זיך אום אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אָף די פּלייצעס. ער קומט צו צום וואָגן, דרייט איבער די שטרוי און זוכט. ער זוכט אויך אין אונדזער טאָרבע מיט מלבושים. באַנען לויפן פאַרביי האַסטיק און מיט אַ שניידנדיקן אומרואיקן קוויטשען, ציגן און צאַפּעס, וואָס ליגן אָף די וואַגאָנעס מיט קוילן און מיט בוריקעס שפּרינ־גען אונדז אַנטקעגן, קריכן אין דער בלאָטע, טונקען איין די נאַרישע בערד־לעך און גייען נאָכן פורל. אויך פון די נידעריקע שטרויענע דעכלעך און פון די שמאָלע הילצערנע גאַניקלעך לויפן צו אונדז מחנות ציגן און צאַ־פּעס מיט אַ געמעקעריי... מענטשן לויפן אַרויס פון די שטיבער, שרייען צום באַלעגאָלע:

— רב פּרויעם הערש, וועמען פירט איר דאָרטן אין פורל?

דער טאַטע לאַכט:

— ווי געפעלט דיר, קלאַוטע, דער ספּעקטאַקל? אין יעדינעץ זיינען נישטאָ אַזוי פיל ציגן! שאַף אַ סך זיינען באַ אונדז דאָ, צוויי פּיסיקע!...

באַם פעטער אין שטוב מערקט זיך ניט די מילחמה. דאָ זיינען אַלע זאַטע און געזונטע. דער טאַטע פרואווט זיין פריילעך. נאָר איך פיל אַרוים זיין געבראָכנקייט פון זיין צופיל ווייזלען זיך איבער די אייגענע צרות און פון זיין האַלטן צו הויך פּאַריסן דעם קאָפּ...

דעם פעטערס צוויי אינגלעך, לייבעלע און יאַנקל, קוקן אַפן טאַטן

און שמייכלען נאַריש, פאַרשעמט און צעוויייטיקט. זיי האָבן, דאַכט זיך, מורא צוצוגיין צום טאַטן. מיט וואַרימקייט און מיט ליבשאַפט שלאָגט פון זייערע צעפלאַמטע פּנימער.

דער פעטער שמיל האָט אַ צערודערטן אויסזען. די מומע באַסיע, אַ לאַנגע אידענע, האָט אַ גייציק פאַרשפּיצט פּנים. אויפגעקומענע גבירים, וואָס מיינען, אַז די אָרימע פריינט קומען צו זיי נאָר נאָך הילף, מוזן האָבן אַזעלכע פּנימער... אין קלייט האָט זי אונדז אויפגענומען. דאָ איז וואַרים און היימלעך. די ראַפטן זיינען פול מיט קאָרן־ברויט און מיט ווייסע בולקעס. עס דערמאָנט זיך מיר אונדזער קלייט, די שפע און די געשמאַקע ריחות פון די געבעקסן...

דער טאַטע עסט ווינציק. ער האָט שוין באַקומען אַ פאַרלוירן פּנים. מיט פאַרלוירנקייט שטרעקט ער אויס די הענט, ווי ער וואָלט עמיצן גע־זוכט און פרעגט זייער שטיל:

— שמיל, ברודער מיינער, ביזט דאָ?..

דער פעטער ווערט רויט און באַלד בלייך ווי צום חלשן. ווייטיק, ליבשאַפט און צער טויכט אויף אין זיינע מילדע אויגן און ער רופט אויס:

— הערש, ברודער מיינער, זעסט מיך ניט?...

— וואָס הייסט איך זע דיך ניט! נאַ דיר אַזאַ איינפאַל! איך האָב פּשוט געוואָלט אַ פרעג טון באַ דיר ווי אַזוי ס׳לעבן דאָ אידן, צי די מילחמה איז ניט אַריין אויך אַהער אין די פאַרוואָרפענע מקומות...

— דערוויל, ברודער מיינער, לעבט מען דאָ ניט שלעכט, אַלוואַי אַף ווייטער ניט ערגער!...

— און מיך האָט די מילחמה אָפּגעקוילעט, געוואָרפן פון פּרנסה, צוגענומען די שיין פון מיינע אויגן, האָט מיך צו נישט געמאַכט...

דער פעטער שווייגט. זיינע מויל־ווינקלען ציטערן. איך ווייס, אַז דער טאַטע מיט דעם פעטער שמילן האָבן זיך גוואַלדיק ליב. מיך חידושט ניט דעם פעטערס צער, זיין גרויס מיטגעפיל צום טאַטן, מיך חידושט נאָר וואָס ער האָט געלאָזט, אַז די מומע זאָל אונדז אויפנעמען אין קלייט, וואו די קונים, ווייבער און גויעס, געזונטע און פעסטע ווי די דעמבעס, נעמען ניט אַראָפּ די אויגן פון מיר און פונעם טאַטן. ער פירט צו צום טאַטן זיין עלטער מיידעלע, פינקל, וואָס האָט שוואַרצע אויגן, קלוגע און פרומע, און אַ טונקל הנעוודיק פּנים און אַ קאָפּ האָר מיט שוואַרצע צעפּ.

— הערש, — זאָגט ער, — פינקל איז אינגאַנצן די מאַמע זכרונה לברכה...

דער טאַטע האַלט גאָר די אויגן אין דער לופטן און באַטאַפּט דאָס קינד.

— יאָ, זי איז אויסגעוואַקסן, קיין בייז אויג!...

נאָך צוויי מיידלעך האָט דער פעטער. איינע איז אינגאַנצן געראָטן אין אים: אַ גראָבינקע, מיט שיינענדיקע אויגן, גוטע און טונקל־בלויע, ווי

באַ אַ טויב. איך דערפיל אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו דעם קינד. זי צו מיר אויך. מיט אירע פּוכקע הענטלעך קלאַמערט זי זיך אַרום מיינע קני און קוקט מיר אין די אויגן. איר לויטער פּנים, די געזונטע ראָזעווע באַקן, קוועלן און בעטן: האָב מיך ליב!

די מומע באַסיע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען באַם פּאַרקויף־טיש מיט איר קליין מיידעלע אַף די הענט, רופט זיך פּלוצים אָן:

— איז וואָס זענט איר פּלוצים געקומען אַהער, שוואָגער לעבן? איז טאַקע אַזוי שלעכט אין יעדינעץ, אָדער איר האָט פּשוט פאַרלוירן דעם קאָפּ, זיך דערשראָקן פאַרן ערשטן שאָס?...

דער טאַטע פאַרלירט זיך ניט פון די בייסיקע רייד און ענטפערט איר מיט שטילע ווערטער, דערציילט איר וועגן זיינע דורכפאַלן מיט דעם פּאָד־ריאַד, וועגן זיין קראַנקייט, וועגן דער היים און אַפילו וועגן מאַשען און וועגן יעפימען, דעם ערל, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער שטוב און איז אים געטריי... און גיט גלייך צו:

— זאָל איך נאָר האָבן אַ רפואה אַף מיינע אויגן, איז דער מוח באַ מיר ניט אויסגעטרוקנט... טשאַרנאָפּוי וועט צו קיינעם ניט אָנקומען... אַר־בעט קריגט מען!...

די מומע טוט אַ זויערן שמייכל און ענטפערט צופרידן:

— וואָס טויג די גאַנצע חכמה אייערע, אַז פּונקט צום סטיסק בלייבט איר שטיין!... טוט אַ קוק אַף אייער ברודער, דעם נאַר! אַף דעם אַלעמען טוט אַ קוק! אַלץ מיט איינגענע כוחות האָבן מיר נאַדאַליזשעט!... אָן חכמה, אָן רעש, אָן אי אַי! אָן תורה אין קאָפּ!...

דער פעטער טוט אַף איר אַ שטעכיקן בליק און שרייט אויס מיט כעס:

— באַסיע, וואָס מיינסטו דערמיט?

— גאָרניט, שמיליקל! אַ מענטש וואָס ווייסט ניט אַף וואָס פאַר אַ וועלט ער גייט אום און לאָזט זיך אויסזויגן פון פּיאַווקעס, פון אַ קנופּיאַ מיט הינט, מוז פאַלן פון די פיס!...

דער טאַטע, דער פעטער, אַלע זיינע קינדער, די ווענט אַפילו, ווערן שטום און פאַרשעמט. די מומע, דאַכט זיך מיר, שעמט זיך אויך. שטיל, מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ, נעמט זי דעם טאַטן אונטער דער האַנט און פירט אים איבער די צימערן. דער פעטער מיט די קינדער און איך מיט זיי, גייען נאָך.

די צימערן זיינען לאַנגע און פריש געקאַלכטע, מיט לאַנגע גראַטעס אַף די פריש געפאַרבטע פענצטער. ס׳מעבל איז אַלטמאָדיש, מיט אַ סך שניצערייען. אין זאַל שטייט אַ גאָר לאַנגער טיש מיט ווייסע קיילעכיקע טאַבורעטקעס, ווי אין אַ קרעטשמע. דער פעטער האָט טאַקע צו פאַרקויפן וויין מיט ביר און אויך הייוון מיט באָרשט און... טיי.

די בעקעריי איז אַ גרויסע, אַ ריינע און אַ ליכטיקע, מיט אייזערנע גראַטעס אַף די פענצטער. דער פּאָל איז פון רויטע ציגל, אָפּגעוואַשן, פריש.

אין אַ צימער לעבן דער בעקעריי, האַלט דער פעטער ס'מעל. אַלץ, דאַכט זיך, איז דאָ שיין, באַקוועם און ניי, אָבער אָן דער רחבות, אָן דער יאָנג־טעוודיקייט ווי אין אונדזערער... די מומע רעדט אַריין אין טאַטנס פּנים:

— אַלץ, שוואָגער לעבן, איז נאָך ניי. הינטער דער שטוב, האָבן מיר אַ פולן קעלער מיט וויין, מיט ביר, מיט שמאַלץ־הערינג, מיט מאַס־לינעס... פּרנסה בערעוועך איז דאָ!... אַלע דאָנערשטיק איז דאָ מאַרק־טאָג, ס'קומען סוחרים, אַרענדאַרעס, גויים, ס'גאַנצע געלט זייערס לאָזן זיי איבער אין שענק... וואָס טויג מיר די צאַצקעס, די שיינע מעבלען, קיין פּרנסה גיט דאָס ניט!...

באַנאַכט שלאָף איך אין זאַל מיטן טאַטן אַף איין געלעגער. דער טאַטע קען ניט שלאָפן. איך אויך ניט. דער טאַטע זעצט זיך אויף, רייבט זיך אויס די אויגן און גענעצט.

— וועמען זוכסטו, טאַטע?

— קיינעם ניט, טאָכטער מיינע, איך וויל נאָר אַ קוק טון צי ס'טאָגט שוין אינדרויסן...

— טאַטע, איך וויל פאָרן אַהיים! מיר געפעלט ניט צו זיין דאָ!...

— אַהיים? ווער האָט דיך דאָ באַליידיקט? אין דער היים האָסטו ניט וואָס צו עסן. באַם פעטער וועט דיר זיין גוט און וואויל!... אָבער, בעסער איז דער ביטערער בלאָט פון גאָט איידער דער זיסער פון מענטשן...

עס הערט זיך פאַרלוירנקייט אין זיינע רייד. אַזוי איז ער שוין מיין טאַטע: אָן געלט, אָן דער ברייטער האַנט, איז ער אויס מענטש. אין אַזוינע צייטן קען ער זיך אַליין קיין עצה ניט געבן. די מאַמע פעלט אים אויס, איר דעם טרייסט־ווערטער, איר עקשנות אויסצובויען אַ נייעם בנין אַפן אָרט פון דער אַלטער חורבה. ערשט גאַנץ פרי ווערט דער טאַטע אַנטשלאָפן.

אין די פענצטער שטייט אַ קאַלטע גרויקייט. איך זע דעם טאַטנס מידן און עלנטן פּנים. איך טו מיך אָן און גיי אַריין אינעם פעטערס שלאָפצימער און לויף באַלד צוריק ווי אָן אָפּגעבריטע. איך רייס אויף דעם טאַטן פונעם שלאָף און רוים אים איין אַפן אויער אין אַ באַליידיקטן טאָן:

— טאַטע, טו דיך שוין אָן, וועלן מיר פאָרן אַהיים!... דער פעטער שמיל איז קיין לייט ניט! ער פאַרשעמט אונדזער מישפּחה!..

דער טאַטע רייבט זיך אויס די פאַרשלאָפענע אויגן און פרעגט מיך זייער ערנסט:

— וואָס האָט פּאַסירט, טאָכטער מיינע, דערצייל דעם טאַטן!

איך רוף אויס מיט פאַרדרוס, מיט האַרץ־קלאַפּעניש:

— דער פעטער מיט דער מומען שלאָפן אין איין בעט!...

— וואַ־אָס?... ס'קען ניט זיין, טאָכטער!...

— טאַטע, איך האָב דאָס אַליין געזען!... דער פעטער איז אַ פּאַס־קודניאַק!...

— און אפשר האָט זיך דיר פאַרט אויסגעוויזן? — נעמט מיך דער

טאַטע אַרום מיט זיינע ברייטע אויפגעריסענע און ווייט־זוכנדיקע אויגן.
— איך וועל צו זיי אַריינגיין און אויב דו האָסט ניט געמאַכט קיין טעות, וועסטו זען וואָס זיי וועלן פון מיר האָבן! אַזוינע פּאַסקודניאַקעס!...
ווען איך קום אַריין מיטן טאַטן אין פעטערס שלאָפצימער, טרעפן מיר אים שווין אין זיין בעט, אָן אַרומגערינגלטער פון זיינע דריי טעכטערלעך. דער טאַטע רופט זיך אָן זייער ערנסט:
— שמיל, זאָג מיר, צי ס'איז אמת וואָס גאָלדע האָט מיר דערציילט?
דער פעטער שמייכלט קלוג און וואַרים. מיט אַ וואַרים קול רופט ער זיך אָן:
— וואָס האָט זי דיר דערציילט?
דער טאַטע באַקומט אַ שטרענגן אויסזען. מיט אַ באַפעלערישן טאָן זאָגט ער:
— גאָלדע, דערצייל דעם אמת!
מיט מיין גאַנצן באַליידיקטן מישפּחה־געפיל, מיט מיין פאַרשעמטער און צעטראָטענער ערלעכקייט טו איך אַ שריי אויס:
— דער פעטער שלאָפט מיט דער מומען!
זיי צעלאַכן זיך. באַלד ווערן זיי ערנסט און טענהן צום טאַטן, צו מיר:
— וואָס הייסט מיר וועלן טון אַזאַ זאַך! ס'האָט זיך דיר נאָר אויסגעוויזן!... אַ גוט מיידעלע טאָר ניט אויסטראַכטן אַזוינע שלעכטע, מיאוסע מעשׂות!...
איך בלייב שטיין ווי אַ געפּלעפּטע. איך האָב מער ניט קיין מוט צו פאַרטיידיקן מיין פריערדיקע באַהויפּטונג... נאָר געשוואוירן וואָלט איך אין אַ שיל, אַז איך האָב געזען...
שפּעטער טענהט צו מיר דער טאַטע:
— זעסט שוין, גאָלדע, ווי אַ מענטש טאָר ניט ריידן גלאַט אין דער וועלט אַריין!... זאַכן, אין וועלכע מען איז ניט זיכער, טאָר מען ניט דערציילן, ניט באַשולדיקן!...
איך פיל מיך שטאַרק שולדיק לגבי דעם פעטער מיט דער מומען. איך שעם מיך צו קוקן זיי אין די פּנימער. איך בין דעריבער שטאַרק צופרידן וואָס דער טאַטע גייט מיט מיר שפּאַצירן איבערן סטעפּ.
ער קען ניט פאַרליידן דעם שטוביקן רעש, די קונים וואָס קוקן אויף אים... אַ ריח פון ברינזע, פון קאַש און פון אַלטן בעסאַראַביער וויין ברענגען זיי מיט זיך. די זאַל, די קלייט איז שטענדיק פול מיט קונים, זיי טרינקען זיסע טיי, בראָנפן און וויין. פון זייערע אויגן קוקט אַרויס דאָרפישע רחבות און זאַטקייט... דעם טאַטן גייט ניט אין דעם פעטערס און דער מומעס געטריישאַפט. אַ טיפער אומרו טרייבט אים איבער די הינטערגעסלעך, דאָרט וואו קיין מענטשלעך רחמנות און נייגיר פאַרפאָלגן אים ניט. ציגן און צאַפּעס גייען אונדז נאָך, קוקן אויף אונדז מיט ווייסע נאַרישע אויגן און שמאָלע פאַריסענע בערדלעך.

איינמאָל שפּאַצירן מיר לעבן דעם אויסגעטרוקנטן טייך, וואָס איז באַוואַקסן מיט דינע ריטלעך און איז אָנגעוואָרפֿן מיט שטיינער, מיט געפֿייגערטע פערד און הינט. דער בלויער פּראָסטיקער נעפּל, דער ווינט וואָס טראָגט זיך פֿון דעם אַרומיקן סטעפּ ווייעט אַף מיר מיט עלנט און מיט בענקשאַפֿט אַהיים. דער טאַטע זעצט זיך אַוועק אַף אַ קאַלטן שטיין, נעמט מיך אַפֿן שויס און קרעכצט. ער האָט אַ פֿינצטער פּנים.

— טאַטע, ביזט קראַנק? — פֿרעג איך. — ס'טוט דיר עפּעס וויי?

— טאָכטער, ווען קומט שוין דיין מאַמע? וואָס האָט זי זיך דאָרטן אַוועקגעזעצט?... הער, דער טאַטע וועט דיך מיטנעמען קיין אדעס, וואָס וועסטו דאָ טון אַליין?...

אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט ער:

— דער בויך טוט מיר וויי. מיין מאָגן, ווייזט אויס, האָט זיך שוין אָפּגעוואוינט פֿון אַזוי פֿיל שפּייז...

אַ גרויס רחמנות נעמט מיך אַרום אַפֿן טאַטן. זיינע קרעכצן רייסן מיך באַם האַרץ. איך גיי אַראָפּ פֿון זיין שויס.

— וויינסט, טאָכטער? באַרדאַאַס מיינער!

— ניין, טאַטע!

— גלייך טוסטו! זאָג מיר נאָר צי איז כמאַרנע אָדער די שיין פֿון מיינע אויגן איז אַזוי טונקל, אַזוי פֿינצטער געוואָרן?

— אַוודאי איז כמאַרנע! ס'כאַפּט. אַ פֿראָסט אַף באַנאַכט!...

דער ווינט שטורעמט, ער רייסט אַראָפּ דעם טאַטנס קוטשמע, צעשויבערט אים די האָר אַפֿן קאָפּ, ס'בערדל, די וואָנציעס, דורכגעוועבטע מיט פֿייכטקייט און מיט ווייסע פּעדימלעך פֿראָסט. דער טאַטע שאַרט מיט די הענט אַרום זיך און האַלט די אויגן אין דער לופֿטן ווי צוויי אויסגעלאָשענע פּראָזשעקטאָרס. אַ שרעק נעמט מיך דורך: גאָט! איז דער־אָ צעבראָכענער איד, דער טרייסטלאָזער און עלנטער, מיין טאַטע? מיין קלוגער, עקשנותדיקער און פֿריילעכער טאַטע?...

איך ברענג אים די קוטשמע, רוק זי אַראָפּ איבערן קאָפּ, ביז איבער די אויערן. דער טאַטע קרעכצט נאָך אַלץ. די הענט זיינע וויברירן אַרום מיינע אַקסלען. ער רעדט דורך טרערן:

— גיי ניט אַוועק פֿון מיר, טאָכטער! אַזאַ פֿינצטערקייט, אַ חושך האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט!

קיינער פֿונעם פּעטערס הויזגעזינד ווייסט ניט וואָס מיין טאַטע, וואָס איך, לעבן מיר איבער אין די באַטאָגעדיקע שפּאַצירן... באַ דעם אויסגעטרוקנטן טייך, בויט ער נייע פּלענער און רעדט מיט חרטה וועגן זיין ביז איצטיקן לעבן...

— זאָל איך נאָר צוריקקומען פֿון אדעס מיט אַ רפֿואה, וועט שוין דער טאַטע וויסן ווי אַזוי מען דאַרף לעבן אַף דער וועלט... סיי די מאַמע און סיי איר, טעכטער מיינע, וועט נאָך לעבן באַ מיר ווי גאָט אין אדעס!... אַרבעטן קען דער טאַטע! וועל איך פֿאָרן קיין טאַמבאָוו, איניינעם מיט די

טערקן, וועל איך אויפמאַכן אַ גרויסע קאָנדיטערסקע... מיין גאַנץ לעבן, מיין הארץ, מיין נשמה, וועל איך שוין אָפּגעבן פאַר אייך, פאַר דער מאַמען... שוין צופיל ביטערניש האָט אייך דער טאַטע פארשאַפט!... זאָל נאָר קומען די מאַמע! זאָלן מיר שוין פאָרן קיין אדעס!...

אין דעם איינענעם טאָג איז מיין מאַמע אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדרען. פונדאַנען פאָרן זיי תיכף אָפּ. איך בלייב באַם פעטער...

מיר איז אַראָפּ דער עול פונעם קאָפּ, די אחריות וואָס איך האָב געטראָגן און די בושה. מיר פלעגט טריפן דאָס בלוט פונעם הארצן ווען קינדער האָבן אונדז נאָכגעקוקט און נאָכגעלאַכט. מיך האָט דער טאַטע כסדר געלערנט ניט צו לאַכן פון אומגליקלעכע, פאַרקערט זיי צו העלפן און ליב צו האָבן און זיי, ניט נאָר זיי העלפן אונדז ניט, נאָר קיין גוטן בליק האָבן זיי ניט פאַר אונדז... אַ סך מאָל וואַרפן זיי אונדז נאָך שטיינער... איך וואָלט מיך געשלאָגן מיט זיי, ווי דעמאָלט ווען איך פלעג פאַרטיידיקן דעם כבוד און די געפילן פון מיין האָרבאַטער קוזינע, פינקל דעם פעטער דודלס... נאָר דער טאַטע פלעגט מיך צוהאַלטן באַ דער האַנט און מורמלען אומרואיק:

— לאָז צו רו, טאָכטער!...

איצט בין איך פריי פון דעם אַלעמען. איינמאָל נאָר האָט מען מיך דאָ באַליידיקט און שולדיק אין דעם בין איך אַליין. קאַלאַמיי, דעם פעטערס אַן ארבעטער, האָט ליב צו פארשיכורן זיינע פאַרדינסטן. ער ווערט דעמאָלט הפקר און וויל ניט ענדיקן די ארבעט. איך בין מיט אים גאָר היימיש. דער גוי מיט דעם בלויען בראַנדיקן פנים שמייכלט צו מיר און זאָגט:

— פרינעסי סטאַקאַן וואָדקי!

איך נעם אים מוסרן, אַז שיכרות פּאַסט ניט פאַר אים, ס'וועט אים מאַכן קראַנק, אומגליקלעך. ווערט ער בייז און טוט אַ ברום צווישן די ציין:

— יאַ טעבע זראַביוו, אַ טי מענע אוטשיש!...

פון דעמאָלט אָן וויל איך אפילו קיין קוק ניט געבן צו אים. מיר איז פריילעך און גוט. די זאַטקייט און די שפע שפּרודלט דאָ פון אַלע ווינקעלעך.

אין אַן אָפּדערנאַכט זיצן מיר אַלע אין קלייט. ס'איז ווארים און פריילעך. קאַלאַמיי איז שיכור, טאַנצט ער, שפּרינגט און כאַפּט קושן דעם פעטער, די מומע און זייער דינסט פראַניאַ מיט דעם טונקל באַחנטן פנים... אין דעם עפנט זיך די טיר און די מאַמע מיט דעם טאַטן קומען אריין. זיי זיינען שטיל און פארחושכט ווי צוויי „בעזשענצעס", ווי מען האָט גערופן די היימלאָזע פון די פראָנט־געגנטן. דער פעטער שמיל טוט זיך אַ ריס פונעם אָרט און ווערט בלייך ווי די וואַנט:

— וואָס אַזוי גיך צוריקגעקומען?

די מאַמע לאָזט אַרונטער די אויגן:

— וואָס וועלן מיר דאָרטן זיצן, אַז דער דאָקטער הייסט אונדז קו־מען אין אַ חודש אַרום!...

שפּעטער זיצן מיר אַלע אין שלאָפצימער. ס'איז ליכטיק און וואַרים. פונעם געשפּרעך, פון די נייעסן, וואָס די מאַמע גיט איבער, ווער איך געוואָר, אַז אַדעס איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ סך אידן און מיט „טאָל־טשאָקן". אַפן „טאָלטשאָק" האָט די מאַמע געקויפט אַ גרויסע טאַץ, אַ שוואַרצע, מיט דינע רויטע פּאַסיקלעך און מיט צוויי ברייטע אויערן. די מאַמע דערציילט, אַז אין אַדעס עסט מען ניט אַף קיין ווייסע טיש־טעכער, נאָר אַף אַזעלכע טאַצן, כמעט די גרויס פון אַ קליינעם טיש... די מאַמע האָט אויך געזען דעם קייסער און די קייסערינע מיט זייער „נאָס־ליעדניק". אַ גרויסן פּאַראַד האָט מען פאַר זיי געמאַכט בא דער באַן.

איך און מיין פּעטערס קינדער שפּיגלען מיר זיך אין דער טאַץ, מיר שטעקן אַרויס די צינגער און מאַכן משונע העוויות... נאָר ניט לאַנג געדויערט עס. די זאָרג פון די גרויסע טראָגט זיך איבער צום קליינוואַרג.

פרייטיק אַ גאַנצן טאָג זיינען דער פּעטער און די מומע פאַרנומען באַם פאַרקויפן די שבתדיקע קוילישן און ווייַן אַף קידוש, איז מיר אומעטיק צו זיצן לעבן דער מאַמען מיט דעם טאַטן. אויך אָפּדערנאָכט, באַם שבתדיקן טיש, איז אומעטיק. דער פּעטער האָט אַ צעוויייטיקט פּנים פול מיט מיטגעפיל. אויך די מומע און די קינדער זיינען מאָדנע פאַר־זאָרגט.

עס קומען צוגיין דער מומעס שכנות, הויכע געזונטע ווייבער מיט שאַלן אַף די פּלייצעס. די מומע סוידעט זיך מיט זיי אין אַ ווינקל אין קיך. איך גיי אַריין אין קיך און הער ווי אַ אידענע זאָגט:

— אין די גוטע יאָרן האָט זי געמוזט זיין אַ גרויסער פאַרשוין, אייער שוועגערן!...

— ווייסעך וואָס! זי איז איצט שענער!...

— פון וואָס? פון די גרויסע גליקן אירע? צי פונעם בלינד־געוואָ־רענעם מאַן?...

— אַזוי איז זי שוין!... זי ווייסט ווי אָפּצוהיטן דעם מאַנס ווייב!...

מיך פאַרדריסן דער מומעס ווערטער. איך וואָלט וועלן זאָגן דער אידענע, אַז מיין מאַמע איז כסדר אַ שיינע, אַ שענערע פון דער מומע באַסיע, אַ שענערע פון די אַלע ווייבער, וואָס זיינען איצט געקומען זי אָנ־קוקן און האָבן אַפילו ניט די דרייסטקייט זיך אויסצשמועסן מיט איר...

מיין מאַמע זיצט מאָדנע פאַרטראַכט. פּלוצים רופט זי זיך אָן:

— שמיל, איך האָב באַשלאָסן, אַז הערש מיטן קינד זאָלן בלייבן בא דיר דעם גאַנצן חודש... וואָס וועלן זיי טון אין דער היים? איך וועל מאָרגן אָפּדערנאָכט אַהיימפאָרן...

אַזוי איז עס געווען. נאָר אַפֿן צווייטן, אַפֿן דריטן טאָג נאָך דער מאַמעס אָפּפֿאָרן, בעט זיך דער טאַטע באַם פֿעטער, בײַ דער מומע:

— שיקט מיך אַהיים! איך קען דאָ ניט זיצן מער!...

— הערש! — טענהט דער פֿעטער — דער וועג איז אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט. נישטאָ קיין באַן פֿאַר ציווילע... וואו וועסטו דיך לאָזן אין אַזוינע ביטערע פֿינצטערע צײַטן?...

עס גייען אַוועק נאָך אַ פּאָר טעג. דער טאַטע ווערט אַלץ אומרואיקער, פֿאַרטראַכטער און טרויעריקער. ביז דער פֿעטער ווערט ווייכער און גיט אים נאָך.

.19

אַ בייזער ווינט יאָגט בערג מיט שניי אַריבער פֿון איין אָרט אַפֿן צווייטן און אינמיטן דער אימהדיקער ווײַסקייט טראָגט זיך אונדזער פֿאַיעטאָן, אַ באַשאָטענער, אַזוי שוין עטלעכע שעה. אונדזער באַלעגאָלע בלאָנדזשעט.

פֿאַרלוירן זעען אויס די פּאַסאַזשירן אונטער דעם פּוכענעם שניי וואָס ליגט אויף זיי. די אַרומיקע בלויע ווײַסקייט, דער שניי וואָס פֿאַלט פֿונעם הימל ווי פֿון אַ ווײַסן תהום אַן אויבערשטן, די אין שניי אָנגעטונענע שפּיצן פֿון די קלויסטערלעך, פֿון די טויבן־שלאַקן און פֿון די אַכסאַניעס, דאָס שווײַגן פֿון די פּאַסאַזשירן, דאָס פּראַכן און קנאַקן פֿונעם פֿראָסט, דאָס אַלץ מאַכט אויף מיר דעם אײַנדרוק ווי די וועלט וואָלט פּלוצים אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שווערן גליווערדיקן שלאָף. מיר ליגט די קעלט אין די ביינער, עס גלוסט זיך מיר שלאָפֿן... נאָר איך האָב מורא צו שלאָפֿן, טאָמער וועל איך פֿאַרפֿרוירן ווערן. דער טאַטע טרייסט מיך:

— באַלד, טאָכטער מײַנע, וועלן מיר אָנקומען קיין רישקאַן. דאָרט וועט מען דיך אויפֿנעמען ווי בײַ דיר אין דער היים.

דעם טאַטנס טרייסט־ווערטער צעשטרייען מיך ניט אַזוי פֿיל וויפֿל אַ מאָדנער צופֿאַל, וואָס רײַסט ממש שטיקער פֿון מיר און פֿון מײַן שלאָף: באַם זוים פֿון אַ דערפֿל, נעמט דער באַלעגאָלע אַרויף צו זיך אויף דער קעלניע אַ שיקסע.

פֿון קעלט, איז בײַ דער שיקסע דאָס פּנים רויט און די נאָז געשוואָלן און אָנגעטון איז זי אין אַ זומערדיק זשאַקעטל מיט ווײַסע זומערדיקע שיך אויף רויטע זאָקן.

דער באַלעגאָלע ווערט מיט איר גלײַך אויף דו און דאָס פֿאַרדריסט מיך: וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט ער איבער איר? מיט אַן אומדרו אין אירע העלע אויגן נעמט זי דורך די פּאַסאַזשירן. דער באַלעגאָלע הילט זי באַלד אַרום מיט זײַנער אַן אַלטער בורקע און ער סמאָטשקעט מיט די ליפּן, באַלעקט זיך... אַ פֿרוי, וואָס פֿאָרט מיט אונדז, בייזערט זיך, שעלט:

— אַ וויסטע פּגירה אַף איר טאַטנס קאָפּ!... איבער איר וועלן מיר אָנקומען שפּעט בײַ דער נאַכט!... העי, טרייבט נאָר אונטער די פּערדלעך אייערע!...

די קעלט, אַ שטעכעניש אין די פינגער פון די הענט און פון די פיס, האָב איך ערשט רעכט דערפילט אין רישקאַן, שוין אין אַ גרויסער וואַרימער שטוב, בײַם טאַטנס גוטע פריינט.

איך וויים שוין, אַז דאָ איז אַן אַכסאַניע און אַז דער באַלעבאָס איר דער איז סימכע, אַ זון פון דוואָסיע דער בעקערן, וואָס מיין טאַטע האָט בחורוויז בײַ איר געאַרבעט. ער האָט אַ בלאָנד קאָמעץ־בערדל און קליינע טונקל־בלויע, קינדישע און וואַרימע אויגן.

סימכעס ווייב איז אַ שטילע און אַ טונקל־הויטיקע מיט אַ הויכן קובליק שוואַרצע האָר. זי בעט דעם טאַטן:

— הערש, האָב אַף מיר רחמנות און נעם עפּעס אין מויל אַריין, וועסט שפּעטער שמועסן!... וואָס הערט זיך עפּעס בײַ אייך? זענט איר כאָטש אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון דער מילחמה?..

אין דעם לויפן אַריין צוויי ווייבער, הויכע און געזונטע, ווי די קאָזאַקן. אַ ווינט האָבן זיי מיט זיך אַריינגעבראַכט און ערשט געפּאַלענעם שניי אַף די גראָבע באַראַשקענע שאַלן: זיי פאַלן צו צום טאַטן און שמייכלען וואַרים צופרידן:

— הערשעלע, הערש! ביזט נאָך ניט געשטאָרבן!... געמיינט מען האָט דיך גענומען אין מילחמה! אַ שיינעם דאַנק גאָט וואָס מען זעט זיך געזונט!...

דער טאַטע שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ און טוט זיך אַ דריי פאַרן טשופּרינקעלע:

— הלוואי, פריינט מיינע, וואָלט מען מיך גענומען אין דער מילחמה, וואָלט איך כאָטשע אַ שטיקל ווערט געהאַט! און אַזוי, וואָס? אַן אויסגעבלאָזן איי בין איך ווערט!...

— אָט האָסטו דיר דעם טשאַרנאָפּויעץ מיט זיינע שטענדיקע בקירעלעך!...

די ווייבער לאַכן און מונטערן דעם טאַטן:

— מה רעש? דיינע געשעפטן האָבן דיר אָפּגעברענט? טרינק אויס אַ פּאָר גלעזלעך פאַר אונדזער געזונט און טו נאָר אַ זינג דיינע אַמאָליקע לידלעך, סע זאָל אַ צופּ טון בײַם הארצן, סע זאָל בײַ די גדערים אַ נעם טון און סע זאָל וואַרים ווערן אין אַלע איברים!...

— הלוואי וואָלט מיין קאָפּ ניט געווען דערשלאָגן, ווי איך וואָלט אייך ניט אָפּגעזאָגט!

— הערש, ווייסט דיך דער גוטער יאָר! מיט דיין טרויעריקן ניגון ווילסטו אונדז טאַקע אַרויסנעמען די נשמה! מיינסט דאָס מיט אַן אמת?

— מיט אַן אמת, פריינט מיינע, איך בין קראַנק אַף מיינע אויגן...

די ווייבער פּלאַצן אויס אין אַ געזונט לאַכן, וואָס שטראָמט בײַ זיי פון אַלע איברים. זיי קלאַפּן איבערן טאַטנס פּלייצע:

— אַף אַזאַ כקירעלע האָבן מיר זיך ניט געריכט! זע נאָר אַ פּנים! זע נאָר אַ טראָוועך!

— הלוואי וואָלט דאָס געווען אַזאַ שקר, ווי ס'איז אמת!...

די ווייבער בלײַבן שטיין ווי געפּלעפּט. טרערן נעמען גיסן פון זייערע אויגן:

— הערש, פון ווען אָן?

— שוין עטלעכע וואָכן!

— ביזט געווען בײַ אַ דאָקטער?

— ווי דען!

— נו, וואָס זשע זאָגט ער?

— וואָס זאָגט אַ דאָקטער? מען וועט זען... זיי דאַרפן נאָך שטודירן דעם פאַל!...

אַ טיפער טרויער פאַרציט זייערע פּנימער און צעטראָגט זיך אין אַלע ווינקלען, איבער אַלעמענס קעפּ, אַף די גרויסע שטיקער אַלטמאָדישן מעבל און אַפן גרויסן לאָמפּ וואָס שטייט אַפן טיש.

עס קומען צו לויפן נאָך ווייבער. אַלע אַזוינע פעסטע און פּולבלוטיקע זיי זיצן אַרום גרויסן טיש און הערן אויס דעם טאַטנס איבערלעבונגען זינט די מילחמה האָט אויסגעבראָכן. סימכע מיט זיין ווייב זיינען אין כעס אַפן פעטער שמיל. זיי טײַנען מיט די הענט, מיט אַלע איברים:

— ער מעג זיך שעמען, דיין ברודער! ער איז אַ זיבעלע, דער נגיד? זיין אויסגעטרוקנטע צענצע רענצע האָט ניט באַדאַרפט ווייסן ווען און מיט וויפל ער האָט דיר אַרויסגעהאָלפן!... ניט זיינס, דיין פּראַצע דאַרף ער דיר אומקערן, דער מערזאַוועץ, דער גראָבער בויך!...

אין שטוב בלײַבט ווי עפּעס ניט דערזאָגטס, אַזוינס וואָס מוז באַגראָבן ווערן מיט דעם אייגענעם דערשטיקטן וויטיק...

פון רישקאַן פאָרן מיר אַהיים דעם אַנדערן אינדערפרי מיט אַ גרויסן שליטן, אַ טיף אויסגעבעטן מיט שטרוי און אַרומגעהילט מיט אַ גרויסן פעלצענעם צודעק. דאָס האָבן דעם טאַטנס גוטע פריינט פאַר אונדז נעדונגען דעם שליטן און אונדז מיטגעגעבן אַ גרויסן פּאַק עסנוואַרג, מיט אַ סך האַרציקע ברכות און טרייסטווערטער.

אין שטוב בײַ אונדז שטייט אַ גוואַלדיקע זויבערקייט, וואָס שרעקט מיך. די מאַמע מיט די שוועסטערלעך האָבן אַלע אַזעלכע מאָדנע בענימעסדיקע פּנימער. ריווקע זעט גאָר אויס ווי אַן אַלט ווייבעלע, מיט אויסגעוויינטע אויגן. זי קוקט אַף מיר מיט אַ געוויסער אָפּגעפרעמדקייט און קינאה. זי פרעגט מיך דורך טרערן:

— האָסט געבענקט נאָך מיר, גאָלדע?

— אוודאי, און דו?

— איך האָב דיר אַזוי מקנא געווען! אונדז איז אַזוי שלעכט, אַזוי ביטער, און דו זיצט דיר באַם פעטער שמילן, לעבסט אַף וואָס די וועלט שטייט!...

איך דערפיל מיך שולדיק קעגן ריווקען און קעגן אַלע מיינע שוועסטערלעך. גוט וואָס איך בין געקומען אַהיים... איצט, וועלן מיר טיילן די נויט, דאָס שווערע לעבן, אַלע אינייִנעם... נאָר די מאַמע איז ניט צופרידן וואָס מיר זיינען געקומען.

— הערש, נאָכוואָס ביזטו אַהיימגעקומען? — טענהט זי. — איך פרעג דיך נאָר צי טוט אַזוי אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ טאַטע פון זעקס קינדער!...

— ראַצע, וואָס קומט מיר דערפאַר, אַז איך קען ניט זיין אַף קעסט באַם רייכן ברודער?...

פינקל איז געוואָרן העכער און פאַרטראַכטער. מיט וואַרימקייט און פאַרשטענדעניש קוקט זי אַפן טאַטן, אַף מיר און שווייגט.

אַ מאָדנע פרעמדקייט פיל איך צו דער שטוב, צו די שוועסטערלעך, אפילו צום שכן און זיינע מעקלערס און צו פיליאַן מיט אירע קינדער, וואָס זיינען די איינציקע געסט אונדזערע. מיין חברטע סאָסיע, פאַרקערט, איז פרעמד צו מיר. זי האָרעוועט שוין ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. זייער אַלט שטיבל איז איינגעזונקען אין דער ערד און איז באַדעקט מיט אַ באַרג שניי, ווי אַ גרויסער קבר. איך קום צו איר אַריין און דערוועג מיך ניט צו רײדן מיט איר וועגן שפּילן זיך, וועגן מיינע ליאַלקעס. אַ מאָדנע אחריות־געפיל האָט אויפגעלעבט אין מיר: סאָסיע אַרבעט, זאָרגט פאַר אירע ברידערלעך, פאַרוואָס זשע זאָל איך ניט אַרבעטן?... איך בין שוין אַ גרויסע, דאָס נײַנטע יאָר גייט מיר!... נאָר באַ וואָס צו אַרבעטן איז נישטאָ. ס'איז מילחמה. די שניידער דאַרפן ניט קיין לערן־מיידלעך, די צוקערניקעס קיין קאָנפעקטן־וויקלערנס... ס'שטעטל שטייט ווי אויסגעלאָשן פון לעבן, פון פרייד און פון האָפענונג אַף בעסערע צייטן...

20.

ס'איז שפּעט אין ווינטער. די גאַס קראַכט אונטער שווערע פראַסטיקע טעג, הויקערט זיך אונטער אַ ווייסער טאַכריכימדיקער לאַסט, צאַנקט איינייִנעם מיט די אויסגעהונגערטע און דערשראָקענע אָרימעלייט, מיט די מילחמה־ווייבער און זייערע קינדער. אין שטוב באַ אונדז דריקט דער אָנקום פונעם גרויסן אומגליק. שוין ס'צווייטע מאָל ווי די מאַמע ברענגט מיט זיך דעם טאַטן צוריק פון אָדעס. דאָקטוירים הייסן אים אָפּערירן, דעם שאַרבן מוז מען אים אַראָפּנעמען צו זען פונוואַנען ס'קומט די בלינדקייט, נאָר דאָס לעבן זיינס, זאָגן זיי, איז אין געפאַר... די מאַמע וויל ניט

איינשטעלן דעם טאַטנס לעבן: בעסער, קינדערלעך מיינע, צו האָבן אַ בלינדן טאַטן, איידער חלילה בלייבן יתומים... דער טאַטע האָט אַ פינצטער פנים, ליגט כסדר אין בעט און רויכערט אָדער ער רעדט צו זיך אַליין. די מאַמע טרעט ניט אָפּ פונעם בעט און טענהט צום טאַטן:

— הערש, רעד ניט צו דיר אַליין, די קינדער האָבן מורא, אויס מענטש זיינען זיי געוואָרן!...

דער טאַטע בעט זיך באַ איר אָדער ער שרייט פאַרצווייפלט:

— וואָס שטייסטו לעבן מיר? לאָזט מיך אַליין! גיט מיר סם! נאָכ־וואָס דאַרפט איר מיך?

טרעפט, אַז דער טאַטע נעמט קלאַפּן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. ער וויל זיך אַזוי אַ מיתה אָנטון... קיין איינעם פונעם טאַטנס גוטע ברידער זעט מען ניט באַ אונדז אין שטוב.

פּיליאַ קומט יאָ. זי האָט אַ צעלאַכט פנים, ס'ווייעט פון איר מיט סודות, מיט רייפער ווייבלעכקייט. זי דערציילט, אַז דער מאַן שרייבט גוטע בריוו פונעם „פליען" און שיקט איר געלט. אין גאַס אָבער שמועסט מען, אַז סעוואַסטאָפּול, דער פּריסטעוו, לעבט מיט איר, האַלט זי אויס... ווען די מאַמע איז געפאָרן צום צווייטן מאָל קיין אָדעס, האָב איך געליען פּאָר אירעטוועגן פּיליאַס פּליושענעם מאַנטל. אינעם איבערגעקערטן מאַנ־קעט פון אַן אַרבל, זיינען געווען פאַרשטעקט פיר פּאַפּירענע דרייערלעך. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז פּיליאַ האָט בכיוון אַהין אַריינגעלייגט דאָס געלט...

דערווייל זיינען מיינע אַקציעס געשטיגן. אין שטוב הער איך זאָגן, אַז ניט אומזיסט בין איך געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל. אומעטום, וואו נאָר מען שיקט מיך האָב איך דערפאָלג, אַלץ ווערט דערלעדיקט אָפּן בעסטן אופן. ריווקע מיט פינקלען זיינען שעמעוודיק. שיקט די מאַמע אויפ־מאָנען אַ חוב באַ אונדזערע געוועזענע קונים, ווילן זיי ניט גיין. און אַז זיי גייען, קומען זיי אַהיים מיט ליידיקן: מען וויל ניט אָפּגעבן!... באַ מיר ווידער איז אַנדערש. איך טרעט ניט אָפּ פונעם אָרט. מיט בייזן אָדער מיט גוטן, איך פאָדער יושר און גערעכטיקייט און באַקום אַרויס עטלעכע קאָפּיקעס... איך הער אָפּט ווי די מאַמע רעדט צום טאַטן:

— הערש, גאָט זאָל מיר מוחל זיין... איך האָב געהאַט צו אים טענות, אַלעמאַי ער האָט מיר געגעבן אַ ווילד קינד, ניט קיין שיינע!... זי אַרבעט זיך אויס... אַ שטיק גאָלד, אַ געטרייע זאַך ווערט זי!...

— און איך, ראַצע, וויים דאָס שוין פון לאַנג. אַזאַ געראָטן מזל זאָל זי האָבן, ווי געראָטן זי איז, קיין בייז אויג! אַ פאַרשוין וועט זי אונדז אויסוואַקסן!...

באַזונדערס האָב איך ליב אַהיימצוברענגען מילחמה־נייס פאַרן טאַטן. איך הער זיי צווישן ווייבער און צווישן אַלטע אידן. ער הערט זיי אויס און מאַכט דערביי זיינע פּרושים. און באמת געשעען באַ אונדז מאָדנע זאַכן: אַ באַלעגאָלע מיט עטלעכע ווייבער זיינען דורכגעפאָרן אַ וואַלד,

איז פּלוצים פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען אַן אָקס, מיט אַ... רויט טיכל אַפן קאָפּ... דער אָקס האָט געמרוקעט און אויסגעקלאַפּט זיבן קלעפּ מיט די הינטערשטע פיס. זאָגן ווייבער, אַז דאָס איז געווען נישט קיין אָקס, נאָר עפּעס אַ גילגול, אַ זינדיקע נשמה, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די מילחמה וועט זיך ציען זיבן יאָר... אַ איד האָט אויסגעגראָבן אַ רעטיכל פון אַ גאָרטן, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ קינדעריש הענטל, איז די גאַס פול געווען מיט מענטשן און אונדזער שכן איציק זעלמאַן, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ סימן פון... אַ גרויסער מילחמה. איך האָב אַליין געזען דאָס רעטיכל און ביז היינטיקן טאָג ווייס איך נית, פאַרוואָס איך בין אַהיימגעקומען אין איינע שרעק און מיט דער זיכערקייט אַז די מילחמה וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטן... דער טאַטע הערט זיך באַזונדערס איין ווען איך דערציייל אים, אַז איבער דער פּאָטשט־גאַס ציען זיך הונדערטער פּויערים מיט קלומקעס אַף די פּלייצעס, וואָס מען טרייבט זיי צו די פראָנטן גראָבן „אָקאָפּעס"... ווי זיי גייען אויסגעמאַטערטע און געבויגענע, טאָפּטשען אין שניי און דער שוויים רינט פון זייערע חושכדיקע פּנימער...

איינמאָל האָט מען אַרויסגעפירט פונעם שטעטל צוויי גרויסע וועגענער מיט גרויסע קלויסטער־גלעקער. אידן מיט ווייבער, וואָס האָבן דאָס געזען, האָבן זיך איבערגעקוקט שטיל און טרויעריק. אויך מיך איז אַ מאָדנער טרויער באַפאַלן. כאָטשע, געטראַכט האָב איך מיר, אַז איך וואָלט מיך באַדאַרפט פרייען: דער טאַטע האָט אַ סך מאָל דערציילט ווי אין די צייטן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָבן די גלעקער אין די קלויסטערס געקלונגען און צונויפגערופן דעם אויפגערייצטן המון זיי זאָלן קומען זען ווי מען פאַרברענט אידן אַף גרויסע צעליגטע פייערן, דערפאַר וואָס זיי ווילן זיך נית שמדן און אויסקויפן זייער לעבן מיט אַן אמונה, וואָס איז פרעמד צו זייער נשמה... בעת דעם קעשענעווער פּאָגראָם — האָט דער טאַטע דערציילט — ווען אידיש בלוט האָט זיך געגאָסן אין אַלע רינשטאָקן, האָבן די גלחים געקלונגען אין די קלויסטערס, ווי אַף יום־טוב... נאָר מיר דאַכט זיך, אַז עפּעס וועט פעלן אינעם שטעטל... עס וועט פעלן דאָס טרויעריק־פריילעכע געפלוידער פון די גלעקער, וואָס רופט אין קלויסטער אַריין, בעת אידן גייען שבת פאַרנאַכט פון מינחה און אידענעס קלייבן זיך זאָגן גאָט פון אברהם... דער טאַטע זאָגט, אַז פון די גלעקער וועט מען מאַכן „פּוליעס", אַף צו הרגענען מענטשן...

פיליאַ לייענט פאַרן טאַטן „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי". די אויערן, אַפילו די נאָזלעכער, זיינען באַם טאַטן ברייט אויפגעריסן, ווי ער וואָלט מיט די אַנדערע חושים געוואָלט אויפכאַפּן דאָס וואָס די אויגן קענען שוין נית באַווייזן.

אַ סך מאָל בעט אים די מאַמע:

— הערש, גיי זיך אַביסל דורך... אַ מענטש טאָר באַ זיך נית אַראָפּפאַלן... וועסט זען ווי גאָט וועט זיך מרחם זיין אַף אונדז!... זומער וועל

איך פאָרן מיט דיר אין די גרויסע ערטער... איך שטעל נאָך ניט אָף די אדעסער דאָקטוירים...

דער טאַטע ענטפערט איר מיט דער כסדרדיקער פארביטערונג:

— ראַצע, וואָס האָב איך דערלעבט?... ווער בין איך? וואו זיינען מיינע גוטע ברידער, האַ?... איך וועל מיך פארהונגערן צום טויט!... א נוצלאָזער מענטש, א בלינדער דאַרף ניט לעבן!...

די מאַמע שווייגט, טרערן גיסן פון אירע אויגן, זי שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געזאָגט: צו שפּעט האָסטו דערקענט מענטשן!...

ניט די מאַמע און נאָך ווינציקער דער טאַטע ווייסט וויפל איך מיט די שוועסטערלעך האָבן מיר געהונגערט ווען זיי זיינען געווען אין אדעס. איינמאָל האָב איך אויפגעהויבן א גרויסן קרויט פונעם מיטן וועג, פון דער בלאָטע ארויס. ריווקע האָט אים ארומגעוואַשן, ארויפגעשטעלט אָפן טיש די שיינע טאַץ, וואָס די מאַמע האָט אהיימגעבראַכט פון אדעס און אָף קליינע טעלערלעך האָט זי אונדז אויסגעטיילט פאַרציעס קרויט... מייער מאַכטער, א רישקאַנער איד, א בעקער, דעם טאַטנס אַן אַלטער גוטער ברודער, האָט אונדז איינמאָל געבראַכט צוויי רובל. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געקוקט אָף אונדז און ביטער געשמייכלט:

— באַ גאָט, ווייזט אויס, איז קיין קלוגער און קיין שטאַרקער ניט פאַראַן...

די מאַמע מיט דעם טאַטן ווייסן אויך ניט, אַז איך בין איינמאָל שיר־ניט אומגעקומען און געווען איז עס אוים מורא פאַר דער שטראָף, פאַר זייער פאָרוואורף: ריווקע האָט ארויסגעהאָנגען אָף דעם פּאַרענטש פון דער גאַלערייע א גרויסן טעפּיך און איך האָב אים פארגעסן אריינצונעמען און מען האָט אים באַנאַכט צוגעגאַנוועט. זיינען מיר אַוועק, איך און ריווקע, מיט יענטעלען אָף די הענט, צווישן די גויעשע גאַסן און מיר פרעגן זיך וועמער ס'האָט געפונען א טעפּיך און מיר מאָלן דערביי אוים די קאָלירן זיינע, זיין שיינקייט און דערקענט האָבן מיר אים אָף א גויעשער פור מיט עפּל און מיט באַרן, לעבן די שטעלן מיט חזיר באַם קלויסטער.

וויפל מיר האָבן געטענהט צום גוי, אַז דער טעפּיך איז אונדזערער, האָט ער אפילו ניט געוואָלט הערן. ער איז אין כעס געוואָרן ווען מיר האָבן אים געזאָגט: זלאָדי... מיר האָבן גערופן א „סטראַזשניק", אים דערציילט ווי אַזוי דער טעפּיך איז נעלם געוואָרן און אַז... ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן קומען פון אדעס, וועלן זיי זיך לאָדן מיט דעם גוי, אַלעקסעם א זון, טאַקע אונדזערער א געוועזענער קונה... דער סטראַזשניק האָט אָבער געהאַלטן מיט דעם גנב און די חזירניקעס זיינען אַלע עדות, אַז דער טעפּיך איז ניט אונדזער'ער, נאָר דעם גנבס... מיר וויינען און דער סטראַזשניק טרייבט אונדז אַוועק מיט א פּאָר שמיץ פון זיין נאַהייקע. אָבער, ערשט איצט ווערן מיר עקשנותדיק: דער טעפּיך איז אונדזערער, מיר מוזן אים אָפּנעמען!...

ריווקע מיט יענטעלען האָט זיך אָוועקגעשטעלט וואַרטן הינטער די אידישע קליטלעך און איך הינטערן וואָגן מיט פּרוכט. שאָען ציען זיך ווי אייביקייטן. אין מיר צאַפּלט דאָס האַרץ און אַלע איברים פון שרעק און דערוואַרטונג. איך זע ווי דער וואָגן ווערט אַלץ ליידיקער און דער טעפּיך אַלץ פרייער. און פאַרנאַכט, ווען די פּירלעך הייבן שוין אָן פאַר־לאָזן דעם מאַרק־פּלאַץ, נוץ איך אויס די געלעגנהייט ווען דער פויער טרעט אָפּ פונעם וואָגן זיך דורכשמועסן מיט אַ הזירניק און טו אַ שלעפּ אָפּיר דעם טעפּיך און נעם פליען מיט אים ווי אַ בליץ...

איך הער ווי עס שיט זיך זילבער־געלט, וואָס איז געלעגן אין אַ פאַלד פונעם טעפּיך, ווי דער גוי גוואַלדעוועט צונויפקלייבנדיק ס׳צעשאָטענע געלט און ווי די חזירניקעס וואַרפן מיר נאָך גרויסע מעסערס, העק און באַרדעס און שרייען:

— זלאָדיקאַ!... זשידיווקאַ פּאַרכאַטאַ!...

פאַר די אויגן האָט מיר אַלץ געשווינדלט, דער קלויסטער, דער מאַרק־פּלאַץ, און ביז היינטיקן טאָג באַנעם איך ניט ווי אַזוי איך בין ניצול געוואָרן פון די העק מיט די מעסערס און פון דער כוליגאַנישער רציחה פון די חזירניקעס. איך געדענק נאָר ווי אַזוי מיין ריווקע האָט מיך אַרום־געכאַפּט און ווי אַזוי מיר האָבן ביידע געוויינט פון פרייד און פון גליק, וואָס איך האָב אָפּגענומען דעם טעפּיך... וואָס די גערעכטיקייט האָט גע־זיגט...

אויך איצט וואַרט מען אין שטוב באַ אונדז אַז עפּעס אַ נס, אַז דער גערעכטיקייט, וואָס זאָל אונדז ראַטעווען פון הונגער... זעלטן ווען מיר האָבן אָפּצועסן אַ שטיקל ברויט. מאַמעליגע, מאַליי, איז אויך נישטאָ צו דער זעט... אונדזער ברויט־געבערן איז די צאַרטע און שווייגנדיקע פינקל. אָנדערהאַלבן קערבלעך אַ וואָך פאַרדינט זי באַ אייזיק דעם שניידער. פון דעם געלט מוז די מאַמע קויפן טיטין פאַרן טאַטנס וועגן און אויך אַ בע־סערן ביסן פאַר אים. דער טאַטע וויל ניט דעם בעסערן ביסן, ער וויל אינגאַנצן ניט עסן, ער וויל זיך פאַרהונגערן צום טויט... די מאַמע נאָר האָט ניט פאַרלוירן דעם ביטחון. דעם טאַטנס פּלוצימדיק בלינד ווערן, די אחריות פאַר אים און פאַר די זעקס קינדער, האָט דערוועקט אין איר אַ נייע קראַפט, אַ טיפן גלויבן אין דעם געטלעכן יושר, אין גאָטס גע־רעכטיקייט און אין זיין גרויסקייט:

— טעכער אונדזערע, גאָט שלאָגט ניט מיט ביידע הענט. אייער טאַטע האָט קענען אים ניט געזינדיקט. ער קומט איצט אָפּ פאַר פרעמדע זינד. עס וועט געשען אַ נס און מיר וועלן ווידער אויפגעריכט ווערן!...

מיר זיינען באַיינפלוסט געוואָרן פון אירע ווערטער. און יעדן טאָג, יעדע שעה, ווען דער הונגער און די פאַרצווייפלונג האָבן געפּייניקט אונ־דזערע יונגע הערצער, האָבן מיר שטום געקוקט צו דער טיר און געוואַרט,

געהאַפּט: אַט וועט באַלד עמיצער קומען, אַ גוטער פריינט, וואָס וועט לינדערן די נויט, דעם ביטערן מצב אונדזערן...

און אַז די גוטע פריינט זיינען ניט געקומען, האָבן מיר זיך ארויסגע־לאָזט, איך מיט ריווקען, זיי זוכן. זוכנדיק, האָבן מיר איינמאָל אַזאַ פריינט געפונען און אויך צוואַנציק קאָפּיקעס פאַרדינט פון אים.

געשטאַנען איז אַ מוראדיקער פראָסט. פונעם באַנאַכטיקן רעגן, איז דער שניי פאַרגליווּט געוואָרן און ווי שטיקער גלאָז זיך געשפּיגלט אינעם לויטערן טיף־בלויען הימל. טרוקענע ווינטן האָבן זאַמדיקע כוואַליעס שניי געשמיסן פון די אַרומיקע בערג אינעם שטעטל אַריין, טיר און פענצטער אָפּגעריסן, ליידיקע שטעלן אין מאַרק איבערגעקערט און אָנגעמאַכט חור־בונות און הזיקים... די בערגלעך, די קאַנאַוועס און די טרעפּ פון די גאַ־ניקלעך זיינען אויסגעגלייכט. פאַרהאַקטע שטייען די טירן פון די געוועלבן און בעקערייען.

אַט אין דעם טאָג האָבן מיר זיך ארויסגעלאָזט, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין, זוכן די אַלטע קונים אונדזערע, אפשר וועלן זיי עפּעס אָפּגעבן אַף די חובות... און געטראָפן האָבן מיר שמיל לייב פון באַרלינעשט, אַ מיטלוואוקסיקער איד מיט שוואַרצע און גלוּיִקע אויגן ווי באַ אַ קינד. ער איז אָנגעפּאַרן אין אַ בריטן שליטן מיט אַ סך שנייעלעך אַף זיין בורקע און אַף זיין שוואַרצער ברייטער און געקנייטשטער באָרד.

ער איז אונדזערער אַן אַלטער קונה און דעם טאַטנס אַ פריינטל. מיך פלעגט שטענדיק פאַרדריסן אַף מיין מאַמען אַלמאַי זי האָט ס'געגנאַר פון דעם גוטן און שמייכלענדיקן אידן און רוקט אים אונטער ס'ערגסטע געבעקס. אַזאַ איד באַדאַרף באַקומען ס'בעסטע, ס'שענסטע געבעקס... ער דינגט זיך קיינמאָל ניט און גיט צו לייזן אַ סך...

זיין ריידן, זיין שמייכלען און אויספרעגן וואָס ס'הערט זיך אין דער היים איז אַזוי איידל, אַזוי שטיל און פרום, ווי פון אַ צדיק. די מאַמע זאָגט טאַקע, אַז אַזוינע אידן זיינען דער סענץ, דער כבוד פון אַלע אידישע דערפער... באַ דעם אידן האָבן מיר גענומען געלט אַף צוויי פוד ברויט און פאַרדינט אין זיי די צוואַנציק קאָפּיקעס.

דעם זאַק מיט ברויט האָבן מיר צוערשט געשלעפּט, דערנאָך אונ־טערגעשטופּט מיט די פיס. די פינגער זיינען אונדז פאַרפרוירן, די נעז, די באַקן און די אויערן ברענען, שטעכן פון קעלט. ריווקע האָט טרערן אין די אויגן. זי סאָפּעט פון דעם ווינט, וואָס פאַרשלאָגט דעם אָטעם, פון די שנייעלעך וואָס בלאָזן פון די דעכער אַראָפּ און פאַרשטעלן דעם וועג. איך קרעכץ ווי אַ געבונדענע, האַלטנדיק צוויי שפּיצן פונעם זאַק און טענה צו ריווקען:

— איכל באַלד שטאַרבן!... די חיותן גייען מיר אויס!... ס'שטעכט מיר אין די פינגער פון די הענט, פון די פיס!...

ריווקע שטעלט זיך אָפּ און זיפצט:

— האַלט דיך פעסט, גאָלדע! די שוואַכקייט טאָר מען ניט נאָכגעבן!

מירן יאַקאָס אָנקומען!... ס'פעלט שוין ניט קיין סך!... מירן פאַרדינען אַף ברויט, אַף צוקער מיט טיי!...

דורכגענומענע מיט פראָסט, מיט אימפּעט און מיט אַ טיפער צופרידנקייט פון אונדזער ערשטן פאַרדינסט, קומען מיר אַהיים כמעט פאַרנאַכט. די מאַמע קוקט אַף אונדז אַ צעוויטיקטע און רעדט שטיל:

— איר זעט, קינדער, ווי גאָט פאַרלאָזט ניט דעם מענטשן, דעם עלנטן און גערעכטן!... מיר וועלן זיך צו עפּעס דערשלאָגן!... איר וועט דערמאָנען אייער מאַמעס רייד!...

.21

אין גאַס באַ אונדז מיינט מען נאָך אַלץ, אַז מיין טאַטע האָט אויגענע טויזנטער, אָפּגעשפּאָרטע פון גנבענען באַ די טערקן... קיין איין שכן קומט ניט אַרויף אַ פרעג טון וואָס ס'הערט זיך באַ אונדז, צי נויטיקט מען זיך אין זייער הילף. אַ סך מאָל פרעגן מיך די ווייבער:

— זאָג נאָר, דו, ס'איז אמת, אַז דיין טאַטע איז בלינד געוואָרן? נישקשה, ער האָט נאָך פון וואָס זיך צו דאָקטערן! גענוג געלאַקכנט באַ די טערקן, נעבעך!...

זייערע ווערטער שטעכן מיך, צעבלוטיקן דאָס קינדיש־באַליידיקטע האַרץ מיינס. וואָס האָבן זיי צו מיין טאַטן, די ווייבער?... וואָס פייניקן זיי מיך אָן רחמנות?... אין שטוב באַ אונדז ווייסט מען ניט פון מיינע באַגעגענישן מיט די שכנים, נאָר אין האַרץ באַ מיר און אין אַלע איברים וואַקסט אויס אַ גרויס מעכטיק מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש צו מיין טאַטן און צו אַלע אומגליקלעכע, עלנטע און פאַרפאָלגטע און אין דער זעלבער צייט צעפלאַקערט זיך אין מיר אַ ווילדער פּראָטעסט, אַ שטורעמדיקער דורשט נאָך נקמה אָן די שלעכטע און פאַרדאָרבענע... איך וואָלט וועלן אויסשרייען אין דער הויך, עס זאָלן מיך דערהערן אַלע פאַרשטויסענע און אומגליקלעכע, אַלע וואָס נויטיקן זיך אין אַ וואַרימען בליק פון עמיצן און באַקומען גאָר אַ בייזן, אַ שטעכיקן, פול מיט גיפט און מיט שינאה, מיט געמיינקייט און צעשטערונג:

— זייט ניט פאַרצווייפלט, איך בין מיט אייך! איך וויין מיט אייערע טרערן און אָטעם מיט אייערע שטילע זיפצן, באַליידיקטע און פון קיינעם ניט געטרייסטע, איך טרינק אויס אייער ניט געשטילטע נקמה און באַרעכטיק אייער אומצוטרוי צו מענטשן!...

מיין טאַטע טענהט צו דעם אינציקן באַזוכער זיינעם, צו דעם שטילן און ערלעכן מאָרדכע יויעל, וואָס ברענגט נאָך אַלץ צו עטלעכע קאָפּיקעס אַף זיין אַלטן פאַרמילחמהדיקן חוב:

— וואָס זאָגסטו, מאָרדכע יויעל? זיינען די אָרנטלעכע מענטשן טאַקע אויסגעשטאָרבן? וואו זיינען מיינע גוטע ברידער? וואו איז דער

מענטשלעכער יושר? און אפשר, פריינט מיינער, האָבן זיי אייגענע צרות?.. ווער קען וויסן וועמען דער שוך קוועטשט! די מילחמה האָט אַ חורבן אָנגעמאַכט, אויך דעם מענטשן האָט זי אָפּגעסמט, פֿאַרדאָרבן!... זאָל זיך נאָר די צייט ענדערן, וועלן מענטשן קומען צו זיך... אַלץ וועט ווערן ווי געווען!...

אומגעריכט קומט צום טאַטן אַ צווייטער גוטער ברודער. יאָסעלע שיע רוסנאַקס רופֿט מען אים. אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט צוויי שמאָלע גריבלעך אין די טרוקענע גלאַט־ראַזירטע באַקן, מיט קליינע ביר־קאָלירטע און וואַרימע אויגן. ער הינקט אונטער אויף איין פֿוס, דער יאָסעלע און האָט אַ בחורישן אויסזען. אַמאָל, אין די גוטע צייטן, פֿלעגט דער טאַטע פֿאַרנעמען אין יאָסעלעס שטוב דעם אויבנאָן. ער באַ אונדז אין שטוב אויך.

זומער האַלט יאָסעלע אַ בופֿעט, וואו אין די אָפּדערנאַכטן און נאָך מער, אין די פּרייטיקצונאַכטן און שבתים קומען זיך צונויף מיידלעך מיט אינגלעך און מען טרינקט סעלצער וואַסער און לימאָנאַד און מען בייסט צו מיט האַרטע שוואַרצע אָדער געלע מאָנדלעך... עס בליצט דערמאָלט דער גרויסער הענגלאָמפּ באַ אים אין שטוב און עס בליצן אויך די אויגן און עס פֿלאַמען די באַקן באַ פֿאַרליבטע מיידן מיט בחורים...

שיינדל, יאָסעלעס ווייב, אַ פֿריילעכע, מיט טיפֿע חן־גריבלעך אויף די בלייכע באַקן, מיט אַ הויכער בלאָנדער פֿריזור, באַדינט דעם עולם, איז מיט יעדן אויף דו און ווייסט אַלעמענס סודות. פֿאַרליבטע מיידלעך קומען צו איר זיך אַן עצה האַלטן ווי אַזוי צו געפֿעלן, אויסצונעמען באַם באַשערטן, וואָס פֿלירטעוועט מיט אַן אַנדערער, כדי איר די נשמה אַרויסצונעמען... יונגע ווייבלעך פֿאַרטרויען איר די אינטימסטע סודות און בחורים און יונגעלייט קוקן אויף שיינדלען מיט צעשמייכלטע פּנימער, נאַרישע, פֿאַרליבטע און הונגעריקע.

שיינדל ווייסט דאָס אַלץ און מיט אַלע אירע ווייבלעכע חנען און קלוגשאַפֿט, האָט זי פֿאַר יעדן באַזונדער אַ גוטן שמייכל, אַ וואַרים וואָרט, אַ קלוגע פֿריינטלעכע עצה. זייער בופֿעט איז דעריבער פֿול מיט קונים, מיט פֿרייד און מיט געלעכטער, מיט יוגנטלעכן ברויז.

אין די ווינטערדיקע חדשים שטייט דער בופֿעט אַ פּוסטער, אַ קאַלטער. דעמאָלט האַלטן זיי אַ שענק, אַן אכסאַניע. און ווידער איז באַ זיי פֿריילעך און טומלדיק. עס העלפֿט זיי אַרויס אין דער פּרנסה און אויך צו דער פֿרייד און צו דעם געזאַנג, וואָס פֿילט אָן די שטוב, יאָסעלעס טאַטע, דער אַלטער שיע רוסנאַק.

אַ ווייסע און זויבערע באָרד האָט ער, דער אַלטער, מיט קלוגע, לעבעדיקע און וואַרימע אויגן. זיין שוואַרצע זיידענע קאַפּאָטע, זיין ברייט טוכן היטל און זיינע געפּוצטע כראָמענע שטיוועלעך, גלאַנצן פֿון זויבערקייט און פֿרישקייט.

דער אַלטער האָט ליב צו טרייבן קאַטאָוועס מיט יונגע מיידלעך, זיי

אַ קיצל טון הינטער אַן אויער אָדער אונטער דער גאָמבע און שמייכלען מיט די קלוגע ביר־קאָלירטע אויגן, מיטן ווייסן און ברייטן שטערן און מיט דער שיינער פּאַטריאַרכאַלער באָרד:

— ווילסט מיך טאַקע ניט פּאַר אַ חתן?...

אָדער:

— דיר קומט אַ חתן מיט אַ מעשענעם פּופּיק!...

קיינער וועט זיך פון זיינע וויצן ניט באַליידיקן, פאַרקערט, יונגוואַרג קלעפּט אַרום דעם אַלטן מיט דעם רירעוודיקן בחורישן געגנגלע, מיט זיינע יונגע און גליקלעכע זיבעציק יאָר.

יאָסעלע מיטן באָטער האָבן זיך ליב. ווי צוויי קליינע חדר־אינגלעך גייען זיי איבערן געסל, האַלטן זיך פאַר די קליינע פינגערלעך און שמועסן שטיל און קלוג. ביידע זיינען זיי קליינע, דאַרינקע מיט זויבערע מלבושים און קלוגע לעבנסלוסטיקע פּנימער. סיי זייער ליבע און נאָך מער זייער זינגען האָט אַ שם איבערן שטעטל. אין די שבת־צונאַכטסן זינגען זיי ביידע חזנישע ניגונים און טעאַטער־קופּלעטן. די גאַס איז דעמאָלט פול מיט מענטשן, מיט פרייד, מיט געזאַנג...

בא יאָסעלען אין שטוב האַלטן זיך אויף פרעמדע און היימישע אַר־טיסטן, חזנים, קלעזמער און גלאַט ליבהאָבער פון אידיש טעאַטער. טראַכט עמיצער אויס אַ ליד, פון אַ ליבע, פון אַ זעלבסטמערדער, פון אַ שלעכ־טער שטיף־מאַמע, קומט מען צו יאָסעלען און זיין טאַטן נאָך מבינות. און האָט דאָס בא זיי אויסגענומען, זינגט מען עס דערנאָך הינטער די ווערבעס, אַף די שניידער־טישן, אין די בעקערייען און אין די קוזניעס.

דער טאַטע האָט אַמאָל געפירט מיינע עלטערע שוועסטערלעך יאָסל זאָל זאָגן מבינות אַף זייערע שטימעס. די פענצטער פון יאָסעלעס שטוב זיינען דעמאָלט באַלאַגערט געווען מיט ווייבער, מיט מיידלעך און בחורים. לאַנג האָט מען דעמאָלט געשמועסט, אַז מיינע שוועסטערלעך קענען שיין זינגען, אַקטיאָריש... און דער טאַטע האָט שטאָלצירט פאַר דער מאַמען, פאַר אונדזערע אַרבעטער, מיט זיינע געראָטענע טעכטער.

איצט שטייט יאָסעלע בא אונדז אין שלאָפצימער, צווישן די בעטן, האַלט די הענט אין די קעשענעס און קוקט פאַר זיך אַ פאַרלוירענער. דער טאַטע האָט אַ צערודערט פּנים מיט מאָדנע אויפגעריסענע אויגן. ער פירט מיט ביידע הענט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג, ווי ער וואָלט וועלן עמיצן אַרומכאַפּן און שטאַמלט דערשיטערט:

— קום אַהער, יאָסעלע, שוין אַזוי לאַנג ווי איך הער ניט ס'קול דיינס!...

אַף יאָסלס טרוקענעם פּנים רינצלען זיך צעווייטיקטע קנייטשן. ער שטאַמלט:

— וואָס מאַכסטו, הערש? מען איז אַזוי פאַרנומען בא דער פּרנסה, אַז מען פאַרגעסט אַן אייגענע, אַן פריינט!...

— קום אַהער, יאָסל, זיץ אָט דאָ לעבן מיר! דערצייל עפּעס נייס!

שוין אַזוי לאַנג אַז אַ פרעמדער מענטש טרעט ניט אַריבער מיין שוועל!... ווי געפעלט דיר עפּעס טשאַרנאָפּוים סוף? באַ גאָט איז דאָ אַ שטאַרקער? אַ קלוגער? איי, איי!... און דיך, האָט כאָטש די מילחמה ניט צורעכט געמאַכט? וואָס מאַכן די זינדלעך?

דער גרינער אָפּשיין פונעם נאַכט־לאָמפּ גיסט זיך צונויף מיט יאָסלס גרין געוואָרענעם פּנים. אַ שטומער צער קוקט פון די שיין געמאָלענע ווענט אַראָפּ... יאָסל בעט זיך באַם טאַטן:

— הערש, קום אַמאָל אַריין צו מיר, וועסט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט! שיינדל, דער טאַטע, די קינדערלעך, ווילן דיך זען! האָב אויף אונדז ניט קיין פאַריבל, די פּרנסה, איך זאָל ניט זינדיקן, שטייט העכער פון אַלץ אין דער וועלט!...

— פאַריבל? — רעדט דער טאַטע מיט אַ צעברויזט קול, אַ פאַר־געביקס. — ס'טוט אַמאָל אַ שטאָך אָט־אָ דאָ! ס'טוט ווי, פריינט מיי־נער! — לייגט דער טאַטע צו די פויסטן צום האַרץ. — קיין טענות האָב איך צו קיינעם ניט!... צו מיר, יאָסעלע, האָב איך תּערומות!... און וואָס וועל איך איצט טון באַ דיר? ס'איז איבעריק!...

— הערש, טו דאָס פאַר מיר!... בענעמאָנעס, ווי איך מיין דאָס פונעם גאַנצן האַרצן!...

באַ יאָסלען אין דער גרויסער פּירקאָנטיקער שטוב איז וואַרים, גע־מיטלעך און פריילעך. עס שמעקט די געגדזענע פּאַסטראָמע, וואָס שיינדל מאַכט פאַר די געסט ווענן, און אַלערליי געבעקסן. אַרום אַ גרויסן טיש זיצן כּסדר מענטשן, פרעמדע און היימישע, אידן און קריסטן, טרינקען וויין און בייסן צו מיט שיינדלס פּאַסטראָמע, מיט קנישעס פון שוואַרצער קאַשע, וואָס באָדן זיך אין שמאַלץ. שאָען לאַנג שפּילט מען דאָ אין קאָרטן. דאָ שרייט מען ניט באַם שפּילן אַזוי ווי באַ יאָסעלע דעם שוס־טער. נאָר אינגאַנצן רואיק איז מען אויך ניט. דאָס שווייגן איז אַזאַ אָנ־געשטרענגטס, אַז אָט, דאַכט זיך, וועט עס באַ די שפּילער די אָנגעצויגענע באַקן דורכלעכערן, פון זייער גאַנצן וועזן שפּאַרט די גיריקייט, דער אומ־צוטרוי...

מיט אַ ווייטיק זע איך ווי דער אַלטער רוסנאַק נעמט אַראָפּ אַ פּאָר גראָשן פון יעדן קאָן און לייגט זיי אַריין צום טאַטן אין דער פאַלטאָ־קע־שענע. דער טאַטע שווייגט דערויף. נאָר ווען איך האַלט זיין האַנט בשעת מיר גייען אַהיים, פיל איך זיין אומרואיקן פּולס און ווי די פיס זיינע און זיין גאַנצער איבעריק געוואָרענער גוף ברעכט זיך אונטער דער לאַסט פון דעם פּיין, פון דעם שווערן נסיון...

דער טאַטע פּילט אויף זיך די ציינישע בליקן, וואָס מענטשן פון די געסלעך שיקן אים נאָך. שווער איז מיר צו פירן דעם טאַטן און נאָך שווערער די אחריות פאַר אים. די פליכט צום טאַטן נעמט באַ מיר אַוועק דעם חשק צו לעבן. מקנא בין איך מיין חברטע סאָסיע; אין איר גרויסער

אָרימקייט, איז זי גליקלעך און פריי... ווי אַ גרויסע פּאַרט זי יעדן זונטיק קיין זאַבריטשען אַפן יאַריד, לייזט געלט און פאַרדינט. און גאָס לויבט מען איר סוחרישקייט, איר געוואַגטקייט... און וואָס וועט זיין פון מיר? איך וועל אַ לעבן־לאַנג מוזן אַרומפירן אַ בלינדן טאַטן! קינדער פון דער גאַס וועלן לאַכן, נאָכוואַרפן שטיינער און דערוואַקסענע וועלן זיך כסדר אַזוי שושקען, זיך איבערוואַרפן מיט חוזק, מיט נקמה־בליקן, וואָס לייגן זיך אַף מיינע יונגע פּלייצעס מיט אַזאַ שווערער ביטערער אַכזריות...

.22

אונדזער פּאַטשט־גאַס איז געוואָרן אַ טראַקט. אַ טראַקט וואָס פירט צום טויט. טאָג־טעגלעך גייען דאָ פאַרביי הונדערטער פּויערים, געבויגענע, מיט שטילע, פאַרחושכטע פּנימער, אויסגעמאָגערטע און מידע. מיד זיינען זייערע שפּאַן איבער דעם סקריפּענדיקן שניי, וואָס שרייט און ענטפערט זיי, דאַכט זיך, אָפּ אַף זייער אומויפהערלעכער פראַגע: וואוהין פירט מען אונדז?

— צום טויט! צום טויט!

און פון אָט דעם טויט האָבן מיר געגומען ציען אַביסל חיונה. די מאַמע שטייט איצט אין קלייט מיט אַ גרויסן סאַמאָוואַר און די פאַרביי־גייענדיקע פּויערים, כאַפּן זיך אַמאָל אַריין און גיבן צו פאַרדינען. פּויע־רים נעבטיקן אויך בײַ אונדז אין זאַל, זיי ציען זיך אויס אַף דעם גע־וועקסלטן פּאָל, כראָפּען אָדער זיפצן פונעם שלאָף.

וויפל מאָל איך הער דעם טאַטן שמועסן מיט זיי, האָב איך דעם איינדרוק ווי ער וואָלט גערעדט מיט קליינע אינגלעך. אַזוי ווייניק פאַר־שטייען זיי פאַרוואָס און צוליב וואָס מען שיקט זיי גראָבן די אָקאָפּעס. איין זאַך נאָר ווייסן זיי, אַז דער דייטש זיינען שונ־אים דעם רוסישן צאַר...

צו יאָסעלען האָט דער טאַטע אויפגעהערט גיין. שקאָצים, וואָס קו־מען אַהין שפּילן אין קאָרטן, האָבן גענומען ריידן מאָדנע רייד:

— אָט דער טשאַרנאָפּוי, אַלע אידן וואָס ווילן ניט גיין אין דער מילחמה, מאַכן זיך אַלערליי פּעלערן... זיי זיינען די אינערלעכע שונאים פונעם צאַר...

גאָר אַנדערע זענען די „רוסנאַקעס", וואָס קומען צו אונדז עסן און איבערנעכטיקן. ניט קיין גרעבער זיינען זיי און זיי פירט מען ניט. זיי פירן אין זייערע שליטנס פּראָוויאַנט צום פראָנט, צו די ווייטע לאַ־גערן. אין זייערע טאָרבעס האָבן זיי ברויט גענוג און טיי און צוקער און עס שפּאַרט פון זיי מיט לעבנסלוסט.

דער טאַטע האָט זיך איינגעלעבט מיט זיי און וואַרט אומגעדולדיק אַף דעם טאָג ווען זיי וועלן פאַרבייפאָרן און זיך אָפּשטעלן בײַ אונדז.

מיר ווייסן שוין וואָס פאַר אַ מאכלים מען דאַרף זיי צוגרייטן און וואָס פאַר אַ געטראַנקען. זיי האָבן שטאַרק ליב דער מאַמעס געפּעפּערטע שבת־דיקע פיש. זיי שפּילן זיך מיט די קליינע שוועסטערלעך מיינע, ברענגען זיי נאַשווארג און טראָגן אַריין אַביסל פריידּ אין אונדזער טרויעריק גע־וואָרענעם לעבן. מיר האָבן ליב איינעם פון זיי, וואָס האָט רויטע באַקן ווי אַ מויד מיט אַ ברייטלעך רויט בערדל. זיין גוטסקייט, זיין פרייד און דער שמייכל פון זיינע וואַרימע אויגן ציען צו זיך צו.

אין אַ פּריוואַטיק פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן באַדאַרפט, לויט אונדזער חשבון, דורכפאָרן יעדינעץ און קומען צו אונדז איבערנעכטיקן, האָט די מאַמע, ווי דער שטייגער איז געווען, צוגעגרייט אַ סך געפילטע פיש און שבתדיקע קוילעטשן. נאָר אומזיסט זיינען מיר געשטאַנען, איך מיט ריווו־קען, אַפן ראָג און געוואַרט. אומזיסט אויך איז די זאַל אונדזערע, אַזאַ ברייטע און ליכטיקע, געשטאַנען און געוואַרט אַף די געסט.

לאַנג האָט אונדז באַנג געטון נאָך די ליבלעכע פריילעכע פּויערים. אַ סך מער ווי נאָכן פאַרדינסט, וואָס זיי פלעגן אונדז איבערלאָזן.

אויך די טראַנשייען־גרעבער גייען שוין ניט דורך יעדינעץ. באַ אי־ציק זעלמאַן דערציילט מען, אַז דער פראָנט האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער געגנט, שיקט מען די גרעבער דורך רישקאַן, דורך סוקעראַן און ניט דורך יעדינעץ...

און ווידער הונגערט מען באַ אונדז אין שטוב.

איינמאָל גיי איך מיט דעם טאַטן צו איציק דעם וואַרשעווער אָפּמאָ־נען אַ חוב. אין זיין גרויסער פּירקאַנטיקער שטוב איז וואַרים, געמיטלעך און שטיל. מיט אַ פאַרנאַשט פּנים און מיט גראָבע הענט פון אַ אידענע, שטייט ער באַ דער הייסער הרובע. דער טאַטע רעדט צו אים מיט אַ וואַ־רים קול, אַ טיפס און אַן איבערצייגנדיקס:

— איציק, אַף מיר איז אַ נויט. מוזט מיר עפּעס געבן אַפן חוב. אַז ניט, ווייסט גאָט וואָס אונדז וועט אויסקומען צו טון...

— הערש, איז דען איצט אַ צייט פון צאָלן חובות? איין קליינִיקייט, פינף און זעכציק קערבלעך!

דעם טאַטנס פּנים מיניעט זיך אין עטלעכע קאָלירן:

— איציק, איך האָב אויך אַזוי געזאָגט?... שענקסט מיר און ניט דו גיסט מיר אָפּ!...

— גיב מיר אָפּ דעם גאָלדענעם בעכער, וועסטו באַקומען אַ צע־נערל אַפן חוב!

דעם איינענעם טאָג האָב איך אים אָוועקגעטראָגן אַ גאָלדענעם בע־כער און האָב באַקומען אַ רויט פּאַפּירן צענערל.

נאָך אַ חוב האָט דער טאַטע געשיקט מאָנען, באַ זיינעם אַן אַלטן גוטן ברודער, כאָנע דער בעקער. כאָנע איז איצט רייך. ער האָט אַ גרויסע בעקעריי אין דער קלויסטער־גאַס און אַ גראָב אויסגעפּאַשעט ווייב מיט

עטלעכע קינדער. ער אַליין האָט אויך אַ פּעטן, נגידיש־פּאַריסענעם בויך מיט אַ הויכער שוועבער־סאָפּענדיקער ברוסט. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אָרים און עלנט, ווי אַלע יתומים, וואָס האָבן ניט קיין פּלאַץ אין אַ באַלעבאַטישער שטוב אָדער באַ אַ באַלמעלאָכע, וואָס זאָל זיי אויס־לערנען אַ לייטיש פאַך און זיי ווערן בעקער־יונגען אויס נויט. כאָנע, דער־ציילט דער טאַטע, איז געווען אַזוי לייזיק און האָט געהאַט אַזאַ פּאַרלאָזטן פּאַרך, אַז מען האָט אים אין קיין שום בעקעריי ניט אַריינגעלאָזט. האָט אים דער טאַטע אויסבאַהאַלטן באַ זיין באַלעבאָס אין קעלער און דאָרט האָט ער אים צוגעלייגט זאַלבן צום קאָפּ און גרויסע גרינע בלעטער פון קרויט. באַנאַכט פלעגט ער דאָס טון און כאָנע, וואָס רעדט צווישן די ציין, האָט אים די הענט געקושט און געוויינט:

— הערש, אין קאָפּ באַ מיר פּלאָדזשיען זשיך ווייסע ווערים מיט שוואַרטשע פּישקעש.

געהאַט האָט ער אַ פּאַרשטאָפּטן קאָפּ און האָט ליב געהאַט גנבענען, ווי דער שטייגער איז פון הוימלאָזע און ניט דערצויגענע קינדער, וואָס מען יאָגט זיי פון יעדער שטוב. דער טאַטע האָט אים געגעבן פּעטש און מאַכמעד האָט אים צוגעהאָלפן און ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער. איין זאַך נאָר האָט ער זיך ניט אויסגעלערנט: זאַלץ אַריינשיטן צו דער מאָס. און ער פלעגט דעריבער איבערפירן די טייגן און קיין בעקער האָט אים דערפאַר ניט געוואָלט נעמען. איז ער ווידער געקומען צום טאַטן און זיך געבעטן:

— הערש, לאָזש מיך אַרבעטן באַם גרעק!... לערן מיך נעמען זשאַלץ! פון מיין זשמעניע אין דיין זשמעניע...

און אַז כאָנע קען שוין נעמען זאַלץ, לאָזט ער זיך ריידן אַ שידוך. און דער טאַטע לערנט אים מאַכן המוצא און קידוש. דער שידוך איז פון אַ צווייטער שטאָט און כאָנעס קאָפּ נעמט ניט איבער די תורה. ער איז פאַרצווייפלט, פאַר בושה איז ער גרייט ניט צו פאָרן צו די תנאים און דער טאַטע גיט אים אַן עצה:

— באַם קידוש מאַכן זאָלסטו זיך שאָקלען אַזוי לאַנג ווי דער מחותן און צום סאָף זאָלסטו אויסזינגען: „מקדש השבת".

כאָנע איז צוריקגעקומען פון דער כלה מיט אַ שיינענדיק פּנים און מיט די תנאים אין קעשענע און האָט פאַר יעדן דערציילט ווי אַזוי ער האָט אָפּגענאַרט דעם מחותן, די געסט און די כלה...

ביז היינטיקן טאָג לאַכט מען באַ אונדז אין שטוב און אויך צווישן די בעקער־יונגען סיי פון כאָנעס קאָפּ און סיי פון זיין „מקדש השבת".

שוין לאַנג אַז ער קומט ניט צו אונדז. טאַקע צוליב די זעכציק קערב־לעך וואָס ער וויל דעם טאַטן ניט באַצאָלן. דער טאַטע האָט זיי אים שוין אַפילו אויפגעהערט מאָנען. נאָר איצט, אין דעם גרויסן אומגליק, ווען דער טאַטע איז בלינד און מיר הונגערן, ברעכט ער זיין ווירדע און זיין אייגנ־

ליבע און שיקט אַ מענטשן ער זאָל דערציילן כאַנען די לאַנגע אונדזערע און אים בעטן עפּעס אָפּן חוב.

און כאַנגע האָט געשיקט דעם טאַן אָט דעם „בּריינטלעכן” ענטפער:

— אַזש מען האָט ניט פון וואָס טשו לעבן, נעמט מען דאָס ווייב מיט די קינדער און מען גייט אין די הייזשער!...

נאָך אָט דעם ענטפער, גייט דער טאַטע מער פון דער שטוב ניט אַרויס, ער ליגט די גאַנצע צייט אין בעט און האָט באַקומען אַ ווילד ביינערדיק פּנים מיט אַ סך גרויע האָר באַ די שלייפן און מאָדנע אויפגעריסענע אויגן. אָפּט שרייט ער אַזוי ווילד און קלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט:

— ראַצע, ווייב מיינס! גיב מיר סם! וואָס היט איר מיך אַזוי? נאָכוואָס דאַרפסטו האָבן אַ בלינדן אין שטוב, אַן איבעריקן עסער!..

.23

די שטילע פרילינגס־ווינטן, וואָס ברענגען מיט זיך פרישע ריחות פון באַרגיקער גרינקייט, פון פעטער צעאַקערטער ערד און יונגער הערדע און קאַש, האָבן אויך געבראַכט מיט זיך פרישע איינוואוינער אין שטעטל: הונדערטער פּליטים, אידן אַנטלאָפענע פון דער בוקאָווינע, מיט זייערע ווייבער און קינדער. אַנטלאָפן זיינען זיי פאַר דעם צאַרס קאָזאַקן, וואָס שלאָגן אידן און שענדן זייערע ווייבער און טעכטער, שוינען ניט קיין קליינע קינדער און צינדן אידיש האָב און גוטס. די קינדער האָבן מיט זיך געבראַכט אַ שפּיל אַזאַ. אַף די ראָגן זאַמלען זיי זיך און צעלויפן זיך אין שרעק פאַר אַ קאָזאַקישן אָנפאַל....

געבראַכט האָט אויך דער פרילינג אַ מוראַדיקע עפּידעמיע אין שטעטל, אַ כאָליערע, וואָס פאַרצוקט הונדערטער מענטשן. פּאָליציי־לייט לויפן איבער די גאַסן, ווי די היצליעס, באַגיסן מיט קאַרבאָל־וואַסער די פרוכטן, פאַרברענען אַלטע מעבלען אין די אָרימע שטיבער און וואָרענען שטרענג אָפּצוהיטן די ריינקייט. איבער די גאַסן האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט עטלעכע געזונטע יונגאַטשעס, אַזעלכע וואָס האָבן ניט מורא אָנצושטעקן זיך מיט דער געפערלעכער חולאת, אין ווייסע פאַרטוכער און מיט ווייסע היטעלעך אַף די קעפּ. די רייבער רופט מען זיי. כאַפּן איינעם אָן די קרעמפּן, אַזוי טוען זיך די רייבער אַ וואָרף אַף אים און רייבן אים דאָס לייב מיט האַרטע בערשט און הייסער וואַסער. האָט עמיצער איבערגעטראָגן די קראַמפּן און איז לעבן געבליבן, איז ער דערנאָך וואָכן לאַנג געלעגן צו בעט און זיך ניט געקענט צורירן צום אייגענעם לייב, צוליב די וואונדן, וואָס די רייבער האָבן אים אָנגעריבן.

מען פאַרגעסט אָבער אויך ניט אָן די פּליטים. אַ גרופּע יונגע מענטשן באַשעפטיקן זיך באַ די ביליקע קיכן, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט, אַף

צו באַזאָרגן די פּליטים מיט עסן און שאַפן זיי אַ היימיש ווינקל, וואו זיי טרעפן זיך אַף אָפּצונעמען גרוסן און זיך נאָכפרעגן באַ די נייַ־צוגעקומענע אַף זייערע חרוב געוואָרענע היימען.

באַ אונדז אין שטוב איז אַ סך אומעטיקער ווי באַ די פּליטים. זיי שעמען זיך ניט און נעמען אָן די הילף, וואָס מען גיט זיי, ווי אַ מין חוב, וואָס מען איז זיי שולדיק. מיר, אָבער, וואָלטן, דאַכט זיך, פאַר בושה געשטאָרבן, ווען מיר דאַרפן אָנקומען צו דער הילף.

און אין אַן אָפּדערגנאַכט איז באַ אונדז אָט וואָס געשען: מיר זיינען געזעסן אין זאַל, מיט טונקעלע פּנימער. מיט האַלבע ווערטער האָט מען גערעדט וועגן אַ נפשל, וואָס די מאַמע האָט מיט אירע אייגענע הענט פון איר לייב אַרויסגעריסן, אויס בושה פאַר מענטשן און אויס מורא טאָמער וועט דאָס קינד געבוירן ווערן אַ בלינדס... די קליינע שוועסטערלעך האָבן געוויינט, געבעטן עסן... און עטעלע, וואָס איז שיין און קלוג, האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אַף דער מאַמעס שויס און געפרעגט:

— מאַמע, פאַרוואָס האָבן מיר געהאַט אַמאָל אונגאַ דוי טרי פּאַטרע ברויט און היינט האָבן מיר גאָרניט?...

מיר האָבן הונגעריקערהייט געלאַכט פון דעם ווי עטעלע מישט וואַלעכיש מיט אידיש און די מאַמע האָט געזיפצט:

— עטעלע, אַ לייטיש מיידעלע טאָר קיין ברויט ניט מאָנען!... עס וועט זיין, וועט מען דיר אַליין געבן!...

אינדעם קומט אַריין אַ אידענע, סאָסיע די לימעניטשקע, אַ געוועזענע קבצנישע טאָכטער און איצט אַ גבירנטע, און טראָגט מיט זיך עפּעס אַ צו גרויסן בינט אונטערן שאַל. מיט ברייטקייט און מיט אומזיכערקייט אין דער זעלבער צייט, זעצט זי זיך אַוועק אַף אַ שטול, נעמט דעם בינט צווישן די פיס און זיפצט, דרייט זיך אַפן בענקל, ווי אַ קליין קינד אַף די באַנעצטע קישעלעך:

די מאַמע האָט געקראָגן אַן אומרואיק פּנים און פרעגט:

— איר האָט עפּעס געוואָלט, סאָסיע?

— יאָ־אָ! איך וויל אייך העלפן!... געהערט ס'איז אייך ניט אין בעסטן...

דער טאַטע האָט דערהערט, האָט ער באַקומען רויטע און בלויע פלעקן אַפן פּנים. ער טוט זי אַן אָפּגעהאַקטן פרעג:

— זאָגט, וואָס ווילט איר?

— ס'הייסט... ס'היי...סט! — שטאַמלט זי און רוקט אַרויס דעם בינט וואָס זי האַלט צווישן די פיס — אַ האַלבן פוד ברויט האָב איך געבראַכט!...

אַ פאַרשטיינערטע שטילקייט איז שטיין געבליבן אין אַלע ווינקעלעך. דער טאַטע און די מאַמע, פּינקל און אויך ריווקע, האָבן באַקומען גרויע פּנימער, פאַרשטיינערטע. מיט אַ ציטערדיק קאָל, דורכגענומען מיט טרערן

פון באַליידיקטן שטאָלץ און צעטראָטענער מענטשלעכער ווירדע, רופט זיך אָן די מאַמע:

— שווין פאַרנעמט אייך פון מיין שטוב, איידער איך שיט אייך אַראָפּ פון די טרעפּ!... קיצבה האָט איר מיר געבראַכט?!... אַף עפּעס אַנ־דערש טראָגט שווין ניט דער שכל פון די שיינע אידן!...

סאָסיעס מאַכענע הערעלעך אַף איר רויטן און פליישיקן פּנים האָבן זיך אויפגעשטעלט. זי אַליין האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און הינטער־ווײַלעכס זיך גערוקט צו דער טיר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עמיצער פון די שטוביקע זאָל אַף איר אָנפאַלן.

אַ טיפער טרויער וויעט איבער אונדז אַלעמען. די מאַמע האָט אַ צע־פּייניקט פּנים און פול מיט הכנעה. דער טאַטע האָט ווילד אויפגעריסענע אויגן, יעדער איבער זיינער שטורעמט איצט מיט פּיין, מיט אַן איבער־מענטשלעכן אין זיך דערשטיקטן וויי־געשריי. די מאַמע באַמערקט און זי נעמט ריידן צו אים שטיל און געטריי:

— הערש! וואָס וועט זיין? מילא איך מיט דיר זאָלן זיך פאַרהונ־גערן צום טויט, איז קיין אומגליק ניט!... אָבער, די זעקס קינדער אונ־דזערע! זיי טאָרן מיר צום טויט ניט פאַרפּייניקן!... מיר האָבן ניט קיין רעכט דערצו!...

— נו, האָסטו דאָך געקענט צונעמען דאָס ברויט בא דער לימע־ניטשקע!...

— ניין, — ענטפערט די מאַמע — ניט דאָס מיין איך! איך וועל גיין אַרבעטן אין אַ רייך הויז! אַ קעכנע וועל איך ווערן, אַ דינסט!...

דער טאַטע ענטפערט דערויף קיין וואָרט ניט, נאָר מיט וואַנזיניקער אומבאַזאָכטקייט, טוט ער זיך אַ וואָרף אַפן פאָל און נעמט אין אים קנאַקן מיטן קאָפּ ווי מיט אַ שטיין. ער שרייט דערביי: מיין ראַצע אַ דינסט!.. אַרבעטן אין אַ רייך הויז!... גיט מיר סם!... הרגעט מיך אַוועק!...

די מאַמע פּרוּווט אים אויפהויבן, שלינגענדיק אין זיך די טרערן, נאָר ער לאָזט ניט זי זאָל אים אָנרירן. אַלץ און אַלע אין שטוב זיינען אי־בערגעפּולט מיט דעם גרויסן אומגליק, מיט דעם טאַטנס פאַרצווייפלונג און געבראָכנקייט. עס לויפן אריין אונדזערע שכנים, איציק מיט דעם ווייב און זייער אינגל. איציק שרייט מיט אַ הייזעריקן קול:

— וואָס טוט זיך דאָ? איר זענט פון זינען אַראָפּ? שטייט אויף פונעם פאָל, זאָגט מען אייך!...

עס קומט אויך צולויפן עלקע רייזל, די בוקאָווינערן, וואָס וואוינט איצט בא אונדז אין באַשקע. מיט איר גאַנצער אימפּאַזאַנטער ברייט־קייט, שטייט זי אין דער אָפענער טיר און קוקט מיט שרעק, מיט שטוינען אַף דער שטוביקער סצענע. דער טאַטע ליגט שווין אומבאַוועגלעך, אָן כוחות, אָן ווילן... די מאַמע ברעכט אויס אין אַ געוויין. זי טוט אַ צעעפן די טיר פון אונדזער גרויסער שאַפע און רעדט צו דער אידענע:

— נאַט, זעט וואָס דאָ טוט זיך!... נעמט אייך צו מיינע קליידער,

מיין צירונג, אַלץ וואָס איך פאַרמאָג דאָ, נאָר לייט אונדז אַביסל געלט!... מיר האָבן אַ שטוב, אַ בעקעריי, און קיין געלט זי אויפצומאַכן האָבן מיר ניט...

אַ קוואַל מיט טרערן טוען זיך אַ גאָס פון דער אידענעס אויגן. זי אַליין איז אויך אומגליקלעך; באַלד ווי זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער באַשקע, איז דער מאַן אירער, וואָס איז געווען אַ איד אַ גוואַר, געשטאָרבן פון דער כאָליערע. געבליבן איז זי מיט געלט און מיט פיר קינדער, צוויי דערוואַקסענע אינגלעך און צוויי מיידלעך. זי נעמט באַרואיקן די מאַמע, דעם טאַטן, אונדז אַלעמען:

— גאָט איז מיט אייך! ס'איז דאָך אייך אַלץ גרינגער ווי אונדז! מיר האָבן אונדזער פאַרמעגן, די היים אָנגעוואוירן, כ'האָב מיין מאַן, דעם טאַטן פון מיינע קינדער, פאַרלוירן און, דאָך לעבט מען, מען פירט געשעפטן, מען האָט פרנסה! איר וועט אויך האָבן פרנסה, איך וועל אייך לייען געלט אַף שותפות, וועלן מיר אויפמאַכן די בעקעריי און גאָט וועט השגחה געבן!...

די בוקאָווינער אידן האָבן באַ אונדז אַ שם מיט זייער רואיקן האַלטן זיך, מיט זייער פּראַקטישקייט און סוחרישקייט. פון פליטים זיינען זיי געוואָרן תושבים און האָבן פרנסה; ווער עס האָט אַ סאָד אָפּגעדונגען און ווער עס האָט געעפנט אַ טיי־הויז, ווער עס האַנדלט און מען פּרואווט פאַרגעסן, אַז מען איז נאַווענאַדניקעס. אויך אונדזערע שותפים בליען אויף. זיי האַנדלען מיט פרוכטן און נעמען זעכציק פּראָצענט פאַרדינסט פון אונדזער בעקעריי, וואָס אַרבעט שוין.

שווער איז נאָר צו קריגן בעקער־אַרבעטער, זיי דינען איצט דעם קייסער. און טאָמער זיינען פאַרבליבן עטלעכע, לאָזן זיי די בעקער־באַלעבאַטים ניט גיין צו אונדז. זיי נעמען נקמה אינעם טאַטן פאַר זיין ווייזן אַ וועג די בעקער־יונגען זיי זאָלן וועלן לעבן ווי מענטשן. זיי לאָזן אונדז ניט צו אַפילו ניט פון די מילחמה־בעקער, ווי מען רופט די וואָס אַרבעטן כאָטשע זיי האָבן זיך ס'פאַך ניט געלערנט. און דער טאַטע קנעט אַליין גרויסע זעקספּודיקע מולטערס מיט טייג. ער לערנט אויך די מאַמע ווי אומצוגיין באַם אויוון.

איך גיי אום אין דער בעקעריי ווי אַן אַנטוישטע. די ווענט זיינען אָפּגעריבן, דער ציגלנער פאָל איז שוואַרץ געוואָרן, דער טשוהונענער קעסל אין וועלכן מען וואַרימט דאָס וואַסער צום טייג איז אַלט און מיאוס, אַ פייכטקייט פילט זיך אין דער בעקעריי און אַן אויסגעהוילטקייט. עס פעלן די פריילעכע געזאַנגען פון די בעקער־יונגען, דעם טאַטנס אימפּעט און זכאַריעס גוטע און געטרייע, באַשמייכלטע רויזן־אויגן.

איבערהויפּט לייגט זיך אַף מיר שווער דאָס פעלן פון די לערן־אינגלעך, וואָס פלעגן צעטראָגן דאָס ברויט אין די קלייטלעך. איך מיט ריווקען בייען מיר איצט אויפזוכן אונדזערע אַלטע קונים. מיר טראָגן זיי אָפּ ס'גע־

בעקס און אַפּדערנאַכט גייען מיר איינמאַנען ס'געלט. אין די בלויע פאַר־טאָגן פאַרלויפן מיר די וועגן אַנדערע קינדער, לערן־איינגלעך, וואָס ווילן אויסכאַפּן אונדזערע קונים, טייל מאָל שלאָגן מיר זיך מיט זיי, נאָר קיין הונגער לײַדן מיר שוין ניט.

דעם טאַטן איז שווער צו זיך צו קומען. ער איז געוואָרן נערוועיש. פון יעדער קלייניקייט ווערט ער אין כעס און פאַרצווייפלט. די מאַמע גייט אַרום אים ווי אַרום אַ קראַנק קינד און גייט ניט אַרויס אַף קיין שעה אפילו אין גאַס. זי ווייסט, אַז אַ גרויסע אײַפּערזוכט ברענט איצט אין זײַן באַליידיקט יונג האַרץ. ער זאָגט דאָס ניט, נאָר די מאַמע, זע איך ,פילט דאָס, און ווי נאָר זי פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דער אַרבעט, זיצט זי אַפּן אויוון לעבן טאַטן. זי טוט זיך ניט אָן און קומט ניט צווישן אירע באַקאַנטע. קיין איין זאַך טוט זי ניט אָן דעם טאַטנס וויסן, אָן זײַן הסכמה. ווי אַ בלינדער גענעראַל דרייט ער זיך אום צווישן אונדז און באַפעלט, גיט עצות, שרייט און בייזערט זיך...

די מאַמע וויל ניט לײַדן וואָס ער וועקט מיך אויף אין די נעכט איך זאָל פאַר אים וויקלען ציגאַרן און זיי אים אָנצינדן און דער טאַטע איז פאַרביטערט:

— ווייל איך בין איצט אַן איבעריקער אין שטוב, לאָזטו אויס צו די ציגאַרן...

— ניין, הערש, ס'קינד לויפט זיך אָן צענדליקער ווערסט איבערן טאָג, זי'ט ניט אויסוואַקסן, אַ קאַרליק שניידט זי זיך, די זעק מיט ברויט זעצן איר אַראָפּ צו דער ערד... נעמסט פון איר אַוועק דעם שלאָף, באַ־גייסטו אַ זינד, אַ פאַרברעך...

נאָר ס'איז פונקט פאַרקערט, איך בין גליקלעך מיט עפּעס צו דינען דעם טאַטן. יעדע האַלבע שעה, ווען ער וועקט מיך אויף איך זאָל אים פאַרדרייען אַ ציגאַר, טו איך דאָס מיט פרייד, מיט גרויסקייט.

נאָך געטרייער און אָפּפערווילי קער ווער איך, ווען דאָס שותפות מיט דער בוקאָווינער אידענע ווערט צו נישט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'לוינט ניט: מיר האָבן אַלע געאַרבעט, זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות און דער אידענע אַוועקגעגעבן העכער אַ העלפט פונעם פאַרדינסט פאַר אירע פאַר קערבלעך און... איר איז עס ווייניק געווען. די מאַמע האָט אַוועקגעטראָגן אירע זילבערנע לײַכטער צום פעטער מאָרדכעס אַ טאָכ־טער און האָט באַ איר געליען אַ פינף און צוואָנציקער אַף מעל.

אָט די קרובה אונדזערע, ביילע, מיט די לאַנגע ציין און פאַרגעלטן פנים, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ יעדינציצער אַלמן און איר מאַן, לייבעלע מושע בערעצעס, מיט זײַן בערישן גוף און זײַנע צוויי איינגלעך פונעם ערשטן ווײַב, פלעגן אַמאָל, פאַר דער מילחמה, אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב אפשר צען מאָל אַ טאָג... דער מאַמעס מאכלים זײַנען זיי שטאַרק געפעלן... און איצט, ווען דער טאַטע איז בלינד, זעט מען זיי ניט באַ אונדז... נאָר אַף אַ משכן, קריגט באַ זיי די מאַמע אַ גמילת־חסד...

איך וואונדער מיך ווי געענדערט עס האָט זיך מיין מאַמע... זי, די שטאָלצע און צוריקגעצויגענע, טראָגט משכנות צו ביילען און נאָך דער אַרבעט, שעמט זי זיך ניט און העלפט אונדז, מיר מיט ריווקען, אַוועקטראָגן ס׳ברויט צו די קונים.

מיין שוועסטער פינקל נאָר, די איידעלע און פאַרחלומטע, אַט די וואָס איז געגאַנגען ווערן אַ שניידערקע, ווען באַ אונדז אין שטוב האָט מען זיך געבאָדן אין וואָוילטיק, קען זיך ניט צופּאַסן צו דעם נייעם לעבן. זי ווערט גרין און געל און אַ שטענדיקער טרויער, אַ פאַרשעמטקייט, קוקט אַרויס פון אירע אויגן. די מאַמע קוקט אַף איר און וויינט. צום סוף באַשליסט זי זיך און שיקט אַוועק איר עלטסטע טאָכטער צום פעטער שמיל קיין אַלעקסאַנדרען און נעמט אַף זיך אַליין טראָגן איר גורל...

איינמאָל, ווען איך גיי מיט מיין טאַטן אַהיים פון דער בעקעריי, פאַרלויפט אונדז דעם וועג אַ קליינע אידענע, אַ גראָבע, מיט אַ בלוט־רויט און געזונט פּנים און לאָזט אונדז ניט אַרויפגיין די טרעפּ. זי שרייט, וויינט און שעלט:

— טשאַרנאָפּוי גנב, בלינד ווערן איז נאָך ווינציק פאַר דיר!... וועסט נאָך ליגן געליימט אויך, אין הקדש וועט די טרייפענע נשמה דיינע אויסגיין!... ס׳יאָר דירה־געלט וואָס ווילסטו מיר ניט געבן?... וועסט עס אַוועקגעבן די דאָקטוירים, אַזוי ווי דו האָסט אַוועקגעגעבן ס׳אָנגעראַבעוועטע באַ די טערקן, נעבעך!...

די גאַס ווערט פול מיט מענטשן. זיי שטופּן זיך איינער פאַרן אַנדערן, האָבן נייגיריקע פּנימער און מאָדנע דערשטוינטע ברייט־אויפגעריסענע אויגן. אייניקע הייבן אויף די פויסטן, זידלען:

— וואָס? ער האָט נאָך זיין קערטל ניט אָפּגעשפּילט, דער טשאַרנאָפּוי? דער־אָ!... ווינציק זיך אָנגעראַבעוועט באַ די טערקן נעבעך! דרייצן טויזנטער באַ מאַכמעדן פונעם אונטערן קישן צוגעלאָקכנט!...

דער טאַטע פאַרייסט דעם קאָפּ און שרייט זיי אַריבער:

— הונדערט טויזנט האָב איך!... שאָפּענע קעפּ, בהמות!... נאָר קיין דירה־געלט וועל איך איר ניט צאָלן! דרייצן יאָר אַף פאָרויס אויסגעצאָלט... מעג מען שוין ס׳פערצנטע וואוינען אומזיסט!...

אַ טיפער וויטיק נעמט מיך דורך: און איך האָב געמיינט, אַז די גרויסע שטוב מיט דער גאַלעריע איז אונדזערע... זי גאָר, ליוע די גראָבע, איז די באַלעבאָסטע, מאָנט דירה־געלט און הייסט אונדז איינגאַנצן זיך פאַרנעמען פון איר שטוב...

אין דער אייגענער וואָך זיינען שוין די טירן פון דער זאַל געשטאַנען אָפן און הפקרדיק. מענטשן זיינען געגאַנגען אַריין און אַרויס, זיך גענדונגען און אויסגעקויפט גרויסע שטיקער מעבל, די וואָס קענען ניט אַריין אין דעם קליינעם צימער באַ דער בעקעריי, וואוהין מיר ציען זיך איבער.

מיר דאַכט זיך ווי די אַלטע שטיקער מעבל בעטן זיך בײַ מיר, פאַר־דערן:

— לאָז ניט, גאָלדע, מען זאָל אונדז אין פרעמדע שטיבער אַרײַנ־שטעלן! מען וועט אונדז דאָרט ניט פאַרשטיין, ניט הערן אונדזערע רייד און ניט פילן אונדזער צער און בענקשאַפט!...

אַ סך זאַכן האָט די מאַמע אָפּן בווידעם פון דער בעקערײַ אַרויפ־געטראָגן. דעם גרויסן פּאָליטורטן טיש מיט די גוטע בענקלעך, האָט זי אין קלייט אַרײַנגעשטעלט און די שאַפע מיט איין בעט אין דעם קליינעם צימער, וואָס ווערט איצט די היים, די נעסט פאַר אַכט נפשות.

.24

ווידער איז ווינטער. גרויע טעג, אימהדיק שטילע און פול מיט מענטשלעכער שרעק, האַלטן דאָס שטעטל ווי אין אַן אײַזערנעם קלעם. גרויסע בערג שניי, פעלזיק פעסטע, רוען הינטערן שטעטל און לויערן מיט זייער טאַבריכים־ווײַסקייט. די שרעק, דאַכט זיך, קומט פון די יונגעלייט, וואָס ווילן ניט גיין אין מילחמה און זיי גייען דעריבער אום איבערן שטעטל דורך די נעכט כדי ניט צו שלאָפן. זיי עסן ניט און טרינקען ניט און זינגען מאָדנע טרויעריקע לידער. זיי צערן זיך.

מחנותווייז גייען זיי אום און קומען אַרײַן צו אונדז אין דער בעקערײַ זיך אָנוואַרימען. אין די בעקערײַען איז אין די נעכט וואַרים און פריילעך. זיי קומען אויך קוקן ווי מײַנע שוועסטער אַרבעטן.

פינקל איז שוין אַ גאַנצע בייגל־בעקערן. זי שטייט באַם אויוון און ריווקע מאַכט די בייגל. צוועלף שעה אין מעסלעס אַרבעטן זיי. בײַ פינקלען איז שוין די הויט פון די פינגער אָפּגעקראַכן. דאָס קומט פון האַלטן זיי צופיל אין וואַסער, סיי באַם אַרויסשלעפּן די געקאָכטע בייגל פון דער פאַן און סיי פונעם באַנעצן אַלעמאָל די ווערלעס, אַף וועלכע מען לייגט זיי אויס צום באַקן. ריווקע איז מער העלד פון פינקלען. אַחוץ דעם וואָס זי מאַכט די בייגל, פאַרקנייט זי אויך דאָס בייגל־טייג, פינף פוד מעל אַף אַמאָל. זי העלפט דער מאַמען פאַרקנעטן דאָס ברויט און פאַרטאָג, ווען די בלויקייט ציטערט נאָך אונטערן ברענענדיקן פראָסט, העלפט מיר ריווקע אָפּטראָגן ס'געבעקס צו די קונים.

דער טאַטע, וועלכער איז כסדר אויפגערעגט און שרייט נאָך אַלץ מען זאָל אים ברענגען סם, איז צופרידן וואָס אין בעקערײַ קומען אַרײַן די האָזלעך, ווי מען רופט די יונגעלייט, וואָס ווילן ניט גיין אין מילחמה. ערשטנס, האָט ער מיט וועמען צו שמועסן שאָען לאַנג און צווייטנס אַר־בעטן די שוועסטערלעך מיט מער חשק ווען די בחורים זײַנען אין דער בעקערײַ. זיי זעצן זיך אויס אַף דער פריזבע באַם אויוון און אין דער ליק אַף די זעק מיט מעל. איך הער ווי זיי טענהן זיך אויס, פאַרענטפערן זיך פאַרן טאַטן:

— ניט פאַר פּחדנות ווילן מיר ניט גיין דינען, נאָר ס׳איז פּשוט אַ פּאַרדרוס. זאָל אַ אידיש קינד גיין הינטער די ווערבעס, באַפאַלט מען מען אים: ביזט אַ איד, האָסט ניט קיין רעכט צו גענים פונעם ביסל שיינקייט, פון ריינער לופט!... בראָנפן פאַרקויפן טאָרן מיר ניט, טיטין אויך ניט... קיין ערד גיט אונדז ניט די מאַכט, לערנען איז ניט מעגלעך... וואָס דען גיבן זיי אונדז? באַליידיקונגען, ווייטיק און איצט — דעם טויט!... מירן זיך דערשלאָגן קיין פּאַלעסטינע!... ענגלאַנד האָט דערלויבט אידן אויפבויען ס׳הייליקע לאַנד, דאָרט ווען מיר זיך שלאָגן, מירן זינגן אָדער אומקומען ווי די אידישע העלדן אין די אַלטע צייטן!...

זיי זינגען אויך לידער, אַליין פאַרפאַסטע און די שוועסטערלעך העלפן זיי אונטער זינגען:

„אַף די פעלדער וואַקסן גראָזן, לויפן פוקסן, שפּרינגען האָזן.
„אוי וויי, דו ליבער בורא, ווען וועל איך ניט האָבן מוראַ?..
„אַז מען פרעגט מיך, זאָג איך ניעט, יאַ אימיעו ביעלעי ביליעט.
„אוי וויי, דו ליבער בורא, ווען וועל איך ניט האָבן מוראַ?..
„אַז איך זע דעם סטראַזשניק גיין, ווערט מיין האַרץ מיר קאַלט
ווי שטיין.
„אוי וויי, דו ליבער בורא א.אַ.וו.
„צוואָנציק קערבלעך ער נעמט כאַבאַר און שפּעטער מאַכט ער
זיך צום נאַר...
„אוי וויי, דו ליבער מורא א.אַ.וו.
„כידערזע דעם פּריסטעוו, ווער איך רויט און שפּרינג אַריבער
אַ פרעמדן פּלויט.
„אוי וויי, דו ליבער בורא, ווען וועל איך ניט האָבן מוראַ?..

ס׳גרויסע פייער אין אויוון, די ווענט, דער אַכטער לאָמפּ מיט דעם פאַרוייכערטן גלעזל, אַלץ וואָס געפינט זיך אין שטוב און אין דער בעקעריי, זינגט מיט און פרעגט אין טרויער: „ווען וועל איך ניט האָבן מוראַ?..."

נאָר די אמתע מורא הויבט זיך ערשט אָן: אַ מחנה קאָזאַקן איז אין שטעטל אַראָפּגעקומען. די פּעלצלעך, רופט מען זיי. די מאַכט האָט זיי אַראָפּגעשיקט כאַפּן די „האָזלעך" און זיי אַף גוואַלד אָפּשיקן אין דער מילחמה. זיי וואָיעווען איבער די גאַסן, וואַרפן זיך מיט רציחה אַף יעדן מאַן, איבערהויפּט אַף אידן, אַף יונג און אַלט. זיי שלאָגן דעם קרבן, ממיתן אים אָן רחמנות. אַ שרעק פאַלט אויך אַף אידישע טאַטעס און מאַמעס איבער דעם גורל פון זייערע צניעותדיקע טעכטער. מיידלעך גייען אום שטיל, מיט אַ טיפער אומרו אין די פאַרחלומטע אויגן, מיט שרעק פאַר דעם קאָזאַקישן געשפּענסט, פאַר זייערע ווילדע מעשים, וואָס האָבן אַ שם אין אַלע שטעטלעך, אין אַלע אידישע שטיבער.

מיינע עלטערע שוועסטער גייען איצט פון דער שטוב ניט אַרויס. איך בין נאָך אַ קליינע, גיי איך אומעטום, מען פאַרטרויט מיר די גרעסטע

שליחותן. איך גיי אין אַלע גויעשע גאַסן זוכן קונים אַף ברויט און אַף בייגל און אין די נאָנטע דערפלעך אויפקויפן פּאַפּושויע־מעל, וואָס די מאַמע האַלט צום פאַרקויפן. מען שיקט מיך אין דער פּאָטשט־גאַס נאָך מילחמה־נייעס און געוואָר ווערן וועמען פון די „האָזלעך" די „פּעלצלעך" האָבן באַנאַכט געכאַפּט.

איך הויב מיך אָן פילן ווי אַ נוצלעכער מענטש און פיל די פרייד פון נוצן ברענגען. מיך דאַרף די מאַמע ניט אויפוועקן. איידער נאָך עס באַווייזט זיך די ליכטיקייט פונעם טאָג, בין איך שוין וואַך.

אין די פאַרטאָגן ווען אידן גייען אין די קלויזן מיט די טליתים אונטער די אָרעמס, די בלייכע פּנימער פאַרשטעקט אין די אויפגעשטעקטע קאָל־נערס און די געבויגענע פּלייצעס זייערע וואַזשען צו דער ערד, צום בלוי־לעך פאַרגלייזטן שניי, לויפן אָן די „פּעלצלעך" פון ערגעץ, פון די אָרו־מיקע ליקלעך, מיט ווילדע אויגן, מיט חיהשער פאַרצוקונגס־לוסט, שלאָגן מיט די נאַהייקעס איבער די קעפּ, איבער די פּלייצעס... שאַרפע קולות, מער פון די שלאָגנדיקע קאָזאַקן ווי פון די געשלאָגענע אידן, שניידן דורך די ווייסע פאַרגליווערטקייט...

אַ איד הויבט פּלוצים אויף צוויי ווייסע הענט, וואָס גליווערן אַרויס פון צווישן אַ מחנה קאָזאַקן, און שרייט מיט אַ דראָענדיקן געוויין: „שמע ישראל, אדוני אלהינו, אדוני אחד!"

אַ גרויל שניידט מיך דורך פון די האָר־שפּיצן ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס: ס'איז דער געשריי פון דעם קעשענעווער פּאָגראָם, פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, פון דער מוטער חנה מיט אירע זיבן זין, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט בוקן צום רוימישן קייסער און צו זיין אָפּגאָט...

די קאָזאַקן זיינען מיט דעם אידן פאַרשוואונדן. און אַ טיפע אויס־געהוילטקייט, אַ שרעק איז געבליבן הענגען אין געסל. דינע שנייעלעך זיינען געפאַלן און חלל, אינעם גרויען גליווער. די אייביקייט פון דער וועלט האָט פאַרשלונגען דעם אידנס געשריי...

איך בין אַהיימגעלאָפן ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה און אין מיטן דער חיהשער שרעק מיינער, דערזעען מיינע ברייט אויפגעריסענע אויגן מייער כּאים דעם תם, אַ בעקער־יונג, וואָס שטייט אין שטוב בא אונדז בלייך ווי די וואַנט און עס ציטערן אים הענט און פיס, ווי נאָר צום כּאַלעשן:

— רב הערש! ראַצע! — בעט ער זיך באַם טאַטן, בא דער מאַמען — ראַטעוועט מיך פון די פּעלצלעך! זיידע האָט מיך אַרויסגעטריבן, ער האָט מורא פאַר דער אַבלאַווע... די „פּעלצלעך" זיינען שוין נאָנט פונ־דאַנען!...

אַלע ווינקלען זיינען פול מיט דער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, מיט שרעק פאַר קלעפּ, פאַר טויט. מיט אַן אויפגעבראַוזט קול, אַ דער־שראָקנס און אַ האַסטיקס, טוט דער טאַטע אַ באַפעל:

— ראַצע, פירע אים אַריין די מינוט אין דער גרויסער מולטער, וואַרף אַף אים אַרויף אַ פּאָר ליידיקע זעק און באַשיט זיי מיט מעל!...

צום גליק האָט דער דעק פון דער מולטער געהאַט גרויסע שפּאַרונעס און אַזוי אַרום האָט ער געקענט כאַפּן דעם אָטעם.

די מולטער איז פול געווען מיט דער גאַנצער נאַרישער גרויס פון דעם „האָז" און מיט די עטלעכע פוד מעל וואָס זיינען אַף אים געלעגן און מיר זיינען געשטאַנען גרייט אויפצונעמען דאָס אומגליק, וואָס האָט זיך גערוקט אַף אונדז. געראַטעוועט האָט אונדז די רואיקייט, די סטאָישקייט פון אונדזער היסטערישן טאַטן. מיט אַ רואיק קול און מיט אַן אומקאָנצענטרירטן פירן מיט הענט, האָט ער באַגעגנט די דריי „פעלצלעך", וואָס האָבן זיך צו אונדז אין שטוב אַריינגעריסן ווי פאַרצוקנדיקע חיות. זייערע נעז, זייערע אויערן און זייערע אויגן, אַפילו די אויפגעשטעלטע פּאַפּאַכעס אַף די קעפּ האָבן בלוטדורשטיק געניוכעט, געהאָרכט, געגישטערט. זיי האָבן זיך געוואָרפן פון איין ווינקל אין צווייטן, געזוכט אונטערן בעט, צווישן דער שאַפע און אונטער דער מולטער... מיט די שווערדלעך האָבן זיי אונדז פאַר די נעז געפאָכעט:

— או וואָס סקריוואַיעטסיאַ זאַיאַץ! אַ האָזל, הייסט עס, באַהאַלט זיך בא אונדז אויס...

און דער טאַטע רעדט שטיל און איבערצייגנדיק:

— יאַ סליעפּוי טשעלאָוויעק, ביעדנעי, קראַסנעי ביליעט... אַ בלינדער, אַן אָרימער, מיט אַ רויטן בילעט, וואָס באַפרייט פון מיליטערדינסט.

די מאַמע, אַן איבעראַשטע, אַ צערודערטע, דערלאַנגט זיי דעם טאַטנס דאָקומענטן:

— יאַ ניע אימיעו סינאַ... מי ביעדניע ליודי, ראַבאָטשיע... עס הייסט, איך האָב נישט קיין זון, מיר זיינען אָרימע מענטשן, האָרעפּאַשניקעס...

אַפּדערנאַכט איז אין דער בעקעריי ליכטיק. ניצחון שוועבט אין אַלע ווינקעלעך. מיט אַ פאַרפלאַמט ניצחונדיק פּנים, ליגט כאַים אין אַ ווינקל אַפן אויוון און קריכט ממש פון דער הויט:

— רב הערש, מיט וואָס זאָל איך אייך אָפּדאַנקען!... צו זיידען, דעם פּראָסטאַק, גיי איך מער ניט אַרבעטן... ער האָט מיך אַרויסגעטריבן ווי אַ הונט!... לערנט מיך אויס באַקן בייגל, בלייב איך בא אייך... איר וועט מיך אויסבאַהאַלטן פון די פעלצלעך...

דער טאַטע הערט זיך איין מיט טיפן ערנסט און ענטפערט אים:

— כאַים, באַטראַכט דיך גוט!... די פּאָר זעקלעך מעל, וואָס דו זעסט דאָ, זיינען גאַטס און פרעמדס... איך וועל פאַרקנעטן ס'טייג און דיך נעמען לערנען באַקן... דערנאָך וועט מען קומען פון זיידען און דיך רופן צום ברויט... כאַים, איך וויל מיר ניט קויפן קיין אומזיסטע שונאים... ליג דיר דאָ אַפן אויוון און נאָך דער אַבלאַווע, וועסטו בעסער ווערן, איר וועט זיך איבערבעטן...

— ניין, רב הערש, איך שווער אייך!...

דער טאַטע איז גערעכט געווען. גאַנץ פרי, ווען פינקל מיט ריווקען, האָבן שוין געקוט פון דער באַנאַכטיקער אַרבעט, איז שוין אָפּן דעק פון דער מולטער געליגן פאַרקנאַטן אַ פריש בייגל־טייג פון פינף פוד מעל. ס'פייער אין אויוון איז שוין בלייך, אָפּגעפאַלן, צום באַקן, זיצט דער טאַטע אַף אַ בענקעלע אַקעגן אויוון, מיט די האַלב־אויסגעלאָשענע און ברייט צעעפנטע אויגן, פירט מיט די הענט און לערנט מייער כאַימען:

— סילע ניט אַן קיין סך בייגל אַפּן שטעקעלע, טאַסעווע אויס שיטער און אַף גוט באַנעצטע ווערלעס, ניט געאיילט זיך, האַלט ס'פייער קליין, מער ווי זעקס פאַנען טאָרן אין אויוון ניט זיין...

אינדעם קומט מען רופן מייער כאַימען צו זיידען, צום פראַסטאַק... די מאַמע רעדט צום טאַטן מיט אומרו אין קול:

— הערש, ער וועט ניט צוריקקומען... זיי וועלן אים איבערריידן... די קינדער שלאָפן ווי געהרגעטע פון דער נאַכט אַרבעט.. ס'טייג וועט איבערגעפירט ווערן... אַ זאַק מעל באַגראָבן...

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן, ראַצע! אַ מענטש בעט זיך באַ מיר ווי באַ אַ גזלן, וועט ער מיר אַזוי אָפּטון?... גיי, גאָלדע, רוף אים אַריבער!

מייער כאַים ווערט רויט, ווען איך טרעף אים באַם קנייטן אַ גרוים טייג.

אויך איך ווער צערודערט. אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט באַנעמט ניט מיין יונגער מוח. איך שטאַמל, וואָרן אים און בעט אים:

— ס'וואָלט גלייכער געווען איר זאָלט זיין אַ גוטער... גייט איר ניט אַריבער צו דער אַרבעט, וועט מיין מאַמע ניט פאַרשוויגן!...

די מאַמע נעמט אויף כאַימס אָפּזאָגן זיך רואיק, ווי אַ דערפאַרענער מענטש. זי רעדט נאָר מיט ווייטיק און מיט ביטערניש:

— איך האָב דאָס פאָרויס געוואוסט, זיי, די גלחים האָבן אים געגעבן אַ כניפעלע, אונטערגעלייגט אַן איי און אַ טאַמעוואַטע בחור לאָזט זיך איבעררייד...

דער טאַטע גראָד, דער קלוגער און דערפאַרענער, דער אָנגעליטענער, קען די האַנדלונג ניט באַנעמען. מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן און מיט אַ צעשטורעמט קול, בייזערט ער זיך:

— אָט וועל איך אַריבערגיין און זיי דאָרט אַ פרעג טון, פאַרוואָס האָבן זיי אים נעכטן ניט געלאָזט אַרבעטן, בעת די פּעלצלעך האָבן זיך נאָך אים געיאָגט?...

דער מאַמעס פּנים איז ווי מיט בלוט אָפּגעגאָסן, מיט ווייטיק און מיט בושה:

— הערש, גיי ניט צו דיינע שונאים... גענוג האָבן זיי דערלעבט אין דיר... איך וועל מיך מיט אים אַליין ספּראַווען, מיט דעם גראָבן יונג, דעם פאַרדאַרבענעם...

מייער כאַים ווערט טויט בלייך, ווי צום חלשן, ווען ער דערזעט

מיך אַריינקומען מיט דער מאַמען. ער קוקט צו דער ערד און נעמט באַלד שטאַמלען:

— איך... איבערגעבעטן מיט רב זיידע... ער גיט אַן הוספה...

די מאַמע איז אין כעס, צודרינגלעך:

— שוין די מינוט, זאָלסטו גיין פאַרענדיקן די אַרבעט! אַז ניט, באַצאָל פאַרן זעקל מעל, וואָס ווערט איצט אַ תל...

עם לויפט אַן זיידע, זיין ווייב טויבעלע די גאַבעטע, וואָס זאָגט אַלע טישעבאָוו קינות מיט די ווייבער פון דער גאַס און טראָגט גלעזלעך איינגעמאַכטס צו אָרימע קימפּעטאָרנס... איר ווייס טרוקן און פרום פּנימל ווערט ראָזעווע, אומרואיק:

— וואָס איז דאָ געשען, זאָג, מייער כאַים!

די מאַמע שלאָגט איר איבער די רייד:

— טויבע, מאַכט ניט די קאָמעדיע! ס'וועט אים גאָרניט העלפן, דעם בער! נאָכן ענדיקן די בייגל באַ מיר, קענט איר אים שטופּן...

און זי הויבט אויף אַ גרויס קיילעכדיק שטיק האָלץ מיט אַ שפּיץ, וואָס ליגט באַם אויוון און פאַרמעסט זיך מיט דעם אָקעגן כאַימען:

— דו גייסט ענדיקן די אַרבעט, צי די גייסט ניט?!...

— ניין!

זי טוט אים אַ זעץ מיטן שטיק האָלץ איבערן קאָפּ און שרייט דורך טרערן:

— גייסט?

— הרגעט ניט קיין מענטשן, ער וועט גיין! — שרייט זיידע.

מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ שטייט ער שפּעטער באַ אונדזער אויוון. דער טאַטע זיצט ווידער אַפן בענקעלע און פירט מיטביידע הענט, ווי אַ דיריזשאָר מיט דעם שטעקעלע:

— ניט געאיילט זיך, מייער כאַים!... טאַסעווע די בייגל שיטער!... זעקס פאַנען מעג דער אויוון האָבן, שמיר גוט אַן די ווערעלעס, לערן דיך, נעם אַריין אין קאָפּ, וועסטו ווערן אַ מענטש, דו פּחדן, דו ווילדער האָז!...

.25

מיך שרעקט ניט דער ווינטער, כאָטשע ער איז דאָס יאָר אַ מוראַדיק שווערער. די שטיבער שטייען ווי אין שניי איינגעמויערטע, באַ די רינעס און באַ די סטריכעס פון די דעכער הענגען אייז־צעפּ, ווי ווייסע ליכט און זאַווערוכעס וואָיען און פאַרשיטן דאָס שטעטל. מיך שרעקן אויך ניט די בלויע פאַרטאָגן, וואָס טראָגן מיך פון דער שטוב אַרויס; מיך שרעקט נאָר וואָס איך האָב אויפגעהערט וואַקסן... יעדן טאָג ווען איך קום אַהיים פון דער „ראַזנאָסקע”, נעמט מיך דער טאַטע אַריין צווישן

די קני און מעסט מיך אויס פון קאָפּ ביז די פיס. איינמאָל מעסט דער טאַטע די לענג מיינע און טוט אַ פריידיקן געשריי:

— ראָצע! צען ווערשקעס איז איר צוגעקומען! און דו האָסט מורא געהאַט, אַז די זעק מיט ברויט וועלן זי ניט לאָזן וואַקסן! זעסט, ווייב מיינס, ווי גאָט שלאָגט ניט מיטביידע הענט!...

די מאַמע קוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט, מיט רחמנות און מיט אָנער־קענונג:

— ברויטגעבערן מיינע! שיינע צייטן האָסטו דערלעבט, ווי אַ הונט קומסטו אויף!...

ניט נאָר איך, נאָר אויך מיין ריווקע און די מאַמע צעטראָגן איצט געבעקס צו די קונים אַהיים. אויך יאַנקל דעם מאַלעווערס קינדער, צוויי דערוואַקסענע מיידן, טראָגן אום בייגל. די צייט איז אַ שלעכטע, מען לייזט ווייניק, לויפט מען אום זוכן קונים.

יאַנקל מאַלעווערס עלצטע מויד איז אַ דרייסיק־יעריקע. גאָלדע די צעדרייטע רופט מען זי. אַ הויכע איז זי און אַ שיינע און טראָגט אַ סך געלע קעמעלעך אין איר הויכער שוואַרצער פריזור. די יונגערע, ביילע, איז אויך אַ הויכע, נאָר אַ דאַרע, מיט אַ בלוי קרענקלעך פּנים און מיט שמאָלע טרוקענע הענט, ווי די שטעקעלעך. זיי שעמען זיך, ווייזט אויס, מיט דער ארבעט. אַמאָל, פאַר דער מילחמה, האָט זייער פאָטער געהאַט אַ גרויסע בעקעריי, געווען אַ שיינער באַלעבאָס. גאָלדע און ביילע קענען שפּילן גיטאַרע, ריידן רוסיש און מישן זיך ניט מיט דעם פּשוטן המון. די שנירלעך בייגל טראָגן זיי אונטער די שאַלעכלעך, ווי קאָנטראַבאַנד. ווי פרי זיי קומען ניט אין דער הינטערשטער פּאָטשט־גאַס, בין איך שוין געווען פאַר זיי. איך גיי שוין צוריק מיט אַן אויסגעליידיקטן זאַק. אָפטמאָל באַקומט מיר ניט מיין לייזעכץ, אַ מאָדנער רחמנות נעמט מיך אַרום צו זיי, איך פיל מיך ווי שולדיק. איך וואָלט גערן געוואָלט די צוויי גרויסע מיידלעך זאָלן אויך פאַרקויפן זייערע בייגל...

איינמאָל טרעפן מיר זיך צונויף לעבן אַ פאַרמאַכטער קליט. די פאַר־זעסענע גאָלדע האָט אַ פאַרזאָרגט פּנים, בושה און ווייטיק קוקן אַרויס פון די ברייטע צוגעפּודערטע קנייטשן אויף איר הויכן ווייסן שטערן. אויך איך שעם זיך. באַלד וועט מען עפענען די קליט און ביידע וועלן מיר זיך אַ לאָז טון צום קונה. ווער פון אונדז עס וועט זיין מער שייגעץ, דער וועט פאַרקויפן אַ פּאָר בינטלעך בייגל... איך פיל מיך געקרענקט. גאָלדע, אַפּנים, באַמערקט דאָס. זי שטעלט זיך אַוועק לעבן דער פאַרמאַכטער טיר, זיפצט אַריין אינעם שאַלעכל, אינעם קלומיקל מיט די בייגל. איך רוף מיך אָן צו איר:

— אויב איר ווילט, פאַרקויפט איר היינט דעם קונה, מאָרגן וועל איך!...

זי ענטפערט מיר זייער באַזאַכט און שטיל:

— ניין, דאָס וויל איך ניט!... אויב דו ביזט אַ גוט מיידעלע, לאָז מיר איינגאַנצן צו די געגנט, וועסט קריגן אַנדערע קונים, גיכער ווי איך!...

איך פיל איר מיט און בין גרייט נאָכצוקומען איר וואונטש, נאָר מיין עגאָיזם דערלאָזט מיך ניט: אָן קאַמף, וויל זי געווינען עטלעכע קונים אַף איין מאָל!... זאָל זי זיך אָפּקלאַפּן די פיס, אַזוי ווי איך!...

איך דערציייל דאָס דעם טאַטן און ער באַקומט אַ צעוויייטיקט פּנים:

— זי איז דאָך שוין נאָך די שלושים, אַז ווי איז צו אירע יאָרן!... טייל דיך מיט איר אַף צווייען! פאַרלויף איר ניט דעם וועג, טאָכטער מיינע! ס'איז אַ רחמנות!...

איך לאָז צו גאָלדען דער צעדרייטער די עטלעכע קלייטלעך. איך מיט ריווקען האָבן מיר שוין נייע קונים. אין דער ציגיינערישער גאַס האָבן מיר זיך איבערגעוואָרפן און לייזן דאָרט אַ סך געלט...

אין אַ טיף בלויען פרימאָרגן, זיינען מיר איינמאָל געגאַנגען, איך און מיין ריווקע, אַף דער „ראַזנאַסקע". לעבן צווינטער, וואָס איז הינטער אַ בערגל צעוואָרפן, האָבן מיר די זעק מיט ברויט אַראָפּגענומען פון די פּלייצעס און זיך געזעצט אָפּרוען, כדי דערנאָך מער כוח צו האָבן אַף צו קלעטערן באַרג־אַרויף, איבער די גליטשן און שנייען. אין דער שטיל־קייט האָבן זיך די צלמים געהויקערט און זיך אויסגעבויגן איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעזאָגט די סודות, וואָס די טויטע, וואָס ליגן אונטער זיי, באַהאַלטן אוים אונטער די קאַלטע שטיינער. אַ מידער ווינט שיט אַף דעם שניי פון די ביימלעך און לאָזט זיי נאַקעט און טרויע־ריק... און פּלוצים דערהערן מיר אַ קול, אַ טיפּס און אַ באַנגיקס. מיר קוקן זיך אַרום און... אַפן קעגנעבערדיקן הויכן באַרג, וואָס האָט אַ שמאָלע סטעזשקע אין דער ציגיינערישער גאַס אַריין, דערזעען מיר די מאַמע. זי טראָגט אַ פולן זאַק מיט ברויט אַף די פּלייצעס און דראַפּעט זיך מיט אים באַ די פויערישע פּלויטלעך. פונווייטנס פאָכעט זי צו אונדז מיט איין האַנט און שרייט:

— קינדער, גייט גיכער, ס'איז קאַלט!

מיר ווילן ניט ליידן וואָס די מאַמע שטייט אויף אין די פאַרטאָגנז און העלפט אונדז אין דער „ראַזנאַסקע". נאָר מיר פאַרגעסן אָן אַלץ און מיר ווערן שטאַרק דערפרייט. צווישן אונדז שטייט דער טיפער יאַר און טיילט אונדז אַף טויזנטער מייל. ריווקעס שטייען טרערן אין די אויגן און זי פאָכעט מיטביידע הענט:

— מאַמע! מאַמעעע!

ווי ווייט מיין אויג גרייכט, קוק איך נאָך דער מאַמעס איינגעבויגענעם רוקן מיט דעם זאַק ברויט און ווען זי פאַרשווינדט, בלייבט מיר אַ מאָדנע ליידיקייט אונטערן האַרץ, וואָס גייט באַלד איבער אין גרעניצ־לאָזער ליבשאַפט און רחמנות און גרייטקייט אַף אַלץ פון אירעטוועגן. מיין שוועסטער ריווקע קוקט אַף מיר מיט טרערן אין אירע פרומע ברוינע אויגן און מיט טיפער פאַרגעבונג אין קול, טרייסט זי מיך:

— א מענטש טאָר די האָפענונג ניט פאַרלירן... גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן... ער זעט דען ניט, אַז מיר וואַרטן אויף זיין הילף?... אַז מיט דעם טאַטנס בלינד ווערן האָט ער אונדז שוין באַשטראָפט טויזנט מאָל מער וויפל מיר האָבן פאַרדינט בא אים!...

— ריווקע! — טו איך אַ זאָג — ווען דו קענסט אוועקגעבן דעם טאַטן אַן אויג, טוסטו דאָס?

— ביידע וואָלט איך אים אוועקגעגעבן!... ס'גאַנצע לעבן וואָלט איך פאַרן טאַטן אוועקגעגעבן...

איינגעטוליעט איינע אין דער אַנדערער, ווי צונויפגעוואַקסענע, זיצן מיר הינטערן באַרג אויף אַן אויסגעשפּרייטן זאַק. איין זאַק הילט אונדז ביידן אַרום. ריווקע האַלט מיך אַרומגענומען. איר קאָפּ איז צוגעבויגן צו מיינעם. ווייט און ברייט קוקן אונדזערע אויגן. מיט אַ ווייט קול, אַ צעבראָכנס, דערציילט זי מיר אַ מעשה, מאָלט דאָס צוקונפטיקע לעבן אונדזערס און איז איבערצייגט, אַז אַזוי וועט עס זיין:

„אַמאָל איז געווען אַ טאַטע מיט אַ מאַמע, האָבן זיי געהאַט זעקס קינדער. איינער פון דער אַנדערער איז געווען שענער און גערעטענער, מענטשן האָבן זיי ניט פאַרגונען, ווייל זיי האָבן געלעבט אין אַ שטאָט וואָס האָט געהייסן סדום און די מענטשן פון דער שטאָט זיינען געווען שלעכטע און פאַרדאָרבענע. זיי האָבן אַ סך צרות פאַרשאַפט דער גוטער און ערלעכער פאַמיליע. איינמאָל איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן און דאָקטוירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ראַטעווען זיין לעבן. זיין ווייב מיט די קינדער האָבן שווער געהאָרעוועט. זיי האָבן אָבער דעם פאָטער גאָרניט געקענט העלפן. ער איז בלינד געוואָרן... ס'זיינען אַוועק אַ סך וואָכן און חדשים. זיי האָבן שוין פאַרלוירן די האָפענונג אויף אַ בעסער לעבן און אַז זייער פאָטער זאָל געזונט ווערן. ביז איינמאָל מאַכט זיך אַזאַ געשיכטע: פון אַמעריקע איז אָראָפּגעקומען אין דעם שטעטל אַ גרויסער מיליאָנער. שיין איז ער געווען ווי אַ פּרינץ און קלוג ווי שלומה המלך. זיין גוטסקייט האָט געהאַט אַ שם איבער דער גאָרער וועלט. די רייכע אידן אין שטעטל האָבן אויסגעפּוצט זייערע טעכטער און געשיקט שדכנים צו דעם אַמעריקאַנער. און ער, איינמאָל ניין! קיינע פון זיי געפעלט אים ניט. און פּונקט ווען ער קלייבט זיך פאַרלאָזן ס'שטעטל, דערזעט ער איינע פון די זעקס שוועסטער. ער ווערט צו איר צוגעקאָכט, פאַרליבט, צום שטאַרבן, און האָט מיט איר חתונה, אַן נדן. אַזוי ווי זי גייט און שטייט, נעמט ער זי...

איך קען מער ניט אויסהאַלטן, טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן. איך זאָג צו מיין שוועסטערל:

— ריווקע, ס'איז דאָך אַ מעשה פון אונדז אַליין!... איז מיט וועמען האָט ער חתונה געהאַט, דער רייכער אַמעריקאַנער?

— וואָס הייסט מיט וועמען?... מיט דער עלצטער, מיט פּינקלען!...

— און וואָס איז מיט זיי געוואָרן?

— וואַרט, וועסטו הערן: זיי פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע. דאָרטן

קויפט ער איר אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אַ קאַרעטע מיט פיר פערד און דינגט איר אַ קוטשער, דינסטן מיט משרתים. דערנאָך שיקן זיי שיפסקאַרטעס פאַר איר גאַנצער מישפּחה. דעם טאַטן מאַכט מען אַן אָפּעראַציע, ער ווערט ווידער זעעוודיק און די מאַמע איז גליקלעך... און זיי לעבן אין עושר און אין כבוד. זיי איז גוט און אונדז איז נאָך בעסער. זיי עסן האָניק מיטן פּאַלאָניק און מיר אַפן שפּיץ מעסער...

אָט אַזוי טרייסט מיך ריווקע, וועקט אין מיר פאַנטאַזיעס און גלויבן. אויך זי איז פול מיט גלויבן. די צוואַנציק שעה אַרבעט דורכן מעת־לעת שוואַכן זי ניט אָפּ סיי פיזיש און סיי גייסטיק. פאַרקערט, זי ווערט שיין, ברייט און צעוואַקסן. ס׳גרינע פּנים ווערט באַ איר לויטער, אַ בלוטרויטע פאַרב שפּריצט פון אירע באַקן, ס׳לעכל אַף דערמיט בערדל ווערט טיפער און גיט איר צו יונגן מיידלשן חן. רייצנדיק פריש ווערן אירע צעשמייכלטע זאַנפטע גראָבלעכע ליפּן און פון איר פאַרברוינטן שיין געטאָקטן האַלדז, פון אירע היפטן, פון איר זינגעוודיקן שפּאַן, שמעקט שוין מיט זאַפטיקייט פון אויסגעצייטיקטע זאַנגען.

נאָר צו פינקלען קומט זי ניט. יענע איז אַזוי שלאַנק און געטאָקט, ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַקט. ס׳פּנים איז לענגלעך און מאַרמאָר־ווייס, מיט אַ רויטער פאַרב אין די באַקן. אירע פאַרחלומטע אויגן שיינען מיט שטילער חכמה. פון פינקלען זינגען אַראָפּ די מלבושים. באַלעבאַטישע אינגלעך פונעם שטעטל קוקן איר נאָך מיט דורשטיקע בליקן, מיט ניט געזעטיקטן הונגער אַף די דערשטוינטע פּנימער.

די מאַמע וויל שוין מיט איר אַ שידוך טון, ווייל כאַנע הענעס איז אין איין עלטער מיט פינקלען און איז שוין אַ כלה. אַ גרויסן גבירס אַ זון איז איר חתן. דער טאַטע זיינער איז שפּייער פון דער מיל. שלוימע וואַסערמאַן גיט זיין טאָכטער אַ סך נדן. אין גיכן וועט זיין די חתונה... מיין טאַטע בייזערט זיך אַף דער מאַמען:

— וואָס פּלאַמט אַף דיר ס׳היטל! אַ מויד פון פופצן יאָר האָט זיך ניט וואָס צו איילן! די צייטן וועלן זיך בעסערן, מירן איר קענען געבן אַ לייטישן נדן... פינקל איז ווערט אַזוינס ווי אַזעלכעס!...

די מאַמע האָט נאָך אַ סך בעטצייג און האַנטיכער און טישטעכער אויסגענייטע, פאַרבליבענע פון די פאַרמילחמה־יאָרן. אויך מעבל שיינס ליגט אַפּן בוידעם באַהאַלטן. דענקט זי דאָס געבן פינקלען... אַ חתונה־מתנה. נאָר די גרויסע שוועסטער, וואָס דערוועגט זיך קיינמאָל ניט ווידערצושפּעניקן דעם טאַטן, דער מאַמען, שווייגט פאַרביסן און טיף.

עפּעס, ווייזט אויס, לעבט אין דער יונגער נשמה אירער אַ סוד, אַ הייליקייט, אַ גרויס געפיל, וואָס זי קען אים ניט אַרויסזאָגן פאַר קיינעם. מיט יאָרן שפּעטער, ערשט נאָך איר חתונה, בין איך געוואויר געוואָרן,

אַז איר ניט איילן זיך צו ווערן אַ כלה, איז געווען אַ שטילע ליבע אירע מיט דעם פעטער שמילס אַ שוואָגערל: אייביקע ליבע האָבן זיי זיך צו־געשוואוירן...

.26

ס'איז שוין נאָך פּסח. די טעג זיינען ליכטיקע, אין זון אויסגעוואַשענע, און פרייע. באַפרייט פון דער ווינטערדיקער לאַסט, פראַכט איצט די פעטע מאַמע־ערד, וואַרט אַף באַפרוכפּערונג. נאָר נישטאָ איצט ווער עס זאָל די שוואַרצע זאַפטיקע ערד באַפרוכפּערן. פּויערים פון די גויעשע גאַסן ווערן אַלץ מער און מער אַוועקגעפירט צו דער שחיטה און קומט אַמאָל איינער צוריק, איז ער אַ קאַליקע, אַן אינוואַליד, פעלט אים אַ האַנט אָדער אַ פוס. אויך אידישע סאָלדאַטן קומען זעלטן צוריק. אידישע מאַמעס זאָרגן, האָבן מורא די טעכטער זייערע וועלן פאַרזיצן, קיין חתנים וועט ניט זיין. אַלע קומען זיי אום אין דער מילחמה. הענגט טאַקע די זאָרג איבערן שטעטל. מען הערט איצט ניט שפּילן קיין חתונה־מאַרשן. אַ פאַרשעמונג האָט זיך אין די אויגן בײַ אידישע מאַמעס אָפּגעזעצט.

נאָר לאַנג קלאָגן אַפן אייגענעם חורבן איז בײַם אידישן עולם קיין צייט ניטאָ. עמיצער זאָרגט שוין מיר זאָלן זיך צופיל ניט איבערנעמען, מיר זאָלן זאָגן גם זו לטובה... נייע פּליטים האָט איצט דאָס שטעטל, אידן אַנטלאָפענע פון רומעניע, מערסטנס דעזערטירן.

קיין אידיש ריידן און שרייבן קענען זיי ניט אָדער גאָר ווייניק. דאָרפישע פּויערים זיינען זיי און ווי די דאָרפישע פּויערים פאַרגרעבט, האַרט און אומצוטרוילעך. נאָר בעסאַראַבער מענטשן צייכענען זיך אויס מיט זייער גאַסטפריינטלעכקייט און מיט זייער צוטרוי. און די רומענישע פּליטים דערפילן דאָס גלייך. זיי נעמען זיך איינבירגערן ניט נאָר אין אידישע שטיבער, נאָר אויך אין אונדזער שטייגער לעבן, פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אונדזער ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אַ פרעמדן, צו אַ נויטבאַדערפטיקן... אויך די שטעטלשע יוגנט, די צעשראָקענע און צערודערטע, געווינט מיט דעם צופלוס פון די נייע יונגע כוחות. אַביסל פרייד טויכט אויף אין די יונגע הערצער, עס קערט זיך אום דער גלויבן אין לעבן, אין צו־קונפט, אין ליבע. בעסאַראַבער מיידלעך און רומענישע בחורים טרעפן זיך, פאַרגייען צווישן די געדיכטע ביימער, באַהאַלטן זיך אויס פון פרעמדע אויגן, פון בייזע ניט פאַרגינערישע צינגער...

אויך צו אונדז אין שטוב קומען אַריין די רומענישע יונגעלייט, די נאָווענאַדניקעס, זיי דערציילן פון דער אָרימקייט, וואָס הערשט אין רו־מענישן פּאָלק, פון געפאַלנקייט און פאַרצווייפלונג. אַנטלאָפן זיינען זיי מער פון אָט דער געפאַלנקייט ווי פון דער מילחמה... דאָ אָבער, אין בע־סאַראַביע האָבן זיי ניט וואָס צו טון. קיין אַרבעט איז נישטאָ... פון הונ־

גער, פונדעסטוועגן, שטאַרבן זיי ניט, די בחורים. מען נעמט זיי אויף אין אידישע שטיבער, ווער גלאַט אויס מענטשלעכער גוטסקייט, אויס פליכט צו דעם עלנטן און היימלאָזן און ווער מיט דער אויסזיכט אַ „האָרב פון די פּלייצעס אַראָפּצואוואַרפן", אַ מויד חתונה מאַכן...

מיין טאַטע, דאַכט מיר, האָט מורא, אַז זיינע אַ טאָכטער, די געראָטנסטע, וועט אים פאַרשמירן דעם יחוס און וועט זיך איינליבן אין אַ רומעניש דעזערטיר, הערט ער זיך דעריבער איין זייער אָפּט אין די געשפּרעכן וואָס זיין עלצטע טאָכטער פירט מיט די רומענישע יונגעליט, מישט זיך אָפּט אַריין אינעם שמועס, פאָרשנדיק קלוג. נאָר די ליבע האָט זיך שוין אירע וועגן, זי דערפילט די געפאַר וואָס לויערט אַף איר און זוכט זי אויסצומיידן. פינקל, די וואָס האָט קיינמאָל אָן דעם טאַטנס און אָן דער מאַמעס דערלויבעניש קיין שפּאַן ניט געטון און קיין איבעריקע צען מינוט זיך ניט פאַרזאַמט ערגיץ אין גאַס אָדער באַ אַ חברטע, ווערט איצט פאַרפאַלן אַף שאָען לאַנג באַ אירע חברטעס, וואו מען טאַנצט און מען שפּילט אין פאַנדן...

די מאַמע דערלויבט דאָס איר. כאָטש זי באַמערקט איר כסדר, אַז זי ליגט צופיל איבער באַ די חברטעס... ס'איז ניט שיין און אויך ניט געזונט... מען עסט זיך צו יענעם, מען ווערט גיך פאַרמיאוסט... דער טאַטע שיקט מיך אָפּט אַ קוק טון וואו פינקל איז: אים געפעלן ניט אירע חברטעס... לויטן קול, לויט זייער לאַכן, פילט ער אַרויס זייער ניט ערנסטקייט. אים טוט דאָס וויי. איך הער ווי ער שרייט צו פינקלען, בייזערט זיך און פאָדערט:

— ברענג מיר ניט אַהער די צוויי מיידן, מייער וואַנצס טעכטער... איך קען ניט פאַרטראָגן זייער כיכיקען, זייער געזאַנג... ס'קומט ניט פונעם האַרצן, ס'איז אָנשטעל, פּוסטע גאַווה... וואָס ווערסטו לערנען פון זיי?... פינקל, געדענק וואָס דער בלינדער טאַטע לערנט דיך! אַנטלויף פון די פּוסטע כלים, פון פאַלשע חברטעס!...

ס'בעקעריי ווערט אַלץ שווערער און אומדערטרעגלעכער. ווייס מעל איז מיט גאָלד גלייך. מען קריגט דאָס שוין אינגאַנצן ניט. סוחרים שפּעקולירן דערמיט און טרייבן אַריין דאָס שטעטל אין אַ מוראדיקן יקרות, אין אַ הונגער. אָרימעלייט חלומען שוין ניט מיט ברויט; מאַמעליגע אָדער מאַלאַי, איז אויך אַ יום־טוב. רייכע באַלעבאָסטעס באַוואָרענען זיך מיט צענדליקער פּודן מעל, מיט צוקער און מיט טיי. אָרימעלייט טרינקען שוין טיי מיט „מאָנפּאַסיע", מיט סאַכאַרין...

מיר זיינען שוין ווידער אויס בעקער. די מאַמע איז געוואָרן אַ סוחרטע. זי פאָרט אַלע וואָך אַוועק קיין ליפּקאַן און ברענגט פון דאָרט אַ פּאָר זעק אָנגעשטאָפּטע מיט געלער סאָלדאַטסקער לייוונט, מיט אַלטע סאָלדאַטסקע גרעט, זי פאַרקויפט דאָס. דער טאַטע האָט שותפות געמאַכט מיט אַ בוקאָווינער אידן, וואָס באַציט פון דער בוקאָווינע לימענעס מיט

מאַראַנצן, מאַנדאַרינקעס און בעזעמער. אַ ריִרעוודיקער איז דער איד. רב שמואל רופט מען אים. גאַרניט קענטיק אַ; אים זיין אַמאָליקע גבירה־שאַפט, אַזאַ גרויער און אָרימער זעט ער אויס, נאָר די היץ אין זיינע שוואַרצע אויגן און זיין טענהן מיט די קונים אַף גיך און צודרינגלעך, מאַכט גלויבן, אַז ער איז אַן אַלטער אויסגעבראַוווטער סוחר. אין קלייט באַ אונדז שמעקט איצט מיט לימענעס און מאַראַנצן און אויך מיט פריש איבערגעוואַשענעם גרעט, וואָס די מאַמע פאַרקויפט די היימישע ווייבער.

וואָס איז געשען מיט מיין מאַמען? ווי פאַרנומען זי איז מיט איר מיסחר און כאָטשע דער טאַטע וויל דאָס ניט ליידן, רייסט זי אָפּ צייט און פירט געשפּרעכן מיט פּיליאַן. פאַר קיינעם איז שוין קיין סוד ניט, אַז פּיליאַ האָט געהאַט אַ געליבטן. ווען דער פּריסטאַוו סעוואַסטאָפּול מיט זיין ווייב זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אדעס, איז פּיליאַ געווען אויסער זיך, האָט געוויינט, האָט זיך געפילט באַליידיקט און האָט איר האַרץ אויסגע־גאָסן פאַר מיין מאַמען. און די מאַמע, וויזט אויס האָט פּיליאַן פאַר־שטאַנען און מיטגעפילט. זי פלעג איר גלעטן אירע צעפּלאָמטע און מיט טרערן באַגאָסענע באַקן, זי באַרואיקן און זיפצן פונעם האַרץ. נאָר פּיליאַ האָט זיך ניט געקענט טרייסטן מיט מיין מאַמעס געטרייקייט, האָט איבער־געלאָזט באַ אונדז אירע דריי קינדער און איז געפאָרן קיין אדעס אויפ־זוכן איר געליבטן. אַהיימגעקומען איז זי אַ שטילע, אַ באַרואיקטע און אַ פאַרשעמטע. פון אירע שטילע געשפּרעכן מיט דער מאַמען, בין איך דערגאַנגען, אַז דער פּריסטאַוו האָט זי אויפגענומען זייער קאַלט, האָט איר געוואָלט געבן געלט, נאָר זי האָט דאָס אים צוריקגעוואָרפן אין פּנים אַריין. אַ שטיק צייט האָט זי געקלאָגט נאָך אים און דערנאָך האָט זי זיך גענומען חברן מיט פּאַשקאַ דער גראַבער, אַ רייכע און אַ שיינע גויע, וואָס האָט אַ שלעכטן שם אין שטעטל. די מאַמע האָט עס איר פאַרגעהאַלטן און איר געבעטן איבעררייסן אָט די פריינטשאַפט. נאָר פּיליאַ פלעגט טרויעריק ווערן און טענהן:

— ראַצע, דו אויך טראַכט שלעכט פון מיר, פון דיין פּיליאַ?

דעם ווינטער זיינען מיר, איך מיט ריווקען, אַ סך מאָל געבליבן מיט פּיליאַס קינדער. זי פלעגט אַוועקגיין און צוריקקומען זייער שפּעט. גע־היימע ריחות, באַהאַלטענע אונטער אַ שטאַרקן פּערפום, פלעגט זי אַהיימ־ברענגען און אויך קאָנפעקטן גוטע, מיט ראָם געפילטע... אַ בליענדיקע, אַ צאַרטע, פלעגט זי קומען, מיט אַ שולדיקייט אין אירע גרויסע לעבעדיקע אויגן און צופאַלן צו אירע קינדער און זיי קושן און וויינען דערביי, באַ־בעצן מיט טרערן אירע צעפּלאָמטע באַקן.

איינמאָל האָט פּיליאַ זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַפּנים, אַף אירע קינ־דער און אַף אונדז און מיר זיינען אומרואיק געוואָרן. אין שטיבל איז שוין קאַלט און פינצטער, די הרובע איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן, גרויסע מייז לויפן אום איבערן פּאָל און גריזען די קרישקעס, וואָס מיר האָבן

אַוועקגעוואָרפֿן. עוואַ און נאַזע וויינען און סוליאַ, וועלכער איז שוין אַן אונטערגעוואַקסענער און באַנעמט, ווייזט אויס, זיין מוטערס גענג, איז אין צאָרן פֿאַרכאַפּט, ער קריצט מיט די ציינדלעך און רעדט דורך טרערן:

— איך שרייבן מיין פּאַפּאַ, ער מיך נעם קיין טאַמבאָוו... איך פֿיינט מאַמאַ!...

דער שניי־שטורעם וואָיעט אונטער די פֿענצטער און וואַרפֿט אָן אַ שרעק אַף אונדז. געוואוינט האָט דאָ אין דעם שטיבל דער גוטער און ליבער מאַכמעד און איצט הערשט דאָ אַזאַ טיפֿע געבראָכנקייט און מענטשלעכער עלנט. פֿיליאַס קינדער פֿילן דאָס, אַפֿנים. מיין ריווקע דערציילט זיי שיינע מעשהלעך און אַליין, דאַכט זיך, האָט זי מורא פֿאַר די שאָטנס וואָס הענגען אַף די ווענט און דערציילן פּונקט דאָס פֿאַרקערטע... די הענער קרייען שוין, דער הימל קוקט אַריין אין די שויבן אַזאַ פֿאַרזאָרגטער, אַן אָנגעשפּיצטער... און ריווקע רופֿט זיך אָן צו מיר:

— גאָלדע, מירן זי גיין רופֿן! ביז טאָג וויל איך דאָ ניט בלייבן, ס'איז שוין צופֿיל!...

איך פּויעל באַ ריווקען זי זאָל בלייבן און איך וועל אַליין גיין רופֿן פֿיליאַן.

אין אַ הינטערשטיבל באַ שמיל זעליקן אין שענק, איניינעם מיט פּאַשקאַ דער גראָבער און מיט שקאָצים, הויכע און שיינע, טרעף איך זי. שמיל זעליקס טאָכטער, כאַסיעלע, מיט די שיינע שוואַרצע אויגן, רופֿט זי מיר אַרויס. זיי וויסן גאָרניט, אַז דורכן פֿענצטער האָב איך שוין געזען ווי זיי טרינקען און האַלטן זיך אונטער. פֿיליאַס באַקן פֿלאַמען. מיר ווערט אַזוי אומהיימלעך פֿונעם וואַרעמען אָטעם אירן און פֿון אירע בליטשטשענדיקע אויגן: זי, מיין פֿיליאַ, מיין מאַכמעדס אַ פֿלימעניצע, איז געפֿאַלן... דאָך, האָב איך זי ליב, אַ גרויס רחמנות פֿיל איך צו איר מאַן, צו אירע קינדער... פֿיליאַ רעדט צו מיר מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם:

— נאָכוואָס דו קום אַהער?... איך ליין קומען אַהיים, דיר געבן קאָנפֿעקטן, שאָקאָלאַד, געלט...

איך קוק אַף איר און אַ קוואַל פֿון טרערן טוט אַ פֿלייץ פֿון מיינע אויגן, פֿונעם האַרצן. דאָס האָב איך איר אומגליק באַוויינט און דעם אומגליק פֿון דער וועלט, וואָס איז אַזוי פֿאַרסאַמט, וואָס ווערט חרוב און פֿאַלט...

אַהיים גייען מיר אַלע איניינעם. אויך פּאַשקאַ און די שקאָצים גייען מיט.

פֿיליאַ צינדט אָן דעם לאָמפּ און נעמט קושן סוליאַס אויסגעוויינטע אויגן:

— עטאָט מאָי סטאַרשי סין! — רופֿט זי זיך אָן. — קראַסיווי מאַלטשיק, אומני!...

פֿון יענער נאַכט אָן, זיינען מיר מער ניט געגאַנגען היטן פֿיליאַס קינדער. מען האָט אונדז אַהין ניט געלאָזט גיין.

איינמאָל שטיי איך לעבן טערקס קלייט און זע צוויי אידישע בחורים גייען פאַרביי, קוקן אַף פיליאַן און פרעסן זי מיט תאווהדיקע אויגן:

— אָט שטייט זי!..

— ביזט זיכער, אַז יאָ?...

— מען זאָגט... מירן פּרואוון...

אין שטוב בא אונדז ווייסט מען ניט פון דעם: איך וועל דאָס ניט דערציילן, בא מיר איז זי דאָך די אייגענע וואָס אַמאָל, איך האָב זי ליב און קען ווענן איר קיין שלעכטס ניט טראַכטן... דער טאַטע אָבער איז אין כעס אַף איר. אים פאַרדריסט וואָס זי גייט בא אונדז פון קלייט ניט אַרויס און פאַרטרויט דער מאַמען אירע סודות. ער בייזערט זיך:

— ראַצע, לאַנטשע זי אָפּ פונדאַנען! פיליאַ זינקט אין זומפּ...

נאָר די מאַמע פאַרטיידיקט זי:

— הערש, מענטשן זיינען שלעכט... ס'איז אַלץ ליגן, מ'פאַרגינט איר ניט די גאָלדענע בריוו, דאָס געלט, וואָס איר מאַן שיקט איר... הערש, פיליאַ וועט אינגיכן אוועקפאָרן, זאָל זי ניט בלייבן אָן א פריינט, אָן אביסל מענטשלעכקייט צו איר...

— ראַצע, — שרייט שוין דער טאַטע, — פיליאַ איז א זונה, זי איז ניט ווערט דיין מיטגעפיל, דיין ליבע!...

אַף דעם קומט אָן פיליאַ. אירע שיינע אויגן זיינען ברייט אויפגעריסן, דערשטוינט און באַליידיקט. זי נעמט אַריין ס'פּנים איןביידע הענט און צעכליפּעט זיך:

— ראַצע, דיין הערשקאַ אויך זאָג איך קורווע... און דו גלויב, מיין פריינט, מיין מאַמע!...

די מאַמע האָט א צעוויטיקט פּנים, זי גלעט פיליאַס הענט, טראָגט איר אונטער א מאַנדאַרינקע און רעדט דורך טרערן:

— נעם, עס, פיליאַ, דערכאַפּ ס'האַרץ... מירן נאָך ריידן וועגן דעם... ער איז דאָך נעבעך אַזוי אומגליקלעך... פאַרשטיי אים, זיי אים מוחל...

פיליאַ איז אָבער ניט מוחל, זי קומט מער ניט אַריין צו אונדז. מיר צו איר גייען אויך ניט. נאָר די קינדער אירע און אסאַן, קומען.

כ'האָב גאָר פאַרגעסן צו דערציילן ווי אַזוי מיין גרויסע ליבע צו אסאַנען איז אויסגעוועפּט געוואָרן און איז איבערגעגאַנגען אין א פיינטשאַפט, אין א גוואַלדיקער אָפּגעפרעמדקייט.

א פּאָר וואָכן נאָכן אַרויסשיקן אים פון יעדינעץ צוזאַמען מיט זיינע ברידער, האָט מען אים צוריקגעשיקט, מחמת ער איז נאָך א מינדעריעריקער. פון דעם גוטן נייס בין איך געוואָר געוואָרן באַנאַכט און האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן איך זאָל לויפן אים זען און די פרייד מיינע און די דערוואַרטונג האָבן גאָר קיין גרעניץ ניט געהאַט. ריידן מיט אים וועל איך דאָך ניט גיין! ער איז אויסגעוואַקסן און האָט שוין אַן אויסזען פון א גרויסן, קוק איך אַף אים און מיין גליק איז איבערמענטשלעך

גרויס. אויך אַסאַך קוקט אַף מיר און שמייכלט צופרידן. שפּעטער גיי איך אין כאַרטשעווניע זיך שפּילן מיט פיליאַס קינדער. פיליאַ איז ניט געזונט, קען זי ניט ליידן דעם רעש. נאָר אַהיימגיין קען איך ניט, איך וויל זיין לעבן אַסאַנען. און אין דעם, לויפט ער אַריין אין כאַרטשעווניע און טוט אַף מיר אַ בייזן געשריי:

— טישע, פיליאַ באָלנאַ!...

און ער וואַרפט מיר צו אַ לאַנגן שפּיציקן קוק. זיין פּעטער איז־מאַעלס אויגן!... פול מיט שטוינען קוק איך אַף אים. מיין מוח באַנעמט דאָס ניט. איך גיי אַהיים און פון דעמאָלט האָב איך נישט מער קיין שום באַגער צו זען אַסאַנען. אַ מוראַדיקער האַס, אַ ווידערווילן זיצט אין האַרצן באַ מיר. נאָר ניט אַסאַן און ניט עמיצער פון אונדזער שטוב האָט געוואוסט ווי אַזוי די ליבע צו אים האָט זיך אַנטוויקלט אין מיין קינדער־שער פאַנטאַזיע און אויך ניט ווי אַזוי זי איז אומגעקומען. קיינער האָט ניט געוואוסט דעם טראַגישן סוף פון מיינע אַלטע שטאַרקע געפילן, די ניט פאַרשטאַנענע און באַליידיקטע.

אינמיטן זומער, אין אַ באַטאָג, ווען אַ לויזע בלאָטע שטייט אין גאַס און דער רעגן, כאָטש אַ זומערדיקער, האַלט אָן שוין זייט אַ פּאָר טעג און פאַרטרינקט די טראָטואַרן, די אויסגעמוליעוועטע קאַנאַוועס באַ די שטיבער, פאָרט פיליאַ מיט אירע קינדער און אויך אַסאַן, קיין טאַמבאָוו.

די גאַס שטייט מאָדנע שטיל, איינגעבויגן און פאַרטראַכט. פון די אָנגערוקטע שטיקער כמאַרע, פון דעם הימל, וואָס איז מיט רעגן אָנגע־טרונקען, קוקט אַראָפּ אַ באַנג, אַ ווייטיק. אויך מיין מאַמע האָט אַ באַנגיק פּנים, אַ צערודערטס און אַ פאַרשעמטס. זי כאַפּט אַלעמאָל בגנבה אַ קוק צום פּויערישן וואָגן, וואָס שטייט פאַרן טערקס קלייט. די שויבן, דאַכט זיך מיר, פון אונדזער קלייט, זיינען אויך באַזאָרגט און, פאַרוויינט און קוקן מיט באַנג צום טערקס קלייט, צו דער פור, מיט וועלכער פיליאַ מיט אירע קינדער פאָרן אַוועק פון יעדינעץ.

פיליאַ איז אַ שיינענדיקע. מיט אַ זינגענדיקן טראָט טראָגט זי אַרויס די לעצטע קליינע בינטלעך. זי קוקט צו אונדזער קלייט מיט אַ יאָנטעוודיקן שמייכל אַף איר שיינעם צעבליטן פּנים. עס פּאַסט איר זייער דער נייער אָנצוג מיט דעם מענערישן גרויען הוט. מיט ניצחון זיצט ער אַף איר שיין פאַרקעמטן בלאָנדן קאָפּ.

ווייבער, אַרומיקע שכנים, שטייען אַף זייערע גאַניקלעך און אַף די פּריזבעס, קוקן אַף איר מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט, מיט פרומע פאַר־צויגענע ליפּעלעך: ס'טוט זיי, קענטיק, באַנג, וואָס די צאַרטע און שעל־מישע פיליאַ, וואָס איז אין אירע זינד אַפילו אַזוי שיין און הערלעך גע־ווען, איז אַרויס פון זייערע קראָעשע פּיסקעס מיט גאַנצע ביינער, מיט אַ זיגערישן שמייכל אין די ליכטיקע אויגן. פיליאַ שאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ און שרייט אין אידיש:

— זייט געזונט, קריגט זיך ניט, יעדינעץ גרויס, דאַ פּלאַץ פאַר אַלע!... פאַר פּיליאַ אויך!...

אַסאַן און די קינדער זיצן שוין אַפּן וואָגן, איינגעהילט אין פּויערישע בורקעס. דער רעגן זיפּט זיך כסדר, דער הימל וויינט. פּיליאַ לויפט אַריין אַ וויינענדיקע צו אונדז אין קלייט, פאַלט אַריין אין דער מאַמעס אָרעמס און כליפּעט שטיל. די מאַמע גלעט איר די פּלייצע און רעדט דורך טרערן:

— וויין ניט, האָסט דאָך זיי אַלע געוויזן אַ פייג! פאַרסט צו דיין מאַן. ער האָט דיך ליב. פאַרגעס אָן יעדינעץ, אָן דעם סדום, ווי אין אַ פינצטערן חלום!...

פּיליאַ קושט זיך מיט פינקלען, מיט ריווקען, מיט מיר. די קליינע שוועסטערלעך קושט זי מיט ווילדקייט, מיט ברען און גרויסע טרערן גיסן פון אירע אויגן. ווען זי געזעגנט זיך מיטן טאַטן, האָבן זיי ביידע צעטראָגענע פּנימער, באַנגיק גוטע, פאַרגעביקע. פּיליאַ זאָגט:

— הערשקאָ, זיי געזונט, גאָט דיר שיקן אַ שאַן אין די אויגן, דו ווערט, דו גוטער מענטש, קלוגער... איך זאָג מיין מאַכמעד אַלי, ער דיר שיקן געלט, דו פאָר צו גרוים דאָקטאָר!...

דער טאַטע שטרעקט איר נאָך ביידע הענט און רעדט אומרואיק:

— פּיליאַ, גיב אַכטונג אָף די באַנען, ס'איז מילחמה, ס'איז אַן אי־בערקערעניש... זאָג זיי דאָרט אין מיין נאָמען און אויך אין נאָמען פון ראַצען מיט די קינדער, אויב גאָט וועט מיר נאָך שיקן אַ רפואה אָף מיינע אויגן, וועלן מיר אַלע קומען קיין טאַמבאָוו, אַ גרויסע בעקערייַ אָף שות־פות עפענען...

אין אַלע קאַרטלעך, וואָס פּיליאַ שיקט אונדז, דורכגעוועבטע מיט ליבע און בענקשאַפט, בעט זי כסדר מיר זאָלן קומען צו זיי. אַלע טערקן פאַרלאַנגען דאָס. קיין יעדינעץ בענקט זי ניט, זי בענקט נאָר נאָך אונדזער הויזגעזינד.

אַ שטיק צייט גיי איך אום ווי אַ צעבושטע. איך קען זיי ניט פאַרגעסן.

27.

אָפּט גיי איך בכיוון פאַרביי פישל שמיל קאַליסערס שטוב, כדי צו כאַפּן אַ קוק אָף זכאַריען. מען שמועסט, אַז פּערל, פישלס באַסיעכידע, שפּילט מיט אים אַ ליבע. מיך פּאַרדריסט דאָס. זי איז די טאָכטער פון מיין טאַטנס גרעסטע שונאים. זע איך אַמאָל פישלס קינדער זיצן אָף דער באַנק פאַר זייער שטוב איניינעם מיט זכאַריען, ווער איך צעפּייניקט פון קינאה, פון ווייטיק. ער שמייכלט דעמאָלט צו מיר. אַ סך מאָל קוקט ער מיר נאָך ביז ס'אויג זיינס קען מיך דערגרייכן.

איינמאָל גיי איך אין באָטשט־גאַס מיט אַ ליידיקן זאַק אונטערן אָרעם. איך האָב אָפּגעטראָגן געבעקס אין אַ הורטאָוונער קלייט. אַקעגן קומט מיר

אָן זכאַריע. אָנשטאָט צו אַנטלויפן פון אים, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען און מיינע שוועסטערלעך האָבן מיך געוואָרנט, בלייב איך גאָר שטיין ווי אַ פאַרהילצערטע. ביידע קוקן מיר זיך אין די אויגן און שמייכלען. זכאַריע רופט זיך אָן מיט אַ מילד קול און קוקט אויף מיין פאַרכוישעכטן אויסזען:

— ביזט ברוגז מיט מיר, גאָלדע?

— ניין!

— וואָס זשע דען קוקסטו אויף מיר אַזוי פרעמד און בייז? דער טאַטע מיט דער מאַמען הייסן דיר אַזוי?

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און שוויג. אוודאי בין איך איבערגליקלעך וואָס איך קען שטיין לעבן זכאַריען און הערן זיין קול, דאָס שטילע און געטרייע; איך וואָלט אים אָבער וועלן זאָגן ער זאָל פון מיר אוועקגיין, ווייל איך האָב מורא פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען צו ריידן מיט אים... זכאַריע הייבט מיר אויף די גאָמבע און שמייכלט זוניק:

— קום, גאָלדע, מיט מיר הינטער די ווערבעס. דאָרטן וועסטו פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן!... היינט וויל איך זיין מיט דיר אַליין, וועסט מיר עפּעס דערציילן!...

דער באַגער צו זיין נאָענט לעבן זכאַריען, שטייגט איבער די שרעק פאַרן טאַטנס שטראָף, פאַר זיין מוסר, וואָס פייניקט מיך אָפט ערגער ווי די קלעפּ.

אַ בלויע און דורכזיכטיקע זויבערקייט, אַ פרייע און אַ ברייטע, פאַרכאַפּט אונדז. אויף אַ בערגל, אַ גרינעם, באַשאָטן מיט געלע און רויטע רייזעלעך, זעצן מיר זיך אַוועק. זכאַריע שפּאַרט אָן איין אַקסל אָנעם פּלויט פון שמיל דרוצערס סאָד. ער זיפצט אָפּ און שמייכלט מיר אין פּנים. אַזאַ טיפע דערהויבענע שטילקייט, אַ באַשמעקטע מיט די פּלאַנצן, מיט געדיכטע סאָסנע־ביימער, וויברירט דאָ. איך פיל מיך היימיש און שפּאַר אָן מיין קאָפּ אויף זכאַריעס פּיס, צי מיך אויס אין דער גאַנצער לענג און ער גלעט מיר דעם קאָפּ און רעדט צו מיר זייער באַזאָרגט:

— ביזט שוין אויסגעוואַקסן, גאָלדע. לערנסט גאָרניט? וואָס וועט זיין פון דיר?... און וואָס טוט דער טאַטע?... די מאַמע דענקט גאָרניט פאַרן מיט אים אין אַ גרויסער שטאָט, צו גרויסע דאָקטוירים?...

— וואָס וועט זי פאָרן, אַז זיי קענען אים גאָרניט העלפן! דער טאַטע איז שוין פאַרפאַלן...

— ער זעט טאַקע גאָרניט? — ציטערט ס'קול זיינס. — ס'קען דאָך ניט זיין!...

מיר ווערן אַנטשוויגן. אַ טיפער ווייטיק שוועבט אין זכאַריעס אויגן, די מילדע און קלוגע. שפּעטער דערלאַנגט ער מיר אַ קופּערנעם זעקסער און שמייכלט פאַרשולדיקט:

— נעם, גאָלדע, איך האָב באַ מיר מער ניט, קויף דיר אַ נאַשעריי!

איך קוק אַף דער מתנה און, בין ניט צופרידן, איך וואָלט בעסער וועלן עטלעכע אונגאַרישע פלוימען, וואָס וואַקסן אין שמיל דרוצערס סאַד. איך ווייס מיט וואָס מען קען באַצאָלן פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן. איך ווייס, אַז די שפּיציקע דראָטן אַפן פּלויט קענען מיך אויך פאַראַטן. נאָר מיר ווילט זיך איינשטעלן און איך בעט זיך באַ זכאַריען, ווי מיר וואָלט עס געגאַנגען אין לעבן:

— לאָז מיך אַרויפשטעלן זיך צו דיר אַף די אַקסלען, וועל איך אַרי־בערקריכן אין סאַד און מיר אָנרייסן אַביסל פלוימען...

— דער סטאָראָזש וועט דיך כאַפּן, וועט ער דיר אָפּשלאָגן די לונ־גען!...

— זאָל ער!... דו וועסט זיך אָנעמען פאַר מיר!...

אַ שטילע פרייד צעשפּרייט זיך אַף זכאַריעס פּנים. ער הייבט זיך אויף און נעמט קריכן איבערן פּלויט, איבער די שפּיציקע דראָטן און באַלד וואַרפט ער מיר אַריבער פונעם סאַד גרויסע איבערגעצייטיקטע פלוי־מען און אויך עפּל מיט באַרן.

געשמאַק זיינען די גנבהשע פרוכט. ערשטנס, ווייל מיר האָבן באַ־אַרבעט שמיל דרוצער, דעם גרויסן גביר און נאָך גרעסערן קמצן און צווייטנס האָט זיי מיר פאַרשאַפט זכאַריע.

פאַר זכאַריעס זעקס גראָשן בין איך שבת געגאַנגען אַף אַ קינדער־פאָרשטעלונג.

דער „מאַגאַזאַן" איז פול מיט קינדער, מערסטנס פון די יאַכסאָנישע, און זייערע מאַמעס, וואָס האָבן פאַרפּלאַמטע, זאַטע און צופרידענע פּני־מער. העברעישע לידער זינגען די מיידעלעך. איך פאַרשטיי זיי ניט. שלעכט און פרעמד פיל איך מיך דאָרט. נאָך אומהיימלעכער ווערט מיר ווען איך דערזע אַף דער בינע מיין געוועזענע חברטע טויבעלע אַבעליאַק. זי קוקט אַפילו ניט אין מיין זייט. קענטיק, זי שעמט זיך מיט מיר... אַ שאָד איז מיר דער קופּערנער זעקסער. צרות האָב איך מיר איינגעקויפט פאַר אים. מיר איז ענג צווישן די באַלעבאַטישע טעכטער און איך גיי מיר באַלד אַוועק. גוט איז מיר לעבן זכאַריען. איך וועל זיך זען טרעפן מיט אים וואָס אָפטער. ער האָט מיך ליב און קוקט אַף מיר מיט געטרייע אויגן...

מיינע באַגערן ווערן אָבער ניט דערפילט. שוין אַ פאָר וואָכן, אַז איך זע ניט זכאַריען. איך דריי מיך אַרום פישלס שטוב און אומזיסט. וואָלט איך אַריינגעגאַנגען, וואָלט איך באַלד געוואוסט וואָס מיט זכאַריען האָט געטראָפן. נאָר ווי קען איך דאָס טון? וואָס וועלן צו דעם זאָגן מיינע טאַטע־מאַמע? גענוג זינדיק איך לגבי זיי מיט מיין אויסבאַהאַלטן מיינע זינדיקע פאַרלאַנגען, טרעפן זיך מיט אַ מענטשן, אין וועלכן זיי האָבן זיך אין אים אָפּגענאַרט, וואָס זיי האַלטן אים פאַר אַ שונא!...

פאַרשפּאַרט האָט מיר די אַרבעט כאַנעלע, דער בעקערישער טעלעפאָן. איינמאָל רוקט זי זיך אַריין צו אונדז אין קלייט און לויט די צעפלויגענע קאַלטנס אירע און לויטן פלאַם אין אירע קליינע שפּילקע־אייגעלעך, פאַר־

שטיי איך שוין, אַז זי האָט אַ נייעסל געבראַכט. זי נעמט שטאַמלען, בעבען און פּלאַצט אויס:

— זכאַריע איז משוגע געוואָרן!..

מיין מאַמע טוט אַ פּאַטש מיט ביידע הענט אין דער לופטן און אַ מוראַדיקער געשריי רייסט זיך אַרויס פון איר האַרץ:

— הערש, אַן אומגליק האָט אונדז געטראָפן!... ווי און ווינד איז מיר!...

דער טאַטע לויפט אַרויס פונעם צימער. אַ ווילד צעשראָקן פּנים האָט ער. עפּעס זוכט ער מיט די הענט אַרום זיך, בלאָנדזשעט און שטאַמלט אין שרעק:

— גאָט איז מיט דיר!... וואָס איז געשען, ווייב מיינס?

די מאַמע קלאָגט מיט גרויסע טרערן:

— זכאַריעלע איז פון זינען אַראָפּ, ווי מיר!...

— וואָאָס? — ווערן דעם טאַטנס אויגן נאָך ווילדער און אומפּאַר־שטענדלעך. — ס'קען ניט זיין!... טו אַ לויף, גאָלדעלע, אַהין, אין שטוב און גיי ניט אַריין, וועסט שוין אינדרויסן אויך געוואוירע ווערן!...

הינטער די פענצטער פון פישלס שטוב שטייען ווייבער מיט מיידן. זיי שמועסן צווישן זיך:

— מען זאָגט, די טאָכטער זיינע האָט אָפּגעזאָגט דעם בחורס ליבע, איז ער פון ווייטיק משוגע געוואָרן...

— טאַקע, ווי קומט אַ בעקער־יונג צו זיין אַן איידעם בא רב פישל שמיל קאַליסערס?!...

— האָט ער ניט געזאָלט איינשמועסן זיך אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז!... אַ מענטש דאַרף זיך קענען!... אַ יחסן מיר אַ גרויסער! זכאַ־ריעלע דער פּאַרך, טשאַרנאָפּוי גנבס אַ וויכאָוואַנעק!...

אַ ווייטיק און אַ באַליידיקונג פאַרקלייבט זיך אין אַלע מיינע איברים און אויך אַ גוואַלדיקע פאַראַכטונג צו אָט די האַרצלאָזע מענטשן... האָבן זיך אויסגעטראַכט עפּעס אַ קראַנקע גערעכטיקייט און לגבי די גערעכטע פירן זיי זיך אויף פּשוט מערדעריש!... איך ווייס, אַז זכאַריע איז ווערט אַ סך אַ בעסער מיידל, ווי פּערל פישלס. איר מאַמעס פאַלשקייט האָט זי אין זיך. פּערל איז אַ מויד מיט היים בלוט און צעלאָזענער חוצפּה. מען שמועסט אין גאַס, אַז אַ רומענישער בחור פון אַ רייכער מישפּחה, אַ יאַכסאַנישער „אוכאַזשעוועט" זי...

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, קומט זכאַריע צו אונדז. דער טאַטע איז גראָד אין דער היים נישטאָ און די מאַמע קנעט לאָקשן און האָט אַ טריבן ניט ניכעדיקן אויסזען. זכאַריע איז געל ווי וואַקס און טרוקן איז דאָס פּנים זיינס. די אויגן צערודערט און פאַרגאָסן ווי בא אַ שיכור. די מאַמע טראָגט אים אונטער אַ בענקל און נעמט אים דורך מיט אַ פּאָר צעשראָ־קענע אויגן. אַ פייער ברענט איצט בא איר אויפן פּנים. זי פרעגט אים מיט אַ צערודערטן קול:

— וואָס טוסטו, זכאַריע, דאַכט זיך ביזט געווען ניט מיט אַלעמען?

ער סאָפּעט שווער און הוסט. די טרוקענע הענט, די פּיס, יעדער אבר זיינער צוקט נערוועיש:

— יאָ, געווען ניט געזונט, ניט געקענט שלאָפן... די גאַספּאַדין דאָקטערשע... הייסט מיר ארויספאָרן... זיין ווייט פון איר!...

— פון וועמען, זכאַריע? — קוקט אים די מאַמע אין דער מינע, ווי ער וואָלט א קליין קינד געווען. — דערציייל, וואָס איז מיט דיר? רעד זיך אַראָפּ פונעם הארצן וועסטו געהאָלפן ווערן!...

— אוודאי, וואָס דען!... אָט בין איך דאָך געקומען!... וואָס מאַכט רב הערש?... טאָקע ברוגז מיט מיר?... זיי זעען שוין אָפּ די אויגן?... פון וועןָ אָן?...

די מאַמע גלעט זכאַריעס שטערן און האָט דערביי א פיינלעכן, אומגליקלעכן אויסזען. זכאַריע בעט די מאַמע:

— מאַדאַם ראַצאַ... מאַכט מיר לאָקשן מיט קעז... איך בין הונגעריק... ס'איז מיר ליידיק אין הארץ...

זכאַריע שלינגט ס'עסן, וואָס די מאַמע מאַכט פאַר אים, ווי ער וואָלט וואָכן־לאַנג געהונגערט. די מאַמע קוקט אים אין די אויגן:

— עס פּאַוואָליע, זכאַריעלע, ס'לויפט דיר, חלילה, עמיצער נאָך?... אדרבה, קום צו גיין ווען דיין הארץ גלוסט!... רעד דיר אַראָפּ פונעם הארצן, וועסטו געהאָלפן ווערן...

דער טאַטע ווייסט נאָך ניט פון זכאַריעס וויזיט בא אונדז. ער ווייסט אויך ניט, אז די מאַמע שיקט מיך יעדן טאָג געוואוירע ווערן וואָס זכאַריע מאַכט. ער האָט דאָס אונדז פאַרבאָטן: ער וויל ניט מענטשן זאָלן מיינען ער דערלעבט זיך א נקמה אָן זכאַריען, זיי וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרשטיין...

אומזיסט וואַרטן מיר זכאַריע זאָל צו אונדז קומען. אין דער אייגענער וואָך איז ער ווידער משוגע געוואָרן און דאָס מאָל שוין געפּערלעך. פישל האָט אים אָפּגעשיקט קיין קאַסטיזשען, אין א משוגעים־הויז.

דער טאַטע טאָר ניט הערן ווען די מאַמע און די שוועסטער ריידן פון זכאַריען און דערמאָנען אים צו גוטן. אין טאַטנס הארץ לעבט נאָך, ווייזט אויס, דער באַליידיקטער געפיל, די אָפּגענאַרטע האָפענונג צו מאַכן זכאַריען פאַר א לייט...

אין א טריבן טאָג, שוין נאָך די יאָנטויווים, איז געקומען צו אונדז צו לויפן די אַלטע שמיליכע, זכאַריעס א באָבע, א אידענע מיט א סך קנייטשן אָפן פנים און גראָבע לייבלעך און קליידער אָנגעטון איינס אָף דאָס אַנדערע. זי קלאָגט און ברעכט די הענט:

— קינדערלעך, געשטאָרבן זכאַריע... מיר האָבן א בריוו פון קאַסטיזשען...

די קלייט, דאָס שטיבל, ווערט פול מיט געוויין. דער טאַטע האָט א טויט־דערשראָקן פנים. ער רירט זיך ניט פונעם אָרט. ער שווייגט. מיט־

אמאָל, טוט ער זיך אַ ריס פונעם אָרט און רעדט אין אַן אויפגעברויזטן טאָן:

— פירט מיך אַוועק אין שיל, וועל איך אָפּזאָגן נאָך אים דעם ערשטן קדיש...

אַ גאַנץ יאָר האָב איך דערנאָך געפירט דעם טאַטן צוויי מאָל אַ טאָג קדיש זאָגן נאָך זכאַריען.

אויך די מאַמע האָט אים אין זינען: יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק שיקט זי מיך אַפּטראָגן ליכט אין שיל אַריין. זי וואָרנט מיך דערביי:

— פאַרגעס ניט צוצולייגן די ליכט צום מויל און זאָגן עטלעכע מאָל: גאָטעניו, די ליכט זיינען פאַר זכאַריעלעס נשמה ווענן...

די מאַמע שענקט אויך שטיקער מאַלאַי און פלייש פאַר אָרימעלייט — דעם אָרימען ביסן פון אירע קינדער — פאַר זכאַריעס נשמה...

בײַ מיר און בײַ מיין ריווקען איז ער ניט געשטאָרבן. נישטאָ דער טאָג מיר זאָלן ניט זיצן אויף דעם פּלאַץ וואו זכאַריע פלעגט שלאָפן. מיר אָטעמען אַריין אין זיך זיין גוטסקייט, זיין געטרייקייט, די גרויסע ליבשאַפט, וואָס ער האָט אונדז געגעבן, די אומצעשטערבאַרע חברשאַפט.

28.

ווידער איז ווינטער. שטיל, ווי אָפּגעשטאָרבן שטייען די אָרימע געסלעך. קיין רויך פון די קוימענעס. די שטיבער זיינען ניט געהייצט. אידן און ווייבער קומען אַרויס פון די הינטערגעסלעך ווי פון די קברים, אַנגעמישע, אויסגעהונגערטע. און אויך צו אונדז אין שטוב האָט זיך ווידער פאַרקליבן דער הונגער. פון אונדזערע מיסחרים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. מיר זיינען ווידער בעקער, נאָר אונדזער אויוון רוט. דריי מאָל נאָר אין דער וואָך הייצט אוים די מאַמע אַ ווינקל פונעם אויוון אויף אָפּצובאַקן די מאַלאַיעס פון די אַרומיקע אָרימע שכנים. אָרימע מאַלאַיעס, פול מיט קלאַיען. און אין די אָפּדערנאָכטן איז דעמאָלט אונדזער אָפּנאויוון פול מיט ווייבער און קינדער, וואָס קומען זיך אָנוואַרימען. ברויט באַקן מיר אינעם „אַרטעל״. אַלע בעקער פונעם שטעטל האָבן געמאַכט אַ שותפות, באַקן אויף צוויי מאָל אין דער וואָך צו עטלעכע פוד ברויט און צעטיילן זיך מיט דעם.

ס׳ברויט באַקט מען בײַ פישעלע שמיל קאַליסערס אין דער בעקעריי. יעדן שבת צונאַכט פיר איך אַהין דעם טאַטן. ער מוז בייזיין בײַם צערעכענען זיך. פישל און זיידע בעקער פירן ס׳געשעפט. זיי זיינען שיינע אידן מיט צעקעמטע בערדלעך און די איבעריקע בעקער, מערסטנס „בעזגראַמאָטנע״, גלויבן זיי, גיבן זיך קיין רעכענונג ניט, אַז זיי ווערן באַשווינדלט. דער טאַטע כאַפּט זיי טאַקע אין אַ גנבה. דער טאַטע איז בלינד, האַלט ער די בוכהאַלטעריע זיינע אויפן קאָפּ און מען קען אים ניט אָפּנאַרן. ער

פּאַדערט באַ זיי ס'גאַנצע ביסל רווח, ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די איבעריקע בעקער.

פישל מיט זיידען גיבן נאָך דעם טאַטן, נאָר דאָס וועקט אויף באַ זיי די אַלטע שינאה און קינאה צווישן זיי. און ס'גדויערט ניט לאַנג, וואַרפן זיי אַרויס דעם טאַטן פונעם שותפות.

נאָר דער טאַטע באַדויערט דאָס ניט. מען האָט סיי ווי גאָרניט גע־האַט פון דעם „אַרטעל”, וואָס איז איינגעשטאַנען באַ די שיינע אידן אין די הענט... דערפאַר בעט ער זיך איבער מיט אַנדערע בעקער. ער בעט זיך איבער מיט דער מישפחה פון מוישעלע פּאַרך, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעמאַכט אַ בעקעריי בשותפות מיט אַ צווייטן אין אונדזער אַמאָ־ליקער שטוב, לעבן בריינדל דער קרומער, און האָט אָוועקגעשלעפּט אונ־דזערע קונים פון דער טיר מיט ביליקע פּרייזן. ער איז דעם זומער גע־שטאָרבן און זיין אַלמנה קומט אַמאָל אַריין צו אונדז אָפּבאַקן איר מאַ־לאַי... אויך בריינדל איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זי איז אויך דעם זומער געשטאָרבן, פון אַן אָפּעראַציע אַף די געהירן, וואָס מען האָט איר געמאַכט אין אַדעס. דער טאַטע איז איר איצט מוחל אַלע אירע בייזע מעשים קעגן אונדז. פון דער קראַנקייט, זאָגט דער טאַטע, איז צו איר געקומען די שלעכטיקייט און די שינאה צו מענטשן.

אונדזער אויוון האָט בכלל אָפּגעווישט אַ סך קינאה און שינאה צווישן שכנים. פאַרדייגעטע, מיט געטריישאַפט און רחמנות איינער צום צווייטן, רוקט מען זיך אָן צו אונדז אַפן אויוון, מען טרינקט טיי מיט צוקערקעלעך אָנשטאָט צוקער און מען רעדט פון דער מילחמה און פון די היימישע מענטשן, וואָס זיינען אַוועק און מען הערט שוין ניט פון זיי.

אַמערסטן טוט מיר באַנג נאָך איציקן, אונדזערע שכנים איינציקער זון. אַזאַ לעבעדיקער און פריילעכער איז ער געווען! די אַלטע מאַמע שלעפּט זיך יעדן טאָג צו דער פּאָטשט און וויל פון דאָרט ניט אָפּטרעטן, כאָטשע דאָס קעסטל מיט איר זונס מלבושים איז איר שוין לאַנג אָפּגע־שיקט געוואָרן פונעם פראָנט. ס'ערשטע איינציקל אירס, וואָס איז געבוירן געוואָרן צען חדשים נאָך איר זונס חתונה, טראָגט שוין דעם פאָטערס נאָמען. אַלע אין גאַס ווייסן פון דעם, נאָר זי, די אַלטע מאַמע — ניט. זי קלאָגט און בעט דעם בריוטרעגער:

— ס'קען דאָך ניט זיין, אַז מיין איציקל זאָל ניט שרייבן! אפשר פאַרלירט איר גאָר די בריוו זיינע?...

עס האָט גאָר קיין שיר ניט צו דעם ביטחון פון די אָרימע מענטשן. אויך מיין טאַטע, דער אומגליקלעכסטער פון די אומגליקלעכע, ניט נאָר פאַרלירט ער ניט די האָפענונג, נאָר ער געפינט נאָך אין זיך מוט צו טרייסטן אַנדערע און רעדט צו זיי מיט משלים:

— דער מענטש איז געגליכן צו אַ לאָמפּ מיט גאַז; פונקט ווען ער האַלט שוין באַם צאַנקען, גיסט מען אים ווידער אונטער און ער נעמט ווידער ברענען און שיינען, גליך ווי גאָרניט... מיר דאַרפן נאָר כוח האָבן

איבערצולעבן דעם פּאַסקודנעם ווינטער... זומער איז וואַרים, די וועלט איז פריי און ברייט... מירן ניט זיין אַזוי אָפּגעזונדערט פון מענטשן, ווי אַף אַן אינדזל... דאָס אַליין וועט שוין ברענגען טרייסט, אַ ביטחון אַף בעסערע צייטן...

און די פרייע, די אַזוי לאַנג געטרוימטע טעג זיינען טאַקע געקומען. דער נאָך פּסח איז אַ צעלאַכטער, אַ חוצפּהדיק יונגער. גאָרניט קענטיק, אַז די וועלט שטייט נאָך אין פלאַמען און גייט אָפּ מיטן בלוט. די גאַסן שטייען אויסגעוואַשענע אין דער לייכטער און אין די מילדע ווינטלעך. די שטיבער האָבן אויפגעהויבענע קעפּ, אָנגעשפּיצטע אויערן און זיינען פול מיט דערוואַרטונג.

די גאַזעטן, וואָס קומען אָן פון אדעס, דערציילן פון גרויסע מפּלות, וואָס דער רוסישער קייסער ליידט אַלץ... די וויבער פון אונדזער געסל זאָגן, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט צוליב דער קייסעריניע, וואָס האָט געשעפטן, רחמנא ליצלן, מיט דעם ראַספּוטינען... זי פירט דאָס לאַנד צום אָפּגרונט...

ווידער נעמען גיין סאָלדאַטן דורך דער פּאָטשט־גאַס. מחנותוויז, ווי די שאָף, פירט מען זיי צו די פראָנטן. און אידן האָבן צו ביסלעך פּרנסה. מען פאַרקויפט די סאָלדאַטן מאַכאָרקע און בראָנפן. מען האַנדלט מיט מעל, מיט פּאַפּושויע און מיט גרויפּן.

מיר באַקן צוביסלעך בייגל און ברויט און איך גיי אויפקויפן פּאַפּושויע־מעל בא די פּויערים פון די נאָענטע גאַסן, וואָס די מאַמע פאַרקויפט עס. עס קומען צו אונדז קויפן ברויט רוסישע אָפיצירן מיט גאָלדענע פּאַגאָנעס אַף זייערע גרויע שינעלן און ווייסע „קיטעלן".

זיי קויפן און נעמען ניט אַראָפּ די אויגן פון מיין גרויסער שוועסטער. זיי דערוועגן זיך אָבער קיין וואָרט צו איר אַרויסריידן. נאָר איינער פון זיי האָט זיך צו מיר אַ ווענד געטון און מיט אַ פאַרשעמטקייט אינעם קול און מיט געבעט אין די הונגעריקע אויגן, געפרעגט:

— דיעוואָטשקאַ, אַ גדיע זדיעס יעסט נאָמער?

איך האָב אומקלאָר באַגריפן וואָס ער מיינט, נאָר אין זיין באַנעמונג האָב איך אינסטינקטיוו דערפילט אַ געמיינקייט און אַ באַליידיקונג און האָב אויסגעשריגן צו אים:

— ווי באָלשאַיאַ סוואָלאָטש, קאַק וואַם ניע סטידנאָ!...

און ער איז אַוועק אַ שטילער, מיט פאַרלוירענע שפּאָן.

פונדעסטוועגן האָב איך געפילט אַ באַגער אין מיר די דאָזיקע מילחמה־קרבנות מיט עפּעס צו העלפן. האָט מיך איינער פון זיי געשיקט אַ גאַנג, געבעטן וואַסער ס'פערד אָנצוטרינקען, האָב איך זיין וואונטש מיט פרייד דערפילט. דער טאַטע, קענטיק, האָט אויך צו זיי געהאַט אַ מיט־געפיל. ער פלעגט זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט זיי, צו וואָס פאַר אַ פאָלק זיי געהערן און צי זיי האָבן מישפּחה אין דער היים...

איינמאָל איז צו אונדז אַריינגעקומען אַן עלצטער, דאַכט מיר, אַ גע־נעראַל, מיט קלינגענדיקע שפּאָרן בײַ די ווייכע שטיוול. אַ לענגלעך פּנים האָט ער געהאַט מיט בלאָנדע שמאָלע וואָנציעס אַף אַרויף פאַרדרייטע און מילדע טונקל־בלויע אויגן, ווי בײַ אַ קינד. געווייעט האָט פון אים מיט ברייטקייט און מיט אימפּעט און לעבהאַפטיקייט. ער האָט געקויפט ברויט און פאַרפירט אַ שמועס מיטן טאַטן, אַ לאַנגן און ערנסטן שמועס. ער האָט געטרייסט דעם טאַטן און געשמייכלט צעווייטיקט.

באַנאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווי געווײנלעך בין איך גע־גאַנגען עפענען און דער טאַטע הינטער מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואָלט מיך געבענטשט. די מאַמע און ביידע עלטערע שוועסטער גייען קיינמאָל ניט עפענען די טיר, אַפן בוידעם אַרויף אַנטלויפן זיי. איך בין נאָך אַ קליינע, כאָטש לאַנג בין איך ווי מיין עלטערע שוועסטער, דערפאַר אָבער דאַר און טראָג כסדר קורצע קליידלעך און גיי באָרוועס, ווי אַ שיקסע. דערצו רייד איך רוסיש און כאָכליש און די עלצטע האַלטן פון מיר ביז גאָר: אַ פּויערטע בין איך, זאָגן זיי, אַ געוואַגטע, אַ געטרייע, אַ גוטע... אויך דער „גענעראַל" האָט זיך דערפרייט איבער מיר, ווי אַ־בער אַן אַלטער באַקאַנטער און רייבנדיק איין האַנט אָן דער אַנדערער, האָט ער געקלאַפּט מיט די שטיוול אַפּן פּאָל און געשמייכלט מיט אַ פול מויל ציין. ער שטייט אין דער אָפענער טיר, אַ באַלויכטענער פון אַ גרוי־סער לבנה, דריקט דעם טאַטנס הענט און בעט זיך בײַ אים מיט אַ טיף קול, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— איזוויניטיע, יאַ וואַס ראַסטרעוואָזשיל, מי זשע ראָדנעיע ליודי... ס'הייסט, מען זאָל אים אַנטשולדיקן, וואָס ער האָט אונדז צעוועקט, מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן...

דער סוף איז, ער בעט אַן אָקע וויין. דער טאַטע זאָגט אים אַלץ אָפּ און ער פאַרזיכערט און שווערט זיך, אַז קיינער פון זיינע סאָלדאַטן וועט פון דעם ניט וויסן. ער וועט קיינעם קיין שלעכטס ניט טון... און מיין טאַטע, דער אייביק־גלויביקער אינעם מענטשנס וואָרט, שיקט מיך אַוועק מיט ריווקען צו אַ באַקאַנטן אידן קויפן צוויי ליטער וויין. דער „גענעראַל" שפּרינגט אונטער פון גליק. ער טרינקט אויס דעם וויין, קושט דעם טאַטן די הענט און באַצאָלט אים. ער לאָזט אונדז אויך איבער אַ פּעקל טיי און אַביסל צוקער.

מיין מאַמע בייזערט זיך אַפן טאַטן:

— הערש, וואָס האָסטו געטון? גלויבסט אַ פרעמדן מענטשן איצט אין צייט פון מילחמה, ווען קיין טראָפּן וויין טאָר מען זיי ניט פאַרקויפן!...

און זי איז גערעכט געווען. הינטער די פענצטער שאַרכעט שוין די געפאַר. מיר שטייען אַלע אינמיטן צימער און מיר הערן זיך איין צום דרויסן. מידע קולות, ניט אויסגעשלאָפענע דערטראָגן זיך. מען קלאַפּט אין טיר:

— אַטוואָריטיע!...

דער טאַטע שטעלט זיך אַוועק פאַרויס און שרייט:

— סייטשאַס, גאַספּאַדאַ!

און צו דער מאַמען מיט די שוועסטער:

— גיך, אַפּן בוידעם אַרויף!... און דו, גאָלדע, זאָג ניט אויס וואו דו האָסט גענומען דעם ווײַן!... מיר טאָרן ניט אומגליקלעך מאַכן אַן אומשולדיקן אידן!... געדענק אָן וואָס עס גייט!...

בייזע און צודרינגלעכע פּנימער פון עטלעכע סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט, שרייען, פאָדערן:

— דאַיטיע נאַם ווינאַ, מי זאַפּלאַטים!...

די שטוב איז פול מיט זייער אימפּעט, מיט זייערע קולות און אונדזער שרעק. די קליינע קינדער וויינען אַפן הויכן קול. דער טאַטע איז צערודערט:

— ווי אָשיבליסיאַ, גאַספּאַדאַ!... יאַ סליעפּוי טשעלאָוויעק און ניטשעוואָ ניע פּראָדאַיו... ס'הייסט, איר האָט זיך טועה געווען, איך בין אַ בלינדער מענטש און פאַרקויף נישט גאָרניט.

און וואָס צודרינגלעכער זיי ווערן, אַלץ עקשנותדיקער איז מיין טאַטע. ער שטעלט זיי אונטער דעם האַלדז און טענהט אין רוסיש:

— קוילעט מיך, אַז איר ווילט, און טרינקט אויס דאָס בלוט פון אַן אומגליקלעכן בלינדן מענטשן, אַ טאַטן פון זעקס קינדער, נאָר קיין ווײַן ווייס איך ניט וואו צו נעמען...

זיי ווערן רואיקער און בעטן מיט טרערן אין די אויגן. דער טאַטע פאַלט אָף אַן המצאה: אין קלייט באַ אונדז שטייט אַ דייזשקע מיט איינגעשטעלטע פּעפּערלעך און פּאָמידאָרן, נאָך פונעם ווינטער, שעפּט ער פון דאָרט אָן אַ גרויסע קוואָרט מיט ראָסל און דערלאַנגט זיי:

— אָט אָ דאָס האָב איך געגעבן אייער עלצטן, אָבער ניט קיין ווײַן...

עס געפעלט זיי דער ראָסל און אויך די פּאָמידאָרן מיט די פּעפּערלעך און ווי קינדער אויפגעלעבטע, עסן זיי און טרינקען. און דער טאַטע דערלאַנגט אַלץ מער, אַבי פון זיי פּטור צו ווערן.

גאַנץ פרי איז געקומען דער עלצטער מיט אַ בלייך פאַרשעמט פּנים און פאַרטויטע אויגן און פאַרענטפערט זיך:

— אַן איבערגעטרונקענער, האָב איך מיך אויסגערעדט פאַר זיי, פאַרגיב דאָס מיר, ברודער! האָסט געהאַנדלט ווי אַ מאַן, איך באַגריס דיך!

ער דריקט דעם טאַטנס האַנט, טיילט אונדז גרויסע שטיקער שאָקאָלאַד, קויפט אַ גרויסן זאַק מיט בייגל און געזעגנט זיך מיט אַלעמען, ווי אַן אַלטער גוטער פריינט.

פונדעסטוועגן, אַז סאָלדאַטן, וואָס גייען פאַרביי דאָס שטעטל, קלאַפּן אַן באַנאַכט און בעטן מען זאָל זיי פאַרקויפן געבעקס, מוז מען עס טון, אויב ניט צוליב דעם רווח און דער מענטשלעכקייט, איז אויס מורא זיי זאָלן זיך ניט אַריינרייסן מיט גוואַלד.

אין אַ באַנאַכט קלאַפּט צו אונדז אָן אַן עלצטער נאָך פריש ברויט.

ס׳ווייעט פון אים מיט בלויע שטיקער ווינט, מיט רחבות און איינגליבע, מיט אריסטאָקראַטישער געצוימטקייט. ער האָט אַ שטיל מאַטעווע פּנים און העל־בלויע אויגן, טיפע און ערנסטע. ער נעמט מיך דורך מיט זיינע טיפע בליקן און פרעגט מיט אין רוסיש:

— ווי אַלט ביזטו?

— ס׳עלפטע גייט מיר!

— ווי רופט מען דיך?

— גאָלדע!

— ניין, זאָג אין רוסיש!

— געניאַ!

—אַ שיינער נאָמען געניטשקאַ! ביזט אויך אַ שיינע און אַ קלוגע! דאָרט אין וויטן ראַסיי, האָב איך אַ טאָכטער, זייער אַ שיינע, אַ געראָטענע, אין דיינע יאָרן, ענלעך צו דיר...

אַ מאָדנער מיטגעפיל נעמט מיך אַרום. אַ שטילער, אַ באַצאַרטער, שטייט ער אַקעגן מיר און טרערן פינקלען אין זיינע אויגן. שטיל און ערנסט קוקט אַריין די לבנה פון דרויסן. די שטערן זיינען אָנגעשפּיצט, דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן נייגער. איך פרעג דעם עלצטן זייער שטיל, מיט דערעכערעץ און מיטגעפיל:

— שוין לאַנג אַז איר זעט ניט אייער טאָכטער?

— פון זינט ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילחמה... איצט שלאָגט מען זיך אין יענע געגנטן... אַפילו קיין בריוו האָב איך ניט פון איר און ניט פון מיין גאַנצער פאַמיליע.

ער זעט מיין געריהרטקייט און זאָגט צו מיר אין אַ צאַרטן טאָן:

— געניטשקאַ, זאָג מיר פּאַפּאַשאַ און דערלויב איך זאָל דיר אַ קוש טאָן אין קאָפּ, אין דיינע שיינע אויגן, ביזט אַזוי ענלעך צו מיין נאַסטיעטשקאַ, די איינציקע מיינע...

— איך וועל אַ פרעג טון מיין טאַטן! — ענטפער איך אַ דערשראָקענע.

דער טאַטע צעעפנט די טירלעך פונעם שטיבל, ער האָט אַן איבערגעראַשט פּנים און מיט אַ צערודערט קול זאָגט ער:

— לאָז אים, טאָכטער, ער זאָל דיר אַ קוש טאָן אין קאָפּ! זעסט ניט ווי אַ מענטש ליידט?...

באַלד זיץ איך שוין באַם עלצטן אָפן שויס. ער גלעט מיין קאָפּ און קושט לייכט די אויגן, דעם שטערן און מורמלט אַ גערירטער:

— געניטשקאַ, נאַסטיטשקאַ, מאָיאַ דאָטש!... סקאַזשי מניע פּאַפּאַשאַ!

איך בין שוין מיט אים היימיש, וויקל די הענט אַרום זיין האַלדז, פרעג אים אַלץ אויס און ער דערציילט, שוין ניט מיר אַליין, נאָר אויך דעם טאַטן. זיי שמועסן ווי אַלטע גוטע ברידער. ער באַדויערט שטאַרק וואָס מיין טאַטע זעט ניט אָף די אויגן און פאַרזיכערט אונדז, אַז ער

וועט אין אונדז ניט פאַרגעסן. ער פאָרט איצט צום פראָנט און טאָמער שרייבט ער ניט, זאָלן מיר וויסן, אַז ער איז געפאַלן אין אַ שלאַכט...

איך מיטן טאַטן באַגלייטן אים אַרויס. ער קושט נאָכאַמאָל מיינע אויגן און דריקט דעם טאַטנס הענט, מיט שטילע טרערן אין זיינע מילדע אויגן.

29.

אין אַ פאַרנאַכט, קומט צו צו אונדזער קלייט אַ יונגערמאַן, אַ מיטל־וואוקסיקער, אַ פעסטער, מיט טונקל־בלאָנד געקרויזטע האָר און גרויע אויגן, וואָס פאַלן אַריין אין אַ טונקעלער גרינקייט. זיינע אויגן זיינען גרויסע, דורכדרינגלעך טיפע, זיין געשניצט מויל איז ערנסט, ענערגיש און קרעפטיק. פינקל רויטלט זיך און שעפּטשעט שטיל:

— גייט אַוועק, שמיל הערש, מיינע עלטערן „פּאַזוואָליען" מיר ניט...

מיט אַ מיט ערנסט קול, טוט שמיל הערש אַ זאָג:

— דאָמנישאָרא פּינקוצא, איך וועל אַריינגיין אין אייער קאַסאַ, דער טאַטאַיע, די מאַמאַיע, מעגן דאָס וויסן...

איך האָב שוין געוואוסט, אַז מיין שוועסטער האָט אַן „אוכאַזשאָר" און אַז דער טאַטע וויל ניט ער זאָל זיין איר חתן. איך העך אים שוין אַ פּאָר מאָל שרייען:

— וואָס ווערסטו האָבן באַ דעם שניידערל, באַם רומען?... אפשר איז ער גאָר אַ גנב? אַ ממזר?... איך האָב פיינט די בלייכע הענט זייערע, די אויסגעטרוקנטע און די געהויקערטע פּלייצעלעך!...

פינקל ענטפערט ניט קיין וואָרט, זי גייט אויך ניט צו אירע חבר־טעס זיך טרעפן מיט איר געליבטן. נאָר דער בחור קומט יעדן פאַרנאַכט. די שוועסטער בעט אים:

— קומט ניט, ס'וועט דערפון גאָרניט ווערן, דער טאַטע, די מאַמע ווילן ניט.

— איך וויל מיט זיי אַליין ריידן. זאָלן זיי מיר אָפּזאָגן!... וואָס בין איך, אַ גנב?

איינמאָל, ווען ער קומט צו גיין, שטעלט זיך דער טאַטע אַוועק אין דער טיר פונעם צימער און שרייט אויס:

— פינקל, גיי אַריין און זאָג דיין רומען, אַז זיין זוואַניע זאָל זיך אָהער ניט באַווייזן!...

שפּעטער וויינט די שוועסטער, ברעכט די הענט און האָט אַ ליידנ־דיק פּנים. די מאַמע רעדט צו איר אין געהיים, דער טאַטע זאָל ניט הערן:

— וואָס האָסטו דערזען אַף אים? אַן אָרימער ווי דער טויט, אַ „בעזשעניק", אַ רומען!...

פינקל נעמט זי אַרום, קלאָגט מיט ביטערע טרערן:

— מאַמע, זאָג מיין האַרץ אַ דעה, ניט מיר!... קענען אייער ווילן וועל איך סיי ווי ניט חתונה האָבן מיט אים, נאָר פאַרזיצן וועל איך ביזן גרויען צאָפּ!...

פינקל מיידט טאַקע אויס דעם בחור, נאָר דער טאַטע איז אומרואיק. ער קריגט זיך מיט איר און וואָרנט שטרענג:

— פינקל, איך וועל דיר ניט שענקען די באַגעגענישן מיטן רומען. פאַרטרייב אים פונדאַנען, אויב דו ווילסט ניט, איך זאָל אים ווייזן די טיר!...

איך וואָלט גראָדע געוואָלט מיין גרויסע שוועסטער זאָל ווערן אַ כלה. אַזוי אַרום וועל איך פאַרנעמען אַ גרעסער פּלאַץ אין שטוב, איך וועל שוין זיין די אַנדערע פון דער עלצטער...

אין דער זעלבער צייט דערוואַרט מען עפּעס בײַ אונדז אין שטוב. מיין מאַמע שוואַנגערט. האַלעוואַי ס׳זאָל זיין אַ אינגל!... איך פיל אַן אינסטינקטיווע בושה, אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס. איך מיין נאָך אַלץ, אַז גאָט איז דער שולדיקער אין מיין מאַמעס שוואַנגערן. בריען מיך טאַקע די צעשמייכלטע בליקן פון אונדזערע שכנים. יעדן שפּאַן דער מאַמעס מעסטן זיי. דעם ערשטן מאָל, אַז איך זע די מאַמע אַזאַ שטילע און אַראָפּ־געפאַלענע בײַ זיך. דער טאַטע, פאַרקערט, האַלט דעם קאָפּ אין דער הויך, ער איז שטאָלץ.

די מאַמע האָט טאַקע געבוירן אַ אינגל, ס׳ערשטע אינגל! אָבער אויך אַ מיידל. אַ פּאָרל. זיי טראָגן די נעמען פון דער באָבע שיפרע מיט דעם זיידע ניסן, דער מאַמעס עלטערן. דער טאַטע איז געוואָרן יונג און שיין. די פּלייצע האָט זיך אים אויסגעגלייכט, דער טראָט זיינער איז פעסטער. מען פּלאַנעוועט גאָר פאָרן מיט אים אין אַ ווייטער שטאָט צו גרויסע דאָקטוירים אָפּערירן. דער בעניאָכיד האָט דעם טאַטן נייעם מוט אַריינגע־געבן, נייע כוחות. ער וויל נאָך זען זיין אַזוי לאַנג דערוואַרטעטן זון... די מאַמע און פינקל נייען אויס רויטע „בוקוועס" אויף די קינדערס העמדעלעך און לייבעלעך. אַ ניצחון האָט זיך אויף דער מאַמעס פּנים צעבליט.

די פרייד אונדזערע האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. נאָך זיבן וואָכן איז דאָס אינגעלע קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן און אויף דער אַכטער וואָך איז אויך דאָס מיידעלע געשטאָרבן. אויפן טאַטנס פּניב האָט זיך אַ פאַרשעמטקייט אוועקגעלייגט און אַ ווייטיק. ער שווייגט כסדר און רויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן. אויך די מאַמע מיט דער גרויסער שוועסטער זיינען דערשלאָגן, צעבראָכן. ביידע קלאָגן זיי וואָכנלאַנג, קוקן צום אויסגעליידיקטן וויגל און טענהן זיך אויס מיט גאָט:

— פאַרוואָס קומט דאָס אונדז? ס׳שענסטע און דאָס בעסטע האָסטו בײַ אונדז אויסגעכאַפּט!..

פינקל האַלט זיך איצט לעבן דער מאַמען, זיי האַלטן זיך בכלל ווי צוויי דערוואַקסענע שוועסטער, וואָס גיסן זיך אויס איינע דער אַנדערער זייערע ביטערע הערצער. אין זייערע שטילע געשפּרעכן, הער איך אָפט דעם

נאָמען שמיל הערש. איך הער אויך ווי די מאַמע טענהט איין מיטן טאַטן:

— אָבער, דו קענסט דאָך אים ניט!... גלאַט אָן אַ פּאַרוואָס האָסטו אים פיינט!...

— און דו, ראַצע, קענסט אים?

— יאָ!... איך האָב מיט אים גערעדט עטלעכע מאָל. ער זעט אויס צו זיין אַן אָרנטלעכער, אַ געזונטער און אַ קלוגער...

— ראַצע, איך וויל ניט קיין שניידערל פאַר פינקלס וועגן!... זי וועט שפּעטער וויינען!...

— הערש, איצט זיינען די צייטן אַנדערע, קינדער קלייבן זיך אַליין אויס...

— ניט באַ מיר, ראַצע!... קאָלזמאַן איך לעב, וועלן זיי קיין „סאַמאָוואָלצעס" ניט זיין. סיידן איך וועל ליגן מיט די פיס צו דער טיר, וועט זי גיין חתונה האָבן מיט דעם רומען!

פון די געשפּרעכן איז די זיגערן אַרויס די מאַמע. מען וואַרט שוין דעם בחורס מאַמע זאָל קומען פון רומעניע. דעמאָלט וועט דער טאַטע ריידן מיט אים און מען וועט שרייבן תנאים...

איז אָבער די „מאַמאַיע" זיינע געקומען און אַפן צווייטן טאָג צוריק־געפאָרן. אַ זון איז באַ איר געשטאָרבן, ליגט איר ניט אין זינען שרייבן תנאים מיטן מעזיניק. ער קען נאָך וואַרטן... און איצט וויל שוין דער טאַטע אַפילו ניט הערן שמיל הערשס נאָמען דערמאָנען... מען וואַרפט זיך מיט זיין שיינער גראָטענער טאָכטער... און פינקל גייט אום אַ שטילע, ווי אַ שאָטן. זי רעדט ניט, זי פּראָטעסטירט ניט, נאָר די שיינע אויגן אירע בעטן צו דער גערעכטיקייט און צום גאָט פון דער ליבע...

שמיל הערש, פונדעסטוועגן, זעט זיך מיט איר. ער קומט אַפילו אַריין אין שטוב. ער נוצט אויס די געלעגנהייט וואָס מיין טאַטע איז פאַר־נומען מיט זייער אַ פיינלעכן ענין, מיט אַ מערדעריי, וואָס איז געשען פאַר אונדזער טיר, און מיר ווערן אַריינגעצויגן פאַר עדות.

געשען איז עס אין אַ פרייטיק, אַ הייסן זומערדיקן פרייטיק. איך מיט דיוועקן זיינען מיר דעמאָלט געשטאַנען אין קלייט. ווייבער האָבן אַלעמאָל אַרויסגעגאָסן אַ פרישן ציבער מיט קויטיקער וואַסער, מיט ציבעלע־שאָ־לעכץ, אַפן מיטן וועג, פישער און זיצער האָבן פאַרצווייפלט גערופן אויס־צוקויפן באַ זיי ס'לעצטע ראָמשל סחורה, מציאות, אַף וועלכע אָרימע ווייבער וואַרטן די גאַנצע וואָך. און אָט אין דעם הו־האַ, איז מיט שטילע גנבהשע טריט און מיט אַ געבויגן פלייצעלע פאַרביי־געגאַנגען אונדזער קלייט נאַפּטאָלצע שינדער. זיינע שוואַרצע אומרואיקע אויגן האָבן זיך געשניטן פון אונטער זיין טיף געקנייטשטן שטערן, עמיצן געזוכט... אין שטעטל ווייסט מען, אַז נאַפּטאָלצע איז אַ גנב און אַז ער צווינגט אַן אָרים מיידל, אַ ממזר, וואָס האַלט זיך אויף באַ שמייקעלע וואַסערפירער, זי זאָל מיט אים וואוינען און זי האָט שוין פון דעם נאַפּטאָלצען דריי אינגעלעך, ממזרים, וואָס שמייקעלעס ווייב האָט פון נדבות באַ שיינע באַלעבאָסטעס

געפּראַוועט זייערע בריתן. זיין שוועסטער, סאַרע די טויבע, וואָס אַרבעט באַ אונדזער שכן יויעל דעם צוקערניק, זאָגט אַז איר ברודער איז אַ גוט קינד, אַ געטרייער, אַן ערלעכער, נאָר איך ווער אַ פּאַרציטערטע ווען ער גייט פאַרביי אונדזער קלייט... אקעגן נאַפּטאַלצען קומט אַן אַ צווייטער בחור, איציק דער פּאַלטיכעס, אַ קאַטינגעניק, (אַ פורמאַן פון אַ לאַסט־וואָגן), אַ הויכער און אַ ברייטער מיט אַ פרישׂ ווייס פּנים און בלוט־רויטע באַקן. נאַפּטאַלצע פאַרשטעלט אים דעם וועג:

— אַ גאַנצע וואָך וואַרט איך אַף דיר, איציקל ממזר!... האָסט גע־זאָגט, אַז מיין קוקעלע איז אַ קורווע!... טייער וועט דיך דאָס קאָסטן!...

— איך האָב געזאָגט!... ווייל דו באַליידיקסט מיין שוועסטער, רייד־נען! זי איז אַ מיידל צו לייטן, לאָז זי צו רו!... קוקע איז דיר ווינציק?...

נאַפּטאַלצעס אויגן גיסן זיך אָן מיט כעס, מיט רציחה. ער טוט אַ כאַפּ אָן דעם בחורס הענט און שטופּט אים אַלץ נענטער צו אונדזער טיר. יענער ווערט זיך, דרייט מיטן קאָפּ אַף רעכטס און אַף לינקס און וויל זיך אַרויסדרייען פון נאַפּטאַלצען.ביידע סאָפּען זיי, זיינען ווילד צערייצט. נאַפּטאַלצע דריקט צו מיט איין קני איציקס בויך, אַזוי אַז ער קען זיך ניט רירן, שלעפּט אַרויס אַ לאַנגן מעסער פונעם שטיוול און שטעכט דאָס אים אַריין אונטערן האַרצן.

איך מיט ריוווקען שטייען מיר ווי פאַרהילצערט. פון שרעק קענען מיר זיך קיין ריר ניט טון פונעם אָרט. מענטשן הייבן אָן אָנקומען, נאָר נאַפּטאַלצע האָט שוין זיינס אָפּגעטון. איציק לאָזט זיך גיין ווי אַ שיכור, ס׳העמד פול מיט בלוט, מיט די קישקעס, וואָס זיינען אים פונעם בויך אַרויסגעפאַלן, און ער פאַלט אַוועק, אַ ווייסער ווי אַ מת. ווייבער פון דער גאַס גוואַלדעווען:

— אידן, כאַפּט דעם גזלן! ווער האָט עם דערהרגעט אַ אידיש קינד?...

— נאַפּטאַלצע דעם שינדערס! — יאָמער איך. — צו דער פּאָטשט־גאַס איז ער אַנטלאָפן!...

פון יענעם טאָג איז אין שטוב באַ אונדז אַ בהלה. מען רופט אונדז צום „סליעדאָוואַטעל” און ביידע אומגליקלעכע מאַמעס לויפן צו אונדז, קלאָגן און טענהן צו מיין טאַטן, פאָדערן יושר און רחמנות באַם עדות זאָגן. נאַפּטאַלצעס מאַמע וויינט:

— רב הערש, אין אייערע הענט ליגט דער גורל פון מיין נאַפּטאַ־לעניו, ווי איז דער מאַמען זיינער!... איך גיב אייך וויפל געלט איר ווילט, אַבי זעט, אַז די קינדער אייערע זאָלן אים ניט מאַכן פאַרן שולדיקן...

די פּאַלטיכע ווידער וויינט מען זאָל נקמה נעמען פאַר איר קינדס בלוט:

— רב הערש, איר טאָרט ניט דערלאָזן, אַז דער מערדער זאָל נאָך אַרויס פונעם אָסטראָג!... דעם אמת זאָלן זיי דערציילן, די קינדערלעך

אייערע!... ווי איז דער מאמען!... א טויטער, א מת ליגט ער דאָרטן, אין בעלדזער שפּיטאָל, און ער, דער גנב, דער מערדער, וויל נאָך ארויס אף דער לעבטיקער וועלט, אומצוברענגען אַנדערע אומשולדיקע מענטשן!...

דער טאַטע קען זיך טאָקע ניט איינגעגען: ער האָט מורא פאַר נאָפּ־טאָלצעס חברים. זיי וועלן נקמה נעמען, סיי פונעם טאַטן און סיי פון מיר מיט ריווקען... און די מאַמעס קומען עטלעכע מאָל אין טאָג. די שטוב אונדזערע איז פול מיט מענטשן, פול מיט אומרו, מיט פאַרצווייפלונג און געוויין פון די צוויי ווייבער... צום סוף פאַלט דער טאַטע אף א המצאה. ער טענהט צו מיר און צו ריווקען:

— קינדער, באַם סליעדאָוואַטעל זאָלט איר זיך האַלטן פעסט, איר ווייסט פון גאָרניט צו זאָגן... דאָ גייט שוין ניט וועגן די אינגלעך, נאָר וועגן זייערע מאַמעס... ניט איר דאַרפט זיין די וואָס זאָלן אַנטשיידן נאָפּ־טאָלצעס ווייטערדיק לעבן, ער וועט נאָך געווניג פאַרברעכנס באַגיין און וועט זיינס אָפּקומען... איציקן, ווידער, איז אַלציינס. זאָל ער געזונט ווערן, וועט ער נאָך קענען זען דעם מערדער זיינעם א צעבראָכענעם, א באַ־שטראָפטן...

אָט אַזוי האָט דער טאַטע זיך אַרויסגעדרייט פון דער פאַרלעגנהייט צו דאַרפן האַלטן אין די הענט די רו פון צוויי מאַמעס, וואָס יעדע איינע פון זיי איז דאָך אַזוי טיף אומגליקלעך און צעבראָכן.

געפּאַטערט די דאָזיקע צרה, הויבן זיך ווידער אָן די זאָרגן אַרום פינקלס שידוך. ס'איז שוין שפּעט אין זומער. די טעג שטייען שוין מידע, אויסגעשעפּטע און וואַרטן איינגעוועבט צו ווערן אינעם האַרבסט. דער בחור איז געפאָרן קיין רומעניע ברענגען זיין טאַטן אָדער זיין מאַמען קיין יעדינעץ און זאַמט זיך דאָרט. טראַכט דער טאַטע, אַז: זאָל ער שוין דאָרט בלייבן, דער שניידערל!... און פינקל איז הוילע בענקעניש.

איינמאָל אין אַן אָפּדערנאַכט ווען איך בין געגאַנגען מיט מיין שוועס־טער שפּאַצירן אין פּאָטשט־גאַס, נעמט זי מיך אַרום פאַר דער טאַליע און זאָגט צו מיר שטיל און פאַרשעמט:

— גאָלדע, דו האָסט דאָך א טבע צו טרעפן... אין שטוב זאָגט מען ביזט א קישעפמאַכערן, דערקענסט א מענטשן נאָכן קול, זאָגנסט פאָרויס וואָס שפּעטער וועט זיין, זאָג זשע מיר אויך פאָרויס: ווען וועט שמיל־הערש קומען?

איך פאַרטראַכט מיך, הער מיך איין אין מיר, אין מיין בלוט, אין אַלע מיינע חושים און ענטפער איר מיט אַן איבערצייגטן טאָן:

— מיטוואָך וועט ער צוריקקומען!...

פינקל בלייבט א פאַרציטערטע. טרערן שטייען איר אין די אויגן. זי בעט ווייטער:

— און אפשר האָט אים די רומענישע פּאָליציי געכאַפּט? אפשר האָבן זיי אים דערשאָסן, אַן אַנטלאָפענעם פונעם פראָנט?...

איך פאַרזיכער איר ווידער:

— ס'האַרץ זאָגט מיר ער וועט קומען היינטיקן מיטוואָך.

און מיין נביאות איז מקוים געוואָרן. שמיל הערש איז געקומען, גע־קומען איז ער אַליין. און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די פּיינלעכע שמועסן פון דער מאַמען, פון די קינדער מיט דעם פּאַרעקשנטן טאַטן, ביז שמיל הערש איז געקומען און געהאַט אַ שאַרפן שמועס מיטן טאַטן און דער טאַטע האָט סאָפקאָלסאָף נאָכגעלאָזט:

— וואָס זאָגסטו ראַצע?

— וואָס זאָל איך זאָגן?... מען דאַרף די קינדער ניט צעשטערן ס'גליק!...

און דער טאַטע גיט אַ זאָג:

— נו, שמיל הערש, זאָל זיין מיט גליק!...

תנאים האָט מען געפּראַוועט ווי אין די גוטע צייטן. די מאַמע האָט געבאַקן שטרודל, געקלאַפּט נים אין אַ שטייסל און אַריינגעקלאָגט אינע־וויניק אַפן טאַטנס אומגליק:

— פּאַרוואָס קומט דאָס אים?... גיב אים, גאָט, צוריק די שיין, כאָטשע אַף איין שעה, זאָל ער זוכה זיין אַ קוק צו טון אַף זיין טאָכטערס חתן, אַף איר שימחה!...

און דער טאַטע האָט זיך געבייזערט:

— זינדיק ניט, ווייב מיינס!

אַ יאָנטעוודיק אויסגעפּוצטער זיצט ער אויבנאָן לעבן חתן־כּלה. זיין צעפלאַמט פּנים, זיין קורץ אונטערגעשוירן בערדל, דער גלאַנץ אין די אויגן — אַ דערשטיקט לעבן וואָס רייסט זיך פון יעדן איבער זיינעם — פאַרשטעלט זיין קלאָגעדיקן מצב, זיין בלינדקייט.

דער עולם בעט אים זינגען. באַזונדערס בעט אים זינגען פּינקלס באַ־לעבאָסטע, די מאַדאַם ווייסמאַן, אַ פרוי מיט קוילשוואַרצע אויגן. ניט לאַנג איז זי געקומען פון קיעוו צו אונדז אין שטעטל, מיט אירע דריי מיידלעך און מיט איר בעניאָכיד מישאַ. מישאַ וואַקסט אַ מוזיקער, ער שפּילט פידל. ער וואַרט די מילחמה זאָל זיך ענדיקן, וועט ער פאָרן קיין פּאַריז צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר, וועט ווערן אַ קאָנצערטיסט... דערווייל איז ער שוין אַ בחור באַלד באַ די דרייסיק און קען נאָך אַ גראָשן ניט פאַרדינען און די ווייבער אַרט דאָס זייער שטאַרק. זי איז אַ שטיקל צע־דרייטע, די מאַדאַם ווייסמאַן, אַן אַפּיקורסטע, זאָלצט ניט קיין פלייש, בענטשט ניט קיין ליכט און שטעלט אום שבת דעם סאַמאָוואַר. דער טאַטע האַלט פון איר. און אַז זי בעט אים, זינגט ער. ער זינגט אַ ליד פון זיך אַליין, ווי דער טאַטע זאָגט:

„אין מיין האַרצן ליגט אַ ווייטיק, איך קען דאָס פאַר קיינעם ניט זאָגן...
„אַפן ים ווייט אַ ווינט און די כוואַליעס שלאָגן.
„ווער קען פילן, ווער קען פאַרשטיין,
„וואָס הייסט פאַר אַ טאַטן זיין קינדס שימחה ניט זען!

„אַפּן ים ווייט אַ ווינט און די כוואַליעס שלאָגן,
„איך זע ניט די שיין אַף מיינע אויגן און וויל דאָס פּאַר קיינעם
ניט זאָגן...

באַ די געסט שטייען טרערן אין די אויגן און די מאַדאַם וויסמאַן קלאָגט אַריין אין אַ ווייס טיכעלע, וואָס זי האַלט באַם פּנים.

אויך איך בין טרויעריק, אויך אין מיין האַרצן ליגט אַ ווייטיק און איך קען דאָס פּאַר קיינעם ניט זאָגן: די אינגלעך און די מיידלעך האַלטן מיך נאָך פּאַר אַ קליינער און מען האָט מיך נאָך צו קיין איין טאַנץ נישט גענומען... איך בין אייפערזיכטיק אַף מיין ריווקען: ווי זי טאַנצט דאָס, ווי זי הוליעט!...

.30

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט פּאַרפרי. די שנייען מיט די פרעסט האָבן זיך אַ וואָרף געטון אַף די קבצנים, נאָר זיי אומצוברענגען. פינקל גייט אום אין איינע יסורים, זי האָט ניט קיין בריוו פון שמיל הערשן. נאָך די תנאים איז ער אוועק פון זיין באַלעבאָס אַרבעטן פּאַר זיך און פּאַרט איבער די דערפער. די שנייען האָבן איצט די.וועגן פאַרווישט און פּויערים קומען ניט אין שטאָט, ברענגען זיי איר ניט קיין בריוו.

אַן איינגעשלאָסענע אין זיך, איז זי אוועק אַרבעטן צו דער מאַדאַם וויסמאַן און די שניידערן איז אַ שלעכטע צאָלערן. זי קומט שוין מיין שוועסטער פּאַר אַ פּאָר חדשים און די מאַמע מוסרט זי:

— אַ מיידל דאַרף זיך ניט שעמען מאַנען די שכירות.

און פינקל קען זיך קיין עצה ניט געבן, לאָזט זי איבער דאָס שניי־דעריי און נעמט זיך ווידער באַקן בייגל, כאָטשע ס׳איז שוין נאָך חגאות. אין די אָפּדערנאַכטן זיצן מיר אין דער בעקעריי באַ דעם אַכטער הענג־לאָמפּ, וואָס וואַרפט מער שאָטן ווי שיין. די שוועסטער זינגען באַ דער אַרבעט און אויך אינדרויסן הינטער די פענצטער זינגט דער ווינט, אַ צור־פרידענער, אַ ניצחונדיקער.

אָט אין אַזאַ אָפּדערנאַכט לויפט אַריין אין דער בעקעריי אונדזער געוועזענער שכן איציק זעלמאַן מיט אַ צעפלאַמט פּנים, אַ צעטראָגנס, אַ זיגערישעס. דער געלער פוקסענער קאָלנער אַף זיין פּאַלטאָ איז נגידיש צעלייגט און מיט אַ יאָנטעוודיק קול טוט ער אַ זאָג צו מיין טאַטן:

— רב הערש, אַ גרויס נייס שרייבט דער אָדעסקי נאָוועסט, מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. אַ צווייטער, וואָס הייסט קערענסקי, האָט פאַרכאַפּט די מאַכט!...

דער טאַטע איז בלייך און שטאַרק צערודערט. ער טוט זיך אַ רוק נענטער צו איציקן און רופט אוים מיט אַ שטיל צעברויזט קול:

— ס'קען ניט זיין!... ס'איז ניט קיין שפּילעכל אַראָפּצוואַרפן די אַלטע מאכט...

די מאַמע אוןביידע עלטערע שוועסטערלעך רינגלען אַרום איציקן. אַן אומבאַשטימטקייט שוועבט אויף די פּנימער זייערע. אַן אָנגעשטרענגט־קייט טראָגט זיך פון אַלע ווינקעלעך, רייסט זיך אין ערגיץ, וויל אויס־שטורעמען פון זיך דאָס כסדרדיקע וואַרטן אויף בעסערע צייטן, אויף דעם סוף פון דער מילחמה...

איציק רעדט ווייטער מיט טיפער איבערצייגונג:

אין די גרויסע שטעט ווייסט מען פון דעם שוין זייט·עטלעכע טעג. ס'איז אַ... רעוואָלוציע!

— הערש, וועט מען מער ניט הרגענען קיין אידן? ניט מאכן קיין פּאָגראָמען?

דער טאַטע ענטפערט אויף דער מאַמעס ווערטער אַ באַליידיקטער, אַ בייזער:

— שוין ווילסטו וויסן דעם רעזולטאַט? ס'וועט זיך נאָך געניג אָפּ־טון... בלוט וועט זיך גיסן ווי וואַסער... זי מיינט, אַז די שוואַרצמייעניקעס גיבן זיך שוין אונטער... קודם דאַרף מען זיך היטן מיט אַרויסריידן אַ וואָרט... אידן דאַרפן זיין פון די לעצטע צו צעטראָגן די דאָזיקע נייס... ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָלן זיי ניט זאָגן, אַז אידישע קעפּ זיינען דאָ פאַר־מישט!...

די מאַמע פאַרקייטלט באַלד אַלע טירן, פאַרהענגט די פענצטער פון דער בעקעריי מיט גראָבע זעק און מיר הערן זיך איין שטיל און אויפגע־רוימט וואָס איציק לייענט פון דעם רוסישן בלאַט. די מאַמע שלאָגט אים איבער:

— וואו זשע געפינט זיך דער קייסער מיט זיין פאַמיליע?...

— מען האָט זיי אַלע אַרעסטירט.

— אַרעסטירט?

— וואָס דען!

— וואָס זשע וועט זיין מיט זיי? מען וועט זיי, חלילה, שלעכטס טון?

— לייענט איציק! — בייזערט זיך דער טאַטע. — אין אַזוינע צייטן שפּילט ניט קיין ראָל אַ מענטשלעך לעבן!... די צייט וועט שוין אַליין אויספירן ס'איבעריקע!...

אַ גאַנצע נאַכט שלאָפט מען ניט בא אונדז. מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, מיט אַלע חושים הערן מיר זיך איין אינעם אומרואיקן דרויסן. יעדער שאָרך, יעדער סקריפּ פון אַ שכנישער טיר, רייסט אונדז אויף פון די געלעגערס. אויף עפּעס נייס וואַרטן מיר, אויף אַ זאַך וואָס מיר פאַרשטייען נאָך אַזוי ווינציק און דאָך גאַרט מען נאָך איר, ווי מען גאַרט צו דער שיין פונעם טאָג.

גאַנץ פרי, די גאַס איז אין בלויען פראָסט איינגעדרעמלט, שטייען אידן און ווייבער, אין פּידזשאַקעס און פעלצן אָנגעטון, אויפן מיטן וועג.

אַ שטוינען, אַן אומרו טוקט זיך אין זייערע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן. אַלטע די צוקערניטשקע, אונדזער געלערנטע שכנה, קומט אויך צו. איר פּנים איז צעשיינט קלוג:

— וואָס זיינט איר אַזוי דערשראָקן? — רעדט זי מיט אַ פרייד. — פרייען דאַרפן מיר זיך, אָפּגעבן זיך מאַזלטאָוו. אַ נייע וועלט וועט איצט אָנקומען.

ווייבער מיט קיישעלעך, וואָס לויפן אין מאַרק אַריין, שטעלן זיך אָפּ. אידן און פּויערים, אַלע טומלען, פרעגן זיך, פרייען זיך:

— אַ נייע וועלט, אַ ישועה קומט צו אונדז!...

ס'שטעטל אונדזערס זעט אויס ווי פון הינערפּלעט אויפגעשטאַנען. דעם ערשטן מאָל זע איך אַזוי פיל געלט בּאַ אָרימע ווייבער, ביי סוחרים און פריש־געבּאַקענע מעקלערלעך, וואָס קומען אַריין צו אונדז אין קלייט. עס שיטן זיך פערציקער און צוואָנציקער, קליינע רויטע און בלויע פּיר־קאַנטיקע פּאַפּירלעך, „קערענקעס", ווי פון אַ זאַק אַרויס. אָרימע לייט האָבן צעשיינטע פּנימער, כאַטשע מיט די דאָזיקע „קערענקעס", מיט די פערציקער קערבּלעך, קען מען קיין פּורל הייצונג נישט קויפן און אויך ניט קיין בינטל מעל. ווייבער און מיידן, יונגעלייט און עלטערע אידן ליגן איבּער אין דער פּאָטשט־גאַס, אַף דער „בירזשע", מען בייט קערענקעס אַף צאַרישע און צאַרישע אַף קערענקעס. פרעמדע סוחרים האָבן זיך באַוויזן און סוחרטעס... מען קויפט און מען פאַרקויפט זאַלץ און זייף און צו־קער... אויך צווישן די אַרבעטער טומלט זיך, מען רעדט פון שוועסטער און ברידער, פון אַכט־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג, פון מאַניפעסטאַציעס, פון אַרבעטער יאָנטויווים...

מיינע עלטערע שוועסטער געהערן שוין צום אַרבעטער־קאָמיטעט. אַלע טאָג נאָך דער אַרבעט גייען זיי אַהין און קומען צוריק צעשטורעמטע, פריילעכע און גליקלעכע. אימפּעט און אומרו ברוויזט פון זייערע אויגן, פון די אַרבעטער־לידער וואָס זיי זינגען. פּאַיע קאַצאַפּ — ווער איך געוואויר — אונדזער שניידערן, איז פאַרזיצערן פון אַ... קעמערל. אַלע שניידער־מיידלעך און אויך מיינע שוועסטער, ריידן פון איר מיט אַנטציקונג, מיט ליבשאַפט.

אין אַן אָפּדערנאַכט קומען מיינע שוועסטער פון אַ פאַרזאַמלונג. מאָדנע שטיל, פאַרנומען מיט די אייגענע געדאַנקען, שטעלן זיי זיך צו דער אַרבעט. דאָס טייג אַף דער מולטער ליגט זיך ברייט און גאַווהדיק, אַזוי גאַווהדיק ווי די שוועסטער מיינע. אַ שטילע דערוואַרטונג שוועבט אַף די טונקל באַלויכטענע ווענט, אַף די אין פראָסט אָנגעטועגע שויבן און אַף פינקלס קלוגן און ערנסטן פּנים. גיך און געשיקט אַרבעטן אירע ווייסע פינגער, טאַסעווען די הייסע געזאָטענע בייגל אַף די וועסלעס. ס'פייער אין אויוון פלאַמט, זידט און איז אומרואיק בייז. ריווקע, די באַריידעווו־דיקע, דעם טאַטנס ליבלינג, האַלט ניט אויס. מיט אַ פעסטן טאָן, מיט

ליכטיקייט אין די טיפע חן־גריבלעך אף אירע פרישע באַקן, פּלאַצט זי אויס:

— טאַטע, מיר ווילן ניט דו זאָלסט אונדז קליידן און שיכן, צאָל אונדז פונעם זעקל, גלייך ווי מען צאָלט אַ פרעמדן אַרבעטער... מיר ווילן ניט אָנקומען צו דיר, צו דער מאַמען, מיר וועלן זיך אַליין פאַרזאָרגן...

דער טאַטע, וואָס איז געזעסן אַף אַ קלומעק מעל, שטעלט זיך. ס'פּנים איז בײַ אים אומרויִק, צעשמייכלט, זיינע בלינדע אויגן לויערן אַרום זיך, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. ער טוט זיך אַ דריי ס'טשופּרינקעלע און רעדט מיט מאָדנע צענומענע הענט:

— און אַז איך וועל אייך ניט צאָלן פונעם שטיקל, וועט איר ניט אַרבעטן?...

פינקל שטעלט אים אַקעגן איר צעפלאַמט פּנים:

— ניין!...

— וואָס?... ווער האָט אַ דעה איבער מיינע קינדער?

— טאַטע, ס'וועט דיר גאָרניט העלפן! — רופן זיך אָן ביידע שוועסטער אפּאַמאָל. — מיר וועלן ניט אָפּנאַרן אונדזערע חברים! זיי האָבן באַשטימט!...

— און איך ווער בין? — טוט זיך דער טאַטע אַ ריס פונעם אָרט און אַ רויטקייט צעפלאַמט זיך אַף זיינע באַקן. — אַ שונא אייערער?

— אַלס טאַטע, ביזטו אונדז טייער, דאָס לעבן וועלן מיר שטרעקן פאַר דיר, אָבער אַלס באַלעבאָס מוזטו אָקעגנקומען אונדזערע פאָדערונגען!

דער טאַטע צענעמט ביידע הענט, ס'פּנים בלייך פון טיפער עמאָציע:

— וואו זיינט איר ערגיץ, טעכטער מיינע?... קומט אהער צום טאַטן, דעם קאַפּיטאַליסט!... ראַצע, ווייב מיינס, אייגענע שונאים האָבן מיר!... ווי געפעלט דיר וואָס אַ רעוואָלוציע קען?... גוואַלד, ווי געפעלט דיר עפּעס יעדעניצער אַרבעטאָרער!...

דעם דאָזיקן אָפּדערנאַכט וועל איך ניט פאַרגעסן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט פרייד, מיט געזאַנג. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט די פרייד, דעם טאַטן, די שוועסטער, די וועגט, דאָס צעפלאַמטע פייער אין אויוון:

„שוועסטער און ברידער, שטעלט זיך אין דער ריי!
„לאָמיר אַלע שרייען דאַלאָי ניקאָליי!
„בראַטיאַ אי סיאָסטרע, שאַגאַמי וופּעריאָד!
„ווסטאַן סאָיעדיניאַיסיאַ, ראַבאָטשי נאַראָד!...
„הער שוין אויף, מיידעלע, צו וויינען און צו קלאָגן!
„מאַך ניט אָף דיין אַרבעט קיין פלעק!
„באַלד וועט אַריינקומען פּאַלטשיקאָוו דער מייסטער
„און שיקט דיך פון דער אַרבעט אַוועק!
„זאָל ער שוין קומען, פּאַלטשיקאָוו דער מערדער,
„מיר האָבן ניט קיין מורא פאַר אים!
„מיר האָבן זיך דערלעבט און וועלן זיך דערלעבן

„אינסטרוקציעס אויסצופירן...
„בראַטיאַ אי סיאָסטרע, שאַגאַמי ווּפעריאָד!
„ווסטאַן סאָיעדיניאָיסיאַ, ראַבאָטשי נאַראָד!...

אַט אַזוי זינגט מען אַ גאַנצע נאַכט, מען מישט איין ליד אין אַנ־דערן, איין ניגון אין אַנדערן און באַ מיר מישן זיך טויזנטער געדאַנקען און טראָגן מיך אַריבער אין אַלע שטיבער, צו די באַלמעלאָכעס, וואָס פרייען זיך אוודאי און זינגען אַזוי ווי מיינע שוועסטער און אַזוי ווי מיין טאַטע...

.31

נאָך פּסח איז דאָס געסל אונדזערס איינגעהילט אין זון און פרייד, אָבער אויך אין אַ מאָדנער אומבאַשטימטקייט. מען דערציילט פון מילי־טערישע בונטן וואָס קומען פאָר אין די גרויסע רוסישע שטעט און פון אַר־בעטער־מאַניפעסטאַציעס, וואָס פאָדערן פאַר זיך די גאַנצע מאַכט...

די פעלדער אַרום שטעטל, צעבליט אין זייער פולער גרינקייט, שמייכ־לען מיט רחבות און מיט טרויער, מיט שרעק און מיט האָפענונג. די פרנסה האָט זיך פאַרבעסערט: פויערים קויפן ברויט און חנאַ־קוילעטשן, סאָלדאַטן גייען דורך דאָס שטעטל און גיבן צו לייזן... נאָר אומרואיק זיינען זיי, אַזאַ ניט זיכערער איז דער שפּאַן זייערער, אַזאַ צערייצטקייט אויף זייערע פּנימער, אַז צו יעדער מינוט, דאַכט זיך, זיינען זיי גרייט אויס־צופלאַצן, אויסצוגיסן זייער אָנגעזאַמלטן צאָרן. און די גאַסן שטייען שטילע, נאָכגיביקע, גרייט זיך איבערצוענטפערן יעדן איינעם.

אין אַן אָפּדערנאַכט זיינען אונדזער געסל אַ מחנה סאָלדאַטן דורכ־געגאַנגען. געגאַנגען זיינען זיי אין אומאָרדענונג, פאַרשוויצטע, פאַרשטויב־טע, פון אַ טיפער אומצופרידנקייט באַהערשט. געזונגען האָבן זיי, אָבער אויך אַזוי ניט האַרמאָניש און מיד ווי דער גאַנג זייערער. פּלוצים האָבן זיי זייער געזאַנג איבערגעריסן און אַ סוויסטש האָט זיך דערהערט אַ שאַר־פער, אַ שניידיקער מיט אַן אויסגעשריי:

— בעי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראַסיו!...

קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט באַ די ראָגן, האָבן זיך גענומען אַרומקוקן מיט פּחד און מיט שטוינען. ווייבער ברעכן די הענט, אַ טויט־שרעק פאַלט אויף זייערע פּנימער, צעטראָגט זיך איבערן געסל, הענגט אין דער לופטן, ווי גרויסע פליגל פון אַ קראָ. דאָס געסל שרימפּט איין, ווערט פאַרציקט אין דער מענטשלעכער רישעות. פון מאַרק טראָגט זיך אַ שרייען, אַ קוויטשען, אַ לויפן. אַ הויכער סאָלדאַט מיט אַ זעבל אין דער האַנט שטייט אויפן מיטן וועג און שרייט:

— וואָדקו!... בעי זשידאָוו!...

אַ מאַרק־זיצערקע הויקערט זיך לעבן אַ קעלער מיט אירע צעוואָרפענע

באַרלעך און זעט אויס ווי אַ פאַרמוטשעטע חיה. אידן פאַרהאַקן די טירן מיט די לאַדנס פון זייערע קרעמלעך. מיין מאַמע און ביידע עלטערע שוועסטערלעך ליגן שוין אָפּן בוידעם, נאָר מיך לאָזט מען איבער אין קלייט. די מאַמע זאָגט איך בין געבוירן אין אַ הייבל, וועט מיר קיין שלעכטס ניט געשען... אויך איך בין זיכער אינעם ניצחון פונעם אמת... איך שלאָג מיך ממש מיט די סאָלדאַטן אָדער מיט די פּויערים, וואָס ווילן אויסנוצן דעם טומל און פּרואוון כאַפּן ברויטן פון דער קלייט, מאַכן שאָדן... כמעט שטענדיק באַזין איך זיי מיט מיין פאָדערן יושר און מענטשלעכקייט. ווי פאַרשעמטע חדר־אינגלעך טראָגן זיי זיך אָפּ.

אויך איצט ראַנגל איך מיך מיט אַ סאָלדאַט, וואָס האָט ארויסגעכאַפּט צוויי ברויט פון דער קלייט. איך שלעפּ אים פאַר די פּאָלעס און פאַר איין האַנט:

— שעמסט דיך ניט צו ראַבעווען באַ אָרימע מענטשן?... זעקס יתומים זיינען מיר!... די אויגן באַם סאָלדאַט ווערן גרעסער, אויך דער כעס זיינער און דער צאָרן גרעסער:

— בעי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיו!

אינדעם לויפט אָן אַן עלצטער, אַ צעטראָגענער און מיט שטילע בעטנדיקע אויגן. ער דערלאַנגט מיר צוויי „קערענקעס” און בעט זיך באַ מיר:

— אוכאַדי, דיעוואָטשקאַ! בוד אַסטאָראָזשנאַ!...

און צו די סאָלדאַטן, וואָס לויפן ארום אים ווי צעשטורעמטע אָפּגעריסענע שטיקער ווינט, רעדט ער שטיל און פאַרלוירן:

— טישע, דיעטי, עטאָ סראַמנאָ, באָלנאָ...

נאָר דער טומל ווערט אַלץ גרעסער. אַ סאָלדאַט טוט אַ רייס אַראָפּ די פּאַגאָנעס פונעם עלצטנס אַקסלען און שרייט מיט אַן אויפגעציטערט קול:

— טיעפּער סוואָבאָדאַ!...

עטלעכע טעג נאָך דער געשעעניש הענגט נאָך אַלץ איבערן געסל אַ שטילע פּיין. ווייבער וויסן פון אַלע נייסן, פון אַלע אומגליקן וואָס דאַרפן פאָרקומען. שטילערהייט דערציילט מען באַ אונדז:

— מען זאָגט ס'וועלן זיין פּאָגראָמען... אין דער בוקאָווינע, אין דער אוקראַינע גיסט זיך שוין אידיש בלוט ווי וואַסער... די באָלשעוויקעס שלאָגן זיך מיט די מענשעוויקעס...

די טירן פון די קלייטן שטייען האַלב אָפּן, אידן וואָליוטניקעס זיינען אומרואיק, די „בירזשע” אַף דער פּאָטשט־גאַס איז ווי אָפּגעשטאָרבן. אַלץ שטייט ווי אין דערוואַרטונג.

איינמאָל טוט אַ פלי אַריין צו אונדז אין קלייט כאַנעלע דער בעקערישער טעלעפאָן. אירע שמאָלע בעקלעך זיינען פאַרפלאַמט, אַ שרעק פלאַמט אין אירע הייסע שפּילקע־אויגן און זי ברעכט די הענט און קלאָגט:

— רב הערש, אַן אומגליק איז געשען! די קאַזאַקן זיינען שוין דאָ!... אין פּאָטשט־גאַס, אוי ווײ!... וואוהין טוט מען זיך אהין?... אידישע קינדער!...

און ס'געסל איז געבליבן ליידיק, אָן מענטשן, ווי איינגעפאַלן, ווי פּאַרשיט אונטער חורבות. ווי אָפּגעשטאָרבענע שטייען די שטיבער און דער פּוסטער מאַרק־פּלאַץ. די מאַמע מיטביידע עלטערע שוועסטער זיינען שוין אַפן בוידעם און איך מיט דעם טאַטן שטייען מיר אין קלייט הינ־טער דער פאַריגלטער טיר. מענטשן לויפן אריין אין דער ליק, אינעם אָפענעם הויז פון כאַנעלעס שטוב. אין געסל וויברירט אַ שאַרפע געצווימט־קייט און אַ טיף געזאַנג, אַ קרעפּטיקס לאָזט זיך הערן. דער טאַטע שטעלט אויף דעם רעכטן אויער צו אַ שפּאַרע פון דער טיר און ער באַקומט אַ רואיקן אויסזען. מיט אַ רואיק קול און אַ זיכערס, רופט ער זיך אָן:

— נעם, טאָכטער, מאַך אויף די טיר, לויף גיב אַ קוק ווער ס'איז דאָרט אזוי פריילעך! ראַזבויניקעס נעמען ניט אָפּ אַ שטאָט מיט געזאַנג און מיט בראַוואָ־פּאַטשעריי... יענע מאַכן אָן אַ חורבן, אַ שחיטה!...

דער טאַטע איז גערעכט געווען. די פּאָטשט־גאַס איז אין אַ העלער זון איינגעדרעמלט. די גרינע ביימער, די שטיבער הערן זיך איין אינעם פריילעכן זינגען און טאַנצן פון אַ פּאָר צענדליק קאָזאַקן. הויכע זיינען זיי, שלאַנקע און טונקל־הויטיקע מיט שווארצע מאַנדל־אויגן, הייסע און קלוגע. זייערע פערד שטייען זיך רואיקע, באַזאָטלטע מיט טייערע לעדערנע זיצן און מיט גרויסע בינטלעך און קעסטלעך. וואָס ווייטער זיי זינגען און טאַנצן, אַלץ מער מענטשן הייבן אָן ארויסקומען פון די שטיבער, באַפרייטע פון שרעק, פון אומצוטרוי.

שפּעטער גייען די קאָזאַקן אין מאַרק אריין. קינדער לויפן זיי נאָך, טוען אַ טאַפּ די רויטע לאַמפּאַסן פון זייערע הויזן, באַרירן די לאַנגע קאָדע פון אַ קאָזאַקיש פערד און די קאָזאַקן לאַכן, וואַרפן צו אַ קאָנפעקט, אַ וואַ־רימען שמייכל אָדער אַ גלעט. קליינוואַרג איז אויסער זיך, אַלע באָטן זיי זייער „הילף" און צעטראָגן די גוטע נייס איבער אַלע אידישע קלייטלעך און שטיבער.

ווייבער און מיידן קריכן ארויס פון זייער באַהעלטעניש, האָבן פאַר־טויעטע אויגן, פאַרוואונדערטע: ווי שיין זיי זיינען! זיי זיינען ניט קיין היידאַמאַקעס! זיי שמייכלען גאָר!

אין געסל שמועסט מען, אַז די אמתע מערדער זיינען די דאָנער קאָ־זאַקן און די זיינען טורקמענער, די שענסטע און די בעסטע מענטשן אין דער וועלט...

אידן פאַרקויפן זיי ציגאַרן און שאָקאָלאַדן, פרוכטן און געבעקס און שטיל־ערהייט רעדט מען צווישן זיך: מירן זען שפּעטער... אַ קשיה אַף אַ מעשה, אַף וואָס קאָזאַקן זיינען פעיק!...

אויך צו אונדז קומען די קאָזאַקן קויפן געבעקס. איך בין שוין מיט זיי היימיש. באַטאָג זעצן זיי זיך אוים אין דער ליק צווישן אונדזער שטוב

און יויעל דעם צוקערניקס און זינגען. זיי שפּרייטן זיך אונטער פּליושענע טעפּיכער, געבלימטע און געשטרייפטע. קינדער פון דער גאַס זעצן זיך אַריין צווישן זיי. איך אויך. זיי קוועלן ממש פון דעם צוטרוי וואָס קליינוואַרג ווייזט זיי אַרויס.

איינער פון די קאָזאַקן מיט שטילע אויגן און מיט שמאָלע אַף אַרויף פאַרדרייטע שוואַרצע וואָנציעס גלעט מיר דעם קאָפּ און רעדט אין רוסיש:

— גיי, קליינע, בייט מיר אויס אַביסל קערענקעס אַף צאַרסקע רובלס.

איך נעם באַ אים די קערענקעס און לויף אַוועק אין אונדזער גאַס, איך שפּרינג אַריבער דעם פּלויט צו אונדז אין הינטער־הויף. דער טאַטע הערט מיך אויס און גיט צו:

— בייט זיי אויס אַביסל געלט, נאָר זאָלסט דיך ניט דערוועגן זאָגן וואו און באַ וועמען מען קריגט די צאַרסקע!...

באַם בייטן דאָס געלט פאַרדינען מיר. דער טאַטע צאָלט די סוחרים מיט קערענסקיס טויזנטער, וואָס איך באַקום באַ די קאָזאַקן פאַר אַ קליינער סומע צאַרסקע.

און אַט אַזוי זיצנדיק אין דער ליק און זינגענדיק, צעעפנט איינמאָל אַ קאָזאַק אַ רענצל און שלעפּט פון דאָרט אַרויס זילבערנע לעפל און גאָפּל, אַ זיידענעם פּרוכת און אַ טישטעכל אַן אויסגעהאָפטנס מיט אידישע אותיות, וואָס מען דעקט דערמיט איבער די שבתדיקע חלות צום קידוש.

אַף מיר האָט מיטאַמאָל אַ שלאָג געטון מיט אַזאַ אַנגסט, מיט אַ ריח פון פאַרגאָסן אידיש בלוט, מיט פּיין און פאַרשעמונג, מיט דער אייביקער אידישער מאַרטירעריי... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע די בלייכע פינגער פון דעם כלה־מיידל וואָס האָט די אותיות אויסגענייט און איר האַרצנס ציטער, וואָס איז אין דעם טישטעכל פאַרבליבן. און געליגן איז צעטראָטן און פאַרשעמט מיין גלויבן אין מענטשלעכער גוטסקייט פאַר די קאָזאַקישע פּיס...

די קאָזאַקן האָבן באַמערקט מיין פאַרלוירנקייט, מיין שרעק אין די ברייטע אויפגעריסענע אויגן און מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל אָנגעבאָטן זייער סחורה צו יעדן פאַרבייגייער. אידן און ווייבער זיינען צוגעגאַנגען, אַ קוק געטון און אַנטלאָפן ווי פאַר ניט גוטע...

מיין טאַטע ווערט אויסער זיך ווען ער דערוויסט זיך, אַז אַ אידישע מישפּחה האָט עפּעס איינגעהאַנדלט באַ די קאָזאַקן. ער שרייט און ערגערט זיך:

— ווי קויפט מען עס אַזוינע זאַכן? איינגעטונקענע אין אידיש בלוט און טרערן!..

.32

די קאָזאַקן זיינען אַוועק און דאָס גנעסל האָט זיך באַפרייט פון צער, פון אומרו און פון שרעק. טעג שיילן זיך פון אַרומיקער צעבליטקייט, באַשמעקטע מיט צווייט, מיט צייטיקע זאַנגען און מיט פרוכטן.

שניידער־אינגלעך און מיידלעך, בעקער־אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און אַלערליי קבצנים זענען אויס פריי צעשטורעמט. איינגעהילט אין אַ גרויסער פרייד, דערציילן זיי פון אַ נייער וועלט, פון שיינע און ליכטיקע צייטן וואָס קומען אָן... בעסאַראַביע איז געוואָרן זעלבסשטענדיק... ס'שאַפט זיך אַ „טסערול"־רעגירונג... מיינע עלטערע שוועסטער האָבן זיך אויפגעַנייט ווייסע קליידער מיט רויטע זיידענע גאַרטלען. זיי גרייטן זיך צו אַ מאַניפעסטאַציע, וואָס דאַרף פאָרקומען דעם 18־טן אָדער דעם 20־טן אַפּריל. מיך וואָרענען זיי:

— זאָלסט אונדז ניט נאָכלויפן, גאָלדע! דו בלייב אין דערהיים אָפּהיטן די קלייט!...

מיך פאַרדריסט עס: וואָס זשע, איך בין ניט קיין אַרבעטער־קינד? באַיע קאַצאַפּ, אונדזער שניידערן, האָט מיך אויך אינזינען; אַלעמאָל טוט זי אַ פלי אַריין צו אונדז אין שטוב און טענהט מיט די הענט, מיט יעדן איבר:

— קינדער, איצט איז אַ גרויסער אַרבעטער־יאָנטעוו!... ס'ווערט געבוירן אַ נייע וועלט, אַ פרייע און אַ גערעכטע!...

דער טאָג פון דער מאַניפעסטאַציע איז געקומען. גאַנץ פרי שיינט שוין אַ מנוחה איבער די ריינע אויסגעקערטע געסלעך. אויף די דעכער פון הויכע הייזער פלאַטערן גרויסע רויטע פענער. זייער רויטקייט קושט זיך מיט דער זון, זון און פענער דריקן זיך צוזאַמען אין איין שטיק פרייד. פרייליכע לויפן אום אידן און גויים, ווייבער און מענער. אַלץ ציט זיך צו דער פּאָטשט־גאַס.

אויף דער פּאָטשט - גאַס שווימלט מיט אַ צעשטורעמטער מענטשן־מאַסע: פּויערטעס אין רויטע געבלימטע קליידער, פּויערים אין ווייסע אויסגענייטע העמדער אַריבער די הויזן אַריבערגעלאָזט, ווייבער מיט שבת־דיקע טיכלעך אויף די קעפּ, אידן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, קינדער באָרוויסע און אָפּגעריסענע, מיידלעך מיט צעשיינטע פּנימער, מיט רויטע שלייפן אַרום די אָרעמס... אַלץ איז מיטגעריסן, פאַרכאַפּט פון די רויטע פענער, וואָס פלאַטערן איבער זיי...

איך טרעף דאָ מיין חברטע סאָסיע. ביידע באָרוויסע, פאַרשוויצטע און מיטגעריסענע מיט די הויכע מוזיק־קלאַנגען, וואָס שטורעמען אויף די געסלעך, לויפן מיר פון איין גרופּע צו דער אַנדערער, מיר לויפן צוזאַמען מיט די גרופּעס, אין ברידערלעכקייט פאַרייניקטע, וואָס טראָגן זיך אַלץ ווייטער, טיפער אין די הינטערגעסלעך, צו די שוסטער און קאָוואַליעס, צו די ביידלעך פון יענער זייט בריק...

מיין חברטע שלעפּט מיך פאַר אַ האַנט און איז בייז:

— קום, מיר דאַרפן גיין פון פאַרנט, לעבן די פאַנען...

און אין די ערשטע רייען גייען נאָר די מיידלעך מיט די אינגלעך פון דער פאַטשט־גאַס. נאַפּטאַלע דעם הילצערס מיידלעך אויך! קיינער פון דער מאַסע קען ניט אַרויסגיין אַף פאַרויס. אַ קייט האָבן זיי געשלאָסן. מיך מיט סאָסיען פאַרטרייבט מען פון דאָרטן...

איך בלייב ווי אַ געפּלעפטע: ווידער גייען זיי אין די ערשטע רייען?! וואָס פאַרא חברים זיינען די אָרימע מיט נאַפּטאַלע דעם הילצערס טעכ־טער?!... איך רוף מיך אָן צו סאָסיען:

— מיר געפעלט ניט די גאַנצע מעשה!... די רעוואָלוציע איז דאָך אונדזערע!... נאַפּטאַלע דער הילצער איז רייך, ער גנבעט פון דער וואָג... די מיידלעך זיינע לערנען אין אַדעס... זאָלן זיי זיך גיין צו די סטודענטן...

סאָסיע פאַרטראַכט זיך און לאַכט:

— גיי זאָג עס צו די אָנפירער און ניט צו מיר!... פאַר רייכע לייט האָט מען מסתמא מער אָפּשיי ווי פאַר די אָרימע!...

נאָר באַלד ווערט אַ טומל און איך דערלעב אַ נקמה. די רייכע מייד־לעך האָבן געהייסן די קלעזמער אויפשפּילן „עוד לא אבדה" און בייזע אויסגעשרייען, צאַרנדיקע, האָבן פון דער מענטשן־מאַסע אַרויסגעשטור־רעמט:

— אַרויס פונדאַנען, פאַרעטער!... די מאַרסעליעזע דאַרף געשפּילט ווערן!...

מען טומלט, טייל כאַפּן זיך שלאָגן און באַלד צעשאַלן זיך די טענער פון דער מאַרסעליעזע:

„אָטרעטשיאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ!...

שוין אין דער היים, דערציי איך דעם טאַטן פון מיין פּאַרדרוס און ער טרייסט מיך, רעדט צו מיר שטיל און ערנסט:

— קיין שום זאַך, טאָכטער מיינע, קומט ניט אָן גרינג... היינט נאָך אַ וועלט איבערבויען... אַ סך בלוט וועט נאָך פאַרגאָסן ווערן ביז די אָרימע וועלן קענען אויסגלייכן זייערע רוקנס און אַרויס פון דער פאַר־קנעכטונג... דו, אָבער, וועסט שוין בסדר זיין אַן אומצופרידענע... דו ווילסט, אַז אַלץ זאָל אין איין מינוט געשאַפן ווערן, אַז איידער דער טאַטע ווערט געבוירן, זאָל שוין דער זון זיין אַפן דאַך!... מענטשן, טאָכטער מיינע, וואָס זוכן דעם אמת, דאָס גליק פון די אָרימע, דאַרפן זיין גרייט אַף אַלע „ראַזאָטשאַראָוואַניעס", ניט איינמאָל זיך פילן אָפּגענאַרט... נאָר אַרויסקומען וועלן זיי סאָפקאַלסאָף מיט ניצחון, גאַנצע און געשטאַרקטע... טו אַ קוק אַף דיין טאַטן — אַ צעבראָכענער שאַרבן, אַ פאַרשפּיגענער, אַ באַליידיקטער... און דאָך לעבט אין מיר די אמונה אינעם מענטשן, גלויב איך אין דער גערעכטיקייט... מען דאַרף נאָר כוח האָבן צו וואַרטן... איך — וועל מיך שוין אפשר ניט דערוואַרטן, איר אָבער, יאָ!...

— טאַטע, די רעוואָלוציע איז דאָך אָבער אונדזערע און ניט נאַפּ־

טאָלע דעם הילצערס!... ער גנבעט דאָך פון דער וואָג... האָט אַ סך שטיבער, מיט דינסטן!...

— אוודאי, קלאָוטע, איז זי דיינע, די רעוואָלוציע... פאַר אַלע אָרימע און ערלעכע מענטשן, פאַר די אומגליקלעכע מאַכט מען די רעוואָלוציעס...

בחורים און מיידלעך פון אונדזער געסל לויפן אום ווי די צעדולטע, שלעפן ממש אַף גוואַלד מען זאָל גיין אויסהערן די רעדעס פון יונגע רעוואָלוציאָנערן. פון מאָלעוו איז געקומען אַ סטודענט, ליפּע פעלדבערגס אַ זון, ער רעדט פאַר די שטעטלשע אַרבעטער, גיט זיי צו פאַרשטיין צו וואָסער פּאַרטיי זיי דאַרפן געהערן... די מיידלעך און די ווייבלעך קענען זיך גאָרניט אָפּלויבן פון אים: ער האָט אַ ליכטיק פּנים מיט צוויי בלויע אויגן ווי די שטערן... און דערצו איז ער אַ קעגנער זיין רייכן טאַטן, וואָס האָט אַ גרויסע שניטקראָם אין דער קלויסטער־גאַס...

איך, דאַכט מיר, גיי אין מיין טאַטנס וועגן. שווערע זיינען זיי און פול מיט דערנער. שונאים האָב איך שוין אַ סך און גראָד ניט צווישן די קליינע מיידלעך, וואָס פילן אין מיר אַ שטאַרקערע, אַ דרייסטערע... מיינע איצטיקע שונאים זיינען מיין טאַטנס שונאים פון אַמאָל. איך אַרבעט איצט באַם ברויט... מיינע שוועסטער אַרבעטן נאָך אַלץ בייגל, נאָר איך צעטראָג ברויט, פּערציק פּוד ברויט אַ טאָג צעטראָג איך צו די קונים אונדזערע. די בעקער פאַרלויפן מיר דעם וועג, טרייבן רכילות אַף מיין טאַטן, זאָגן די קונים, אַז דער טאַטע גייט אום איבער די הייזער, האָט ער געגנוג געלט... צו וואָס דאַרפן נאָך די שטעלניקעס קויפן באַ אים ברויט? און מיין יונג האַרץ איז צעשטורעמט פון דער באַליידיקונג און פון די שקרים און פון מיין אחריות פאַר דער פּרנסה... ניין, איך וועל די קונים פון מיינע הענט ניט אַרויסלאָזן!... דער שונא מוז זיין שטראָף באַקומען!..

און דער אמת און דער יושר זיגט. עס נעמען זיך פאַר מיר אָן די פּויערים, דעם טאַטנס אַלע קונים, זיי אַרבעטן ממש מעשים און דערלאָזן ניט די שטעלניקעס זאָלן זיך לאָזן איינריידן פון רכילותן און אויפהערן באַ מיר קויפן. איך טו אויך אַלץ וואָס איך קען, אַז די קונים זאָלן זיין צופרידן. איך שטיי אויף פאַרטאָג און באַזאָרג זיי מיט גוטע און פרישע געבעקסן.

די פּיאַטעס באַ מיר זיינען שוין האַרט ווי לעדער פון דעם אַרומגיין באָרוועס, נאָר מיר שאַדט דאָס ניט. ווי האָב איך דען צייט צו טראַכטן דערפון! די אַמביציע צו פאַרטרייבן דעם שונא, די פרייד מיט מיינע ניצחונות, פאַרשלינגט מיך אינגאַנצן.

אין גאַס שעלטן מיך די בעקער ווי זיי האָבן אַמאָל געשאָלטן מיין טאַטן. איינמאָל לויף איך צום קלויסטער מיט אַ זאַק ברויט אַף די פּלייצעס, שפּרינגט מיר אַרויס אַנטקעגן עטי די געשטופּלטע, שיקעלע דעם בעקערס ווייב, און שניידט מיט אירע שמאָלע ליפּעלעך:

— זאָלסט האָבן דיין טאַטנס סוף, אויסוואורף, אייזערנע זאַך!...

אירע קללות מאַכן מיך טאַקע אייזן שטאַרק: אהאַ! זיי קענען מיך ניט בייקומען, שעלטן זיי, טרייבן זיי רכילות, קריגן זיי זיך!...

אויך דער טאַטע האָט שוין נייע שונאים. ער איז אָבער צופרידן. ער האָט זיי מנצח געווען: נאָך טעג מיט דינגענישן, מיט אויסרעכענען פרייזן, האָט ער אָנגענומען אַ גרויסן פּאַדריאַד. מיר שטעלן צו ברויט פאַר די שילער פון דער סעמינאַריע. ווילן דאָס די בעקער ניט ליידן, לויפן זיי צום עקאָנאָם און לאָזן אַראָפּ פון דער פּרייז, קריגט זיך מיט זיי דער טאַטע, פאַדערט יושר...

און אינמיטן די רעדעס און די מאַניפעסטאַציעס, פון אויפבלי און פון שיינקייט, טראָגן זיך די קללות:

— מיידן האָט ער דער טשאַרנאָפּוי, זאָלן זיי סאַרפּענען!... אַ סמבטיון ליגט אין זיי!... גערעאָטן אינעם טאַטן ימח שמו!...

אין אונדזער שטעטל געשעען אומגלויבלעכע זאַכן. אונדזער געסל גייט ממש ווי אַף רעדלעך. אידן הייבן מיט די אַקסלען, ווייבער שנייצן די נעזער אין די פאַרטעכער, מיידן און בחורים האָבן צעפלאַמטע פּנימער, לויפן אַלץ אינעם אַרבעטער־קאָמיטעט פרעגן צי ס'איז אמת: זאַליעווסקי דער פריץ איז אַנטלאָפן קיין רומעניע און די באָלשעוויקעס פאַרקויפן אוים זיין פאַרמעגן...

דער גאָרטן, דער הויף, דער סאָד מיט די שווער־באַלאָדענע פרוכטן־ביימער, איז פול מיט מענטשן. מערסטנס קינדער, פויערים און פויערטעס. זיי האַלטן די הענט אין די אַרבל פאַרשטעקט און דערוועגן זיך ניט אויפצוהויבן פון דער ערד די אָנגעוואָרפענע גרויסע שטיקער מעבל.

אין די ליכטיקע צימערן שטייען די ווענט, באַהאַנגענע מיט טייערע בילדער, געהאַרכזאַם און שטיל, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז אַזוי און ניט אַנדערש דאַרפן טון באָלשעוויקעס... די גרויסע געבעטע שטולן, די מיט פּליוש איבערגעצויגענע דיוואַנעס, די שווערע זיידענע פאָרהאַנגען אַף די טירן און פענצטער, אַלץ דערציילט פון וואוילטיק, פון הולטייסטווע, פון ליידיקגייעריי.

איך גלויב ניט מיינע אויגן! אַ פרייע, פון קיינעם ניט קיין געשטערטע, גיי איך מיר אַריין אין יענעם זאַל, וואו ס'האָט אַמאָל געוואוינט דער סליעדאָוואַטעל, דער וואָס האָט אָפּגעזידלט מיין טאַטן, אים גערופן „בונטאַווּשטשיק", בעת די קעגנער האָבן אָנגעשטעלט אַף אים שלעגער און אים געמאַכט אַכצן לעבער אין קאָפּ... אַף דער וואַנט הענגען שוין ניט די בילדער פונעם קייסער מיט דער קייסעריניע. קאַצאַפּעס, ברייטע און פעטע, פילן אָן די שטיבער, זיי שפּאַנען לייכט, האָבן מורא אַ פוס אוועקצושטעלן אַף די ריינע געוועקסלטע פּאָלן...

נישטאָ אויך זאַליעווסקים הונט, וואָס פלעגט באַפאַלן און טרייבן

אַ האַלב שטעטל מיט מענטשן פון הינטער די ווערבעס. פויערים און קאַ־צאַפּעס ווערן דרייסטער, קלייבן אָפּ מעבל, העק און מעסערס וואַרפן איין עופות־שטיינן, חזירים־שטאַלן... עטלעכע אידן שטייען פון ווייטנס און קוקן זיך צו...

אַ סאָלדאַט מיט אַ רויטן באַנד אַרום רעכטן אָרעם, שרייט:

— קופּיטיע, טאָוואַרישטשי, יעוורעיע!...

אַן אַלטער איד מיט אַ גרוי בעניעמעסדיק פּנים און מיט טיפע זאָרג־קנייטשן אַפן קלוגן שטערן, בעט מער מיט די אויגן ווי מיט דעם מויל:

— אידישע קינדער, מיר דאַרפן ניט האָבן דעם פּריצס מעבל... פּטור געוואָרן פונעם כלב, דערוויילע געגנוג... ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָלן זיי ניט אויסלאָזן צו אונדז דעם כעס, די גיפט...

אין שטעטל איז מען שטאַרק אומרואיק. נישט גוטע זאַכן הערן זיך. פּריצים, פּריצישע קנעכט, אַנטיסעמיטן, זיינען זיך נוקם אין אידן פאַר דעם צעשטערטן וואוילטיק זייערן. און אָט איז דאָס אומגליק געקומען אויך צו אונדז. אין אַ שבת באַטאָג, האָט זיך דאָס ניים איבערן שטעטל צעטראָגן: צוויי בחורים, שכנים אונדזערע, האָט מען דערהרגעט און אויך איינעם אַ נאָוואָסעליצער. איינער פון די הרוגים איז אַרן, כאַים ראַבינאָ־וויטשעס אַ בחור, פון אַ יאָר דרייסיק.

צווישן הויכע פּולע זאַנגען אַפן פעלד ליגן זיי, די דריי הרוגים. אַ רויטע זון סאַרפעט זיי, רונצלט די הויט אַף זייערע נאַקעטע קערפּערס, וואָס ווערן באַוואַכט פון סאָלדאַטן. עס זידט דאָס פאַרקאַכטע בלוט בא די הרוגים צווישן די אויגן און אַף די אָפענע שאַרבנס...

אידן און גויים רעשן זיך, קוקן אַף די צוויי שטיקער אייזן, וואָס ליגן אַן אַ זייט לעבן די טויטע און אַף די דריי קנעפּ פון אַ רעקל, וואָס איינער פון די הרוגים האַלט אין זיין פאַרגליווערטער האַנט. קענטיק, ער האָט זיך געראַנגלט... ווער ווייסט מיט וואָס דער אומגליק קען זיך ענ־דיקן...

.33

מיידלעך און אינגלעך גייען הערן רעדעס און ווייבער זוכן זיך מיצוות. שטעטלשע חשובע ווייבער, פרומע גבאיטעס קלייבן זיך חתונה צו מאַכן פּערעלע די שטומע.

מיינע שוועסטערלעך, די פאַרדינערנס, האָבן זיך אויך געפּוצט, עס וועט זיין אַף בילעטן צו גיין...

דער טאַטע איז אויסער זיך, קריגט זיך ממש מיט זיי:

— איר וועט ניט גיין אַף דעם „דאַבראַניטש“!... בא אונדזערע שכנים

קלאָגט מען און איר גייט טענצלען!... סדומניקעס, סאַמאָוואָלצעס!... בושה פעלט אייך!...

דעם גאַנצן טאָג שווייגן די שוועסטער, זיי זיינען פאַרכאַפּט פון דעם טרויער, וואָס הענגט איבער אונדזער געסל, איבער די מענטשן, וואָס לויפן א קוק טון אַף די הרוגים... נאָר פאַרנאַכט, ווען צוזאַמען מיט דער מע־סערדיק־שאַרפער זילבערנער לבנה־שיין, דערטראָגט זיך צו זיי דאָס דינע שניידנדיקע געוויין פון וואַניצעס פידעלע, איז גובר דאָס לעבן דעם טויט...

ווייבער מיט פרומע פנימער פירן שוין איבער די כלה. א גרויסע איז פערעלע און אַן אומבאַהאָלפענע... קענטיק, די שמאָלע ווייסע שיך, וואָס מען האָט איר אָנגעטון אַף די שטענדיק באָרוועסע צעפּלעטשטע פיס, קוועטשן איר... קוים וואָס זי שפּאַנט.

אידן מיט ליכט אין די הענט, אויסגעפּוצטע אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, שפּאַנען נאָך דער כלה.

שמיל הערש, פינקלס חתן, און די שוועסטערס חברטעס, האָבן גע־פועלט באַם טאַטן ער זאָל זיי לאָזן גיין א קוק טון אַף דער חתונה. מיך האָט מען געלאָזט אין דער היים.

דערפאַר בין איך אַף מאָרגן נאָך דער חתונה, די ערשטע צוצוזען דעם עפּילאָג אירן. אינעם בלויען פאַרטאָג, א באַשמעקטן מיט אויסגע־צייטיקטע פרוכטן און פרישער קועגער מילך, ווען איך שטיי געוויינלעך אויף צו מיין אַרבעט, האָט זיך דערטראָגן צו מיר א קוויטשעריי פון ווײַ־בער. און איך בין שוין אַף דעם אָרט פונעם געשעעניש.

דער כלהס מאַמע, פריידעלע, האָט אַן אויפגעשווידערט פנים און די נאָז איז איר שפּיציק. דעם חתנס א שוועסטער, עליקל שמאַטעלאַטניקס ווייב, איז אויסער זיך. דאָס בינטל דראָטענע קוטשערלעך באַ איר אַפן קאָפּ, שטייען דיבאָם, ווי גרייט אויסצושיסן די גאַנצע וועלט. דער חתן אַליין, קאַראַלסקי, מיט א שוואַרצן חתונה־סערדעט און מיט א שטעקעלע אויפגעהאָנגען אַף דער רעכטער האַנט איז אָפּגעגרינט פון צאָרן. זיין פעט לייב, וואָס קוקט אַרויס פון אונטער דעם ווייסן זיידענעם זשילעט, פאָדערט יושר, גערעכטיקייט באַ דער וועלט... זיינע רויטע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן, זיין פאַרדרייטער שניפּס אַף דער ווייסער געקראָכמאַליעטער מאַ־נישקע, זיין אָנגעבלאָזן ברוגז פנים און די בייזע קרייזעלעך אַף זיין קאָפּ און זיין גאַנצער טראַגיזם, זיינען געוואַלדיק קאָמיש.

ווייבער באָרוועסע, אין די אונטערקליידער, מיידן מיט בחורים, אַרויסגעשאָטענע פון די הינטערגעסלעך, דרייען זיך אַרום די מחותנים, אַרום דער כלה. א טיפער צעווייטיקטער שמייכל רוט אַף פערעלעס ווינ־טיק פנים, וועלכע שטייט אין איר גאַנצער פאַרשעמטער גרויס, אין א שאַל איינגעהילט. איך זע זי אַזוי אָפּט מיט דעם בעקן געזאָטענע פּאַפּושויעס, וואָס זי טראָגט אום צו פאַרקויפן. ווי א פרעמדע, קוקט זי יעדן גלייך אין די אויגן. איר מאַמע, וואָס קלאָגט אָן אויפהער, טוט פלוצים א צי אויס אירע טרוקענע הענט און וואַיעט אַרויף צום הימל:

— אידישע קינדער, זיי באַליידיקן מיין קינד, אַ כשרע אידישע טאָכטער!...

דעם חתנס שוועסטער מיט די דראַטענע קוטשערלעך טוט אַ שפּרונג אַקעגן פריידלען. איין רגע און ביידע ווייבער פאַלן זיך אריין אין די ווילד צעגומענע הענט, שפּרינגען אונטער ווי די ציגן, סאָפּען שווער און וואַקלען זיך אַף רעכטס און אַף לינקס... דער עולם ארום שטייט פאַר־בליפט, ווי איינשטימיק מיט דעם גערעכטן מישפט, וואָס ביידע מחותנת־טעס טראָגן אַרוים איבער זיך.

איבערהויפּט איז באַליידיקט דעם חתנס שוועסטער. די גאַס איז פול מיט אירע קולות:

— פריידעלע די קורווע! אַזוי ערלעך זאָל דיר אויסגיין די נשמה, ווי ערלעך די מויד, די שטומע לעלע איז!...

— ווער, איך?! — זעצט דער חתן מיט ביידע פויסטן אַפן הארצן. — פינף ווייבער האָב איך געהאַט און אַלע האָבן פון מיר געהאַט קינדער!... פריידעלע די קורווע... אַזאַ לאַך זאָלסטו האָבן אין הארצן...

ווי אַ מחנה רויבפייגל אַף אַ פרישער נבלה, טועט זיי ווידער זיך אַ וואָרף איינס אַפן אַנדערן, דער חתן, ביידע מחותנתטעס, עליקל שמאַ־טעלאַטניק, קלאַמערן זיך איין, די ווייבער רייסן זיך פאַר די האָר, די מע־נער דערלאַנגען פעטש...

איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָ קומט פאָר און לויף פרעגן דער מאַמען. די מאַמע האַלט זיך קוים אַפּ פון לאַכן און דערלאַנגט מיר אַ פאַטש אי־בערן פּנים:

— אַ מיידל פרעגט ניט אַזוינע זאַכן!...

די מחותנים גייען מיט דער כלה צו סאָפּיע, דער שוואַרצער אַקור־שאָרקע. באַ שלוימע וואַסערמאַן, אונדזער אַמאָליקן שכן, וואוינט זי. איך בין אויך דאָרטן. שלוימעס ווייב, ענ י, נעמט מיך אין קאָרידאָר און מיר הערן זיך איין וואָס די אַקושאָרקע רעדט דאָרטן.

אַלעמענס אויגן זיינען אָנגעהאָנגען אַף דער אַקושאָרקע מיט דעם ווייסן כאַלאַט, וואָס דאַרף אַרויסטראָגן דעם אורטייל. די מחותנים, דער חתן, רייסן' זיך פון די ערטער, שרייען:

— וואָס הערט זיך? ווי האַלט עס מיט איר?

— זאָגט דעם אמת, — קלאָגט פריידעלע און ברעכט זיך די פינגער.

— נעמט אהיים אייער טאָכטער, שעמט אייך אַזוי צו גוואַלדעווען, זי איז פאַר די זינד אירע שוין אָפּגעקומען!...

ווידער איז אַ פאַטשעריי און אַ ים מיט קללות, וואָס פאַרלירן זיך צווישן אַנגעלאָפענעם עולם...

נאָך איין אומגליק האָט אויפגעטרייסלט אונדזער געסל אין אָט דער צייט ווען די יוגנט איז אַזוי פאַרנומען מיט פאַרלעזונגען און מיט רעדעס. און ווער מען האָט דאָס אומגליק באַרירט אַמנאָנטסטן? אונדזער שניידערקע

פּאַיע קאַצאַפּ, וואָס איז טאָג ווי נאַכט, אינמיטן דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט, פאַרנומען געווען מיט דער אָרגאַניזאַציע, און ווייבער לאָזן זי ניט אַרויס פונעם מויל: איר שוועסטער ברײנע איז אַראָפּ פון גלייכן וועג... זי אַרבעט בא אַווראָם שוויצער... ווייבער פאַרשעלטן איר דאָס גע־בײן, שפּייען אויס ווען זיי דערמאָנען איר נאָמען. אונדזערע בעקער־אַר־בעטער ריידן פון איר מיט חוצפּה אין די אויגן... אַווראָם שוויצער, זאָגן זיי, איז אַ פרומער איד, ער האָט אַן איינגן קלייזל...

איך פאַרשטיי ניט מיט וואָס ברײנע איז אַראָפּ פונעם גלייכן וועג דערמיט וואָס זי אַרבעט בא דעם פרומען איד מיט דער אייגענער קלויז. ניט די מאַמע און ניט דער טאַטע גיבן מיר דערויף אַ קלאָרן ענטפער. איך שטיי צו איינמאָל צו מיין שוועסטער ריווקע: — זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס טוט דאָרטן ברײנע? — ענטפערט זי מיר שטיל און פאַרשעמט:

— ליטישע מיידלעך דאַרפן אַפילו ניט ריידן פון איר...

— פאַרוואָס?

— וויל אַזוי!

— מוזט מיר זאָגן דעם אמת!...

— לאָז צו רו!... מיינסט אַפּנים איך בין אַ נביא...

— אָבער פאַרוואָס שעלטן זי די ווייבער?

— איך ווייס ניט...

איך טראָג אַ גרויסן פאַרדרוס אַף מיין שוועסטער ריווקע: עפּעס באַ־האַלט זי אויס פון מיר!... וואָס בין איך, אַ קליינע!... איר אַף צו להכעיס, וועל איך מיר דורכגיין צו אַווראָמען, אַ קוק טון אַף זיין קלויז און זיך דורכריידן מיט ברײנען, איך וועל איר ראָטן זי זאָל ניט זיין קיין שמשטע און בעסער זיך לערנען שניידעריי בא איר געלערנטער שוועסטער פּאַיע... איין געדאַנק נאָר פּייניקט מיך: דער טאַטע זאָגט אַלץ צו די ווייבער:

— איך האָב אָבער געוואוסט דעם סוף אירן, נאָך מיט יאָרן צוריק...

איך דערמאָן מיך טאַקע ווי ער פלעגט זאָגן דער מאַמען זי זאָל פאַרטרייבן ברײנען פון אונדזער שטוב, ווייל די מויד וועט קיין אידיש־קייט ניט אויסהאַלטן... נאָר דאָס אינטריגירט מיך נאָך מער.

אין אַ פרייטיק גיי איך אַראָפּ צו דער גרויסער באָד, וואו אַווראָם שוויצער שטייט מיט אַ בופעט און ער קויפט די געבעקסן בא אונדז. איך וועל בא אים אויפמאָנען פאַר צוויי לעקעכער, וואָס ער איז אונדז שול־דיק... דאָרט האָב איך אים ניט געטראָפן און בין אַוועק אין דאָרף אים אויפזוכן. איך שפּרינג איבער שמאָלע בלָיקלעך, איבער פאַרוואַקסענע סטעזשקעס און קרומע שטיינערנע פּלויטלעך. היימישע פויערים און פּוי־ערטעס פרייען זיך מיט מיר:

— אונדי דוש פּאַטאַ אַלוי ראַצאַ?... (וואוהין גייסטו, ראַצעס טאָכ־טער?)

איך פרעג זיי גאַנץ אומשולדיק:

— אונדי טראַיעשט אַבראַם שוויצער? (וואו וואוינט אווראָם שווי־צער?)

און אַ טיפע שרעק צעצינדט זיך אין זייערע אויגן און זיי בעטן:

— דו טי אַ קאַסאַ, סי טי פּעראַסקאַ דאָמנאַזו, פּאַטאַ אַלוי ראַצאַ! (גיי אַהיים, גאָט זאָל דיך באַהיטן, ראַצעס טאָכטער!...)

זייער וואָרענונג וועקט נאָך שטאַרקער אין מיר דעם נייגיר. איך גיי אַלץ טיפער אין דאָרף, פרעג זיך נאָך און דערצייל יעדן פויער צו וואָס איך באַדאַרף דעם דאָזיקן פּאַרשוין...

אַף אַ נאַקעט בערגל שטייט זיין שטיבל, אַן אָרעמס און אַן אָרומ־געפּליקטס, ווי נאָך אַ שריפה. דער שטרויענער דאַך איז שוואַרץ און אַלט. אַלט און פאַרשמירט זיינען אויך די שייבלעך אין די קליינע פענצטערלעך. אין אַ ברייטן פאָדערהויז מיט פּאַרוויכערטע ווענט און אַלטע זעק איבער די טירן, וואָס פירן אין די חדרים אַריין, זיצן שקאָצים אויסגעזועצט אַף לאַנגע בענק. אַ קעסל מיט שבתדיקע פיש קאָכט זיך אַף אַ ציגלנעם איי־וועלע אינמיטן פאָדערהויז...

איינער פון די שקאָצים, מישקע דער שוסטער, מיט אַ בלאָנדער קודלע און מיט הייסע ברוינע אויגן, שפּרינגט אויף און שרייט צו מיר אין זיין גויעשן אידיש:

— וואָס דו טו דאָ? ראַצעס טאָכטער!... לויף היים! מאַמע דיך הארגע!...

ס'קומט אַריין אווראָם, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב אין אַ שוואַרץ יאַרמעלקעלע אַפן קאָפּ און האָט אַ פּנים פון אַ פרומען וועלט־פאַרזאָרגער:

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

— אין באָד האָב איך אייך ניט געטראָפן, האָב איך מיך אַליין דער־פרעגט צו אייך. באַצאָלט מיר פאַר די צוויי לעקעכער...

— גיי אַהיים, די מאַמע וועט דיך ממיתן!...

אינסטינקטיוו דערפיל איך, אַז דאָס פינצטערע שטיבל איז איינגע־הילט אין בייזע אומהיימלעכע סודות, און איך פרעג אים מיט בייזקייט:

— וואו איז ערגיץ ברײנע?

— וואָס אַ שטייגער דאַרפסטו זי האָבן? — ציטערט אונטער דאָס אויסגעדרייטע פּליכעוואַטע קעפּל זיינס.

— איך וויל מיט איר עפּעס אַ שמועס טון.

— דו האָסט מיט איר ניט וואָס צו ריידן!... איך האָב זי, גאָט צו דאַנקען, באַזאָרגט... וואוהין וועלן זיי נעבעך גיין, די אָרעמע יתומים?... היינט בין איך געקומען פונעם בופעט פּאַרפרי, אַ שכנס אַ הונט האָט צעביסן מיינע פּלימעניצע... דאָרטן, הינטער דער שטוב, זיצט זי נע־בעך... קענסט דאָס זאָגן דער מאַמען: פאַר די לעקעכער וועל איך איר מירטשעשעם דעם אַנדערן פרייטיק באַצאָלן...

אַ בלאָנדע איז זי און אַ שלאַנקע, דאָס צעשלאָגענע מיידל. די נאָז איז באַ איר צעבלוטיקט און געשוואָלן און פאַרשטעקט מיט שטיקלעך

וואַטע. אויך די אויגן זיינען איר אונטערגעשלאָגן. זי טוט אַף מיר א פרעמדן קוק, נעמט אריין דאָס פּנים אין די הענט און קלאָגט שטי־לערהייט. איך פיל א גרויס רחמנות צו דעם מיידל און אין דער זעלבער צייט אַן אינסטינקטיוון עקל. אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, ווייל איך וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן מיאוסן ווינקל.

אהיים לויף איך ווי א פאַרפּאַלגטע חיה. די גאַסן, די שבתדיקע אידן, וואָס קומען מיר אַנטקעגן זיינען מיר מאָדנע ליב און אָנגענעם. אויך דער מאַמעס קבלת פּנים מיט דעם פּאַטש, וואָס זי דערלאַנגט מיר איבער דער רעכטער באַק, איז מיר ליב, אַבי איך בין שוין אינדערהיים... די מאַמע שלעפּט מיך פאַר דער רעכטער האַנט און שרייט צעוויטיקט:

— וואו ביזטו געוועזן, אויסוואורף?

— בא אַווראַמען!...

— וואו? בא אים אין דער היים?!

— יאָ, אין באָד האָב איך אים ניט געטראָפן!...

— הערש! — טוט די מאַמע א פּאַטש מיטביידע הענט אינדער־לופּטן און א טויטלעכע שרעק לעשט אויס די פאַרב, דאָס לעבן אין אירע אויגן. — הער נאָר וואו די מויד איז געוועזן!...

דער טאַטע צענעמט ביידע הענט און קוקט מאָדנע פאַר זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט עמיצן אָנכאַפּן:

— מאַך ניט אַן אַזאַ רעש, ראַצע! שכנים וועלן מיינען גאָט ווייסט וואָס!...

און צו מיר רעדט ער מיט א צעברויזט קול, דורכגענומען מיט ליב־שאַפט און פאַרגעבונג:

— ווער, גאָלדע, האָט דיך געשיקט אהין? אַליין, אָן דער מאַמעס וויסן, גייט מען ניט אַזוי ווייט... ס'איז ניט שיין!... א פיין פּנים וועסטו האָבן בא די שכנים...

— בריינען האָב איך געוואָלט זען. — ענטפער איך פאַרלוירן. — זי איז אָבער נישטאָ דאָרטן!...

— זיי מיר ניט קיין וועלט־פאַרזאָרגערן!... נאָך איינמאָל פּרואוו ער־גיץ גיין אָן מיינעם אָדער אָן דער מאַמעס וויסן, וועסטו פאַרזאָגן „קיט לאַמע שי פי מאַנד".

ערשט איצט דערפיל איך דעם פּאַטש, וואָס די מאַמע האָט מיר דער־לאַנגט באַם אריינקומען, עס קלינגט מיר אין איין אויער, די באַק ברענט... נאָר פאַרוואָס די מאַמע איז אַזוי בייז, פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט. איך בין דאָך געגאַנגען מאָנען א חוב!... אויך בא דער מאַמען איז נישטאָ קיין יושר!...

אַפּדערנאַכט ווען איך זיץ מיר אין קאַנאַפּע פאַר דער טיר און קנאַק הייסע געפּראַזשעטע קערלעך, קומט צו מיר צו כאַנעלע דער בעקערישער טעלעפּאָן און א פּאָר מיידלעך. זיי רינגלען מיך ארום און האָבן צעפּלאַמטע פּנימער, פול מיט חשד און נייגיר...

שטעטל בלייבט שטעטל. די כוואַליעס פון דער מילחמה און פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן צו אונדז צוגעשלאָגן, טרעטן ביסלעכווייז אָפּ; נאָך לעקן זיי זיינע ברעגעס, נאָר דער אַלטער שטייגער נעמט די אויבער־האַנט. קינדער פון די אַרומיקע געסלעך גייען שוין אין חדר. צו רב שמיל אַשער אַש גייען זיי. אַ איד מיט אַ צעשמייכלט פּנים און קלוגע שמאָלע אויגן מיט אַ שמאָל שיטער בערדל. ער לערנט ניט נאָר דאַווענען און שורה־גריס, נאָר אויך רוסיש און העברעיש. דער טאַטע האָט שוין אַפילו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן שיקן מיך צו שמיל אַשערן אין חדר, נאָר די מאַמע האָט קיין חשק ניט:

— אַן עבירה זי אָפּצורייסן פון דער אַרבעט... אומזיסט צייט און געלט פאַרלירן...

איך, דעם אמת געזאָגט, האָב מיך אויך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן; זאָל זיין אַזוי! נאָר איינמאָל אין אַ שבת טרעף איך הינטער די ווערבעס טייבעלע אַבּיליאַק, מיין אַמאָליקע חברטע. זי שיינט אַרויס פון דער אַרומיקער גרינקייט און פון אַלע מיידלעך, וואָס ליגן אונטער די נעדיכטע שווערעביימער. זי כאַפּט אַ קוק אין מיין זייט און דרייט גיך אַוועק דעם קאָפּ. זינט אונדזער לערער אווראָם בונדאַ איז געשטאָרבן און זינט מיר זיינען אַראָפּ פון דער מדרגה, גיי איך ניט צו איר. זי צו מיר — אויך ניט.

די צייט האָט פאַר אונדז פאַרשידענע וועגן אָנגעצייכנט. איך האָב שוין כמעט פאַרגעסן אין יענער גאָלדענער צייט, ווען דער טאַטע האָט דורכויס געוואָלט איך זאָל לערנען און ווערן אַן אַקושאָרקע. אויך טיי־בעלע, קענטיק, האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַמאָל באַ איין לערער גע־לערנט און געגאַנגען צוזאַמען. טייבעלע, זע איך שעמט זיך מיט מיר. איר שיינקייט אַנטציקט מיך: אַ פּרעכטיקע און צעבליטע איז זי, מיט שיינע בלאָנדע און העל־בלויע אויגן, לענגלעכע און קלוגע. איר פּנים איז איידל, ווי אויסגעשניצט פון מאַרמאָר, מיט אַ ראָזעווער פאַרב אויף די שמאָלע באַקן. איך גיי צו צו איר, הייבט זי אויף די אויגן פונעם אָפּענעם ביכל און שמייכלט פאַרלעגן. איר קאַלטע באַציונג רופט באַ מיר אַרויס טרערן און אַ מאָדנע האַרצקלאַפּעניש. איך טו זי אַ פרעג:

—וואָס לייענסטו, טייבעלע?

זי ווערט רויט און ענטפערט מיט געגנוג גאווה און אויך מיטגעפיל:

— איך האַלט שוין באַ פּאָולסען. באַ וועלכן בוך האַלטסטו דו?

איר שאַרפער איראָנישער טאָן צעטומלט מיך אַביסל, נאָר איך נעם מיך אין די הענט:

— איך אַרבעט דאָך! — זאָג איך מיט שטאָלץ. — נאָך דער מיל־חמה, וועל איך אָנהייבן לערנען.

— טראָגן בייגל מיט ברויט, איז ניט קיין אַרבעט!

— אָבער... איך צעהאַק אויך האָלץ, צעזעג די קלעצער און טראָג אָן פערציק עמער וואַסער יעדן טאָג...

— דאָס איז אַן ארבעט פאַר אַ גוי און ניט פאַר קיין מיידל!...

— איך בין ניט קיין מיידל! — פּרואוו איך מיך ראַטעווען פון אירע האַנגלדיקע ווערטער.

— וואָס דען ביזטו? — טוט זיך אַ צעקלונג איר געלעכטער, וואָס שטעכט דורך מיין באַליידיקט האַרץ.

— איך בין נאָך אַ קליינע, אַ קינד! — שטאַמל איך פאַרלוירן. — איצט זיינען מיר שוין ניט אָרים... מיין מאַמע, מיינע שוועסטער ארבעטן אויך! איינגיכן וועלן מיר איבערבויען די שטוב.

זי ענטפערט מיר שטאָלץ און זיכער:

— איך דאַרף ניט ארבעטן... נאָך דער מילחמה, פאָרן מיר אַלע קיין אַמעריקע. מיינע רייכע שוועסטער וועלן מיר חתונה מאַכן מיט אַ... דאָקטער! גאַנץ יעדינעץ וועט מיך מקנא זיין!...

זי נעמט ווידער קוקן אין בוך און איך גיי אַהיים. די הויכע צעגרינטע בערג קוקן מיר נאָך מיט ליבשאַפט און מיט שכל. זיי טרייסטן מיך, גלעטן מיין באַליידיקטן שטאָלץ: נאָר ניט געפאַלן בא זיך!... אַ סך גרעסערע זאַכן האָסטו אויפגעטון פון טייבעלען!... זי לעבט ווי אַ פּרינצעסן, ווייסט ניט וואָס הייסט נויט און געראַנגל, שינאה און קינאה, מענטשלעכע שלעכטיקייט!...

אין האַרצן בא מיר טוכט דעמאָלט אויף אַ פאַרלאַנג צו לערנען. די אַמביציע צו דעריאָגן טייבעלען, טראָגט מיך אַהיים, לאָזט מיך ניט רוען.

אין קלייט, אַ שבתדיק אויפגעראַמטער, זיצט דער טאַטע און רעדט מיט מאָרדכע יויעלן, זיין אַלטן גוטן פריינט. באביידן זיינען די האָר בא די שלייפן גרוי און בא ביידע זיינען די קלוגע שטערנס געקנייטשט. עס שמעקט מיט שבת אויבסט און מיט פריש געפּראַזשעטע קאַבאַקענע קערלעך. איך שטעל מיך אַוועק פאַר זיי און פּלאַץ אויס:

— טאַטע, איך וויל זאָלסט מיך געבן לערנען!...

— לערנען? — טוט זיך דער טאַטע אַ כאַפּ אויף ווי פונעם שלאָף.

— דו וועסט ווידער אַנטלויפן, ניט וועלן גיין ווייטער!... וועסט אויסוואַקסן אַן אַמאָרעץ, בושות און חרפות וועל איך פון דיר האָבן!...

— איך וועל לערנען!... שוין, היינט, גיי רעד מיט רב שמילן, איך וויל ניט וואַרטן!

מאָרדכע יויעל נעמט מיך דורך מיט זיינע גוטע אויגן און רעדט זייער באַזאָרגט:

— הערסט, הערש, די מויד דיינע איז דאַכט זיך געראָטן אין מיין קלענערן, אין שימעלען. אַף אַלע פּלויטן און בוידעמער איז ער פול, פון לערנען קען גאָר קיין רייד ניט זיין... אומעטום איז ער אַ היימישער מענטש, אַ מחותן... יענע וואָך קומט מען צו מיר: סטייטש, אייער שימעלע כאַפּט אַראָפּ פּרוכטן און צוקערקעס פון די שטעלן... וואָס זשע, מיינסטו, האָב איך געטון? באַשטראָפט? אסור! איך האָב נאָר אָנגעזאָגט זיי זאָלן אַכטונג געבן וויפל ער האָט אַראָפּגעכאַפּט, וועל איך באַצאָלן...

אַ מזיק איז דער שימעלע מיינער! ער היט מיר אָפּ די פערד, די וועגענער, אַ געטרייער יונג!...

— וואָס זשע זאָגסטו, זאָל איך זי געבן לערנען?

— וואָס דען! שטעל איין! וועט זי קיין וואָרט ניט האַלטן, וועט זיין פּאַר איר ערגער...

דאָס מאָל האָט שוין דער טאַטע אין מיר זיך ניט אָפּגענאַרט. אַפילו די מאַמע, וואָס האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן די האָפענונג איך זאָל לערנען, איז איבעראַשט פון מיר. אָפּדערנאַכט, ווען איך שלים צו די קלייט, מאַך איך די לעקציעס, וויפל „סטיכן" דער לערער פאַרגיט מיר, לערן איך אוים דריי מאָל אַזוי פיל. איך הער ווי רב שמיל רעדט צו מיין טאַטן:

— אַ מאָדנע זאַך מיט אייער מיידל... איך בין שוין פערציק יאָר לערער און אַזאַ צעברויזטע נאַטור האָב איך נאָך בײַ מיר ניט געהאַט. זי פאַרשלינגט ממש דאָס לערנען... אויב איר וועט נאָר בכוח זיין אויסצוהאַלטן, גייט זי אַוועק ווייט... נאָר מיט דער האַנטשריפט אירער איז אַן אומגליק, שווער אַ וואָרט איבערצולייענען...

— אַ קלאָוטע! — זאָגט דער טאַטע. — איך האָב אָבער געגלויבט אין איר!...

נאָר ווייט אַוועקגיין איז מיר ניט באַשערט געווען. מיין חברטע האָב איך דעריאָגט, אין אַכט חדשים צייט האַלט איך שוין בײַ פּאַולסען... נאָר אינמיטן איז מיין לערער געשטאָרבן און... ווידער רוקן זיך אָן אַף אונדזער שטעטל אומרואיקע צייטן, פול מיט שרעק, מיט אומזיכערקייט און עס לערנט זיך ניט...

.34

נאָך די יאָנטויווים שטייען נאָך די טעג ברייטע און צעשמייכלטע, אַרומגענומען פון אַ רואיקער זון, ווי מיט צאַרטע הענט פון אַ געטרייער מאַמע. פּויערים פירן אַראָפּ פון די פעלדער וועגענער מיט אויסגעבונדענע סנאָפּעס, טרוקענעם סכאַך... נאָר אידן און ווייבער פונעם געסל היטן זיך אוים פאַר די פּויערים, פאַר זייערע בייזע בליקן, אַן אומצופרידנקייט פילט זיך אין זיי, אַן אָנגעזאַמלטער צאָרן, וואָס זוכט אַן אויסגאַנג...

די אידישע גאַסן זיינען אין די פאַרנאַכטן פול מיט פּויערים. מען שמועסט, אַז פּאָגראָמשטשיקעס פון די נאָנטע דערפער הענצן זיי אויף.

אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט זיינען מיר אויפגעציטערט געוואָרן. אַ מחנה מיט גויים און גויעס זיינען שטיין געבליבן אַפן מיטן וועג און געוומען פּאַקען מיט די פויסטן צו די אידישע קלייטן.

דאָס געסל, אַ שטילס, אַ באַטריבטס, קוקט מיט שטוינען, מיט אומפאַרשטענדלעכקייט אַף דער מענטשלעכער רישעות און בלינדקייט, אַף דעם אָטעם וואָס זעצט פון די מענטשן ווי אַ שוועבל־רויך:

— אידן האָבן אויסבאַהאַלטן דעם ווײַן, דעם צוקער און די שטאָפן אַף קליידונג! — שרייט אַ פּויערטע מיט איר דעמבענעם קול, וואָס לע־בערט דורך די הערצער פון אידישע קינדער. אַן אַנדער פּויערטע, מיט אַ שמאָל גזלניש פּנימל, אַ וועשנע בײַ רײַכע אידישע באַלעבאָסטעס, העלפט צו דער ערשטער:

— זאָלן די זשידעס אַרויסגעבן די סחורות, אַז נישט, וועלן מיר אַליין נעמען! אַ פּאָגראָם וועלן מיר מאַכן!...

דאָס וואָרט פּאָגראָם טראָגט זיך איבער דער גאַס ווי אַ בייזע דראָונג. נישטאָ כמעט צו וועמען זיך ווענדן נאָך הילף. אין שטעטל דרייען זיך אום אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן, נאָר קיינער ווייסט ניט צי זיינען זיי אי־דישע פרײַנט אָדער שונאים... די אידישע זעלבסטשוץ באַשטייט פון עט־לעכע יונגעלייט און מיידלעך. אין די אָוונטן קומען זיי צעטרייבן די פּויערים און בעטן זיך בײַ זיי מיט גוטן:

— חברים, ברידער, האַלט זיך רואיק!... בעסערע צייטן וועלן קו־מען, פאַר אייך און פאַר אונדז!..

מען לעבט אין אַ כסדרדיקער שרעק, אין אַן אומבאַשטימטער דער־וואַרטונג. אין שטוב בײַ אונדז הער איך שוין, אַז אַ גרויסע פּאָגראָם־כוואַליע גרייט זיך פאַרפלייצן בעסאַראַביע. יעדער ווייטער שאָס אין דער נאַכט, פאַרגליווערט אונדזער בלוט. אין דער ציגיינערישער גאַס שיסט מען!... אַ ווינקל פון האַס, פון סם איז דאָרטן. אויך אין די גוטע צייטן האָבן אידן זיך אויסגעהיט אין די חגאות דורכצוגיין די ציגיינערישע גאַס. שיכורע גויים וואַרפן זיך שלאָגן אידן:

— איר האָט פאַרכאַפּט אונדזער ראַסיי!... אַ טױט די אידן!...

אַלע שקאַצימלעך און שיקסלעך ווייסן שוין, אַז אידן האָבן פאַר־קויפט דאָס לאַנד צו די גערמאַנצעס...

איך מיט ריווקען קומען מיר יעדן טאָג אין דער ציגיינערישער גאַס. מיר האָבן דאָרטן קונים. אַ סך יסורים האָבן מיר פון די ציגיינערישע קינדער. שאָען־לאַנג טענהן מיר מיט זיי און גיבן זיי צו פאַרשטיין, אַז ניט מיר האָבן פאַראַטן דעם רוסישן קייסער... ביז ס׳קומען אונטער אַ פּאָר אידישע ווייבער און נעמען זיך אָן אונדזער קריוודע און צעטרייבן די כאַפּטע.

נאָר איינמאָל האָט אַ כאַפּטע קינדער זיך באַהאַלטן הינטערן יאַר און אונדז באַפאַלן אומגעריכטערהייט, אונדז פאַרצאַמט דעם וועג:

— איר, פאַרכאַטע אידן, האָט דערהרגעט אונדזער צאַר מיט דער צאַריצע... איר האָט פאַרקויפט דאָס לאַנד צו די גערמאַנצעס און דאָס געלט פאַר זיך צוגענומען...

— ס׳איז ניט אמת! — שרייען מיר. נאָר דאָס קליינוואַרג, אַ צוואַנ־ציק בערך, שטייט אַרום אונדז, פאָכעט מיט די פויסטלעך און שרייט:

— מיר דאַרפן נעמען נקמה! מירן אייך אַריינוואַרפן אין נאַזאַריעס קערניצע!...

מיין שוועסטער האָט פאַר זיי אַ גאַנצע דרשה און ענדיקט מיט זי־בערקייט:

— מיר, די אידן, צאָלן קאָנטריבוציע... מיר גייען אין דער מילחמה, מיר לײַדן מער פון אייך!... איר מאַכט פּאָגראָמען, איר הרגעט מענטשן, איר זײַנט מערדער!

— יאָ, מיר ווילן אייך הרגענען, זשידעס, איר האָט פאַרקויפט ראָסיי!..

זינט די דאָזיקע געסלעך ווערן אויפגעריסן מיט שינאה צו אידן, גייען מיר כסדר באַוואָפנטע. גייענדיק צוריק פון דער „ראַזנאָסקע", נע־מען מיר אַריין שטיינדלעך אין די אויסגעליידיקטע זעק. טאָמער רינגלען זיי אונדז אַרום, נעמען מיר פּאַכען מיט די זעק און באַשיטן זיי מיט קלעפּ.

ריוועקע טוט מיך אַ נעם לעבן זיך און ביידע, אָנטשלאָסענע, נעמען מיר פּאָכען מיט די זעק. מיר דרייען זיך אין אַ ווירבל צווישן דעם רעדל ציגיינער־אינגלעך. זיי בויגן זיך אַראָפּ צו דער ערד, בּרוּאַון אָנכאַפּן אונ־דזערע פּיס. נאָר מיר רוקן זיך אַלץ הינטערווײַלעכץ, אַלץ נענטער צו דער אידישער גאַס...

איצט, ווען די אידישע געסלעך שטייען אונטער דעם היידאַמאַקישן טעראָר, איז מען בּאַ אונדז אין שטוב גרייט אויפצונעמען יעדע נייע גע־שעעניש און זיך ניט פאַרלירן...

פונדעסטוועגן, פאַלן מיר אַריין אין אַ פּאַניק, ווען אַ שכנה קומט צו וויסן טון:

— ראַצע, מאַכט די בינטלעך, מירן אַנטלויפן... מען זאָגט... אוי ווי, ווי...

יעדער פרעמדער מענטש רופט בּאַ אונדז אַרויס אומצוטרוי און פּחד.

אָט אין אַזאַ פּחד בין איך אַריינגעפאַלן, ווען עס האָט זיך געעפנט די הינטערטיר פון אונדזער בעקערייַ און עס איז אַריינגעקומען... אַ מענטש פון יענער וועלט.

דאָס מאַטע פּנים מיט אַ באָרד פאַרוואַקסן און די קליידער צע־פליקטע מיט שטיקער לייב וואָס קוקן פון זיי אַרויס, האָט עפּעס געהאַט אין זיך קענטלעכעס. פונעם פּנים קוקן דאַכט זיך זכאַריעס אויגן. איך הויב אויף אַ גוואַלד:

— טאַטע, אַ טויטער איז געקומען!...

דער טאַטע לויפט צו מיר מיט די הענט אויסגעשטרעקט אָפּ פאָרויס און מיט שרעק אָפּן פּנים:

— גאָט איז מיט דיר, טאָכטער!... ס'האָט זיך דיר נאָר אויסגעדאַכט!

— אוודאי האָט זיך איר אויסגעוויזן! — לויפט צו צו אונדז דער „מת" און דאָס מילדע קול זיינס ציטערט אין דערשטיקטע טרערן:

— גאָלדעלע, זכאַריע לעבט!... רב הערש, איר דערקענט מיך אויך נישט?!

דער טאַטע שטרעקט אויס די הענט און האָט א מיד אויפגערעגט פּנים:

— וואו ביזטו ערגיץ, זכאַריע?...

איך פלי אַרויס און נעם לויפן איבער די גאַסן צו די באַקאַנטע און שריי מיט וואַנזיניקער פריידּ:

— זכאַריע איז געקומען!...

און די גרינעביימער, דער הימל, די ערד, די גאַנצע שטאָט זינגט אינעם בלוט בא מיר, פרייט זיך און העלפט שרייען:

— זכאַריע איז געקומען!...

אהיים קום איך א צעקאָכטע, א מידע און א גליקלעכע. זכאַריע זיצט שוין מיט א פריש אָפּגעראַזירט פּנים אין קיך לעבן דער גרויסער מולטער און קוקט ווי די מאַמע קלעפּט אויס מילכיקע קרעפּלעך. ער טראָגט דעם טאַטנס שבתדיקע מלבושים און שיך. פול מיט פרייד זיינען זיינע רויזן־אויגן. א פרייד קוקט ארויס פון דער מאַמעס פאַרוויינטע אויגן און פונעם טאַטנס אויסגעבלייכטן פּנים. זכאַריע נעמט מיך אריין אין זיינע הענט, קוקט מיר אין די אויגן, באַטראַכט מיך איינגאַנצן:

— ביזט שוין א גרויסע מויד, גאָלדע!... איך האָב אָבער געטראַכט, אַז דאָ האָט זיך אַלץ געמוזט ענדערן... ס'איז גאַרניט געבליבן פון דער אַמאָליקער שטוב... און דאָך זיינט איר די אייגענע וואָס אַמאָל...

קיינמאָל וועל איך דעם גליקלעכן טאָג ניט פאַרגעסן! ניט יעדער איז זוכה איבערצולעבן אזא פרייד, אזא טיפע ליבשאַפט און אָפּער ווי איך, ווי דאָס גאַנצע הויזגעזינד אונדזערס האָט איבערגעלעבט באַם צוריקגע־פינען זכאַריען!...

ער דערציילט וואו ער איז געווען און וואָס אים איז אויסגעקומען צו ליידן.

אין קאָסטיזשען, א בעסאַראַבער שטעטל, וואוהין פישל, זיין באַלע־באָס, האָט אים אָפּגעשיקט, האָט מען אים עטלעכע טעג געהאַלטן אינעם משוגעים־הויז. א גרויס הויז איז דאָס געווען, מיט קוויטיקע, אָפּגעקאַלו־פּעטע און ווייסטע ווענט. ווילדע און צעיושעטע משוגעים האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט, זיך געשלאָגן און געביסן, געריסן שטיקער איינער פונעם צווייטן.

נאָכן צווייטן שטאַרקן נערוון־אָנפאַל, איז זכאַריע צו זיך געקומען און האָט באַנומען דעם גאַנצן ביטערן מצב זיינעם. ער פלעגט זיך אויס־באַהאַלטן, זיך פאַרשטעקן אין א ווינקל, כדי ניט צו בלייבן אָן א נאָז, אָן אן אויער אָדער אָן די האָר אָפן קאָפּ, ווי זיינע אומגליקלעכע שכנים.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען אים איבערגעשיקט קיין קעשע־נעוו, אין א גרויסן משוגעים־הויז, וואו די קראַנקע זיינען צעטיילט לויט זייער גראַד קראַנקייט. געווען זיינען שוין דאָרט בעטן מיט שטרויענע מאַטראַצן. נאָר איין איד איז ער, איין געזונטער איד צווישן א גרויסער צאָל קראַנקע גויים.

די גויים זיינען טאַקע משוגעים, נאָר אַף אידן רייצט מען זיי דאָרט. און זייער שינאה צו אידן איז אויך ווילדער, משוגענער:

— איר אידן, ווילט צונעמען אונדזערע פעלדער, אונדזערע ווייבער און קינדער!

און אַז אַזאַ משוגענער האָט זיך אַ וואָרף געטון אַף דעם איינציקן אידן, איז עס געווען נאָר אַף דורס צו זיין, אויפצועסן אים לעבעדי־קערהייט.

די „הייליקע שוועסטער", דער גלח, וואָס קומען טרייסטן די קראַנקע, האָבן צוגעזאָלצן, געהעצט די קראַנקע מוחות:

— די אידן האָבן אונדזער משיחן, יעזוסן אומגעבראַכט, זיי ווילן ניט אָנערקענען דעם הייליקן סאַקראַמענט, דעם צאַר באַטיושקאַ, זיי זיי־נען דעריבער אויך אייערע שונאים...

און זיי אַליין, די הייליקע שוועסטער, זיינען זיך די ערשטע נוקם אין דעם אידן, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. דער „זופּ", וואָס זיי דערלאַנגען אים, איז נאָך מאָגערער ווי פאַר די קריסטן, די מילך — וואַסערדיק און אָן צוקער, דאָס ברויט האַרטער...

ער זעט שוין, אַז קיין לעבעדיקער וועט ער פון זייערע הענט ניט אַרויס, מאַכט ער זיך תמעוואַטע, שלעפּט שטרויעלעך פון זיין מאַטראַץ און פּלעכט פון זיי צלמלעך... די מאָנאַשקעס קוועלן אָן און הייבן אים אָן צוזען, פּילנעווען... זיי הויבן אָן צושטיין צו אים:

— זאַכאַר, דו וועסט געזונט ווערן, מוזטו אָנעמען דעם פּראַוואָס־לאַוונעם גלויבן!...

— יאָ, מיינע הייליקייטן!...

— וועסט בלייבן אַן אייביקער קריסט, מירן אַרויסראַטעווען דיין נשמה פונעם טייוולס הענט...

דער דאָקטער האָט אים שוין אויסגעשריבן, נאָר זיי היטן יעדן שפּאַן זיינעם, גיבן אים ניט אָפּ די מלבושים:

— זאַכאַר, מיר גרייטן זיך צו מאַכן דיך פאַר אַ קריסט!... נייע מל־בושים וועסטו האָבן, געלט, אַ שטעלע באַם באַטיושקאַ!...

קיין אייגענעם גראַשן האָט זכאַריע ניט געהאַט און זיי האָבן אים קיין שטיקל פּאַפּיר ניט געוואָלט געבן און קיין קאָנווערט אוועקצושיקן אַ בריוו צו אונדז, מען זאָל אים העלפן אַנטלויפן פון דאָרט. איינמאָל אין אַ שבת אַפּדערנאַכט איז אינעם שפּיטאָל געוואָרן אַ רעש, די גלעקער האָבן זיך צעקלונגען יאָנטעוודיקער ווי אַלעמאָל, אַ געזאַנג האָט זיך צו אים דערטראָגן. צוויי הייליקע שוועסטער, וואָס האָבן זיך געריסן פאַר דער מיצווה צו זיין זכאַריעס אונטערפירערקעס צום שמד, זיינען געקו־מען צו לויפן מיט אַ פרייד:

— מאָרגן, זאַכאַר, איז דער טאָג פון די הייליקע פּעטער און פּאַוועל, זאָלסטו זיך גרייטן אָנעמען דעם נאָמען פון דעם הייליקן פּאַוועל, וואָס איז אויך געווען אַ איד און איז געוואָרן אַ קריסט...

זכאַריע כאַפּט זיך אין וואָס פאַר אַ פּאַסטקע ער האָט זיך אַליין אַריינגערוקט. וועט ער זיך אָפּזאָגן פונעם שמד, זאָגט ער זיך אויך אָפּ פון דער ליכטיקער שיין; די „הייליקייטן" וועלן אים שוין מאַכן פאַר משוגע, וועלן אים פאַרשפּאַרן אין אַן איינצל־קאַמער און דאָרט וועט שוין זיין זיין טויט!... און אין דער אייגענער נאַכט האָט זכאַריע, איבערגעטון אין אַ וועכטערס אַן אָנצוג, אריבער דעם פּלויט און איז אַנטלאָפן...

אין די וועלדער האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן און דאָרפישע קינדער, וואָס קומען אין וואַלד יאַגדעס קלייבן, האָבן אים געבראַכט שטיקלעך ברויט און דערמיט האָט ער זיך געשפּייזט. ער האָט אָבער מורא די קינדער זאָלן ניט צעטראָגן דאָס נייס, אַז אַ מענטש באַהאַלט זיך אוים אין וואַלד און ער האָט זיך גענומען שלעפּן איבער דערפלעך און שטעטלעך, טאַקע אַ ווילדער, אַ פאַרוואַקסענער. מחנות קינדער זיינען אים נאָכגעלאָפן, מיט שטיינער באַוואָרפן, פאַר די צעריסענע פּאָלעס געצופּט און מיט פרייד און פּחד אין די אויגן אים נאָכגעשריגן:

— ניבון!... משוגענער!...

און אַזוי האָט ער זיך דערשלאָגן צו אונדז.

איצט אַרבעט זכאַריע ווידער באַ פּישלען, דער טאַטע וויל ניט קיין נייע שונאים... זכאַריע, אָבער, האָט זיך ווידער צוגעבונדן צו אונדזער שטוב. יעדע פרייע שעה, אין די פרייטיק צו נאַכטסן און שבתים, איז ער מיט אונדז.

דער טאַטע איז געוואָרן געמיטלעכער און האָט באַקומען אַ נייעם אינהאַלט אינזיין געבראַכן לעבן. קומט די שעה ווען זכאַריע קומט געוויינלעך צו אונדז, שפּאַנט שוין דער טאַטע איבער דער שטוב אַן אומגעדולדיקער און אַלץ איז באַ אים אָנגעשפּיצט, די אויגן, די אויערן און דאָס גרוי־געוואָרענע בערדל, ווילן אויפכאַפּן זכאַריעס שפּאַן. ווי צוויי פאַרליבטע, ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך אַ סך זאַכן אויסצודערציילן, זיצן זיי ביידע אין אַ ווינקל פון דער בעקעריי, קיינער זאָל זיי ניט שטערן, אָדער באַ דער וואַרימער פּריזבע פונעם אויוון און שמועסן. שטילע און האַרציקע, פאַרטרויליכע זענען זיי אוים, לויטערע, ווי צוויי אויסגעפּרואווטע פריינט, וועמען די ליידן, דער אומגליק האָט ווידער צונויפגעבראַכט אַף איין וועג...

35.

דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן פריער ווי מען האָט אים דערוואַרט. די פרעסט און די קעלטן זיינען ווייסע און שיינענדיקע שאַרפע, קריכן אין דער נשמה. אָרימעלייט פון די הינטערגעסלעך פילן זיך דאָך ווירדיקער און מענטשלעכער ווי זיי האָבן זיך געפילט אין די פריערדיקע ווינטערס, ווען די קעלט האָט זיי אויפגעגעסן. מען זעט שוין ניט ווי

אַמאָל אַן עלטערע אידענע אָדער אַ אידן, אַ פאַרשעמטן, אַ בלויען פון קעלט, שטיין מיט דעם קלומעקל האָלץ אַף די פּלייצעס לעבן אַ פאַרהאַקטער נגידישער טיר און וואַרטן אין הכנעה ביז די דינסט אָדער די בייזע באַלעבאָסטע אַליין וועט אים אַ טרוקן שטיקעלע האָלץ, די קיצווה, אַרויסברענגען. אַ גרופּע מיידלעך און אינגלעך פונעם אַרבעטער־קאָמיטעט, אָנגעפירט פון דער שניידערן פאַיע קאַצאַפּ, האָבן געזאָרגט פאַר די אָרימעלייט, זיי צוגעשטעלט באַהייצונג און אויך אַלטע וועש און קליידער...

פאַיע קומט איינמאָל אַריין צו אונדז אַ פאַרפלאַמטע, מיט אַ רויטער אָנגעברענטער נאָז פונעם פראָסט:

— רב הערש, — רופט זי זיך אָן צום טאַטן און שרייבט שוין עפּעס אַריין אין איר נאָטיץ־ביכל. — מיר גייען איצט אום פון שטוב צו שטוב, מיר פאַרשרייבן מיטגלידער און נעמען אויף גרעסערע בייסטייערונגען, ניט חלילה קיין נדבות, מיר האָבן אונטערגענומען אַ גרויסע אַרבעט... דערווייל, פאַרשטייט זיך, זיינען מיר אויסגעשטעלט אַף אייער גוטן ווילן, אַף דער פרייוויליקער הילף...

דעם טאַטן געפעלט עס. ער איז ברייטגיביק.

מיין טאַטע איז ניט נאָר ברייטער, נאָר אויך העכער געוואָרן. ער, וואָס האָט זיך ווי אַראָפּגעזעצט, ווי אין דער ערד איינגעוואַקסן, זינט ער איז בלינד געוואָרן און זיך דערפילט אַלס איבעריקער, גייט איצט מיט מיר איבער דער פּראָסטיקער גאַס, מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ, אַ גלייכער, אַ יאָנטעוודיקער. איך פיל ווי זיין רעכטע האַנט, באַ וועלכער איך פיר אים, טוט מיך אַלעמאָל אַ שלעפּ פאָרויס און מאַכט אַלץ ברייטערע שפּאַן, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט איבערלאָזן און זיך אַליין אַ וועג דורכברעכן. מיר דאַכט זיך ער נעמט אונטערברומען אַן אַלטן ניגון און מיט פרייד גיט ער צו:

— קום גיכער, טאָכטער מיינע!... מענטשן האָבן מיך געשיקט רופן... אפשר וועל איך עמיצן קענען נוצן ברענגען... אפשר וועל איך מער ניט דאַרפן זיצן און עסן אייער ברויט, ווי אַ פּאַראַזיט!... גליקלעך, מיין קינד, זיינען די מענטשן, וואָס האָבן דעם זכות באַ גאָט מיטצוהעלפן בויען אַ נייע וועלט, אַ ליכטיקע און אַ שיינע!...

איך האָב אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן פירקאַנטיקן זאַל, אַ ליכטיקן און אַ וואַרימען. די קאַנצעלאַריע פונעם אַרבעטער־קאָמיטעט. געפילט האָט זיך דאָרט אַ צערודערונג, אַן אומבאַשטימטקייט. אָקעגנגעגאַנגען זיינען דעם טאַטן עטלעכע סאָלדאַטן אין אַלטע גרינע שינעלן, מיט די ביקסן אַף די אַקסלען און עטלעכע באַקאַנטע מיידלעך פונעם שטעטל, אַלע מיט רויטע בענדער אַרום די אָרעמס און מיט שטאָלצע פאַרהויבענע קעפּ.

פאַיע קאַצאַפּ האָט אַ כאַפּ געטון דעם טאַטן אונטערן רעכטן אָרעם און אים אַוועקגעזעצט אַף אַ שטול באַם שרייבטיש, אַ באַלייגטן מיט ביכער און בראָשורן און האָט האַסטיק אַריינגעטיינעט אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען שטאַרק דורכדרינגלעך:

— חבר טשאַרנאָפּוי, מיר, די גאַנצע קאָמיסיע, האָבן אייך אַהער־גערופן. איר וועט מוזן אַנטשיידן דעם גורל פון עטלעכע „בעזשענצעס". לויט זייער שפּראַך, וואָס מיר פאַרשטייען ניט, מוזן זיי זיין טערקן. מיר ווייסן ניט פונוואַנען זיי קומען און וואוהין זיי ווילן גיין...

לעבן א וואַנט, אַפן פּאָל, זיינען געזעסן ניינצן מענטשן, אַכצן מע־נער און איין פרוי. חושכדיק און דערשראָקן זיינען זיי געזעסן, די פּנימער פון ווינט און פון פראָסט אַנגעשמיסן, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט שווייגנ־דיק אין טיפן עלנט און א גרעניצלאָזער געבעט האָט געוויט פון זייערע מידע בליקן.

דער טאַטע האָט אויפגעכאַפּט א פּאָר ווערטער זייערע און האָט זיך האַסטיק געגעבן א הייב אויף. אַפן פּנים האָט זיך באַ אים באַוויזן אַן איבערמענטשלעכע פרייד. מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט אַף פאָרויס, האָט ער ציטערדיק און אומגעדולדיק כמעט ווי אויסגעשריגן צו זיי עפּעס אין טערקיש. א שטילער פריידיקער געפּליסטער האָט זיך צווישן זיי דורכ־געטראָגן. באַ דער פרוי, וואָס האָט אויסגעזען א דערשלאָגענע, א מידע, האָבן זיך באַוויזן טרערן אין אירע שמאָלע ברוינע אויגן. און אָט זיצט שוין דער טאַטע אַפן פּאָל לעבן די טערקן און פרייד און ברידערלעכקייט און נאָנטקייט פילט זיך אַרויס פון יעדן וואָרט זייערן, פון יעדער באַווע־גונג, פון יעדן צופרידענעם שמייכל אַף זייערע טרויעריקע פּנימער.

פּאַיע קאַצאַפּ שטייט פון ווייטנס, פאַרלייגט די הענט אַפן בויך און מיט פאַרטרערטע אויגן, ווענדט זי זיך צו די סאָלדאַטן אַרום איר:

— זעט, חברים, ווי א שפּראַך קען פאַרברידערן מענטשן פון גאָר פרעמדע פעלקער! זעט ווי גליקלעך און דערהויבן עס פילט זיך דער חבר טשאַרנאָפּוי! נישטאָ, זאָג איך אייך, קיין פרעמדע! אַלע מענטשן זיינען זיך אייגן!... אונדז פעלט נאָר מיר זאָלן דאָס ווייסן!...

די טערקן האָבן זיך צערעדט, גענומען זשעסטיקולירן מיט די הענט, איבעריאָגן איינער דעם צווייטן מיטן דערציילן... און נאָר די צעפליקטע מלבושים זייערע, די אַלטע טורבאַנעס אַף די קעפּ, די טרוקענע פּאַסטע־לעס אַף די פיס, האָבן זיך מאָדנע אויסגעטיילט פון דער אַרומיקער מענ־טשלעכער דערהויבנקייט, פון דער העלער צעגרינטער שיין, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון די גרויסע גרינע אַבאַזשורן איבער די לאָמפּן און פון די פּאַטעטישע, אין פראָסט אַנגעטועגע גרויסע ווייסע פענצטער.

— חברים! — רופט זיך אָן דער טאַטע מיט א וואַרימקייט אין קול, געריהרט פון גרעניצלאָזער ליבשאַפט צו זיינע נייע פריינט. — די דאָ־זיקע מענטשן, די בעזשענצעס, זיינען אַרנטלעכע, איך בין ערוב פאַר זיי. זיי זיינען אַנטלאָפן פון רומעניע, פון גאַלאַץ, וואו זיי האָבן געהאַט קאָנ־דיטערייען און די מאכט האָט קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן און זיי בדלות געשטעלט...

דער רינג פון די סאָלדאַטן מיט די מיידלעך אַרום טאַטן ווערט אַלץ ענגער און צודרינגלעכער. פּאַיע קאַצאַפּ פאַרשרייבט דעם טאַטנס דער־

קלערונגען אין אַ גרויסן בוך און דער טאַטע לייגט אַף אים אַרויף דעם גראָבן פינגער, איינגעטונקען אין טינט, אַ חתימה.

— וואו, חברים, טוט מען זיי אַהין? — פרעגט פּאַיע מיט יסורים.

— די קאַסע אונדזערע איז ליידיק, קיין קרעדיט האָבן מיר ניט, און דאָ איז ווינטער!...

דער טאַטע טוט זיך האַסטיק אַ דריי אוים מיטן פּנים צו איר און אַ מילדע שיין, אַ ניצחון, באַדעקט זיין אויפגעלעבט פּנים:

— פּאַיע, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער!... הערש טשאַרנאָפּוי האָט די שיין פון די אויגן פאַרלוירן, אָבער חלילה ניט דעם פאַרשטאַנד און די מענטשלעכקייט! איך נעם זיי אַלע צו מיר אַהיים!...

דער טאַטע האָט מיט אַן אמת אויפגעלעבט. ער איז כסדר צערעשט, גיט אַרום באַפעלן די טעכטער זיינע, לערנט זיי ווי צו זיין מענטשלעך און געטריי צו זיינע נייע פריינט.

צוליב זיי האָט ער זיך נייע שונאים איינגעקויפט.

די טערקן האָבן גענומען אַרויסגיין אין גאַס, זוכן עפּעס צו פאַר־דינען. טייל האָבן געפונען אַרבעט באַ פּרעמיסלאָוון אין דער אייל־פאַב־ריק, טייל האָבן גענומען טראָגן וואַסער צו רייכע באַלעבאָסטעס אָדער האַקן האָלץ באַ די רייכע האָלץ־סוחרים. אַהיימקומען פלעגן זיי שטילע, דערשלאָגענע און פאַרשעמטע, דורכגענומען מיט קעלט און מיט טיפן אַנגסט.

פון די געשפּרעכן וואָס דער טאַטע האָט מיט זיי געפירט אין טער־קיש, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אומנאָרמאַלעס קומט פאָר אין זייער אַרבעט, אין זייער פינצטער לעבן. איינער פון די טערקן, אַ הויכער, אַ טונקלהויטיקער, מיט שוואַרצע געדיכטע ברעמען און קויל־שוואַרצע, דורכדרינגלעכע אויגן, זיפצט כסדר און קוקט מיט ווייטיק אַף דער צע־בלאַטערטער הויט פון זיינע הענט, וואָס זיינען ניט צוגעוואוינט צו אַזאַ שווערער האָרעוואַניע, ער גייט אַראָפּ פונעם וואַרימען אויוון, וואו ער שלאָפט, און שפּאַנט אום איבער דער בעקריי. אויך דער טאַטע שלאָפט ניט גאַנצע נעכט, זיצט אַף דער פריזבע באַם אויוון און רעדט מיט זיינע פריינט, ליידט מיט זיי.

איינמאָל הער איך, ווי דער טאַטע רעדט צו זכאַריען, וועלכער זיצט אַף אַ זאַק מעל אינעם ליקל צווישן אויוון:

— ס'איז סדום! ס'איז קיין וועלט ניט, זכאַריע! די טערקן דער־ציילן מיר, אַז מען האָט זיי צוגעזאָגט פיר קאַרבן פאַר צעהאַקן אַ סטערטע האָלץ, אַרבעט אַף צוויי טעג. אַרבעטן זיי באַ איר שוין באַלד אַ וואָך און יעדן אינדערפרי טרעפן זיי די סטערטע אַ גרעסערע.

זכאַריע איז בלייך געוואָרן:

— רב הערש, מען דאַרף דאָס אויפקלערן!... אַ איד אַ פּראָצענטניק, מעג אויך האָבן גאָט אין האַרצן!...

— פאַרלאָז דיך נאָר אַף מיר, מיין זון! — רעדט דער טאַטע מיט

אַ צעשמייכלט פּנים. — איך האָב זיי געהייסן איבערציילן די דרענגער נאָכדעם ווי זיי ענדיקן די אַרבעט און דאָס אייגענע ווידער איבערפּרי און געהייסן אים שיקן צו מיר, דעם שיינעם באַלעבאָס, דעם גאָטס גנב, אַ רוח אין זיינע טרייפענע יאָרן!...

אין דעם לויפט אַריין אַ קליין אידל, אַ בייכיקס, מיט אַ שוואַרצער ליסטרינענער קאַפּאָטע, אַ צעפּלויגענער, אַ בייזער. דאָס ברייטע בערדל זיינס, די באַנומענע הענט, די גרויע אויפגעבליצטע אויגן, טוען אַ פּלי דעם טאַטן אין פּנים אַריין, אים דורס צו זיין:

— איר, רב הערש, זענט באַ מיר ערגער פונעם ערגסטן גוי! — שרייט ער מיט רוגזה. — גאָט, זע איך, ווייסט וואָס ער האָט צו טון!... אַזוינע חברה — טוט ער אַ גאַליקן לאַך און זיין בלייך באַבערדלט ווייבעריש פּנים איז אָנגעשטעלט אַקעגן דעם טאַטנס אויפגעריסענע אויגן, — אַזוינע חברה דאַרפן זיין ניט נאָר בלינד, נאָר אויך שטום!...

— ווי שעמט איר אייך ניט, רב בערל, — שרייט דער טאַטע אַפן הויכן קול און די הענט זיינע ציטערן — אַרויסצורייסן דעם ביסן ברויט, דאָס שטיקל מאַמעליגע באַ אַזוינע אָרימע מענטשן, באַ די אומגליקלעכסטע צווישן אונדז?!...

דער איד דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום טאַטן, טוט אַ פּאָכע מיט דעם רעכטן פויסט אינדערלופטן און פליט אַרויס פון דער בעקעריי ווי אַ וויכער.

— איך וועל אייך רופן צווישן מענטשן! — שרייט ער שוין פון יענער זייט טיר. — אַ וועלט איז נאָך ניט הפקר!... און אַזאַ אָ איינער מעג שוין גיין זיצן אין הקדש!...

איך פיר באַלד אַוועק דעם טאַטן אין דער אַרבעטער־ביוראָ. באַם גרויסן שרייבטיש, צווישן עטלעכע מיידלעך מיט רויטע בענדער אַף די אָרעמס, דערציילט דער טאַטע וואָס ס׳האָט פּאַסירט און רופט אויס:

— ברענגט אים אַהער, דעם כוליגאַן... און זאָל ער אָפּגעבן דין וחשבון. ניט מיין אייגענע קריוודע, ווי איך בין אַ איד, בין איך געקומען צו אייך פּאַרטיידיקן, נאָר מאָנען יושר... ווי רייסט מען דאָס אַרויס דעם ביסן ברויט באַ אַזוינע געפּאַלענע מענטשן!... ס׳איז אַ גראַביעזש!...

— גייט אַהיים געזונטערהייט, רב הערש! — רופט זיך אָן פּאַיע. — איר זענט באַ אונדז באַגלייבט... מירן שוין מאַכן די געהעריקע ספּראַווע... קיין איין גראָשן וועט דער כיטראַק ניט צונעמען באַ די אַרבעטער!...

אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. דער האָלץ־סוחר האָט געמוזט באַצאָלן די טערקן ניט נאָר פאַר דער סטערטע, ווי ער האָט זיך מיט זיי באַדונגען, נאָר פונעם פוד, ווי די ביוראָ האָט אים געצוואונגען. נאָר די שינאה צום טאַטן צווישן זיינע שכנים האָט זיך צעפלאַקערט נאָך מער ווי אַמאָל. אין די שבתים, ווען איך פלעג אים פירן אין שיל צום דאַווענען, פלעג איך הערן:

— אָט גייט ער שוין גאָט בעטן, דער מסור! אַ חולשה אים, גאָ־טעניו, אין זיינעביינער!...

איינמאָל, ווען דער טאַטע כאַפּט אויף אַזאַ קללה, טוט ער אַ פאַרהייב דעם קאָפּ און טוט מיך אַן אומרואיקן צי צו זיך:

— קום, טאָכטער מיינע, אַוועק פון דעם דאָזיקן אַפּטריט!... איצט בין איך שוין ניט מער אַליין, די גערעכטיקייט וואָס קומט אַף דער וועלט, איז אויך מיינע, אויך דיינע, מיין קינד, זי איז אַלעמענס!...

דער טאַטע פילט זיך שוין באמת ווי אַן איינגענער מיט דער אַרבעטס־ביוראָ. ער נעמט זיי אויף מיט אַ שיינענדיקן פּנים ווען זיי קומען צו אים נאָך אַ ביישטייער. איינמאָל רופט ער זיך אָן צו פּאַיע קאַצאַפּ:

— דו פּאַיע, דאַרפסט גוט אַכטונג געבן וועמען אַריינצונעמען אין דער קאָמיסיע... ס'איז ניט קיין שפּילעכל, פּאַיע, אַ וועלט איבערצובויען... אָן אחריות וועט די גאַנצע זאַך זיך צעפאַלן, אַף כּפּרות וועט טויגן די אַר־בעט אייערע!... — איי, איי, — טוט ער זיך אַ צעהוידע און דאָס קול זיינס ציטערט, — אַ סך ווילדגראָז, פּרעדסיעדאַטעלניצע מיינע, וועט מען נאָך דאַרפן אויסיעטן!... שפּילסט דיך, מיין קינד, אַף וואָס געמיינע מענטשן זיינען פּעיק!... אָך, ווען איך זע איצט די שיין אַף מיינע אויגן!...

אין אַ גרויען אָפּדערנאַכט, ווען דער פּראָסט האָט איימעדיק גע־קנאַקט איבערן געסל, קלאַפּט מען אָן אין טיר פון דער קלייט. צוויי יונגע־לייט, אָנגעשטעלטע פון אַ יעדיניצער קראָם, קומען אַריין. איינער פון זיי איז אַ זון פון אַרעלע מאַנאַליעס, דעם צעדרייטן ברינדזע־סוחר. ער איז איצט פאָרזיצער פון דער אַרבעטער־ביוראָ. אַ פעטלייביקער עטלעכע און צוואַנציק־יעריקער בחור, אַן אומרואיקער, מיט אַ ברייט ווייבעריש פּנים.

— חבר טשאָרנאָפּוי! — רעדט ער האַסטיק און אומרואיק אָפּן שטייגער פון דער צעדרייטער מאַנאַליע־מישפּחה, — מען האָט אונדז צו־געשיקט פון בריטשאַן צוואַנציק סאָלדאַטן, וואָס גייען מאָרגן אָפּ קיין בעלדז... מיר מוזן זיי געבן אָפּצועסן און אויך מיטגעבן אָפּן וועג אַביסל שפּייז... די קאַסע אונדזערע איז פולשטענדיק ליידיק...

— איז וואָס אַ שטייגער, קען איך טון פאַר זיי? — פרעגט דער טאַטע שטיל און יסורימדיק.

— דריי פוד ברויט מוזן מיר האָבן! — רופט זיך אָן דער אַנדערער בחור. — און דאָס ערשטע געלט וואָס וועט אַריינקומען, וועט זיין פאַר אייערטוועגן, רב הערש!...

— איך האָב מיט זיך אַ קוויטאַנציע צום אונטערשרייבן. — כאַפּט אונטער מאַנאָליסעם בחור. — איך בין פּרעדסיעדאַטעל און מיין זשירע איז גילטיק!...

דער טאַטע איז אינגאַנצן געווירט, ער זשעסטיקולירט מיט די הענט:

— גאָט באַוואַר!... וואָס הייסט איך וועל באַ דיר נעמען אַן אונ־טערשריפט!... וואָס זשע, מיר לעבן דען אין סדום?.. מענטשן, יונגעלייט

גייען זיך שלאָגן פאַר אונדזערטוועגן, וועלן מיר זיך גיין רעכענען מיט זיי?! פע!...

די מאַמע, פונדעסטוועגן איז פּראַקטישער; זי וועגט זיי אָפּ דריי פונט ברויט און שטופּט דאָס אַריין אין צוויי זעק; זי פאַרגעסט אָבער ניט צו־צונעמען דאָס קוויטל מיט דעם שטעמפּל פונעם אַרבעטער־קאָמיטעט און מיט דער צעדרייטער אונטערשריפט פונעם פאָרזיצער.

.36

ווידער קלאַפּן באַ אונדז אין די טירן און אין די מיט פּראָסט באַ־קליידטע פענצטער שאַרפע און שנייאיקע ווינטן און וואָיען אַריין דורך די שמאָלע שפּאַרעס מיט שאַרפער קעלט און שלעכטע בשורות. מיט אַ צע־רודערט קול טענהט די מאַמע:

— הערש, איך הער זאָגן, אַז די רייכע באַלעבאַטים שיקן אַוועק פון דער היים די מיידלעך זייערע און אויך די ווייבער... זיי ריכטן זיך דאָ, ווייזט אויס, אָף פּאָגראָמען... די אידישע זעלבסטשוץ איז ווערט אַן אויס־געבלאָזן איי... רוסענער און גולענער גוים, די כוליגאַנעס, וועלן זיך, די שעה זאָל ניט זיין, ספּראַווען מיט איר און מיט אונדז אַלעמען אין איין שמע ישראל...

דער טאַטע שפּיצט אָן די אויערן און ווערט בלייך:

— רעד ניט, ראַצע, ווי אַ אידענע... די סאָציאַליסטן פון די גרויסע שטעט וועלן צושיקן אַהער סאָלדאַטן און מען וועט צעקלאַפּן די כוליגאַ־נעס, אַז אַ רויך וועט גיין!...

די מאַמע שווייגט. אַ שוויינגנדיקער פּיין קוקט אַראָפּ פון די אומ־רואיקע פּנימער באַ אונדזערע שכנים. מיט אַנגסטלעכע, אומצוטרויִלעכע בליקן קוקן זיי נאָך די עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס האַלטן זיך אין די גוואישע הינטערגעסלעך און קיינער ווייסט ניט צו וועמען זיי געהערן און צוליב וואָס זיי גייען דאָ אום פאַרביסענע, פאַרשלאָסענע אין זיך, איבער דער מאַרק־גאַס און נישטערן שטומערהייט... קיינער ווייסט נישט, צי זיינען זיי אידישע שונאים אָדער פריינט...

עס קומט אַריין פייע קאַצאַפּ, אַ שטילע, אַן אויפגערוימטע, פון איר ווינטערדיקן זשאַקעטל טראָגט זיך אַ פראָסטיקע קעלט און אַ טיפער אומרו. זי שטעלט זיך אַריין אינעם ווינקל לעבן דער פריזבע פון אויוון און רעדט צום טאַטן, צו דער מאַמען:

— דאָס ביסל סאָלדאַטן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, האָבן פּעטליו־רעס ריח... ווען נאָר מיר באַדאַרפן זיי, זיינען זיי אין דער ערד מיטן קאָפּ... נישטאָ און פאַרטיק... מיר מוזן זיך אָבער מאַכן צום נאַר, מען קען איצט מיט זיי ניט טשעפּען... זאָל אונדז נאָר אָנקומען די אָפּטיילונג סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר, — טוט זי אַ פריידיקן שמייכל — וועלן מיר

שוין כוח האָבן אַ נעם צו טון אַפּן צימבל די דאָזיקע טונקעלע פאַרשווינדלעך... עפּעס קומען איצט צופיל שליטנס מיט גויים פון גולען!...

באַנאַכט זיצן טאַטע־מאַמע אַף דער פּריזבע און שווייגן. דער אַכטער לאָמפּ ברענט שטיל און מאָרעשכוירעדיק און די בעקעריי איז פול מיט צערודערונג און דערוואַרטונג. אינדעם דערהערט זיך אַ קנאַלן פון ביקסן און אַ געלויף פון מענטשן דורך אונדזער ליק:

— הרגעט אידן און ראַטעוועט רוסלאַנד!.. אַ פּאָגראָם אַף די וואָרבערניקעס!...

דער טאַטע שטרעקט אויס ביידע הענט, ציטערדיקע, וואָס טרעפן כסדר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דאָס פּנים, מיט דעם אויפגעשווידערטן בערדל און די גרויס געוואָרענע בלינדע אויגן, אַלע זיינע חושים, זיינען אָנגעשטעלט צו דער טיר:

— גאָט איז מיט אייך, קינדער מיינע, ראַצע, וואו ביזטו ערגיץ? קומט אַלע אַהער צו מיר, לעבן טאַטן!... אָט אָ דאָ!...

און די מאַמע מיט אַלע קינדער, ווי אַ קוואָטשקע מיט די הינדעלעך, שטופּן זיך אַרום טאַטן און מען שוויגט אַנגסטלעך. נאָר איטעלע, די שוואַכינקע, גראָבט איין דאָס פּנים אין דער מאַמעס ברוסט און אירע בלויע פיינפולע אויגן זיינען פול מיט טרערן.

— וויין ניט, טעכטערל, — גלעט די מאַמע אירע בלאָנדע קרויזן, וואָס נעמען אַרום איר פּנים פון אַ דערוואַקסענעם, — גאָט וועט זיך מרחם זיין איבער אונדז!...

גאַנץ פרי, שטייט דאָס געסל אַ ליידיקס, אַן אויסגעשעפּטס. דער שניי איז שוואַרץ און צעטראָטן. די שטעלן אין מאַרק זיינען איבערגעדרייט מיט די פּיס אַרויף און עטלעכע אידישע קלייטן שטייען מיט אויפגעבראָכענע טירן און פענצטער.

באַ אונדז אין קלייט איז קאַלט און פּוסט ווי אַף אַ בייסוילעם. די ראַפּטן אָן ברויט און אָן לעבן. מיט אַ לעבנסלאָז פּנימל קומט אַרויס פון שטוב איטעלע און קוקט אַף מיר מיט בלויע צעוויינטע אויגן, בעט שוץ. זי שאַרט זיך שרעקעוודיק באַם פאַרקויף־טיש אין דרויסן אַרויס און לויערט מיט אירע גרויסע אויגן איבערן געסל. אין דער מינוט פליט פאַרביי אַ רייטער און פאָכעט מיט דער אַנטבלויזטער בלענדנדיקער שווערד אינדערלופטן:

— הרגע אידן און ראַטעווע רוסלאַנד!...

איטעלע בלייבט שטיין אַ צוגעדריקטע צו דער אייז־קאַלטער טיר. דער רייטער טוט זיך אַ לאָז צו איר, פאַרמעסט זיך מיט דער שווערד... דאָס קינד האַלט אַף אים די בלויע, מיט פּיין אָנגעפילטע אויגן, אינסטינקטיוו גיט זי זיך אַ בויג איין און די שווערד שלאָגט זיך אָן אָן דער האַלבאָפענער טיר.

דאָס קוקן דעם טויט גלייך אין פּנים, האָט אונדזער איטעלען נאָך מער צעבראָכן. וויפל מאָל זי דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס, וויפל מאָל

די פענצטער מיט די טירן פון אונדזער אַלטער שטוב ווערן אויפגעטרייסלט פון עפּעס אַן אויפריים הינטערן שטעטל, ווערט זי אַן אויפגעצאַפּלטע, לויפט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און באַנעצט זיך דאָרט.

די קאַלטע לאַנגע ווינטער־נעכט זיינען ליכטיקע און אומהיימלעכע, פול מיט אומזיכערקייט און שוידער. אידישע הייזער שטייען שטיל און פאַריתומט, באַדעקט מיט קופּעס שניי און טויטלעכער פּיין, ווי געבונדענע אָקסן, וואָס וואַרטן אויף דער שחיטה...

די אידישע זעלבסטשוץ רוט ניט. גרופּעס אינגלעך און מיידלעך מיט ביקסן אויף די פּלייצעס, מיט העק און שטיקער אייזן אין די הענט, שטייען דורך די נעכט בײַ די וועגן, וואו עס ציען זיך מחנות פּויערים און פּויערטעס אין שטעטל אַריין.

אין אַן אָפּדערנאַכט, קומט אַריין צו אונדז פּאַיע קאַצאַפּ, אין אַ קורצער לעדערנער קורטקע, מיט אַ שוואַרצער קוטשמע אויפן קאָפּ, אַ קליינער רעוואָלווער שטעקט אינעם לעדערנעם גאַרטל אַרום דער טאַליע. דאָס פּנים איז בײַ איר צעפלאַמט, די אויגן פינקלען מיט פרייד און מיט ווירדע. די מאַמע און ביידע עלטערע שוועסטער שטייען אַרום איר און דער טאַטע האַלט אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע און פרעגט אומרואיק:

— וואָס הערט זיך, פּאַיע, אין גאַס? וואָס זשע, אַ וועלט איז טאַקע הפקר? צו די מענטשן, די גויים זיינען משוגע געוואָרן?...

זי שטופּט אַריין ביידע הענט אין די קעשענעס פון דער קורטקע, פאַרהייבט דעם קאָפּ און שטעלט אַן די בלויע פאַרפרוירענע נאָז אַפן טאַטן:

— רב הערש, די קאָמיסיע אונדזערע האָט באַשטימט צו נעמען אין יעדער מישפּחה איין מענטשן פאַר דער זעלבסטשוץ. אַזוי ווי איר קענט ניט גיין, מוזט איר אונדז געבן איינע פון אייערע מיידן! נישקשה, — טוט פּאַיע אַ קלאַפּ מיין ריוועקן איבערן רעכטן אַקסל, — כאַפּן אַ פליק אין דער מאָרדע פון איר הענטעלע, קען מען אויך זען די באָבע פון יענער וועלט...

— איך, טאַטע, וועל אויך גיין! — רופט זיך אָן מיין פינקל. — נאָכוואָס זאָלן מיר זיך לאָזן אויסהרגענען ווי די הינט?... זאָלן מיר באַטשע שטאַרבן ווי לייטישע מענטשן... ניט קיין פאַרשעמטע!...

דער טאַטע שפּיצט אָן די אויערן:

— נישט דו, פינקל, וועסט גיין און אויך נישט ריווקע!... איר בלייבט אין שטוב! מיין גאָלדען, פּאַיע, וועל איך דיר געבן!... נישקשה, מעגסט דיך אויף איר פאַרלאָזן!... זי שרעקט זיך ניט איבער אפילו פאַרן רוח אַליין!...

באַנאַכט דרייען מיר זיך אום בײַ דער רישקאַנער בריק. דורך דאָרטן דערוואַרט מען די פּויערים פון רוסען און פון גולען, וואָס האָבן אַ שם פאַר די שטאַרקסטע מענטשן און ערגסטע כוליגאַנעס, אידישע שונאים...

אַרום לויערט אַ טאַכריכימדיקע ווייסקייט, אָנגענומען מיט אַנגסט.

די פענצטער פון די אידישע הייזער זיינען פאַרהאַנגען און אויסגעלאָשן. אויסגעלאָשן און טריב איז דער הימל. פון הינטער דער בריק קומען אַפיר צוויי בחורים, אין קורצע פעלצלעך, מיט ביקסן אַף די פלייצעס:

— זיך נאָר ניט צעלויפן, חברה, ווען די פויערים וועלן זיך אַ לאָז טון אַהער!... נעכטן האָבן מיר זיי אָפּגעשלאָגן... זיי מיינען מיר האָבן דאָ אַ וואַזשנעם כוח!...

איך פיל מיך דערהויבן און שטאָלץ וואָס איך בין צווישן די גרויסע. אָנגעטון אינעם טאַטנס אַלטע שטיוול, אין אַן אַלטן פּידזשאַק, שטיי איך מיט אַ שווער שטיק האָלץ אין די הענט. איציע כאַנעס ווייב, אַ אידענע פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ בלייך פרום פּנים, קומט אַרויס צו אונדז. די אויגן אירע זיינען שטילע און ריינע ווי באַ אַ טויב. זי רעדט שטיל און אויפגערוימט:

— הערט מיך אויס, קינדער, מיר, די ווייבער, האָבן באַשטימט אייך צוצוהעלפן. מיר האָבן אויפגעזאָטן קעסלען מיט שמאַלץ, מיר וועלן אויסבראָטן די אויגן כאָטשע עטלעכע כוליגאַנעם... זאָלן זיי פילן דעם טעם פון מאַכן אַף אונדז פּאָגראָמען!...

אין דער מינוט האָבן זיך אָפּן באַרג באַוויזן עטלעכע רייטער. אויס־געטיילט האָבן זיי זיך פון דער אַרומיקער ווייסקייט ווי די גרויסע שוואַרצע ראָבן. די צוויי בחורים האָבן אַראָפּגעכאַפּט די ביקסן פון די פלייצעס און אָפּגעפייערט עטלעכע זאַלפּן. פון די אַרומיקע הינטערגעסלעך האָט מען זיי צוריקגעענטפערט...

אינדערפרי, ווען דער גרויער פראָסט איז נאָך געשטאַנען הינטער די פענצטער, איז צו אונדז אַריינגעקומען פאָלקע, די אַלטע וועשן. אַ קליינע און אַ דאַרע, מיט אַ שמאָל פאַרבלויט פּנים, באַזעצט מיט שמאָלע קנייטשעלעך. מיט דער פאַרע פונעם מויל וואַרימט זי די שפּיצן פאַרפרוירענע פינגער און קלאַפּט אָפּ דעם שניי פון די שטיוול לעבן דעם בעט, וואו מיר ליגן און וואַרימען זיך נאָך. פאָלקע איז כסדר צווישן אידן, אויך די טעכטער אירע און ביידע זין, סטיאָפּקע מיט מיטקען, צוויי הויכע אייזערנע שקאָצים, זיינען כסדר צווישן אידן. ריידן זיי אידיש און סטראַשען אַף אידיש. די לעצטע צייט איז פאָלקע אומגליקלעך, קומט זי צו אירע אי־דישע פריינט אויסדערציילן דעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן:

דוניאַ, די עלצטע טאָכטער אירע, די געראָטנסטע, איז געפאַלן אַ קרבן. אַן אָפיציר, וואָס איז איינגעשטאַנען באַ זיי, האָט זיך אין איר פאַרליבט. דוניאַ האָט אים די ליבע צוריקגעוויזן, זי וויל ניט חתונה האָבן מיט קיין פרעמדן, אין דאָרף זיינען דאָ אַ סך פאַראָבקעס, פון די שענסטע, פון די בעסטע, פון די געוואַגטסטע, וואָס ווילן זי פאַר אַ ווייב... נאָר זי איילט זיך ניט, ערשט צוואָנציק יאָר איז זי אַלט און וויל נאָך וועבן אירע שיינע מיידלשע חלומות... דער אָפיציר, אָבער, איז אַ גזלן, ער שטעלט איר צו דעם רעוואָלווער צום שלייף און טענהט:

— אויב דו האָסט מיט מיר ניט חתונה, וועל איך דיך שיסן... איך וועל הייסן מיינע סאָלדאַטן זיי זאָלן אונטערצינדן דיין מאַמעס שטוב, די שטאָלן, דאָס גאַנצע פאַרמעגן... דאָס גאַנצע דאָרף וועלן מיר פאַרברענען!...

דוניאַ האָט אַ סך געוויינט און האָט נאָכגעגעבן...

— ראַצאַ, — פאַרברעכט פאָלקע מיט אירע טרוקענע הענט, — דער אײדעם מײנער פּלאָדיעט אַרום זיך אַ האַלב דאָרף מיט שקאָצים... עפּעס גרייטן זיי אָפּצוטון... היט דיך, ראַצאַ, גיי זאָג די שכנים דיינע, זיי זאָלן אויסבאַהאַלטן די בּראַצע זייערע...

באַטאָג קומט אַריין צו אונדז אין קלייט דוניאַ מיט איר מאַן. אין אירע טיפע בלויע אויגן ווייעט אַ לייכטער טרויער, אַ פאַרשעמטקייט. זי איז אָנגעטון עלעגאַנט, רייך, נאָר אַ ניט ניכטערדיקייט ווייעט פון יעדן קער און ווענד אירן. דער מאַן אירער איז אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, מיט אַ פינצטער בלוי פּנים, מיט אַ טיפן שראַם אויף דער רעכטער באַק, וואָס ציט זיך ביז אונטערן אויג. די שפּאָרן באַ זיינע שוואַרצע ווייכע שטיוול, די שווערד און דער רעוואָלווער אינעם גאַרטל פון דער טייערער לעדערנער קורטקע, די בלויע גאַליפע־הויזן מיט די רויטע פּאַסן, גיבן אים צו מיליטערישע פעסטקייט און ווירדע.

— באַקען דיך, ראַצאַ, מיט מיין מאַן, מיט מישאַן. — זאָגט דוניאַ און ווערט דערביי רויט ווי אַ צוויק.

— פּאָזשאַלויסטאַ! — טוט זיך דער אָפיציר אַ ציִ אויס, לייגט צו די רעכטע האַנט צום שטערן און באַלד דערלאַנגט ער זי דער מאַמען. — מיין דוניעטשקאַ — רעדט ער מיט אַ טעמפּ הייזעריק קול, — האָט מיר אַ סך שיינע זאַכן דערציילט פון אייך!...

דוניאַ רעדט צו דער מאַמען אין אידיש:

— ראַצע, מיין מישע זאָגט גויים מאַכן אַ פּאָגראָם... ער מיך ליב... ער מיר געשוואוירן ניט טשעפּען מיינע אידן... אָפּהיטן דיין שטוב, ראַצע...

די מאַמע שטעלט אויף איר אָן אַ דאַנקבאַר פּנים און די מיט טרערן אָנגעפילטע אויגן און רעדט אומרואיק:

— זע, דוניעטשקאַ, פאַרגעס ניט, אַז דו ביזט אַ קינד געוואַקסן צווישן אידן... איך האָב דיך איבערן הינטן געשמיסן און אים אויסגעקושט...

ער טוט אַ נעם צונויף ביידע פיס, אַ קלאַפּ מיט די קלינגענדיקע שפּאָרן און רופט אויס מיט פּאַטאָס, מיט אַ פריידיקן קלונג אינעם קול, האַלטנדיק די אויגן אָפן טיש מיט די בייגל, וואָס מען גרייט שוין צו די גויעשע חגאות:

— נעמט פונדעסטוועגן אַראָפּ פונדאַנען די סחורה... ס'וועט זיין פריילעך אין שטעטל, מאַדאַם טשאַרנאַפּוי...

די טונקל בלויע וועגט, באַדעקטע מיט קעלט און מיט פּחד, ווערן דאַכט זיך, באַוועגלעך, רירעוודיק, קוקן זיך שווייגנדיק איבער, באַקומען

טויזנט פּאָר אויגן, אָנגענומענע מיט שטוינען, מיט געבעט און מיט וויל־דער אויפגעבליצטקייט, ווי די אויגן בײַ די טיגערס, ווען די יעגער רייסן בײַ זיי אַרויס די קינדער פון זייערע צונויפגעפּלאָכטענע לאַפּעס...

אַפּדערנאַכט, איז די שטוב אונדזערע און די בעקעריי אַ פולע מיט מענטשן. די שכנים אונדזערע מיט די קינדער זיינען זיך צונויפגעקומען. די טירן מיט די פענצטער זיינען פאַריגלט, פאַרשטעלט. דער אַכטער לאָמפּ פון דער בעקעריי ברענט טונקל, מיט אַן אַראָפּגעדרייטן קנויט. טונקל און אויסגעלאָשן זיינען אַלעמענס פּנימער. קיין הויך וואָרט הערט מען ניט פון קיינעם, גלייך דאָס לשון וואָלט בײַ יעדן פון אונדז אָפּגענומען גע־וואָרן. דערהערט מען אַ שאָס פון יענער זייט פענצטער, אַן אויסגעשריי פון עמיצן, טוט זיך דער עולם אַ קוק איבער, מען שפּיצט אָן די אויערן, די אויגן, אַלע חושים, צו דער טיר.

די שטילקייט ווערט ווי פון אַ האַרמאַט אויפגעריסן:

— ברידער! — שרייט עמיצער אין דרויסן. — ליגט ניט אין די שטיבער! גויים האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט... אַ פּאָגראָאָאָם! ראַטע־וועט אייך פון טויט!

מיין מאַמע טוט אַ פּאַטש מיט ביידע הענט אינדערלופטן און יאָ־מערט. איטעלע, אַ בלייכע, אַ קראַנקע און צום טויט דערשראָקענע, קלאָ־מערט זיך אָן דער מאַמען און קלאָגט מיט גרויסע טרערן:

— איך האָב מורא, מאַמע!...

— וואָרט נאָר אַ רגע! — שרייט דער טאַטע ניט מיט זיין קול און דאָס פּנים זיינס, די אויסגעלאָשענע אויגן, דריקן אויס אַ מאָדנע ווילד־קייט, — צעלויפט אייך ניט!... אויב זיך ראַטעווען אָדער, חלילה, אומ־קומען, איז אַלע איינײנעם!.. נאָר ניט פאַרלירן דעם קאָפּ!... וואָס זשע, די גויים זיינען משוגע געוואָרן?... די גאַנצע שטאָט וועלן זיי ניט אונ־טערצינדן און ניט צו אונדז וועלן זיי קומען ראַבעווען!... זיי האָבן מסתם אַ פּאַרטיקן פּלאַן, די מערזאַוועצעס, די כוליגאַנעס...

— הערש, וואָס זאָל איך טון מיט ריווקען, מיט פינקלען? וואו בײַ־האַלט מען זיי אויס?...

ביידע עלטערע שוועסטער זיצן אין אַ ווינקל אַף צוויי קלומקעס מעל און מיידן אויס צו קוקן אין די אויגן.

דער טאַטע צעשרייט זיך:

— דו, ראַצע, מאַך נאָר ניט אַזאַ סומאַטאָכע! אויב לויפן, איז אַלע איינײנעם!... נעם בעסער שיק אַרויס גאָלדען, זאָל זי אַ קוק טון וואָס הערט זיך דאָרט?...

— וואוהין, הערש, הייסטו זי מיר שיקן?...

— שיק, זאָג איך דיר!... ס'וועט איר, מיט גאָטס הילף, גאָרניט שאַטן!... די כוליגאַנעס זיינען איצט פאַרנומען מיט ראַבעווען!...

דער טאַטע איז גערעכט. אין אַ קלייד פון אַן אַלטן זאַק, מיט אַ געבלימטער פויערישער פאַטשיילע אַפן קאָפּ, אַזש ביז איבער די אויערן, לויף איך אַוועק צו דער קלויסטער־גאַס. דער הימל איז רויט און בראַנדיק, מיט אַ פייער איבערגעצויגן ווי מיט אַ פאַרבלוטיקטן טוך. לאַנגע צעזייעטע פאַסן, רויטע, בלויע און געלע פייערצונגען, דורכגעוועבט און באַלויכטן מיט גרויסע, גרינע און רויטע פייער־פונקען, הויערן איבער די העל־באַלויכטענע דעכער, באַדעקטע מיט שניי און מיט גרויען רויך. איבער די גאַסן לויפן פויערים און פויערטעס, שאַרן זיך לעבן די ווענט, טראָגן אַף די פּלייצעס פולע זעק מיט אָנגעראַבעוועטן אידישן פאַרמעגן. דאָס פרייעלעכע לאַכן און סוויסטשען זייערס, דאָס קנאַלן פון די ביקסן און די קולות פון קליינע אידישע קינדער, ווערט ווי פאַרצוקט אין די צעשטורעמטע פייער־כוואַליעס, וואָס שפּרייטן זיך אונטערן הימל און צעטראָגן זיך אַלץ ווייטער... ברייטער...

פון אַ שמאָלער ליק לויפט אַרויס אַ מיטליאָריקע אידישע פרוי און שלעפּט נאָך זיך צוויי מיידעלעך, שטומע פאַר שרעק און פון דער ליכטיקייט וואָס פאַרבלענדט די אַרומיקע ווייסקייט. דאָס פּנים בא דער מוטער איז ווייס ווי בא אַ טויטן:

— וויינט ניט, טייבעלעך מיינע, מירן אַראָפּלויפן אין דאָרף, וועלן מיר זיך אויסבאַהאַלטן בא מיכאַסקע דעם שיכור... אַן אָקע ווין וועל איך אים מאָרגן געבן...

אין מיר וויינט דאָס האַרץ: איך בין זיכער, אַז פּאָלקעס אײדעס, דער כוליגאַן, וועט ניט לאָזן מען זאָל אונדז באַפאַלן, נאָר מיר טוען ווי די צענדליקער ברענענדיקע אידישע קלייטן אַרום קלויסטער... שקאָצים און שיקסעס, אַלטע פויערים און פויערטעס, שלעפּן די סחורות, וואָס וואַלגערן זיך אַפן פאַרויכערטן שניי... מיר טוט ווי די הפקרות פון די נעכטיקע גוישע פריינט... איך נעם אַריין דאָס פּנים אין די הענט און וויין פון גאַנצן האַרצן.

גאַנץ פרי שטייט אונדזער געסל אַ שטילס און אַן אויסגעלאָשנס, געבויגן אונטער דער לאַסט פון בושה און אומזיכערקייט. מיט פאַרשעמטע פּנימער, אומזיכערע און בלייכע שטייען עטלעכע ווייבער אַפן מיטן וועג און ברעכן זיך די הענט. אַף די ראָגן פון דער פּאָטשט־גאַס און פון דער מאַרק־גאַס וואַלגערן זיך שטיקער מעבל צעבראָכענע, שאַכטלען מיט סאַרדינעס, בלעכן בוימל און היטלען צוקער... דאָס האָבן אַפּנים גויים פאַרלוירן ווען זיי זיינען אַנטלאָפן מיט די אָנגערויבטע זאַכן אין די דערפער און אין די אַרומיקע פויערישע הינטערגעסלעך.

און דער הימל איז אַ העל־בלויער, אַ טיפער און אַ פּחדימדיק־קאַלטער. קאַלט און שטום זיינען די גרויע ווענט פון די פאַרשלאָסענע אידישע שטיבער.

באַלד הייבן זיך ווידער אָן באַווייזן פויערישע שליטנס. זיי איילן זיך

צו דער פּאָטשט־גאַס, דאָרט וואו עס וואוינען די רייכערע אידן, וואו די גרויסע שניט־קראָמען און די הורטאָווגע באַקאַליינע קלייטן שטייען. איך לויף אַהין און זע ווי עטלעכע פויערים פון רוסען און פון גולען, וואָס קומען צו אונדז קויפן געבעקס, שטייען מיט שווערע ברעך־אייזנס באַ די אייזערנע שטאָרן פון יעכיל קליגמאַנס קלייט און ברעכן איין דאָס אייזן, רייסן אַרויס די גראַטעס פון די פענצטער און שלעפּן פון דאָרט קאַסטנס מיט זייף, זעק מיט צוקער, פּושקעס מיט טיי און קליינע קריסטלעכע קינ־דער, פּלאָנטערן זיך צווישן די פיס פון די גרויסע, שלעפּן פון דער קלייט וואָס זיי געפעלט, טראָגן אַהיים דעם רויב און קומען נאָך אַנדערן...

אַ פויער מיט אַ רויט געזונט פּנים, וואָס האָט לאַנג געריסן די גראַ־טעס פונעם קעלער און זיי נישט געקענט אויפרייסן, האָט אַרויפגעשריגן מיט געביילטע פויסטן צום צווייטן שטאָק, וואו די רייכע באַלעבאַטים האָבן געוואוינט:

— גיט אַראָפּ דעם שליסל, זאָג איך, אַז ניט וועלן מיר אייך אונ־טערצינדן אינײנעם מיט אייער סחורה!...

איך בין דער אײנציקער אידישער נפש צווישן דעם המון קריסטן, אויפגעברויזטע פון פרייד און פאַרשיקערונג... ווי נוחם טויב דאַרף איך אַהיימברענגען די בשורה, אַז דער מבול פון מענטשלעכער געמיינקייט האָט נאָך ניט פאַרפלייצט דאָס גאַנצע שטעטל.

אינדערהיים האָב איך געטראָפן וואַרטן אף מיין בשורה אונדזערע רייכע שכנים, די בערציכע מיט די טעכטער, וואָס האָבן אַ גרויסע קלייט פון לעדער. אין רואיקע צייטן קומט די בערציכע קיינמאָל ניט צו אונדז און ווען אירע שיינע און רייך־אויסגעפּוצטע אייניקלעך קומען צו איר צו גאַסט פון רישקאַן, לאָזט זי זיי קיינמאָל ניט זיך שפּילן מיט מיינע שוועסטערלעך... איך האָב אַמאָל געוואָלט אַ קוש טון אירם אַן אייניקל, האָט מיך די מאַמע געסטראַשעט מיטן פינגער, מיך צוגערופן און אַ קניפּ געטון אינעם אַקסל מיט אַ בייזער:

— קריך ניט צו זיי, די גדלנים!... איך האָב זיי פיינט!...

איצט, אין די טעג פון פּאָגראָם, איז די מאַמע אַוועק צו דער בער־ציכע און איר דערציילט וואָס פּאָלקע און אירע קינדער האָבן געזאָגט, און דער בערציכעס טעכטער האָבן באַהאַלטן באַ אונדז אַפן בוידעם און אונטערן פאַרשנייטן האָליץ אינעם הויף, פּעקלעך לעדער, דאָס שטוביקע זילבער און אַנדערע טייערע חפצים. איך פיל שוין אַפילו אַ גרויס רחמנות און אַ ליבשאַפט צו דער בערציכע און אירע טעכטער און שטיי זיי צו דינסט, אינגאַנצן פאַרגעסנדיק די אַלטע שינאה, וואָס האָט געהערשט צווישן אונדז. און ווי זאָל איך אף זיי קיין רחמנות ניט האָבן, אַז אַלע דריי נעכט פונעם פּאָגראָם, פעלט מען ניט אוים זייער שטוב. היימישע שוסטער, ציגיינער, זוכן, נישטערן, אפשר איז נאָך עפּעס פאַרבליבן...

באַנאַכט קלאַפּט עמיצער אָן אינעם לאָדן פון אונדזער קלייט. די

מאַמע צעעפנט ברייטער די אויגן און רויטע קרענקלעכע פלעקן באַווייזן זיך אַף אירע אַפּגעצערטע באַקן:

— הערש, וואָס זאָל איך טון? — טוט זי אַ טאָרע פאַרן רעכטן אַקסל דעם טאַטן, וואָס זיצט אַ פאַרמויעכטער אין אַ ווינקל אַף דער פּריזבע פון אויוון. — הערש, מען קלאַפּט!...

— שאַ!... שרעק דיך ניט, בהמה!... — וואָרנט דער טאַטע און קריכט אַראָפּ פון אויוון. — קום נאָר, גאָלדע, מיט מיר!... מסתם זיינען אָנגעקומען פרעמדע מענטשן, סאָלדאַטן... — אַ כוליגאַן וועט דאָך ניט בעטן באַ דיר קיין דערלויבעניש!...

דער טאַטע איז טאַקע גערעכט געווען. איך נעם אַראָפּ די שווערע אייזערנע פרעגטע פון דער טיר און דריי סאָלדאַטן קומען אַריין אין קלייט. הויכע זיינען זיי און שלאַנקע, אין אַלטע שינעלן און צעריסענע שיך אַף די פיס. דער טאַטע שטעלט זיך אַרויס פאַרנט פאַר מיר און טוט אַ פאַרהייב די אויגן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ער שטרעקט אויס די רעכטע האַנט און זאָגט אין רוסיש:

— אַ גוטן אָוונט, חברים!...

— אַ גוטן אָוונט, חבר! — ענטפערן אַלע דריי אַפּאַמאָל און קלאַפּן דערווייל אָפּ דעם צוגעפרוירענעם שניי פון די שטיוול.

אין קלייט איז קאַלט און איימעדיק גרוי. איינער פון די סאָלדאַטן שטעלט זיך אָן אַף מיר זיינע גרינע אויסגעלאָשענע אויגן און בעט:

— גיב אונדז, מיידעלע, ברויט! מען האָט אונדז געזאָגט, אַז באַ אייך איז אַ בעקעריי...

— און דו, — רופט זיך אָן אַ צווייטער, — האָב נאָר פאַר אונדז קיין מורא ניט!... מיר זיינען ניט קיין גראַביעזשניקעס, סאָלדאַטן זיינען מיר, וואָס גייען זיך אָנשליסן אין אַ נייעם רעגימענט...

— וואוהין, חברים, וועט איר זיך לאָזן אין אַזאַ שפּעטער באַנאַכטיקער שעה? — רופט זיך פּלוצים אָן דער טאַטע. — קומט, ליבערשט, אַריין צו מיר. קיין גרויסע באַקוועמלעכקייטן, קען איך אייך, צום באַדויערן, ניט אָנבאָטן, נאָר אָפּרוען און זיך דערוואַרימען אַפן אויוון, טרינקען אַ גלאָז הייסע טיי, קענט איר דאָ מיטן גרעסטן כבוד...

די מאַמע מאַכט דעם סאַמאָוואַר און קאָכט אָפּ אַ גרויסע מאַמעליגע מיט מילך. אין שטוב ווערט היימלעכער, די דריי גלאָדענע ביקסן, וואָס שטייען אין אַ ווינקל שטוב, די דריי שינעלן, וואָס הענגען אַף דער טיר, באַרואיקן אַלעמענס געמיטער.

זיי עסן אָפּ, טרינקען זיך אָן מיט זיסער טיי און ציען זיך אויס אַפן וואַרימען אויוון מיט די בייכער אַראָפּ, רויכער אין ציגאַר נאָכן צווייטן און שמועסן צווישן זיך שטיל און געמיטלעך.

אינמיטן דערטראָגט זיך ווידער אַ העפטיק קנאַלן פון ביקסן און דאָס קלאַפּן פון טירן און פענצטער, וואָס ווערן אויפגעבראָכן.

— בעי זשידאָוו, ראַסטאָווטשיקאָוו, זשידי, סוקיני סיני!... —

דרייסן זיך אַריין טעמפּע קולות, וואָס בויערן דורך דאָס האַרץ, ווי דאָס קאַלטע מעסער פון אַ גזלן.

די געסט אונדזערע ווערן אומרואיק, דרייען זיך אַהין און צוריק. יעדער ריר זייערער, יעדער פּרואוו אויפצוהויבן זיך פון די געלעגערס, ווערט פּלוצים אָפּגעהאַלטן פון אַן אינערלעכער וואָרענונג, וואָס טוקט זיך אין זייערע אויפגעבליצטע אומרואיקע אויגן.

דער טאַטע זיצט אַ שווייגנדיקער און אַן אומרואיקער. איינער פון די סאָלדאַטן קריכט אַראָפּ פון אויוון, וואַרפט אַף זיך אַרויף דעם שינעל און גייט אַרויס אינדרויסן. אין עטלעכע מינוט אַרום, קערט ער זיך אום מיט צוויי פּעקלעך פּאַפּיראָסן און אַ קעסטעלע שוועבעלעך.

— פּחדנים זיינט איר, אידישע מענטשן! — ברומט ער צאָרנדיק און מיט ביטול. — סאַמע באַבעס און קליינע קינדער צעשלעפּן דאָרט אַ גרויסע קראָם... אפשר פינף סאָלדאַטן טרעפט איר דאָרט... איז וואָס וואַרטן זיי, די אידן, אַז עמיצער זאָל קומען זיך אָנעמען זייער קריוודע?

— מיר האָבן דאָ אַ שטיקל זעלבסטשוץ. — רופט זיך אָן דער טאַטע.

— האָבן זיי די ערשטע צוויי טעג געפּרואווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד... ס'איז זיי, אָבער, ווייזט אויס, אוממעגלעך געווען אויסצוהאַלטן... זיי וואַרטן אַף די באָלשעוויקעס...

— וואָס פאַר אַ וולאַסט האָט איר איצט? — פרעגט דער סאָלדאַט.

דער טאַטע טראַכט אַ ווײַלע, ישובט זיך און גיט באַלד צו:

— איך ווייס ניט... דאַכט זיך, אַז אין שטעטל באַ אונדז איז קיין שום וולאַסט ניט פאַראַן...

— איך מיין אויך אַזוי. — ענטפערט דער סאָלדאַט און ווערט דערביי ערנסט, באַטריבט. — מען דאַרף אָבער נישט וואַרטן אַף די באָלשעוויקעס, נאָר אַליין, מיט שטעקענעס, מיט שטיינער פאַרטרייבן די גראַביעזשניקעס!...

מיך וואונדערט פונדעסטוועגן פאַרוואָס די דאָזיקע סאָלדאַטן גייען ניט צעטרייבן די כאַפּטע רויבער... צו וואָס האָבן זיי מיט זיך די אָנגעלאָדענע ביקסן, ווייס איך ניט...

— אויב איר ווילט, באַלעבאָס, — רופט ער זיך פּלוצים אָן — וועל איך מיט מיינע חברים אַרויסגיין און דיר אַריינברענגען די גאַנצע סחורה און מאָרגן אָדער מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען ס'וועט ווערן שטילער, וועסטו זי צוריק אָפּגעבן דעם וועמעס זי איז און מיר וועלן אַזוי אַרום אויפטון אַ גוטע זאַך...

דער טאַטע ווערט מיטגעריסן מיט דעם פּלאַן.

— ראַצע! — טוט ער אַן אויפגעבראַזטן געשריי, — מיר קענען אָפּראַטעווען אַביסל פון אידישן האָב און גוטס... נאָכוואָס שטיין פון ווייטנס, ווען מען קען עפּעס אויפטון פאַר זיי?...

— איך הייסט ניט, הערש! — טוט די מאַמע אַ געשריי און איר פּנים צעקרימט זיך מיט אַ ווייטיק. — יעדער שמאַטע וואָס די קינדער

וועלן שפּעטער אַנטון, אַ פאַרהאָרעוועטע מיטן שוויים, מיטן בלוט, וועט מען זאָגן ס'איז אָנגעזאַבעוועטס... געננוג, הערש, האָבן מיר געליטן פאַר פרעמדע זינד!...

אין דער מינוט דערהערן מיר ווי מען רייסט אויף די טירן בא אונדזער שכן יויעל דער צוקערניק. שוין דאָס דריטע מאָל אין דער וואָך ווי מען ראַבעוועט בא זיי. ס'הערט זיך אַלטעס קול דאָס שטאַלצע און פול מיט פאָרוואורף:

— מיר האָבן אייך שוין אַלץ אוועקגעגעבן, ראָזבויניקעס, געמיינע הינט!... ווי שעמט איר אייך ניט? מיר גייען אויך בא אייך עפּעס צונעמען? ווער טשעפּעט אייערע פערד און אייערע שאָף און רינדער?... פּחדנים!... מיט מעסערס, מיט רעוואָלווערס קומט איר צו אייערע שכנים, צו אייערע נעכטיקע פריינט, צו פרידלעכע און אומבאַשיצטע מענטשן!...

אַ רעוואָלווער־שאָס האָט אָפּגעהילכט און באַלד הערן זיך עטלעכע קולות אַפּאַמאָל:

— גיב אַרויס דאָס געלט, יויעלקע, אַז ניט וועלן מיר דיך דערהרגענען!...

אינדערפרי, שטייט דאָס געסל ווידער שטיל און פאַריתומט, באַדעקט מיט בלויען פּראָסט און פרישן שניי. בא דער פאַרשלאָסענער טיר פון אַלטעס קלייט ליגט, אויך אַ באַשאָטענר מיט שניי, ראָמאַן דער בעקער, אַ פּויער מיט אַ ברייטער פּלייצע און מיט טונקל ברוינע פאַרפרוירענע וואָנצעס. זיין פּנים איז פאַרפרוירן בלוי. נאַדיאַ די גראָבע, זיין ווייב, מיט דעם בלייכן פליישיקן פּנים, שטייט אַ געבויגענע איבער אים, ברעכט די הענט און רעדט אין איר געבראָכענעם אידיש:

— מיין ראָמאַן, איי, איי... ליב געהאַט די אידן... איי, איי, געקענט לעבן... געשטאָרבן פון אַ הארצשלאַג... אידן, האָט רחמנות, נאַדיאַ געבליבן אַליין, נאַדיאַ אָרים... איי, איי!...

שכנים וואַרפן צונויף אַביסל געלט אין אירע אויפגעעפנטע זשמעניעס. אויך אַלטע די צוקערניטשקע גיט איר אַ גאַנצן זילבערנעם רובל און רופט זיך אָן:

— גיי, נאַדיאַ, רוף דעם גלח און מאַך דיין מאַן אַ שיינע לוויה... ער איז געווען אַ גוטער גראַביעזשניק...

שפּעטער, ווען מען האָט שוין דעם טויטן אוועקגענומען פונעם געסל, דערציילט דער טאַטע וואָס פאַר אַ טאַכשיט דער ראָמאַן איז געווען. ער האָט אַמאָל געאַרבעט בא אונדז אין דער בעקעריי, האָט מען אים פּטורזט אָפּזאָגן, ווייל ער פלעגט אַ גאַנצן טאָג זידלען אידן. בא דעם פּאָגראָם איז ער געווען דער אָנפירער פון די רויבער און געשטאָרבן איז ער, ווייל ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ פלעשל אַמאָניאַק, וואָס מען נוצט צו די ביליקע מיאַטנע צוקערקעס, געמיינט ס'איז בראָנפן, און האָט קוים באַוויזן אַרויסצוגיין ביז אַף יענער זייט טיר.

פאַרנאַכט, שטייען ווידער די גאַסן איינגעוועבט אין טויטער טאַכרי־

בימדיקער ווייסקייט און גרעניצלאָזן פּחד. אַ געדיכטער שניי פֿאַלט פֿון הימל, באַשיט די שטיבער און באַשיט די פּויערים און פּויערטעס, וואָס ציען זיך מחנותווייז, ווי די מערישקעס, פֿון אַלע פּויערים־געסלעך, פֿון די נאָנטע דערפֿער.

— וואַרט, זשידעס, מיר וועלן זיך נאָך מיט אייך רעכענען! — שרייען עטלעכע יונגע שקאָצים, וואָס פֿירן זיך אונטער די אָרעמס, ווי מחותנים וואָס גייען אַף אַ חתונה. — ס'קומט ערשט אייער פֿינצטערע דאָליע, וואָוכערניקעס!...

37.

אַפֿן ראָג גאַס שטייען צוויי אַלטע אידענעס, איינגעהילטע אין די שאַלן און שווייגן, נאָר די אויגן זייערע זיינען אָנגעזאַפּט מיט גרעניצלאָזן צער. וואָס שטייען זיי דאָרט, ווייס איך ניט, פּונקט ווי איך ווייס ניט, אַז באַלד וועלן אַנדערע כוליגאַנעס אין שטעטל אַריינקומען און אַ נייער קוואַל פֿון טרערן און פֿון נויט וועט דאָס לעבן אונדזערס פֿאַרטרענקען.

פֿונעם בערגל, עט ווייט אַפֿן רישקאַנער וועג, לאָזן זיך אַראָפּ עט־לעכע רייטער. טונקל־הויטיקע זיינען זיי, מיט דריי־שפּיציקע גרינע היט־לען אַף די קעפּ און מיט שוואַרצע, דערשראָקענע אויגן, אומזיכערע און פֿרעמדע. זיי טוען אַ פֿאַרפֿלייץ די פּאָטשט־גאַס, שנאַפּן אַרום די שמאָלע ליקלעך, דרייען זיך גיך אויס אַף צוריק און פֿאַרשווינדן.

נאָך זיי בלייבט ווידער אַ שטומע אויסגעהוילטקייט איבער דער גאַס, וואָס ווערט פּלוצים איבערגעריסן פֿון אַ הייזעריק קול, אַ שיכורס:

— אַך, זשידאָנעס, איר האָט אונדז אָפּגעטון אַ שפּיצל; אַהער גע־בראַכט פֿרעמדע סאָלדאַטן!... מיר וועלן אייך ווייזן, וואָוכערניקעס!...

אַפּדערנאָכט איז די בעקעריי פֿול מיט שכנים. אַלע זיינען אויפֿגע־רוימט און דערשראָקן. אַלטע די צוקערניטשקע שטייט אינמיטן דער בע־קעריי, אַ בלייכע און אַ מאַיעסטעטישע:

— גאָספּאָדאַ! — רעדט זי שטיל און באַהערשט פֿון אַ טיפֿער עמאָציע. — די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך דאָ פֿריער באַוויזן, זיינען רו־מענישע. די שטאָט איז שוין פֿאַרפֿלייצט פֿון זיי. זאַליעווסקי, דער פּריץ, האָט געבעטן בא דער רומענישער מאַכט זי זאָל אַראָפּשיקן אַהער איר מיליטער... — זי ווערט אַנטשוויגן, קוקט זיך אַרום און אַ וואַרימער שמייכל צעלייגט זיך אַף איר אויסגעבלייכטן פּנים: — צוליב זיי, די פּרי־צים, — טוט זי ווידער אַ זאָג, — וועלן אויך מיר, אידן, ניצול ווערן פֿון פּאָגראָמען...

— איז וואָס וועלן זיי דאָ טון? — פֿרעגט די מאַמע מיט שטויינען און דאָס פּנים אירס פֿלאַמט.

— זיי האָבן שוין אַ סך אויפֿגעטון, — ענטפֿערט אַלטע. — די רו־

סענער און גולענער פּויערים, די וואָס האָבן אויסגערויבט די אידישע געשעפטן, האָבן זיך אקעגנגעשטעלט, געשאָסן אף די סאָלדאַטן, האָט מען אַ מאַסע פון די פויערים אַוועקגעלייגט גלייך אפן אָרט...

דער מאַמעס פנים ווערט אומרואיק, דערשראָקן. אַ טיפער אומרו טוקט זיך אין אַלע ווינקעלעך. אומרואיק ווערן אויך די טערקן, די אַנטלאָפענע פונעם רומענישן גיהנום. זיי פּאַקן איין דאָס ביסל אַלטע גרעט זייערס און טרערן שטייען אין זייערע אויגן, מיט באַנג דורכגענומענע. מיר טוט ווי פאַר אוסיימען, איינער פון די טערקן, וועלכן מיר אַלע האָבן ליב. אַ געטרייער איז ער. אין די קליינע, ברוינע אויגן זיינע, טוקט זיך אַ ים מיט גוטסקייט און מיט חכמה. דער טאַטע רעדט צו זיי אין טערקיש און איז שטאַרק צעטראָגן. אַ גאַנצע נאַכט זיצן מיר צווישן די מענטשן, וואָס זעען אוים ווי אַרויסגעריסענע פון זייער נעסט, פון זייער ביים לעבן, צו וועלכן זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוגעוויינען.

גאַנץ פרי, ווען אַ געדיכטע בלויקייט שטייט הינטער די פענצטער, דערהערט זיך פלוצים דאָס אויפשווידערנדיקע פּייקלען פון עליקל דעם שרייער און זיין אויפגעציטערט קול:

— אחת, מידיעת הקאַמענדאַנט, מידיעת השעה, שוין, גיך און באַלד אַרויסצוהענגען די רומענישע פאָן! פאַר עובר זיין אפן באַפעל, וועט יעדער איינער באַקומען פינף און צוואַנציק ראָזגעס!...

מיין טאַטע שטעלט אָן די אויסגעלאָשענע אויגן אין דער שטוביקער גרויקייט און רעדט פאַרחידושט, ווי אַ צוטרוילעך קינד:

— פאַרוואָס עפּעס קומט אונדז שוין ראָזגעס?... איבערנאַכט קענען מענטשן ניט אַרויסשפּרינגען פון דער הויט!... דאַכט זיך מיר, מיין ווייב, אַז דער נייער מלך האָט אף אונדז נייע אומגליקן געבראַכט!...

— הערש, — רופט זיך אָן די מאַמע און האַלט די צעשראָקענע אויגן אירע אף די שבתדיקע לייכטער, וואָס שטייען אפן טיש, — היינט איז דאָך שבת... ווי אַזוי וועלן אידן אָפּשניידן די סחורה אף אַ פאָן! ווי אַזוי וועט מען זי אויפנייען!...

— ס'וועט פאַלן, מיין ווייב, אף זייערע פינצטערע קעפּ!

שפּעטער שטיי איך שוין אין דער ריי, לעבן בענציען טיימאַנס שניטקראָם, וועלכע מען האָט צוריק מיט אַ פּאָר טעג אויסגערויבט. אַ לאַנגע איז די שורה מענטשן, אַ צונויפגעדריקטע, ווי הערינג אין אַ פעסל, באַוואַכט פון צוויי רומענישע סאָלדאַטן מיט געלאָדענע ביקסן אף די פּלייצעס. מען וואַרט צו באַקומען אַ שטיקל סחורה אף אַ רומענישער פאָן. די גאַס שטייט אַ ווייסע, אַ ליכטיקע, נאָר אָן אויסגעהוילטע פון פרייד און פון לעבן. לעבנסלאָזע און דערשראָקענע זיינען די פּנימער פון בענציען טיימאַן און זיין אידענע, וואָס זיינען ערשט אַרויסגעקומען פון זייער באַהעלטעניש פאַר די היימישע פּאָגראָמשטשיקעס, די פויערים. יעדער איינער וואָס באַקומט די דריי קאָלירן סחורה, באַקומט אויך אַ צייכענונג אף אַ פּאַפּיר, די פאָרם פון דער נייער פאָן...

די שטוב אונדזערע איז פול מיט מידן און מיט שיקסעס, מיט

גויעס, וואָס האָבן ערשט מיט אַ טאָג פריער אַזוי העלדיש אַהיימגעטראָגן צו זיך דאָס אָנגערויבטע אידישע האָב און גוטס. מיין שוועסטער פינקל, די שניידערן, און אויך דער חתן אירער, שטייען מיט צוויי שערן אין די הענט און קוקן זיך איין אין דער סחורה און אין דער צייכענונג, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אַפן פּאַרקויף־טיש אין קלייט.

אַ פּויער, אַ לאַנגער און ברייט־צעוואַקסענער, בלייך ווי דער טויט, פאַלט אַריין צו אונדז. ער טראָגט אַ צעקנייטשטע פאָן אונטער דער פאָלע פונעם פּעלץ און איז אין איינע פאַרלווירנקייט:

— נעם, זשידאָן שמילקאָ, — רעדט ער דורך טרערן צו פינקלס חתן און דערלאַנגט אים די פאָן, וואָס איז געווען שלעכט צונויפגעשטעלט, פאַרביטן די קאָלירן. — נעם מאַך צו רעכט!... זיי האָבן געשמיסן! — און ער טוט אַ לייג צו זיין רעכטע האַנט צום הינטן.

אַן אומבאַשרייבלעכער שוידער, אַ גרעניצלאָזער האַס טויכט אויף אין זיינע פון קאָפּ אַרויסגעזעצטע אויגן.

— אַפן מיטן גאַס, — רעדט ער ווידער דורך אַ ציטערדיק קול, — אַפן שניי, ווייבער מיט מיידן שלאָגן זיי...

מיין פינקלס חתן, דער רומענישער דעזערטיר, וואָס קען אַזוי גוט די פאָן פון זיין לאַנד, די הערשער, האָט אויך אַ בלייך פּנים, אַן אומבאַשטימטס. ער שטעלט אָן די גרויע אויגן זיינע אַפן פּויער און רעדט צו אים שטיל און מיט פאָרוואורף:

— אָט זעסטו שוין, פּאַטראַטיע, אַז גאָט שטראָפט אייך... איר האָט געמיינט, אַז אייביק וועט איר האַלטן אין שרעק די אידישע שכנים אייערע... איר האָט זיך שוין געגרייט אויסצושעכטן אַ שטאָט מיט מענטשן...

דער פּויער שטייט אומבאַהאָלפן, קוקט פאַרצווייפלט אַף שמיל הערשן און אַף דער צעקנייטשטער פאָן:

— אָט אָ דאָ האָבן זיי געשניטן שטיקער! — לייגט ער צו ביידע הענט צום געשוואָלענעם הינטן און טרערן גרויסע און הייסע בלייבן שטיין אין זיינע אויגן־ווינקלען.

כאַנעלע דער בעקערישער טעלעפאָן לויפט אַריין אַ פאַרסאָפּעטע, אַ פאַרפלאָמטע און די האָר זיינען באַ איר צעשויבערט:

— רב הערש, — טוט זי אַ פּאַטש מיט ביידע הענט אינדערלופטן, — מען האָט אַרעסטירט רב אַווראָם לייב גולענער!... מען האָט אויסגעליידיקט זיינע מאַגאַזאַנעס, ווי איז צו אונדז!

עס קומט אַריין פאָלקע די וועשנע, אַ בלייכע און אַן אויפגערוימטע. די שמאָלע קנייטשעלעך אַרום דעם בלויען פאַרטשעמעטן מויל, זיינען צונויפגעצויגן. צונויפגעצויגן זיינען אויך אירע קליינע טרויעריקע אויגן. זי שטייט באַם טישל מיט די שבתדיקע לייכטער, וואָס זי איז געקומען אַראָפּנעמען און רעדט שטיל און רעזיגנירט:

— ראַצע, איך דיר זאָג, דאָס אייער גאָט שטראָף גוי, ראַזבויניק... נייער קייסער שלעכט, שיסט אַ סך גוי פון רוסען, פון גולען... יענע

שלעכטע, יענע נעכטן געקומען יעדינעץ, געראַבעוועט, געצונדן אידישע קלייטלעך באַם קלויסטער, איי, איי! — טוט זי זיך אַ צעהוידע און צלמט זיך איבער די שבתדיקע לייכטער. — גאָט נעמט נקמה...

דעם אַנדערן טאָג שטייט די גאַס אַ וואַרימע, אַ באַדעקטע מיט אַ שאַרפער ווינטערדיקער זון און מיט אַ בלישטשענדיקן שניי. מען זעט כמעט ניט קיין פויערישע שליטנס, ניט קיין פורלעך, מען זעט קיינעם ניט קומען צום זונטיקדיקן מאַרקטאָג. דערפאַר זעט מען אַ סך רומענישע סאָלדאַטן אויף די ראָגן, שווייגנדיקע, פאַרביסענע, מיט צעפּליקטע שינעלן און מיט בויערישע פּאַסטעלעס אויף די פיס. די באַגנעטן פון די געלאָדענע ביקסן אויף זייערע פּלייצעס, קוקן אַרויף צום לויטערן הימל, דעם אומרואיקן און ברוגזן.

מיט ברוגזע פּנימער, ווי עמיצער וואָלט באַ זיי עפּעס צוגענומען, גייען אום צוויי עלצטע, מיט דעם שטאָטישן סאָטסקע, פון שטוב צו שטוב. אויך צו אונדז קומען זיי. די מאַמע צעעפנט די שאַפע, די סאָפע, אַלע שופלאָדן און האָט דערביי אַן אומשולדיק פּנים. מיט אַ גאַנץ אומשולדיקן שמייכל אויפן שוואַרצן איבערגעראַשטן פּנים, טוט זיך איינער פון די סאָלדאַטן אַ כאַפּ צו צום פאַרקויף־טיש, כאַפּט אַ דאַרע קרישקע ברויט און שלינגט זי איין. איך שנייד אָפּ אַ פרישן רעפטל ברויט און דערלאַנג אים. ער קוקט זיך אום מיט זיינע אומצוטרוילעכע דערשראָקענע אויגן, פאַרשטופּט דאָס שטיק ברויט צו זיך אין בוזים, דרייט זיך אויס, טוט זיך פונוויינטנס אַ קוש אין ביידע ווייז־פינגער און שמייכלט פאַרלוירן. דער סאָטסקע רעדט צו מיין מאַמען אין אידיש:

— מיר גייען אום זוכן געווער. באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע זוכן מיר... זייט פאַרזיכטיק!...

שוין עטלעכע טעג אַז דאָס געסל ברעכט זיך אונטער אַ טיפן עלנט. אַ גרויסער פּחד הענגט איבער דעם, ווי אַ גרויסע קראָ וואָלט איבער דעם אירע שוואַרצע פליגל אויסגעשפּרייט. מיט אַ שוואַרצן כוח אין די אויפגעריסענע אויגן זייערע, דורכגענומענע מיט אימפּעט און רציחה, לויפן אום סאָלדאַטן מיט עלצטע, קוקן אַריין אין פּנים יעדן פאַרבייגייער, שניידן מיט די נאַהייקעס איבערן קאָפּ און איבערן פּנים יעדן באַבערדלטן אידן און שרייען מיט רציחה:

— באַרבאַ ראָש! רויטע באָרד!

אידן וואָס האָבן געהאַט רויטע בערדלעך, האָבן זיך געכאַפּט אָפּראַזירן און מורא געהאַט צו ווייזן זיך אין גאַס מיט די פרישע געראַזירטע פּנימער. אָבער אויך אידן מיט שוואַרצע, מיט גרויע און מיט בלאָנדע בערד כאַפּן די סאָלדאַטן אין גאַס און אין די שטיבער. זיי כאַפּן ווייבער און מיידן און שרייען אין ווילדער משוגעת:

— באַרבאַ ראָש!

מיט עטלעכע טעג שפּעטער ווייסט שוין דאָס גאַנצע שטעטל, אַז גע־זוכט האָט מען איינעם אַ אידן מיט אַ רויטער באָרד, וואָס מען האָט אים געכאַפּט אַף דער דייטש־רומענישער גרענעץ מיט אַ סך קאָנטראַבאַנד. דער איד האָט זיך אויסגעקויפט באַם רומענישן עלצטן פּאַר אַ גרויסער סומע געלט און כדי עס זאָל ניט פאַלן אַף אים קיין חשד, האָט ער בכיוון אויפגעהויבן אַ טומל, אַז דער איד מיט דער רויטער באָרד איז איניינעם מיט זיין שמוגל אַנטלאָפן פון אַרעסט.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען אין שטוב באַ אונדז איז טרויעריק און קאַלט, קומט אַריין יויעל צוקערניק און רב איציק זעלמאַן, וואָס האָט זיך אויך געמוזט אַראָפּשניידן דאָס רויטע בערדל. ביידע זיינען זיי אָנגעטון אין פּיזעמנע טולופּעס, נאָר ס'ווייעט פון זיי מיט קעלט און יסורים. איציק זעלמאַן שפּרייט אויס אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר מיט אונטערשריפטן און רעדט צו מיין מאַמען:

— פאַרשרייבט עפּעס, ראַצע... מיר מוזן זאַמלען אַ גרעסערע סומע געלט דעם אדון צו פאַרשטאָפּן דעם פּיסק, וועט אַן ענדע נעמען צו דער רויטער באָרד! ער וועט נאָך פאַרפייניקן דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַלע אידענעס און אַלע מיידן!...

אין אַ גאַנץ פרי טרעפן מיר די ווענט אין גאַס באַקלעפּט מיט בלויע פּלאַקאַטן אין רוסיש און רומעניש: דער הער קאָמענדאַנט באַפעלט אַז אַלע באָלשעוויקעס און יעדער איינער וואָס קען אַ באָלשעוויק, אַ מאַן אָדער פרוי, זאָל זיך גלייך מעלדן אין דער סיגוראַנצאַ... מען וועט זיי קיין שום שלעכטס נישט טון... אין קעגנטייל, וועט מען אומגיין פון שטוב צו שטוב און זיי אויפזוכן. אַלע וועלן דערשאָסן ווערן גלייך אַפן אָרט...

מיר גייט איבער אַ קעלט איבערן לייב. איך ווייס, אַז די אידישע זעלבסטשוץ, וואָס האָט געהערט צום אַרבעטער קאָמיטעט, איז זיך שוין לאַנג צעלאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן, די טירן און די פענצטער פון דעם זאַל, וואו זייער ביוראָ איז געווען, שטייען שוין פאַרחתמעטע, אויסגעלאָשענע און באַדראָטע, באַוואַכט פון רומענישע זעלנער מיט געלאָדענע ביקסן. פּאַיע קאַצאַפּ און איציק דעם סאָטסקע, זעט מען ניט שוין עטלעכע טעג. ערגיץ באַהאַלטן זיי זיך אויס.

אַף אונדזער לעבן האָבן זיך נייע שווערע זאָרגן אַראָפּגעלאָזט. די פרנסה איז שטאַרק געשלאָגן. דער רומען דערלויבט ניט באַקן קיין ווייס ברויט און קיין שבתדיקע קוילעטשן. יאַרידים, וואָס כמעט דאָס גאַנצע שטעטל ציט פון זיי חיונה, שטעלן זיך מער ניט. פּויערים האָבן מורא פאַר דעם רומען. סאָלדאַטן און עלצטע שטייען שטענדיק באַ די וועגן און באַרויבן די פּויערים, נעמען צו אַ העלפט פון די פּראָדוקטן, וואָס זיי פירן אַרויס צום מאַרק.

באַזונדערס גרויס איז אונדזער זאָרג צוליב שמיל הערשן, פּינקלס חתן. ער איז אַ רומענישער, אַן אַנטלאָפענער פונעם פראָנט, טאָמער

כאַפּט מען אים, ווערט ער דערשאָסן. שמיל הערש מאַכט זיך ניט וויסנ־דיק, פינקל, אָבער, גייט אום אַ שטילע, מיט פיבערדיקע בליקן, פול מיט טרויער און פּחד. מען דערציילט, אַז הונדערטער רומענישע יונגעלייט זיינען שוין אין תפיסה און מיידלעך פונעם שטעטל טראָגן זיי אהין עסן און טרינקען. מען טראָגט זיי אַוועק אַ טרייסט־וואָרט, אַ האָפענונג, אַז מען וועט פאַר זיי באַקומען פּאַפּירן אַלס געבוירענע בעסאַראַבער. מען דערציילט אויך, אַז אַ סך פון זיי האָט מען שוין דערשאָסן הינטערן הויף באַם גלינויער וועלדל...

שמיל הערש האָט אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר זיך. זיין געוועזענער באַ־לעבאָס האָט אים מער ניט געוואָלט האָבן באַ זיך אין שטוב, מען זאָל ניט זאָגן, אַז ער באַהאַלט אויס באַ זיך אַ רומענישן דעזערטיר. באַ אונדז אין קלייט שטייט שוין אין אַ ווינקל אַן אַלטע ניי־מאַשין און אַ גרויסער שניידער־טיש און אויף דער וואַנט הענגען קאַרטאָנענע מאָדעלן. שמיל הערש האָט אַ סך אַרבעט. ער ניצעוועט איבער די שינעלן און די פרענטשן פון די רומענישע סאָלדאַטן און אָפּיצירן און זיי באַוואונדערן זיין רומעניש ריידן.

איינמאָל קומט אַריין אין קלייט אַן עלצטער, אַ קאַפּראַל, אַ הויכער, אַ שוואַרצהויטיקער, מיט אַ טרוקן און פאַרשפּיצט ביינערדיק פּנים און מיט אַ שמאָלער בייזער נאָז ווי אַן אָנגעלאָדענער רעוואָלווער. ער ציט צונויף די שוואַרצע גערדיכטע ברעמען און שפּיזט דורך שמיל הערשן מיט זיינע פאַרניכטנדיקע אויגן ווי באַ אַ הונגעריקן וואָלף:

— ווי אַזוי רופט מען דיך? — טוט ער אַ פרעג שמיל הערשן, וועלכער האַלט אין איינפּאַקעווען אַ פּאָר אויסגעפּרעסטע הויזן אין אַ גרויס פּאַפּיר.

— שמילקאָ קאָהאָן! — ענטפערט ער אַ גלייכגילטיקער.

אין מיין רעגימענט, אין בראַילאַ, — רופט ער זיך ווידער אָן און דאָס פּנים זיינס דריקט אויס אַ לייכטן חשד, — האָט געדינט אַ יונגער זשידאַן... יענעם האָט מען גערופן קומפּענער... איז ער אַנטלאָפן פון פראָנט... ווייסטו, זשידאַן, וואָס מיר טוען מיט אַ דעזערטיר?... אָך, ווען דער קומפּענער פאַלט אַריין צו אונדז אין די הענט!...

שמיל הערש פאַרבינדט די פאַרפּאַקעוועטע הויזן און רעדט זיך גאַנץ געמיטלעך:

— דאָ, אין מיין שטעטל, האָב איך קיינמאָל ניט אָנגעטראָפן קיין קומפּענערס... ווייזט אויס אַן עכטער רומענישער פאַמיליען־נאָמען.

— און פאַרוואָס, שמילקאָ, — טוט אים דער קאַפּראַל אַ פרעג, — רעדסטו אַזאַ פּערפעקטן רומעניש?

— איך, דאָמנאַ קאַפּראַל, — ענטפערט שמיל הערש און קוקט אים גלייך אין די אויגן, האָב געוואוינט לעבן דער רומענישער גרענעץ... איך האָב מיך געחברט מיט סאָלדאַטן פון דער רומענישער גרעניץ־וואַך, האָבן

זיי מיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אייער שפּראַך... בײַ אונדז אין בעסאַראַביע, האָבן מיר פון קינדווייז אָן גערעדט אַ פּראָסטן וואָלעכיש...

אידן און אויך פּויערים האָבן שוין נייע פּרנסות באַקומען. די בעסאַראַבער שטעטלעך אַרום און אויך גאַנץ בוקאָווינע, איז פאַרנומען פון די דייטשן. שטעלט מען זיך איין דאָס לעבן און מען שמוגלט דורך אַ פּוד טיטון אָדער עטלעכע קי און פערד און מען ברענגט פון דאָרט אַלטע סאָלדאַטסקע וועש, ליילעכער און פאַרשידענע שפּייז־פּראָדוקטן. אויך מיין טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַ נייע פּרנסה אָפּגעזוכט: אַ מאַשינקע האָבן זיי אָפּ צו טרייבן בראָנפן. די אַרבעט, נאַטירלעך, ווערט געטון בײַנאַכט.

אין איינעם אַ בײַנאַכט, טוט מען אַ רייס אויף ביידע טירן פון אונדזער קלייט און עס שטעלט זיך אַריין פּעטריקאָ, דער נייער שעף. אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַ קיילכיק ווייס פּנים און געדיכטע שוואַרצע ברעמען. די מאַמע שטייט אַקעגן אים מיט דעם לאָמפּ אין די הענט און איז ווייס ווי דער טויט. דער טאַטע שטייט אין דער טיר בײַם ליקל צווישן אויוון און רירט זיך ניט פון אָרט און דער חתן, דער רומענישער דעזערטיר, זיצט אין אַ ווינקל פון דער בעקעריי און צעגיסט דעם וואַרימען בראָנפן אין די פלעשער. דער שעף טוט אַ צי אַריין אין זיך דעם אָטעם און ווערט אומרואיק, ווי אַ חיה ווען זי דערפילט דעם ריח פון וואַרים בלוט:

— אַניסאַ צויקאַ!... ס'שמעקט מיט בראָנפן! — טוט ער אַ געשריי.

די מאַמע טוט אַ ציטער און נעמט וויינען. דעם ערשטן מאָל זע איך מיין מאַמען וויינען פאַר אַ פרעמדן מענטשן, זי די שטאָלצע, די אויסגעפּרואווטע, די וואָס האָט ווירדיק אַריבערגעטראָגן דעם חושך, דעם איבערבראָך פון רייך צו אָרימקייט, זי וויינט און בעט זיך בײַם שעף און זיינע באַגלייטער, די צוויי סערזשאַנטן:

— טוט אַ קוק!... זעקסט קליינע קינדער האָבן מיר... מיידעלעך... מיין מאַן איז אַ בלינדער... האָט רחמנות... איר לאָזט דאָך מיר ניט באַקן קיין ווייס ברויט מיט קוילעטשן... פונוואַנען, דאָמנאַ שעף, וועל איך געבן עסן מיינע טעכטערלעך, מיינע לעבעדיקע יתומים?!...

דער שעף קוקט אָפּ איר מיט זיינע הייסע אומגעדולדיקע בליקן, קענטיק, ער גיט זיך ניט קיין רעכענונג וואָס אַזוינס די מאַמע בעט אים. ער טוט אַ מאַך מיט דער רעכטער האַנט אינדערלופטן און רופט זיך אָן:

— ניט קיין בראָנפן, זשידאַנקאַ, וויל איך בײַ דיר!... רומענישע דעזערטירן זוכן מיר!... בײַ דיר, זאָגט מען, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצע מחנה...

די מאַמע בלייבט שטיין ווי אַ פאַרהילצערטע. דער טאַטע טוט אַ שפּאַן פאָרויס, צענעמט ביידע הענט אין פאַרשידענע ריכטונגען און רעדט אַריין במעט אין דער סטעליע:

— ניט קיין רומענער, דאָמנאַ שעף, האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן, נאָר טערקן! ערשט נעכטן זיינען זיי פונדאַנען אוועקגעפאָרן!... זאָל דער

דאָמנאַ שעף זוכן וואו ער אַליין וויל... מיר האָבן ניט צוליב וואָס אָפּ־נאַרן עמיצן...

דער שעף טוט אַ קוק אַף זיינע באַגלייטער און באַלד טראָגט ער איבער די אויגן זיינע צום טאַטן, צו דער מאַמען:

— גוט! — רופט ער זיך אָן מיט אַ קול, וואָס דראָעט. — מיר גייען אַוועק פונדאַנען, מיר גייען זוכן... מיר וועלן אָבער קומען נאָכאַמאָל, איר מוזט אונדז איבערגעבן פּינקטלעך אַלע נעמען פון די טערקן...

.38

דער שעף האָט שוין ניט דערלעבט קומען צו אונדז נאָכאַמאָל. און אויך איינער פון די סערזשאַנטן, וואָס האָבן אים באַגלייט. גאַנץ פרי איז אונדזער געסל פלוצים אויפגעריסן געוואָרן פון אַ שיסעריי, וואָס האָט צעטרייסלט די טירן מיט די פענצטער פון אונדזער שטוב. אין שטוב בײַ אונדז איז אָן אימה: אין איטלעכעם בלויע אויגן שטייט אַ טיפע שרעק. זי רעדט דורך טרערן:

— גיי ניט אַרויס פון שטוב, מאַמע, מען שיסט, מען מאַכט שוין ווידער אַ פּאָגראָם!...

מיר הערן זיך איין:

— טעטי לומע אין קאַסאַ! אַלע אין די שטיבער!... רייסן זיך אַריין קולות פון סאָלדאַטן. — באָלשעוויקעס, בלוט פון איבערן נעסטער!...

אין דער מינוט קלאַפּט מען בײַ אונדז אין דער הינטער־טיר. ס'איז כאַנעלע, דער בעקערישער טעלעפאָן. זי רוט ניט, די אידענע... מיט אַ גע־וויין פאַלט זי אַריין אין דער בעקעריי איניינעם מיט שטיקער צעוויייעטן שניי, וואָס דער ווינט שמייסט אַריין פונדרויסן:

— רב הערש, ראַצע, אַ גרויס אומגליק, אַ קלאָג האָט אונדז ווי־דער געטראָפן! — לויפט זי אום איבער דער בעקעריי אַ צעטראָגענע און ברעכט די הענט. איר בלוי שמאָל פּנימל איז פאַרחושכט און דערשראָקן.

— עמיצער, — טוט זי אַ כליפּע אַריין אינעם פענצטער, וואָס איז מיט שניי באַדעקט, — האָט די נאַכט דערשאָסן פּעטריקען, דעם נייעם שעף, און אַ סערזשאַנט, וואָס איז מיט אים געגאַנגען... לעבן אַ אידישן שענק, ווײַ איז מיר! — טוט זי זיך אַ צעשאָקל און קלאָגט ווי איבער אַ בן־מינן, — איז דער אומגליק געשען!...

דער מאַמעס אויגן ווערן גרעסער און פול מיט פּיין:

— הערסט, הערש? — ווענדט זי זיך צום טאַטן. — נאָך דאַנקען גאָט, וואָס דער אומגליק איז ניט פאָרגעקומען לעבן אונדזער שטוב...

דורך דער הינטער־טיר שטעלט זיך פלוצים אַריין שלוימע־לייב דער רימער און זיין ווייב, כאַוועַ די רימערקע, מיט זייערע קינדער, פיר אינגלעך און עסטערל די מעזינקע, זייער בת־יחידה, און אויך יויעל דער צוקערניק מיט דעם ווייב און מיט די קינדער. עס ווייעט פון זיי מיט פראָסט און

מיט פּחד. די רימערקע הילט זיך אינעם גראָבן שאַל און רעדט שטיל, פּיינלעך און וויינענדיק. איר שוואַרץ־גרין און ביינערדיק פּנים איז באַדעקט מיט אַ טיפער צערודערונג, מיט שרעק:

— ראַצע, וואוהין זאָלן מיר אַוועקפירן אונדזערע קינדער?... אַלע וועגן זיינען פאַרשטעלט... מען לאָזט קיינעם ניט אַריין און ניט אַרויס פון דער שטאָט... דער רומען גרייט זיך אונטערצוצינדן די גאַנצע שטאָט... אויב מען וועט אים ביז מאָרגן ניט אַרויסגעבן די מערדער, זיינען אַלע פאַרלוירן!...

מיין טאַטע גיט זיך פּלוצים אַ לאָז פאָרויס, ווי אַ געטריבענער פון אַ סטיכישער קראַפט און צעקלאַפּט זיך דאָס פּנים אָן דער פאָרענטש פון דער טיר. ער בלייבט שטיין אַ צעטומלטער, אַ פאַרלוירענער, צענעמט ביידע הענט, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט און טוט פּלוצים אַ געשריי:

— וואָס, זיינט איר אַלע, משוגע געוואָרן?! קלאָג אידענעם! אַ קלייניקייט באַ זיי, אַ שטאָט אונטערצינדן, פאַרטיליקן הונדערטער, טויזנטער אומשולדיקע מענטשן... פאַר וואָס?! פאַר וועמען?!

— ראַצע, מאַכט אַ גרויס פייער אין אויוון. — רופט זיך אָן אַלטע די צוקערניטשקע, וואָס איז בלייך און טרויעריק. — צום ערשטן וועלן מיר זיך אָנוואַרימען, זיך אָנטרינקען מיט טיי, וועלן מיר שפּעטער כּוח האָבן צו שטאַרבן...

שמיל הערש, דער דעזערטיר, ליגט שוין אַ באַהאַלטענער באַ אונדז אַפן בוידעם; טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, מען מאַכט ווידער אָן אָבלאַווע, זאָל ער כאָטשע ניט פאַלן קיין קרבן, ניט אַריין אין די נעגל פון טויט...

שפּעטער גנבעט זיך אַריין זכאַריע, איינגאַנצן דורכגענומען פון קעלט און פון טיפער אומרו.

— ביזט ניט ווערט דעם נאָמען מענטש, זכאַריעלע, — בייזערט זיך די מאַמע. — אין אַזאַ סכנה, לאָזטו זיך אַרויסגיין אין גאַס?... איך פרעג דיך!...

ער זעצט זיך אַוועק אַף דער פריזבע פונעם אויוון, לעבן טאַטן, און נעמט יענטעלען, מיין קליין שוועסטערל, צו זיך אַפן שויס, שמייכלט פאַרלעגן און זאָגט:

— מען האָט אַרעסטירט איציק סאָטסקע... מען זוכט פּאַיע קאַצאַפּ... טאָמער וואָס ווען, לאָמיר כאָטשע זיין איניינעם!...

מיר איז שוין איצטער גרינגער צו טראַכטן פון טויט... אַבי זכאַריע איז צווישן אונדז!... מיין ריווקע — זי איז שוין אַ גרויסע און אַ שיינע — שטעלט אָן אַף מיר אירע ברוינע, לויטערע אויגן און זיפצט מיט דער ליבשאַפט פון אַ מאַמע:

— דו ווייסט, זשילעלע! — דאָס רופט זי מיך אַזוי פאַרצויגן און רעדט דורך טרערן. — אַז איך וואָלט געוואָלט שטאַרבן נאָך איידער וואָס

ווען... אפן טאַטן און אַף דער מאַמען איז מיר אַ גרויס רחמנות... ביידע זיינען זיי אויסגעשטעלט אַף אונדזער השגחה...

— איך וועל גיין, וויוועלע, אַ קוק טון וואָס ס'הערט זיך אין גאַס!... סיי ווי דאַרפן מיר דאָך שטאַרבן, איז וואָס האָב איך שוין אָנצואוווערן, מורא צו האָבן פאַרן טויט?!...

איך שטעק אַריין די באָרוועסע פיס אינעם טאַטנס שטיוול, טו אָן זיין פּידזשאַק און לאָז מיך צו דער הינטער־טיר. די מאַמע לויפט מיר נאָך און שלעפּט מיך צוריק פאַרן קאָלנער פונעם פּידזשאַק:

— הערש, די מויד וועט מיך אומגליקלעך מאַכן! — זי וועט ניט שטאַרבן מיט איר אייגענעם טויט...

— נישקשה, מיין ווייב, — רעדט דער טאַטע שטיל און נאָכגיביק, — ווי איך בין אַ איד, דו מעגסט זי לאָזן גיין!... די רוצחים, פאַרשטיי איך, זיינען איצט פאַרנומען מיט גרעסערע דאגות, זיי וועלן איצט ניט זוכן אַ קינד אָפּצושמייסן איבערן הינטן... גאָלדע איז אַ מזלדיקע, וועט זי אונדז ברענגען אַ גוטע בשורה, וועסט זען, ראַצע, אַז איך האָב רעכט... די וועלט איז נאָך ניט משוגע געוואָרן!...

דער שניי אַף אונדזער געסל איז באַשטעלט מיט הונדערטער קראָען, שוואַרצע און גרויסע, וואָס פליען איבער פון איין אָרט אַפן צווייטן און הייבן זיך אויף מאַסנווייז אינדערלופטן. די לאָדנס און די טירן פון די שטיבלעך און פון די קלייטן שטייען געשלאָסענע, פאַריגלט מיט די שווערע אייזערנע פרענטעס, ווי די קברים פאַרסקליעפּעט און מיט פריש אָנגעפאַלענעם זאַמדיקן שניי באַשאָטן. אַ סימן, אַז קיינער איז היינט פון די שטיבער ניט אַרויסגעגאַנגען.

די פּאָטשט־גאַס זעט אויס מאָדנע אויסגעצויגן און ברייט. דאָ און דאָרט, כמעט אַף יעדן ראָג, דרייען זיך אום סאָלדאַטן מיט ביקסן אַף די פּלייצעס, גרייטע דורס צו זיין די וועלט... אַ בלייכע זון שטייט איבער די דעכער, איבער די לאַנגע אייז־ליכט וואָס זיינען צוגעפרוירן צו די סטרי־כעס און לאָזן פון זיך פאַלן קאַלטע טראָפּנס, ווי גרויסע מענטשלעכע טרערן. מיט טויטע פּנימער, אויסגעצויגענע, מיט פאַרשטומטע ליפּן, ווי באַ די מומיעס, שטייען עטלעכע פּויערים און פּויערטעס באַם צעפראַלטן אייזערנעם טויער פון דער סעמינאַריע. זיי ניורען זיך אין די גרויסע פעלצן און אַ מאָדנע אומגעדולד, אַ געצוימטער נערוועזער ציטער פילט זיך אַרויס פון יעדן ריר זייערן. קיין וואָרט הערט מען זיי ניט אַרויסריידן, נאָר בליקן עקשנותדיקע, שטאָלענע ציען זיך פון איינעם צום צווייטן.

עלצטע, מיט פאַרשפּיצטע און אומצוטרוילעכע פּנימער, מיט רציחה אין די שוואַרצע דערשראָקענע אויגן דרייען זיך אַריין און אַרויס אינעם טויער, שושקען זיך געהיים. אין יעדן איינעם פון זיי, דאַכט מיר, ליגט אַ גאַנצער קאַסטן מיט פּולווער, וואָס אָט וועט ער אויפרייסן און אומ־ברענגען די גאַנצע וועלט.

מיר איז קאַלט און פיינלעך. נאָך פיינלעכער ווערט מיר, ווען עט־

לעבע סאָלדאַטן שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען, גלייכע און פאַרגליווערטע און דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג, וואָס זיי האָבן געלאָזט, פירט מען דורך פערצן אַרעסטירטע, די הענט אַף הינטן צוגעשמידט, צעשלאָגענע און מיט בלוטיקע וואונדן אַף די קעפּ. די סאָלדאַטן שטורכען זיי מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן איבער די פּלייצעס און אין די זייטן. די אַרעסטירטע בויגן זיך אָן, נאָר די קאָלבעס פאָלגן זיי נאָך...

עטלעכע פון די אַרעסטירטע קען איך גוט. דריי זיינען קאַצאַפּעס, דריי ברידער, הויכע און שלאַנקע, מיט לאַנגע הענט און מיט טונקלבלאָנדע, גלאַט פאַרקעמטע און מיט פעטס אָנגעשמירטע האָר. אונדזערע קונים זיינען זיי געווען. אַ מאָדנע אַכטונג האָבן מיר געהאַט צו זיי, סיי צוליב זייער געמאָסטענעם ריידן און סיי צוליב דער ציכטיקייט פון זייער הלבשה. איציק דער סאָטסקע זיצט שוין אַפן שליטן מיט אַנדערע אַרעסטירטע. דאָס לאַנגע טונקעלע פּנים זיינס, איז איינגעפאַלן און בלייך, ווי באַ אַ טויטן. בלייך און מיד איז אויך דאָס שמאָלע מאַטעווע פּנים פון קאָליאַ, דעם קיעווער פעלדשער. ער טראָגט נאָך די שוואַרצע רוסישע בלוזע מיט דעם הויכן אויסגענייטן קאָלנער און זעט אויס ווי אַ יונגער גימנאַזיסט. קאָליעס טונקל־בלויע און קינדיש־מילדע גלויביקע אויגן קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן און זיינען אָנגענומען מיט שוידער און מיט באַנג.

בייקעלע דעם פּראַטשקאַרס, וואָס באַ איר האָט קאָליאַ געוואוינט, שטייט אַפן טראָטואַר און זעט אויס ווי עמיצער וואָלט אויסגעזויגן דאָס גאַנצע בלוט פון איר פּנים. קאָליאַ קוקט אַף איר און זיין פּנים ווערט לענגער, בלייכער און באַדעקט מיט בושה, מיט אַ שטומען ווײַ־געשריי פון אַ דרייסיק־יאָריקן מענטשן, וואָס קלאַמערט זיך מיט אַלע זיינע חושים אינעם לעבן. קאָליאַ איז שוין עטלעכע יאָר פעלדשער אין יעדינעץ. מענטשן זאָגן, אַז זי, בייקעלע דעם פּראַטשקאַרס, האָט אים, רחמנא ליצלן, פאַרקאָכט אַ קאַשע און ער קען זיך ניט אויסדרייען פון אירע פאַרקישעפטע הענטלעך. אַנדערע, ווידער, זאָגן, אַז קאָליאַ איז אַ גוטער מענטש, ווי אַ גוט שטיקל ברויט, אַן אידעאַליסט און ער האָט ליב צו היילן אומזיסט די אָרימעלייט פון שטעטל. איבערהויפּט קוועלן פון אים אָן די אידישע ווייבער. קאָליאַ רעדט מיט זיי אין אידיש און לאָזט זיך איבערפרעגן הונדערט מאָל איין זאַך...

אַפּדערנאַכט זיצן מיר אין דער האַלב־טונקעלער בעקערײַ אַף דער וואַרימער פּריזבע און טרינקען טיי מיט צוקערלעך, קיין צוקער איז נישטאָ. אַ שיסערײַ טרייסלט אַלעמאָל אויף די טירן און די פענצטער פון אונדזער שטוב.

— הערש, — טוט די מאַמע אַ זאָג, — מיט וואָס שיסן זיי דאָרטן?... צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, הער איך אַזאַ אויפרייסעניש...

— ס'איז ניט פון ביקסן, — ענטפערט שמיל הערש, — מיט מעטראַליעס שיסן זיי, די כוליגאַנעם.

אין דער מינוט קלאַפּט מען ווידער אין דער הינטער־טיר.

— שמיל הערש! — טוט די מאַמע אַ דערשראָקענעם ברום, — גיי אַהער! רוק דיך אַרויף אַפֿן אויוון!...

— לאָזט מיך צו רו, מחותנתטע! — ענטפֿערט ער באַליידיקט, — זאָלן זיי מיך נעמען, מיך שיסן, מיר איז נימאס אַזאַ לעבן... איך וועל מיך אַליין איבערגעבן צו זיי אין די הענט, איך קען ניט לעבן ווי אַ האָז!.. זאָל זיין וואָס ס'וויל זיך!...

פֿינקל שטעלט אַף אים אַן אירע שטילע אויגן, אָנגענומענע מיט טיפֿן מיטגעפֿיל און גרעניצלאָזן צער:

— ס'מוז זיין עמיצער פֿון די שכנים, — זאָגט זי שטיל און באַזאָרגט. — אָט וועל איך אַליין די טיר עפֿענען...

אַלטע די צוקערניטשקע שטעלט זיך אַריין אַ בלייכע, אַן אויפֿגעשוידערטע, איינגעהילט אין איר מאַנס גרויסן טולופּ. קרירע און אומעט טראָגט זיך פֿון איר. זי שטעלט זיך אוועק באַ דער פּריזבע, נעמט אַריין דעם קאָפּ אין ביידע הענט און רייסט זיך פֿאַר די שוואַרצע האָר אירע.

די מאַמע און זכאַריע כאַפּן זי אָן פֿאַר ביידע הענט:

— פֿע, אַלטע, ס'איז ניט שיין! — רעדט די מאַמע דורך טרערן. — וואָס האָט שוין ווידער געטראָפֿן?

זי שווייגט און קוקט פֿאַרשטיינערט אַרום זיך. אַ שטיל געוויין שטייט אַרום איר. אַלטע רעדט שטיל, ווי פֿאַר זיך, ווי זי וואָלט דעם גאַנצן זינען פֿאַרלוירן:

— פּערצן מענטשן האָבן זיי היינט דערשאָסן... פֿאַר די דריי אַרעסטירטע אידן האָבן מיר באַצאָלט אַ מיליאָן לעי... מיר האָבן זיי גערעטעוועט... קאַליען, דעם פֿעלדשער, האָבן זיי ניט געוואָלט באַפֿרייען... עמיצער האָט אים געמסרט פֿאַר אַ באָלשעוויק... אין איין גרוב, ווי די געפּייניגערטע הינט, האָט מען זיי צונויפֿגעוואָרפֿן...

אַלטע בלייבט שטיל. אַרום אונדז ווייעט אַ טויט-פֿיינלעכע שטילקייט.

— אַלטע, — רייסט דער טאַטע איבער די שטילקייט און דאָס פּנים זיינס דריקט אויס טיפֿע אומפֿאַרשטענדלעכקייט. — מען ווייסט דען אַף זיכער, אַז עמיצער פֿון זיי האָט אַ חלק אינעם טויט פֿון די צוויי עלצטע?

אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ און גיט צו שטיל און איראָניש:

— קיין איינער פֿון זיי, רב הערש, ווייסן מיר, איז שולדיק אין דעם צווייענדיקן מאָרד... דאָ ליגט אַ פֿאַרברעכעריש אויג, עמיצער האָט געמסרט, אָנגעוויזן אַף זיי ווי אַף רוסישע... דאָס איז אַלץ...

— אויב אַזוי, הערש, — מישט זיך אַריין די מאַמע, — וועלן זיי דאַרפֿן אויסשיסן די גאַנצע שטאָט מיט מענטשן... מיר זענען דאָך געבוירענע רוסישע!... שיינע באַשיצער האָט אונדז זאַליעווסקי געבראַכט... דאָס מזל אים אין קבר...

דעם אַנדערן טאָג נאָכן דערשיסן די פּערצן מענטשן, זעט מען ניט קיין לעבעדיקן נפש אין גאַס. אַ ווייסער פֿראָסט הענגט איבערן שטעטל,

אַ שאַרפע קעלט וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, צופּט באַם האַרצן און באַ די שפּיצן פינגער, ווי מיט קליינע שאַרפע אָפּצווענגלעך. פון די דעכער, פון די ביימער אין פלאַכטעס שניי אָנגעטוענע, פון די בערג הינטערן שטעטל, טראָגן זיך לאַוועס מיט שניי, דינער און בלישטשענדיקער, ווי צעמאָלענער מאַרמאָר. די מאַמע שטייט הינטער דער טיר און הערט זיך איין אינעם וויינענדיקן ברומען, וואָס קומט פון דרויסן, אַ טיף מענטשלעך געבעט, וואָס קומט פון די טיפסטע נשמה־ווינקעלעך.

שמיל הערש זיצט אַ געבויגענער אין אַ ווינקל לעבן דער הרובע און סטריגעוועט צונויף אַ גרינעם פרענטש פאַר אַן עלצטן. זיינע מויל־ווינקלען זיינען ווייס און צונויפגעפּרעסט. דאָס פּנים, די גרויע אויגן זיינען איינגעגראָבן אין דער אַרבעט.

די מאַמע שטעלט אַף אים אָן די גרויסע פיינפולע אויגן:

— שמיל הערש, אפשר וואָלסטו אַרויפגעגאַנגען אַפן בוידעם?... ווי אַ זאַך מאַכט זיך!... הער נאָר וואָס ס'טוט זיך אינדרויסן! עמיצער וויינט, דאַכט זיך, — גיט זי צו געהיימניספול און מיט באַדייטונג, — קען זיין זיי מאַכן שוין ווידער אַן אָבלאַווע, די היצלעס...

— איך הער, מחותנתטע, — ענטפערט ער מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט און שטעלט אַף איר אָן זיין רויט געוואָרן פּנים און זיין בלאָנדע צעשויבערטע קודלע. ער שטעכט אַריין די דורכדרינגלעכע אויגן אין די מיט פראָסט אָנגעטוענע שויבן. — דאָס איז ניט קיין געוויין, מחותנתטע. — גיט ער שוין צו מיט אַ זיכערקייט אין קול. — עמיצער דאַוונט, זאָגט תהילים...

די מאַמע טוט אַף אים אַ צעשטרייטן קוק, אַן אומפאַרשטענדלעכן:

— קינדער! — שרייט זי אַריין אין דער טיר פון דער בעקעריי, — קיין איינע פון אייך וועט איצט ניט אַרויסגיין פון שטוב... ווער ווייסט זיי, די היצלעס, וואָס זיי גרייטן שוין ווידער...

— לאָז מיך, מאַמע, אַרויסגיין אין דרויסן, באַ דער קלייט וועל איך שטיין... איך וועל נאָר אַ קוק טון ווער ס'דאַוונט און איך גיי שוין צוריק אין שטוב. — בעט איך מיך באַ איר, אַ באַהערשטע פון אַ גוואַלדיקן נייגיר.

— הער נאָר, הערש, וואָס דער סמבטיון דיינער וויל! — שרייט די מאַמע אינגאַנצן אויסער זיך. — זי וועט מיך אומגליקלעך מאַכן!... הערש, מיט פייער טאָר מען זיך ניט שפּילן!...

דער טאַטע שטעלט זיך אַוועק אין דער טיר אַקעגן דער מאַמען, צענעמט די הענט אין פאַרשידענע ריכטונגען און שטעלט אָן דאָס פאַרשפּיצטע בערדל אַקעגן דער סטעליע:

— האָב ניט מורא, ראַצע, — רעדט ער מיט אַ באַליידיקט קול. — דאָס איז אַן אַנדער מין רוצחים... ניט פון פעטליורעס שניט... נאָך וואָס איינפלאַנצן אין אַ קינד אַזאַ שרעק, אַזויפיל אומגלויבן אין מענטשן און צו זיך אַליין?... זאָל זי גיין, ראַצע! — טוט ער אַן אָפּגעהאַקטן זאָג. —

פּחד איז אַן אומגליק!... איינער פון אונדז מוז דאָך וויסן וואָס ס'טוט זיך דאָרט!... געגנוג וואָס מיר אַלע ליגן דאָ פאַרשפאַרטע ווי די האָזן... ווי אין די מייזן־לעכער לעבן מיר!...

די מאמע באַקומט רויטע אומרואיקע פלעקן אַף די באַקן, זי בויערט מיך דורך מיט אירע גרויסע אומרואיקע אויגן און רעדט דורך טרערן:

— אַ מזל האָסטו באַ מיר, מיין טאָכטער, אַ פינצטערס און אַ ביי־טערס... אין אַלע פייערן ביזטו נעבעך די ערשטע!...

די גאַס קומט מיר אַקעגן אַ גרויע און אַ געהויקערטע, ווי אַ גרייז־גרויער זקן, אַן איינגעהילטער אין די תכריכים זיינע. די הויפנס בלוי־ווייסער שניי גרייכן שוין ביז די פאַרהאַקטע פענצטער, מיט די אייזערנע פרענטעס אַף די לאָדנס. אין מאַרק, צווישן אַלע פיר ראָגן, שטעלט זיך אָפּ אַ קליינע פּראָצעסיע. זעלנער מיט אַנטבלויזטע קעפּ טראָגן אַף די אַקסלען צוויי טרומנעס באַדעקטע מיט בלומען און איינגעהילט אין גרויסע רומענישע פענער. עטלעכע אָפיצירן, מיט אַנטבלויזטע קעפּ, שטעלן זיך אַרום די טרומנעס, וואָס מען האָט אָפּן שניי אָוועקגעשטעלט. זייערע שטרענגע, שוואַרצהויטיקע און פאַרשפּיצטע פּנימער שטעכן זיי איין אין די צוויי ווייס־בלייכע, פאַרגליווערטע פּנימער פון די צוויי טויטע, דעם דערשאָסענעם שעף פּעטריקע און דעם סערזשאַנט. עטלעכע עלטערע פּויע־רים מיט לאַנגע פּעלצן און אַנטבלויזטע קעפּ, טראָגן הייליקע בילדער און צלמים.

אַ רגע הערשט אַן איימעדיקע שטילקייט, ווי די וועלט וואָלט פּלוצים אין אַ שלאָף אַריינגעפאַלן. דער שאַרפער טרוקענער ווינט טראָגט אַראָפּ פון די דעכער און פון די איבערגעדרייטע אידישע שטעלן גאַנצע הויפנס דינעם שניי, פאַרשמייסט אים איבער דער פּראָצעסיע און ווייעט אַן מיט פרעסנדיקער קעלט. מיט קאַלטע פּנימער, ווי פון שטאָל אויסגעגאָסענע, לאַנגע, איינגעשניטענע מיט פינצטערע קאַרבן, שטייען צוויי גלחים צו־קאָפּנס די טרומנעס. פון זייערע גרינע געבלימטע און אָפּן ווינט צעווייעטע זשיפּעצעס, פון זייערע גרויסע גאָלדענע צלמים אַף די ברוסטן, פון די הויכע מיצן אַף זייערע קעפּ, באַפּוצטע מיט רויטן, ווייסן און געלן שעך, פון זייערע צעעפנטע געבעט־ביכער, טוט אַ ווייע אַף מיר מיט פּחד און מיט אַכזריות.

נאָך זייערע תפילות, מאַכן זיי פריי דאָס פּלאַץ פאַרן רב מיט זיינע משוררים, וואָס באַגלייטן די הרוגים צו זייער אייביקער רו. זיי זיינען איינגעהילט אין גרויסע טליתים, טראָגן שוואַרצע זיידענע יאַרמלקעס אַף די קעפּ און די תפילות זייערע, די קאַפּיטלעך תהילים, דאָס טיפע און האַרציקע קול פונעם רב, דרינגען מיך אינגאַנצן דורך. מיר דאַכט זיך דעמאָלט, אַז ניט פאַר די נשמות פון די צוויי הרוגים בעט דער רב, ער וויינט און שרייט צו גאָט, מאָנט גערעכטיקייט פאַר די אומגליקלעכע ברי־דער און שוועסטער זיינע, די באַליידיקטע און געפייניקטע, די צעטראָ־טענע פון די רומענישע הוצליעס...

דער צווינטער שטייט א ווייסער, א שטילער און אַן איינזאַמער אין דער ביינאַשמאַשעסדיקער אויסגעלאָשנקייט. די באַשנייטע צלמים שטאַרצן פון די קברים ווי אויסגעקרומטע פאַרפרוירענע הענט פון די מתים. אַרום אָפענעם קבר פאַר די צוויי דערשאָסענע רומענער, שטייען עטלעכע אָפי־צירן, שטילע מיט טיף געבויגענע קעפּ און הערן זיך איין אינעם גלחס לעצטער תפילה. ער ברומט גיך דער גלח, קענטיק אים איז אויך קאַלט געוואָרן... און דער רב מיט די משוררים זיינען ערנסט און באַדעקט מיט שניי, מיט אומעט...

אַן אומעטיק פּנים האָט טשאַמפּוי, דער שעף פון דער סיגוראַנצאַ. די רויטע באַקן זיינע, ווי באַ א געזונטער פּויערטע, זיינען בלוי און דורכ־געשנירלט מיט פאַרגליווערטע טרערן. ער האַלט דאָס פּנים אין ביידע הענט, זיין געדיכטע שוואַרצע טשאַפּרינע פאַלט איבער די פינגער זיינע, באַצירטע מיט גרויסע גאָלדענע רינגען און ער קלאָגט, באַגיסט זיך מיט טרערן, ווי א אידענע.

איך קוק אַף אים און קען גאָרניט באַנעמען ווי אַזוי א מאַן, א שעף פון דער סיגוראַנצאַ, וואָס בלויז דער נאָמען אירער וואַרפט אָן א מורא קען אַזוי וויינען!... א מענטש, וואָס אונטער זיין השגחה האַקט מען פינ־גער פון די הענט און פון די פיס באַ די פּאָליטישע אַרעסטירטע און באַ די פּויערים, וואָס מען איז זיי חושד אין ווינציק ליבע צו דער נייער רו־מענישער מאַכט... א מענטש, וואָס לעבט זיך ברייט און זאָרגלאָז אין די שיינע צימערן פון דעם געוועזענעם רוסישן „מאָנאָפּאָל" און אין די אונ־טערשטע קעלערן רייסט מען שטיקער לעבעדיקערהייט פון אומשולדיקע פּויערים און אידן; א מענטש מיט א האַרץ פון שטאָל און אייזן, קען אַזוי וויינען און מורא האָבן, דאַכט זיך, נאָר פאַר זיין אייגענעם פינצטערן סוף . . .

דער שאַרפער ברומענדיקער ווינט, וואָס לויפט איצט אום איבערן צווינטער ווי א בייזער אָנזאָג אַף שלעכטע ביטערע צייטן, צעוויייעט די גלאַט פאַרקעמטע האָר פון די צוויי טויטע, פאַרהייבט די זשיפּעצעס באַ די גלחים, דרייט זיך ווילעבערדיק מיט גאַנצע הויפנס שניי, שמייסט איבער די פּנימער, יאָגט און טרייבט דעם עולם פון דעם צווינטער.

מען לאָזט אַראָפּ די צוויי טרומנעס אינעם גרוב און איינער פון די עלצטע, א הויכער, א שמאָלער, מיט א שוואַרץ ביינערדיק פּנים, א גרוי־זאַמס, רעדט איבער דעם אָפענעם קבר:

ברידער פּעטרו און וואַניצו! — צעטראָגט זיך דאָס גרויזאַמע קול זיינס איבערן צווינטער. — איר, צוויי גרויסע רומענישע זין, צוויי הייסע הערצער, צוויי גרויסע פּאַטריאָטן, זיינט אומגעקומען פון א באָלשעוויס־טישער האַנט... מיר שווערן באַ גאָט, — ביילט ער די פויסט צום גרויען ברוגזן הימל, — נקמה צו נעמען פאַר אייערע יונגע לעבנס; פאַר יעדן טראָפּן בלוט פון אונדזערן א ברודער, וועלן די באָלשעוויקעס מיט גאַנצע עמערס, מיט טייכן בלוט און טרערן באַצאָלן...

זיינע ווערטער בלייבן הענגען אין דער לופטן, פּאַכען מיט טויט איבער פּויערים און פּויערטעס, וואָס א סך פון זיי האָבן שפּעטער אין באַנאַכטיקע שאָען די אייגענע זייערע מקבר געווען, פאַרפייניקטע אין די קעלערס פון דער סיגוראַנצא...

.39

מיט עטלעכע טעג שפּעטער עפנט די מאַמע ווידעראַמאָל די קלייט. נאָר די ראַפּטן אין קלייט זיינען ליידיקע. דאָס ביסל פרישע געבעקס ליגט באַהאַלטן אין דער בעקעריי. מען באַהאַלט דאָס פאַר די רומענישע זעל־נער, וואָס קומען אַלעמאָל און כאַפּן אַראָפּ דאָס ברויט פון די ראַפּטן און דערביי זידלען זיי און סטראַשען מיט ראַזגעס ווען מען שטעלט זיך זיי אַקעגן.

די מאַמע בלאָזט אַראָפּ דאָס אַש פון צוויי הייסע פינף־פונטיקע ברויטן, ווייסע און צעוואַקסענע, מיט ברוינע שפּיגלדיקע בעקלעך און שטעלט זיי אריין אין פענצטער, אַף אַן אויסשטעלונג.

— אַ גאָטס אַן עבירה! — רעדט זי שטיל און באַזאָרגט, נישט באַ־דאַרפט אין אַזאַ קרירע עפּענען די קלייט, נישט באַדאַרפט איינגאַנצן באַ־גראָבן אַ זעקל מעל... קיין יאַריד, זע איך, וועט זיך היינט ניט שטעלן, די גויים האָבן מורא צו קומען...

זי לייגט אריין די הענט אין די צונויפגענומענע אַרבל פונעם פּעלצל און שפּאַנט אום איבער דער קלייט, קלאַפּנדיק איין פוס אינעם צווייטן. מיט אַ קלאַפּעריי אַפן האַרטן פאַרפרוירענעם שניי, קומען אַן עטלעכע זעלנער פון דער פּאַטשט־גאַס. אין אומאָרדענונג גייען זיי און זעען אויס ווי אַ מחנה הונגעריקע וועלף. מיט אַ ווילדן אימפּעט טוען זיי זיך אַ לאָז צום טראָטואַר און שיטן זיך אריין צו אונדז אין קלייט. זיי קלאַפּן אָפּ דעם שניי פון זייערע צעפליקטע פּאַסטעלעס, וואָס זיינען אַרומגעבונדן מיט דינע שטריקלעך און ליאַרעמען:

— ברויט!

איינער פון זיי טוט זיך באַלד אַ וואָרף צום פענצטער, כאַפּט אַראָפּ ביידע פרישע ברויטן און לאָזט זיך אַנטלויפן. די מאַמע לויפט אים נאָך, כאַפּט אים אָן פאַרן רעכטן עלנבויגן און טענהט האַסטיק און דערשראָקן:

— מיר האָבן נישט קיין ברויט פאַר די אייגענע קינדער...

ער טוט זי אַ שטויס אָפּ פון זיך, פאַרשטופּט ביידע ברויטן אונטערן לינקן אָרעם און מיט דער רעכטער האַנט לאָזט ער איר אָפּ אַ פּאַטש אין באַק:

— נאַ, אָט האָסטו ברויט פאַר דיינע קינדער, די רוחישע זשידאַנקאַ!..

די מאַמע טוט אַן אָפּגעהאַקטן געשריי און בלייבט באַלד שטיל. זי שפּייט אויס אַ גרויס שטיק פאַרהאַרטעוועט בלוט און לייגט צו דעם וויַיז־פינגער צום מויל, הייסט מיר שווייגן...

אין דער לײדיק געוואָרענער קלײט שטײט די מאַמע אַ פאַרשעמטע מיט אַ צעקרומט פּנים, באַגאָסן מיט אַ טויטער בלײכקײט און גרעניצלאָזער פּײן און קוקט אױפן שטיק בלוט, וואָס גליווערט פון קעלט, פון בושה. אין מיר שרײַט עס און װײנט: רומענישע סאָלדאַטן האָבן געשלאָגן, באַלײדיקט דײַן מאַמען...

אין דער רגע פליט אַרײַן אַן אַנדער סאָלדאַט, אַ הײמישער, וואָס כאַפּט אָרױף דאָס ברויט פון די ראַפּטן כמעט יעדן טאָג. ער שטעכט אײַן זײַנע שוואַרצע אומרואיקע אויגן אין די אויסגעלײדיקטע ראַפּטן, שנאַפּט מיט דער אויפגעבראַלטער נאָז ווי אַ הונגעריקער וואָלף און שרײַט, ווי די ערד וואָלט אונטער אים געברענט:

— ברויט, באַלעבאָסטע, דאַרף איך פאַרן דאָמנו קאָראָנעלי!... גיך, גיך!... — קלאַפּט ער צו מיט דער קאָלבע פון זײַן ביקס איבערן פאַרקויף־טיש. — דער דאָמנו קאָראָנעלי וויל עסן!...

די מאַמע שטעלט אָן אַף אים דאָס טויטע פּנים, אַ גלײַכגילטיקס, אַ פאַרשטײנערטס. זי שטעכט אײַן די גרויסע צעפּײניקטע אויגן אינעם זעלנערס רציחהדיקן פּנים און ווײַזט אים מיטן פינגער אױפן פאַרגליווערטן בלוט:

— נעם דיר, דאָמנולי, אָט דאָס, — מוט זי אַ בײסיקן מורמל — און זאָג דײַן קאָראָנעל, אַז אַ רומענישער סאָלדאַט האָט מיך געשלאָגן... ווײַל איך האָב נישט פונוואַנען אָנצוהאָדעווען אַ גאַנצן רעגימענט מיט זײַנע סאָלדאַטן!... זאָג דײַן עלצטן, אַז איך האָב זעקס קינדער, מײדלעך, יתומות!...

דער מאַמעס ווערטער פאַלן ווי די האָגלען, קאַלט און באַפעלעריש. איך זע זי ווידער אַ שטײפע און אַ ווירדיקע, אַ גרײטע זיך קעגנצושטעלן דעם בײז און מאָגען גערעכטיקײט...

— ביזט גערעכט, זשיפּוניאַסאַ! — מוט דער סאָלדאַט אַ נישט ניכעדיקן ברום און ציט מיט די אַקסלען ווי אים וואָלטן געאיבלט דער מאַמעס רײד און דאָס בלוט אירס, וואָס שרײַט אים אין פּנים אַרײַן, — איך וויל אָבער פון גאָרניט וויסן!... מיך האָט מען געשיקט נאָך ברויט!...
— ער שטעלט אַרײַן דאָס שוואַרצע פאַרפרוירענע און רציחהדיקע פּנים זײַנס אינעם טירל פון דער שטוב און רעדט ווײַטער: — איך וועל מיך ניט לאָזן שמײַסן צוליב דיר, דו רוחישע אידישקע, דער דאָמנו קאָראָנעלי וויל עסן...

דער טאַטע שטעלט אים אַקעגן דאָס אויפגעשווידערטע פּנים, דאָס פאַרשפּיצטע בערדל מיט די וואָנציעס, די טעמפּע אויגן, וואָס פינטלען אומזיניק און ווילן דורכבויען די פינצטערקײט וואָס שטײט פאַר זײ:
— וואָס איז דאָרטן, ראַצע? — שרײַט ער און שטרעקט די הענט פאָרויס. — פאַרמאַך, מײַן ווײַב, די קלײט, מיר וועלן שוין קײן נגידים ניט ווערן... גײ אַרײַן אין שטוב, ס'איז קאַלט!...
— בלינדער הונט! — מוט דער סאָלדאַט אַ קאַלטן לאַך און די

מויל־ווינקלען זיינע דריקן אויס א חוזק, א שבּאַט, וואָס מאַכט מיך משוגע, צעטרעט דאָס האַרץ מיינס.

דער טאַטע שטעלט אָן די אויפגעשפּיצטע אויערן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן צי די זידל־ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פון אַ מענטשלעך מויל און נעמט שרייען אין אַ צעבראָכענעם וואָלעכיש:

— פּאַרוואָס, דאָמנולי, באַליידיקסטו אַן עלטערן מענטשן?... דאָס לערנט מען אייך אַזוי שיין אינעם רעגימענט?... איר זענט דאָך אַהער געקומען אונדז אָפּהיטן פון פּאָגראָמען און ניט צו ראַבעווען!... איך וועל גיין צום עלצטן, געוועכטיקייט וועל איך מאָנען!...

דער סאָלדאַט ווערט אומרואיק, ווי ער וואָלט שוין געפילט די שמיץ פון דער נאַהייקע אַף זיין לייב. זיינע שוואַרצע דערשראָקענע אויגן שטעכן זיך איין אינעם טאַטנס אויפגעשווידערטן און נערוועזן פּנים:

— לאָז מיך, דו בלינדער! — טוט ער א האַסטיקן שטויס אַף דעם טאַטן און לויפט אַריין אין דער בעקעריי, כאַפּט צוויי גרויסע ברויטן און לאָזט זיך מיט זיי ווי א בייזער ווינט צו דער אַרויסגאַנגס־טיר.

די מאַמע פאַרשטעלט אים דעם וועג, פּרוּווט אַרויסרייסן בא אים די ברויטן. ער שטעלט איר צו די ביקס צום האַרצן און אינגאַנצן אָן אַרומגעבאַפּטער פון א ווילדן צאָרן און פון שרעק, טוט ער א דערשראָקענעם קוויטש:

— לאָז מיך אָפּ, זאָג איך דיר, דו רוחישע אידישקע, אַז ניט דערשיס איך דיך!...

די מאַמע מאַכט צוויי שפּאַן אַף צוריק און די גרויסע אויגן אירע שפּרינגען פון די לעבער:

— הערש, זיי באַראַבעווען אונדז, זיי נעמען צו דעם לעצטן ביסן ברויט פון אונדזערע קינדער...

— וואָס הייסט דאָס?! די וועלט גייט שוין אונטער?! — שרייט דער טאַטע אַפן הויכן קול, אינגאַנצן אויסער זיך, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינט, ניט געגלייבט אין דער רומענישער אַכזריות, אין זייער געמיינקייט, — מען דאַרף אַרויפגיין צום עלצטן, מען דאַרף אים דערציילן דעם אמת!... גיי נאָר, גאָלדע, — טוט ער פּלוצים א שטעל אָן די טויטע אויגן צו דער סטעליע. — רעד דו מיטן אדון, זאָג אויס אינגאַנצן, האָב ניט קיין מורא... מיר קענען ניט אָנהאַדעווען א גאַנץ דאָרף מיט אויסגעלאַסענע שיקסעס... נישקשה, טאָכטער, דער אדון וועט דיך פאַרשטיין, מען וועט דיך, מיט גאָטס הילף, ניט קעפּן!...

די מאַמע וואַרפט אַף מיר אַרויף א גראָב וואָלן שאַלכל און שיקט מיר נאָך די צוויי גרויסע וויינענדיקע אויגן אירע, פול מיט רחמנות צו מיר, מיט גלויבן, מיט ליבשאַפט און מיט טויזנט האַרציקע ברכות פון איר צעוויייטיקט האַרץ.

א שטילע און א דורכגענומענע מיט קעלט, גיי איך פאַרויס דעם זעלנער, שלעפּ קוים אַרויס די קאַלאָשן פונעם שניי און וואַרים אַן מיט

דער פאַרע פונעם מויל די פאַרפרוירענע שפּיץ־פינגער. איך הער הינטער מיר דאָס סקריפּען פונעם שניי אונטער די שווערע טריט פונעם סאָלדאַט וואָס טראָגט די צוויי ברויטן און זידלט און חוזקט איבער מיין מאַמען, דער רוחישער אידישקע, וואָס אַ צווייטער רומענישער סאָלדאַט האָט געשלאָגן...

— אַלע דאַרף מען אייך שמייסן און פּאַטשן איבער די פּנימער, רוחישע אידן, — טוט ער אַ בייסיקן לאַך און נעמט אויספייפן אַ פרייַלעכן ניגון פון אַ רומענישער פּאָלקע.

מיר ווערט קאַלט פון זיינע ווערטער. די פיס דינען מיר ניט צום גיין, די קאַלאָשן זיינען פול מיט צעגאַנגענעם שניי, דאָס וואַסער שפּריצט פון זיי אַרויס, אַזש ביז איבער די קניען און די גאַס שטייט אַ פּוסטע, אַ פרעמדע און אַ מאָדנע לאַנגע. אין די טאָפּל־שויבן פון די צווייִשטאָקיקע הייזער, זע איך וואַרימע פלעמלעך פון אָנגעצונדענע לאָמפּן, איך פיל אַרויס דעם געשמאַקן ריח פון געבראָטנס און די געמיטלעכקייט פון זאָרגלאָזע קינדער, וואָס וואַרימען זיך לעבן דער הרובע אין די אויפגעראַמטע שטיבער, שפּילן מיסתמא אין טאַטע־מאַמע־זון, ווי איך מיט ריווקען פלעגן מיר אַמאָל שפּילן, און מען היט זיי אָפּ, מען לאָזט זיי ניט אַרויסגיין פון שטוב, ווייל דער פראָסט איז אַ שרעקלעכער...

אינסטינקטיוו בלייב איך שטיין, קוק מיט בענקשאַפט אין איינער אַזאַ שטוב און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן, קינדערשע, מענטשלעכע טרערן. דער סאָלדאַט טוט מיר אַ שטורכע מיטן שטיוול איבערן הינטן און דערמאָנט מיך מיין אויפגאַבע:

— גיי גיכער, דו רוחישע אידישקע!... מיר איז קאַלט!... איך האָב שוין פאַרשפּעטיקט!... גרייט דיך צו כאַפּן פינף און צוואַנציק שמיץ איבערן אידישן הינטן!...

דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך גערן אים אַוועקגעגעבן ביידע ברויטן און זאָל ער מיך לאָזן גיין אַהיים. די „בריגאַדע", וואו ער פירט מיך, איז ווייט, כמעט אויסער דער שטאָט, אין דער „טשיינע" לעבן בולוואַר, וואו מען פלעגט אַמאָל יעדן שבועות איינאָרדענען אויסשטעלונגען און מיין מאַמע מיט מיין טאַטן פלעגן אַהין פירן די אויסגעפּוצטע טעכטער אָנצוקוקן דער מאַמעס האַנט־אַרבעט, וואָס האָבן דאָרט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט... איך ווייס אָבער, אַז איך בין שוין ניט מער קיין קליין מיידל, איך בין אינעם צוועלפטן יאָר, און ס'איז ניט שיין און ניט שכלדיק שטיין צו בלייבן אינמיטן וועג... די מאַמע און אויך דער טאַטע טענהן דאָך כסדר, אַז גאָלדע איז, קיין בייז אויג, אויסגעוואַקסן, איז שוין אַ מיידל צו לייט!... דאָס ווייסן זיי ניט, אַז איך האָב אַ נדר געטון ניט חתונה צו האָבן, איך וויל בעסער אַרבעטן און זאָרגן פאַר מיינע דריי קליינע שוועסטערלעך, זיי זאָלן קענען לערנען אין אַ גרויסער שטאָט, וועל זיי העלפן צונויפקלייבן אַביסל נדן... ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן שוין זיין גאָר אַלטינקע, וועל איך זיי דאָך מוזן אָפּהיטן... ווי זשע קען איך חתונה האָבן!...

און איך האָב דאָך אַזוי ליב קליינע קינדער, איבערהויפּט אינגלעך... איך האָב דאָך ניט קיין ברידערל...

און אָט איז שוין נאָנט די „בריגאַדע" און מיר קלאַפּט דאָס האַרץ, איך הער אַלץ דעם טאַטנס געשריי:

— זאָלסט זאָגן דעם גאַנצן אמת, גאָלדע... נישקשה, מען וועט דיך, מיט גאָטס הילף, ניט קעפּן!...

סיי ווי האָב איך שוין פאַרן טויט קיין מורא ניט!... מיין ריווקע זאָגט דאָך, אַז אַ קדוש גייט גלייך אין גאַניידן... דאָרטן וועל איך שוין ניט צוזען ווי מען שלאָגט מיין מאַמען, ניט זען מיין טאַטנס צוויי בלינדע אויגן און ניט דאַרפן מער מורא האָבן פאַר די רומענישע גזלנים!... נישקשה, זיי וועלן שוין פאַרזאָגן אין צענטן ניט צו טשעפּען קיין אידישע קינדער!...

אין דער „בריגאַדע" איז אַ טומל. עס קומט מיר פון דאָרט אַקעגן דער ריח פון אַ הייסער מאַמעליגע מיט געקנאָבלטן באָרשט. אויך קומען מיר אַנטקעגן דערשטוינטע פּנימער, אָפּגעגאָלטע קעפּ, שוואַרצע אויגן, הייסע און אומרואיקע... אַלץ באַקאַנטע, דאַכט זיך, וואָס קומען צו שמיל הערשן ער זאָל זיי אויספּרעסן און ריין מאַכן זייערע מלבושים און זינגען רומענישע סאָלדאַטסקע לידער און ראָמאַנסן.

— קומנאַטאַ אַלוי שמיליקאַ! — שמיליקס שוועגערן! — הער איך אַ ברומען איבערן אומענדלעך גרויסן זאַל.

אַ ווײַלע איז מיר מאָדנע גוט, איך פיל מיך צווישן היימישע מענטשן, וואָס וועלן מיר קיין שלעכטס ניט טון. באַלד אָבער פאַלט מיין שטימונג. ווי אַ האָגל פאַלן מיר סאָלדאַטסקע ווערטער:

— פינף און צוואַנציק ראָזגעס דאַרף מען איר געבן איבערן הוילן הינטן, זי זאָל פאַרשווערן, די רוחישע אידישקע ניט צו קומען אַהער מיט טענות...

— מען דאַרף איר גאָרניט טון דער קליינער! — רופט זיך אָן אַ צווייטער. — שמיליקאַ איז אַ גוטער זשידאַן, ער וועט מער ניט וועלן אויספּרעסן אונדזערע מלבושים...

— מען דאַרף אים פאַר זיין גוטסקייט אויפהענגען!... אַלע זשידעס דאַרף מען אויפהענגען!...

איך האָב שוין חרטה וואָס איך בין געגאַנגען. נאַר, פאַרפאַלן! איך מוז וואַרטן אָפּן עלצטן, וועלכער איילט זיך ניט אַרויסצוקומען. מיר וואַרט גרינגער אָפּן האַרצן ווען דער קאַראָנעל שטעלט זיך אַריין אין דער צעפּענטער טיר פון זיין קאַבינעט. דאָס איז דער אייגענער וואָס שמיל הערש נייט פאַר אים איצט אין דער היים אַ נייעם פראַנטש און איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל אַרויפגעטראָגן שיינע טאָרטן, וואָס די מאַמע שיקט איצט אַ מתנה, ער זאָל זיך ניט טשעפּען צו יעדער קלייניקייט אין דער בוכפירונג און אין דער בעקעריי. אַ מיטלוואוקסיקער איז ער, אַ שלאַנקער, מיט אַ געטאָקטער טאַליע און מיט אַ בלייך ביינערדיק פּנים, אַ שטרענגס

און מיט גרינגע מאַנדל־אויגן, אומרואיקע, שאַרפע און בייזע, ווי בײַ א שלאַנג. ער וואַרפט אַף מיר א ניט ניכעדיקן בליק, ווי אים וואָלט זיך אײַנגאַנצן ניט געגלוסט פאַרפירן מיט מיר א טענה, און באַלד שטעלט ער אָן דאָס פּנים אַפן סאָלדאַט, וואָס האָט מיך אַהין געבראַכט:

— נאָכוואָס האָסטו זי אַהער געבראַכט, פּעטרו?

אַלעמענס אויגן, די אָנגעשטרענגטע פּנימער, בלייבן הענגען אַפן קאַראָנעל און אַף מיר. א בייזע אָנגעצויגנקייט הערשט אין דער לופטן. איך טו א לויף צו צום עלצטן ווי א פאַרפאָלגטע חיה און הויב אָן ריידן דורך טרערן, וואָס גיסן זיך פון מײַנע אויגן. כאַפּנדיק, דערציייל איך אים, אַז מיר זײַנען אָרים, דער טאַטע איז בלינד און זײַנער א סאָלדאַט האָט הײַנט געשלאָגן מײַן מאַמען און גיב צו:

— אײַערע סאָלדאַטן קומען אַלע טאָג נאָך געבעקס צו אונדז, זיי טראָגן דאָס אַוועק צו די דאָרפישע מיידלעך, וואו זיי הולטייעווען גאַנצע נעכט...

מײַנע ווערטער פאַלן אַף די סאָלדאַטן ווי טראָפּנס צעלאָזענער קופּער. א ווילדער פאַרשטיקטער ברומען צעטראָגט זיך איבער דער בריגאַדע:

— צום טויט פאַרשמייסן די רוחישע אידישקע!... אויפהענגען!...

די אויגן בײַם עלצטן צינדן זיך אָן מיט רציחה. ער טוט זיך א לאָז צום סאָלדאַט און דערלאַנגט אים א הילכיקן פּאַטש איבערן פּנים:

א טיפע אויפרעגונג מערקט זיך אַף די אויפגעשווידערטע סאָלדאַטסקע פּנימער. דער געפּאַטשטער סאָלדאַט שטייט א גלייכער, א דערשראָקענער און א פאַרשעמטער און זייעט צווישן זײַנע גרויסע ווייסע געזונטע ציין:

— זאָל לעבן דער דאָמנו קאַראָנעל... איך האָב נאָר אויסגעפירט דעם באַפעל אייערן!...

דער עלצטער וואַרפט אים צו א בליק פון פאַראַכטונג און דראָונג, טוט א פאָכע מיט דעם פויסט אין דער לופטן און נעמט מיך פלוצים אָן פאַרן אַקסל און פירט מיך אַריין צו זיך אין קאַבינעט. דאָ איז וואַרים און געמיטלעך. די טונקל־גרינע ווענט זײַנען באַהאָנגען מיט בילדער פון רומענישן קעניג פערדינאַנד און דער קעניגן מאַריאַ און אַנדערע רומענישע פּערזענלעכקייטן. פון די גרינע געבעטע שטולן און פון די שווערע גרינע פאָרהאַנגען ווייעט מיט סראָרעשקייט. ער זעצט זיך אַוועק בײַם שרײַבטיש אין א טיפן געבעטן פאָטעל, פאַרלייגט א פוס איבער א פוס, פאַרויכערט א פּאַפּיראָס און לאָזט אַרויס א געדיכטן גרויען רויך, דורך זײַנע ברייטע אומרואיקע נאָזלעכער. דער רויך שלענגלט זיך אַזש ביז צו דער סטעליע.

איך שטיי בײַ דער פאַרמאַכטער טיר, וויש מיר די טרערן פון די אויגן מיט א שפּיץ פון מײַן שאַלכל.

ער ווײַזט מיר אָן מיטן פינגער אַף א שטול אַקעגן זיך און מעסט מיך אָפּ מיט זײַנע גרינע אויפגעבליצטע אויגן פון קאָפּ ביז די פיס, נעמט

אַן איינע פון מיינע צעפּ, אַ שווערן און באַדעקטן מיט דער פייכטקייט פון דעם נאָכגעלאָזטן פראָסט און פרעגט מיך מיט אַ הייזעריקן קול:

— וויפל זיינט איר אַלט, דאָמנאַשאָראַ?

— דאָס צוועלפטע יאָר, דאָמנו קאַראַנעל!

ער טוט אַ צי צונויף זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען, פאַרזשמו־רעט די אויגן און קלאַפּט צו מיטן רעכטן פוס אָפן פּאָל. באַלד עפנט ער ווידער די אויגן, ברייטע און זשעדנע, פאַרצוקנדיקע, בוועירט מיך דורך און טוט אַ זאָג:

— סענאַ שי דע אָטיע... קיין בייז אויג!

ער ציט אַריין דעם קאָפּ צווישן די הויכע שפּיציקע אַקסלען, קלאַפּט אומרואיק מיט די לאַנגע פינגער איבער זיין קני און פרעגט מיך געלאַסן אָבער צודרינגלעך:

— האָסט ניט מורא געהאַט צו קומען אַהער?... צווישן אַזוי פיל סאָלדאַטן?...

די טרערן שטיקן מיך אין האַלדז און לאָזן מיך ניט ריידן. איך שאָקל מיטן קאָפּ אָפּ ניין.

— ווּעסט אפשר רויכערן אַ ציגאַר, דאָמנאַשאָראַ? — פרעגט ער מיך לעבהאַפטיק און טראָגט מיר אונטער אַ טייערן פּאַפּיראָס. איך נעם בא אים דעם ציגאַר, טו אַ פאַרלוירענעם שמייכל און ענטפער:

— אַ דאַנק, דאָמנו קאַראַנעל, מיידלעך טאָרן ניט רויכערן... מיין טאַטע זאָגט, אַז פון רויכערן וואַקסן בערדלעך, דעם ציגאַר וועל איך אַהיימ־טראָגן מיין טאַטן. איצט איז ער נעבעך אָרים און בלינד, מיין טאַטע האָט אויך אַמאָל געררויכערט גוטע ציגאַרן... מיין טאַטע — נוץ איך שוין אויס די געלעגנהייט, וואָס די טרערן האָבן זיך מיר אָפּגעשטעלט — האָט מיך געשיקט צו אייך, ער גלויבט שטאַרק אינעם אמת... ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל אייך אָן מורא אַלצדינג דערציילן... איר וועט מיך דערפאַר ניט הרגענען...

— מיר הרגענען ניט קיינעם אומזיסט! — טוט ער אַן אָפּגעהאַקטן זאָג און זיין פּנים דריקט אויס שטאָלענע קאַלטקייט און פאַרדרוס. — איר האָט אייך אומזיסט איינגעשמועסט, אַז מיר זיינען שלעכטע, מיר ווילן אייך שלעכטס טון!... מיר זיינען געקומען ראַטעווען בעסאַראַביע פון די פּאָגראָמען, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט...

ספּאָנטאַן הויבט ער זיך אויף און נעמט שפּאַנען האַסטיק אויף און אָפּ איבערן צימער, האַלטנדיק בײדע הענט אין די קעשענעס פון זיינע גרינע געפּאַסטע גאַליפע־הויזן. איך הער מיך איין אינעם ריטמישן קלאַפּן פון דעם גרויסן זייגער, וואָס הענגט אָפּ דער וואַנט און אין די האַסטיקע האַמער־קלעפּ פון מיין אומרואיק־געוואָרענעם האַרץ. — ניין, — טראַכט איך. — דער טאַטע איז ניט גערעכט... פאַר זאָגן דעם אמת, קען איך נאָך כאַפּן ראָזגעס, מיטן לעבן באַצאָלן. — און פון דער אַנדער זייט טיר דערטראָגט זיך צו מיר דאָס בייזע ברומען פונעם ווינט, וואָס רייסט

שטיקער, קלאַפּט אין די פענצטער און אַ קול אַ ווײנענדיקס, מיט געבעט דורכגענומען און מיט שרעק, מיט בענקשאַפט און מיט ליבע:

— גאָל־דע!... גאָלדעלעע!... שוועסטערל, זשילעלע!... וואו ביזטו?..

דאָס איז מײן ריווקעס קול. דאָס לעבן בין איך גרײט אוועקצוגעבן, אַבי זי זאָל ניט לײדן... איך האָב מורא צו זאָגן דעם עלצטן, אַז מײן עלטערע שוועסטער בלאָנדזשעט אַרום דער „בריגאַדע", וואָס זעט אויס ווי אַ פעסטונג, ווי אַ פאַרשלאָסענע הייל פון מערדער, ווי אַן אינקוויזי־ציע־קעלער, וואו טאָרקוועמאַדאַ האָט געפּײניקט די שפּאַנישע אידן... ווי זשע קען איך אויך מײן שוועסטער אַהער אַרײנשלעפּן!... איך שטעך אײן מײנע אויגן אינעם גרינעם פאַרהאַנג פונעם פענצטער, מײנע אויערן, אַלע מײנע חושים, רײסן זיך צו באַהעפטן מיט ריווקעס קול, וואָס דערוויי־טערט זיך אַלץ מער און ווערט פאַרשלונגען אינעם ווײנענדיקן געברום פונעם ווינט...

דער קאָראָנעל בלײבט שטײן לעבן מיר. זײן פּנים איז דורכלויכטנ־דיק בלײך און אויפגערעגט. ער בויערט מיך דורך מיט די בליצן פון זײנע אויגן און שווײגט.

איך שטעל אַף אים אָן מײן פאַרקלאָגט פּנים, מײנע אויגן, וואָס זײ־נען פול מיט טרערן און געבעט און בעט אים:

— איך וויל דער דאָמנו קאָראָנעל זאָל אָנזאָגן די סאָלדאַטן זײ זאָלן מער ניט כאַפּן קײן געבעקס בײ אונדז!... איך וויל גײן אַהײם דאָמנאַלי!...

ער פאַרבײסט די אויבערשטע ליפּ, ישובט זיך אַ ווײלע און נעמט ווידער שפּאַנען איבערן צימער. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן שרײבטיש און נישט קוקנדיק אַפילו אין מײן זײט, טוט ער אַן אָפּגעהאַקטן זאָג:

אַנטלויף פון דאַנען, די רוחישע אידישקע!... זאָלסט מער ניט קומען אין בריגאַדע!... זאָג דײן שוואָגער, ער זאָל מיר מאַכן דעם פּרענטש אַף מאָרגן, אַז ניט, וועט ער כאַפּן פינף און צוואַנציק שמיץ איבערן הינטן!...

די בולוואַר־גאַס קומט מיר אַקעגן אַ ברײטע און אַ ווײס־בלויע. איך לויף אַרום דער „בריגאַדע", איך פיל ניט ווי דער פראָסט מיט דעם שניי דרינגען מיך דורך און ווי דער ווינט שמײסט מיר אין פּנים און צופּט מיר די אויערן, די נאָז...

— ריווקע!... וויוועלע!... וואו ביזטו? — שרײ איך מיט אַלע מײנע כוחות און באַגיס מיך שוין ווידער מיט טרערן.

ריווקע לויפט אָן פון דער פּאָטשט־גאַס מיט אַ פאַרקלאָגט פּנים און מיט צעפּלויגענע הענט, ווי די געטרײע הענט פון אַ מאַמע, כאַפּט זי מיך אַרײן צו זיך:

— וואו ביזטו געוועזן אַזוי לאַנג, גאָלדע?...

זי מעסט מיך אָפּ מיט באַזאָרגטע בליקן פונעם קאָפּ ביז די פיס און מיט תערומות:

— ווי האָסטו געוואַגט אַזוי לאַנג צו בלײבן דאָרט?...

— דער טאַטע מיט דער מאַמען זײנען אין כעס? — פרעג איך שטיל

און דערשלאָגן. — איך בין ניט שולדיק. דער קאָראָנעל האָט מיך גע־האַלטן אין איין אויספרעגן... ער האָט זיך ניט געאײַלט מיך אָפּצולאָזן...

זי וויקלט אַרום איר רעכטע האַנט אַרום מײַן טאַליע און מיט דער לינקער נעמט זי צונויף דאָס צעפלויגענע שאַלעכל מײַנס, טוליעט מיך צו זיך, מעסט מיך מיט אירע פרומע פאַרשעמטע אויגן און טוט אַ דער־לייכטערטן זיפֿץ:

— גיי גאָלדע, ביזט נאָך אַ בהמה... דו ווייסט גאָרניט!...

.40

ס'איז שוין נאָך פּסח. די גאַס שטייט אַ בלייכע, אַ באַדעקטע מיט זון און זעט אויס מיד, אויסגעפּייניקט. פּונקט ווי מיד און אויסגעמו־טשעט עס זעען אויס די איינוואוינער אירע. פון די ווערבעס און פון די אַרומיקע פּויערים־געסלעך טראָגן זיך אַרויס פרישע ריחות פון צוויט און פון פעטער צעאַקערטער ערד. אין די בלויע פרימאָרגנס טראָגן זיך פאַרביי אונדזער קלייט פולע פורלעך מיט אידן און מיט בחורים, וואָס אַרבעטן אַף די פּלאַנטאַציע־פעלדער. ס'טראָגט זיך פאַרביי די טיפע אומבאַשטימט־קייט, די שרעק פאַר די רומענישע באַלעבאַטים, וואָס הערן ניט אויף צו בושעווען.

אין אונדזער שטעטל זײַנען שוין דאָ עטלעכע רומענישע שולן. אַלע קליינע קינדער, אידישע און ניט־אידישע, מוזן זיי באַזוכן. איין מאָל אין אַ זונטיק אינדערפרי ווען פּויערים קומען אין שטאָט אַפן יאַריד קומט אַרײַן אין אונדזער קלייט פּאַטראַטיע דער געשטופּלטער, אַ רוסענער פּויער, אַ הויכער און אַ פעסטער ווי אײַזן. איך קען אים. ער האָט זיך אין די טעג פון פּאָגראָמען אויסגעצייכנט בײַם ראַבעווען און אונטערצונדן די אידישע הײַזער. ער קוקט אַף מײַן מאַמען און רעדט שטיל:

— זאָג מיר, זשיפּוניאַסאַ ראַצאַ, דײַנע קינדער מוזן אויך לערנען רומעניש? דעם שונאס שפּראַך?...

— יאָ, פּאַטראַטיע, — ענטפערט די מאַמע און קוקט אַף אים מיט אומצוטרוי. — פאַרוואָס האָסטו גערעבעוועט בײַ די אידן, פּאַטראַטיע?... אָט זעסטו שוין, אַז אויך דו ביזט בײַ גאָט קיין גיבור ניט... איצט פילסטו שוין דעם טעם פון ליגן אונטער עמעצנס שטיוול.

פּאַטראַטיע קראַצט זיך אין דער בערענער, רויטער באָרד, ער טוט אַ צעקרום דאָס פּנים און רופט זיך אָן מיט אַ פאַרשולדיקט קול:

— יאָ, גאָט, ווײַזט אויס, שטראָפט טאַקע... אָבער מיר ווילן ניט, אַז די קינדער אונדזערע זאָלן לערנען דעם שונאס שפּראַך... אַ סך פון אונדזערע האָט דער שונא דערשאָסן... אויב שוין יאָ פאַרלירן אומזיסט צייט, איז שוין גלייכער בײַ דער אייגענער שפּראַך, דער רוסישער... וואו נעמט מען אָבער אַ רוסישן לערער...

די מאַמע קוקט אַף אים און שווייגט. אין קלייט שטעלט זיך אָפּ
אַ טעמפּע שטילקייט, אָנגעפּולט מיט תערומות און מיט גרעניצלאָזן באַנג.
אויך די קליינע שוועסטערלעך מיינע גרייטן זיך שוין אַריינצוגיין
אין דער רומענישער שול: דערווייל נעמען זיי לעקציעס בײַ אַ רומענישן
איד, אַ פּליטלינג. דאַמנו לופּעסקו רופט מען אים, כאָטשע ער זעט גאָר
ניט אויס ווי קיין רומענישער דאָמנו... ער האָט ברוינע אויגן, וואַרעמע
און צעשמייכלטע, ווי בײַ אַ קינד און איז כסדר מונטער, אויפגעלעבט. ער
ברענגט אַריין אַביסל לעבן אין דער שטיל געוואָרענער שטוב אונדזערער.
אויך מיך לערנט דער דאָמנו לופּעסקו לייענען און שרייבן רומעניש.
פּאַר מיין שלעכטער האַנטשריפט באַקום איך כסדר אַ נול.

זינט דער רומען איז אַריין אין בעסאַראַביע שטייט דאָס שטעטל
אונדזערס אַ פּאַרוואָלקנטס, אַ טרויעריקס, ווי אין אַ טאָל פון טרערן.
מען האָט דאַכט זיך אויפגעהערט לאַכן אין שטוב בײַ אונדז, אָפּגעשטאָרבן
איז די בעקערישע צעוואָרפנקייט, פאַרשטומט זיינען די פריילעכע ליבע־
לידער בײַ דער אַרבעט, מען הערט מער ניט די געשפּרעכן וועגן דער נייער
וועלט, וועגן דער גערעכטיקייט... אַפילו די שכנים אונדזערע מיידן אויס
די שטוב, קענטיק זיי האָבן מורא פאַר אַ מסירה, וואָס איז געוואָרן זייער
אַן אָפּטע דערשיינונג.

נאָר דער דאָמנו לופּעסקו האָט קיין מורא ניט, כאָטש ער איז בײַ
די רומענער אַ פאַרמישפּטער צום טויט. ער איז אַנטלאָפן פון רומענישן
מיליטערדינסט. דאָמנו לופּעסקו האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך דאָס ווייב
מיט די דריי קליינע קינדער זיינע אַזש פון באַטאָשאַן און האָט זיך
אַ גרינגע פּרנסה געמאַכט. ער מאַכט זיסן קוואַס פון צוגעפּוילטע עפּל
און פאַרדינט גוט. אין רומעניע איז דאָמנו לופּעסקו געוועזן אַן אינזשע־
ניער. איך זע אים אַ סך מאָל אַ שטילן, אַ באַטריבטן, אַ פאַרשלאָסענעם
אין זיך ווי ער וואָלט אַף עפּעס געוואַרט...

מיינע קליינע שוועסטערלעך גייען אין דער נייער תּלמוד־תּורה. זיי
לערנען העברעיש און זינגען, לויט איך הער, די בעסטע שילערנס. מיר
געפעלט בעסער צו לערנען רוסיש, אַף צעזעצעניש דעם רומען. איך האָב
אין לעצטן זמן דעריאָגט די שכנישע קינדער וואָס לערנען שוין עטלעכע
זמן. אויך אידיש לערן איך.

איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט קומט אַריין אין קלייט דער לערער מיינער,
רב שמיל אָשער אַש, אַ הויכער איד מיט שפּיציקע אַקסלען און מיט
אַ שוואַרץ שיטער בערדל. ער נעמט מיך דורך מיט זיינע טונקעלע מאַנדל־
אויגן, די צעשמייכלטע און עטוואָס ברוגזע און טוט מיר אַ דראַע מיטן
ווייז־פינגער.

אין קלייט איז שטיל, די ראַפּטן שטייען שוין ליידיקע, אָפּן פאַרקויף־
טיש וואַלגערן זיך קליינע אייזערנע געוויכטן און קליינע טרוקענע אָפּ־
שניצלעך פון ברויט. פון דרויסן טראָגט זיך אַריין אַ בלוי ווינטל, אַן
אָנגענעמס מיט מחיהדיקע ריחות פון פרישׂ צעאַקערטער ערד, פון צווײַ

און פון פרישער קוענער מילך. רב שמיל שטעלט זיך אוועק אנטקעגן מיין טאַטן וואָס זיצט אין אַ ווינקל באַם טיש און טרינקט טיי. דאָס גלאָז מיט דער שאָל אין טאַטנס הענט זיינען אויסגעבויגן. דער טאַטע ווייסט דאָס ניט. אויך ווייסט ער ניט, אַז רב שמיל קוקט אויף אים מיט אַ רחמנות פנים, קייענדיק דערביי אַ שפּיץ פון זיין בערדל, וואָס ער האַלט אין איין אויסקיילעכיקן און כמעט אומבאַוואוסטזיניק רוקט ער דאָס אַלץ טיפער צו זיך אין מויל.

— איר ווייסט, רב הערש — טוט ער פּלוצים אַ זאָג, — אַז די מויד אייערע, די גאָלדע, איז ווערט קלעפּ!... זי פעלט מיר צופיל אין קלאַס!... ס'איז אַ שאָד, דער קאָפּ אירער פאַרנעמט!...

ער טוט צו מיר אַ ברוגזן שמייכל און רוימט איין דעם טאַטן אויפן אויער:

— רב הערש, זי יאָגט איבער אַלע מיינע שילער!... שוין פערציק יאָר אַז איך בין לערער און אַזוינע נאָך ניט באַגעגנט... מען וואָלט, בעז־נעמאָנעס, באַדאַרפט אַ טראַכט טון וועגן איר!...

די שאָל מיטן גלאָז אין טאַטנס הענט בויגן זיך אויס נאָך מער, די הייסע טיי גיסט זיך איבער זיינע פינגער. דעם טאַטן אַרט דאָס ניט. ער איז אינגאַנצן געריהרט. די אויסגעלאָשענע אויגן פינטלען שטאַרק און ציללאָז, דאָס פּנים איז באַגאָסן מיט אַ מילדער וואַרימקייט, מיט ווייטיק, מיט פרייד און מיט אַ טיפן באַנג. ער שטעלט אוועק דאָס גלאָז אויפן טיש און שטרעקט אויס ביידע הענט פאַר זיך.

— וואו ביזטו ערגיץ, גאָלדע? — שרייט ער אויפן הויכן קול, גלייך ווי איך וואָלט ניט געשטאַנען לעבן אים.

איך שטעל מיך אוועק צווישן זיינע ציטערדיקע הענט און דער טאַטע נעמט מיך ווידעראַמאָל אויסמעסטן מיט די ווערשקעס פון זיינע פינגער, מעסט מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

— איר ווייסט, רב שמיל — רעדט ער אַריין אין דער סטעליע און דאָס קול זיינס איז אָנגענומען מיט גערירטקייט און מיט פרייד. — גאָט, זעט אויס, שלאָגט ניט דעם מענטשן מיט ביידע הענט... דאָס ווייב מיינס האַלט זיך אין איין זאָרגן, זי האָט מורא געהאַט, אַז אונדזער טאָכטער וועט חלילה, בלייבן אַ קאַרליטשקע, אַז די שווערע האָרעוואַניע וועט זי ניט לאָזן אויסוואַקסן!... און זעט, ה'י זי וואַקסט קיין בייז אויג ניט! פון יענער וואָך אָן איז איר ווידעראַמאָל צוגעקומען אַ האַלבע ווערשקע!... און איך האָב מיך שטענדיק געאַמפּערט מיט מיין ראַצען. איך האָב געוואוסט, אַז פון דער קלאָווטע מיינער וועט שוין עפּעס אויסוואַקסן...

רב שמיל שמייכלט צופרידן און גיסט מיך אָפּ מיט זיינע וואַרימע בליקן.

— נו, גאָלדע, — טוט ער מיך אַ פרעג און קייט דערוויל דעם שפּיץ פון זיין בערדל, — זאָג אויף וואָס גלוסט זיך דיר צו לערנען, קלייב דיר אַליין אויס אַ וועג, גיי לויט דיין אייגענעם ווילן און מיר וועלן נאָך האָבן נחת פון דיר!...

— איך בין שוין אַ גרויסע, רב שמיל! — ענטפער איך ספּאָנטאַן און איך דאַרף אַרבעטן, כדי מיינע קליינע שוועסטערלעך זאָלן זיך קענען לערנען!...

דער לערער שוויינט. נאָר אין די פאַרזשמורעטע אויגן זיינע טויכן פּלוצים אויף צוויי שטילע פלעמלעך, פייכטע.

— נו, גאָלדע, נעם דיינע העפטן און קום מיט מיר! — טוט ער אַן אָפּגעהאַקטן זאָג. — זיי אַ מענטש, וועסטו עסן אין סוכה און מיר וועלן נאָך האָבן נחת פון דיר!...

איך נעם מיין שול־טאַש און גיי אים נאָך. די גאַס שטייט אַ בלויע, אַ ברייטע און אַ באַשמעקטע מיט ריחות פון סאָסנע־ביימער און מיט דער פרישקייט פון טייך. אויך דעם לערערס פּנים, דאָס פאַריסענע בערדל זעט אויס מערוצעדיק און רואיק. אין דעם לויפט אים אַנטקעגן אַ רומענישער סאָלדאַט, אַ שוואַרצהויטיקער, מיט שוואַרצע, גרויסע אויגן, פאַרצוקנדיקע. ער טוט אַ שלעפּ דעם לערער פאַרן אַרבל פון דער שוואַרצער גלאַנציקער קאַפּאָטע:

— קום מיט מיר, דו רוחישער איד, דו באָלשעוויק...

דער לערער פּרואווט זיך באַפרייען פון דער רומענישער לאַפּע און ספּאָטיקעט זיך צום פאַלן. די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע זיינען צעפלויגן, די אויגן פליען שיר פון קאָפּ אַרויס. אַף שטום־לשון הייסט ער מיר באַהאַלטן דעם טאַש מיט די רוסישע ביכער.

איך שטיי אַפן מיטן וועג און בין צעטומלט. נאָך צעטומלטער ווער איך, ווען פון דער מאַרק־גאַס קומען אָן עטלעכע באַקאַנטע אידן מיט בחורים, שטילע זיינען זיי און פאַרשעמטע, מיט טיף געבויגענע קעפּ ווי די אבלים. די גאַס ווערט שטילער און איינגעשרומפּענער, די דינע ביימלעך פאַרן טערקס קלייט ווערן אויסגעצויגענער און טרויעריק, ווי זיי וואָלטן געהאַט צו עמיצן תערומות, זיך געשעמט צו זיין די אייביקע עדות פון אַזויפיל מענטשלעכער געפאַלנקייט, פון מערדעריי.

מיילעך דער שערער מיטן רויטן קלייענדיקן פּנים און מיט דער רויטער געדיכטער טשופּרינע, טוט אַ בורטשע אַריין אין ברוין־הויטיקן פּנים פון דעם בחור, וואָס גייט לעבן אים:

— דו ביק איינער, דו פערד, קראַפּירן האָסטו באַדאַרפט און זיך מאַכן טערקיש־תמעוואַטע, קיין פּיפּס פון מויל ניט אַרויסלאָזן, זאָלן זיי מיינען די ציגיינער, די היצליעס, אַז מיר פילן ניט קיין ווייטיק...

דער בחור וואָס איז קליין און פעסט, ווי אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק מיט גערשטן, טוט מיילעכן אַ שטורכע מיטן רעכטן אַקסל אין דער זייט.

— און דו, חכם פון דער מאַנישטאַנע, ביזט מיר אַ גרויסער גיבור, אַריינגעכאַפּט איינגאַנצן צוואַנציק שמיצלעך, רעדסטו מיר שיין!...

— האָסט געקרעכצט, דו באָלוואַן איינער, ווי אַ אידענע — ענטפערט יענער מיט פאַרביטערונג און שטעכט אין אים איין די מיט בלוט פאַרגאָסענע אויגן.

— נו, מילא, האָב איך! זאָלן זיי זיך שעמען, די היצליעס! מיט דער

צייט, מיין איך, וועלן מיר זיי אָפּגעבן צוויי מאָל אַזויפֿיל. איך וועל זיי אויך לאָזן קרעכצן, אַפֿילו רעווען ווי די אָקסן...

שימען דער טרעגער, אַ הויכער איד, אַ ברייטער מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ רויט געקאַרבט פּנים, אַ גוטמוטיקס און אַ שטילס, פֿירט דאָס געשמיסענע ווייב זיינס אונטער דער רעכטער האַנט און זעט אויס דערשלאָגן, פֿאַרשעמט. די אידענע לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד און פֿאַרוואַרפֿט מיטן קאָפּ, ווי אַ געקוילעטע הון. ער נעמט זי אַף די הענט און טראָגט זי צו אַף אַ באַנק לעבן דעם צוקערניקס שטוב. אַלטע די צוקערניטשקע ראַטעוועט זי מיט חלשות־טראָפּן, ברענגט זי צום לעבן. די ווייבער פֿון דער גאַס, די קינדער שטייען אַרום דער באַנק מיט דער געשמיסענער אידענע, וואָס זיצט אויסגעבויגן אַף אַ זייט און זעט אויס ווי אַן אויסגעגראָבענע פֿון אַ קבר.

פֿון דער פּאָטשט־גאַס לויפֿן אָן צוויי רייטער. די סאָלדאַטן פּאָכען מיט די נאַהייקעס אין דער לופֿטן און שרייען ווילד:

— טעטי לעהומע אין קאַסאַ!... אַלע אין די שטיבער!...

אויך מיין לערער האָט מען אין יענעם טאָג געשמיסן. מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז ער געשטאָרבן.

אַפּדערנאַכט שטייט די גאַס אַ טרויעריקע, אָן אָנגענומענע מיט פּחד און מיט אַ טיפֿער אומבאַשטימטקייט. דער קליינער לאָמפּ אינעם לאָמטערן לעבן אונדזער קלייט, איז אויסגעלאָשן. אויסגעלאָשן און מיד זעט אויס דער מאַמעס פּנים. זי שטייט אַ געבוינגענע איבער דער גרויסער מולטער און קנייט אַ טייג פֿון פֿינף פּוד מעל. די וואַנט פֿון דער בעקריי זיינען גרויע און דערשראָקענע. מיט אַ דערשראָקן קול רעדט מיין ריווקע:

— מאַמע, איידיע, וואָס מען האָט היינט געשמיסן, האָט אפֿשר פֿערציק גראַד היץ... מען האָט געבראַכט צו איר צוויי דאָקטוירים און זי האָט ניט געקענט קומען צום גדאַנק... פּלוצים האָט זיך אַריינגעשטעלט אַהין אין שטוב דער קאָמענדאַנט. ער איז געקומען זען, זאָגט ער, צי די אידישקע איז טאַקע געשטאָרבן... אין דער היץ האָט זי דערקענט זיין קול און זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ פֿינצטערן חלום. אינעם הוילן סטאַן, מאַמע, איז זי אַנטלאָפֿן אַף דער הינטער־טיר...

די מאַמע ציט אַרויס די הענט פֿונעם טייג און טוט אַ שמייכל, צוגעבנדיק שטיל:

— ער קען דאָך זיין אַ דאָקטער, דער היצל, צו וואָס טויג אים זיין אַ מערדער?...

— איך וועל אים רופֿן, ער זאָל אויפֿהויבן מיינע קריזשעס. — טוט זכאַריע אַ ביטערן לאַך, — ער זאָל מיר שטעלן באַנקעס...

— קיין אַרבעט, ברענען זאָל ער, וואָלט אים ניט געפֿעלט — גיט דער טאַטע צו מיט שפּאָט. — איך וואָלט אים געהייסן אויסהיילן עטלעכע פֿאַרכעס פֿון די היימישע קבצנים, נעבעך...

יאָ, כייע־איטעלע, כאַנעלע דעם בעקערישן טעלעפֿאָנס טאָכטער, איז טאַקע געהאָלפֿן געוואָרן פֿון אַ רומענישער האַנט. די מאַמע אירע

האָט זי אוועקגעפירט קיין באָטאָשאַן און אַ רומענישער דאָקטער האָט איר אויסגעהיילט דעם פּאַרך...

41.

אַ סך אידן און ווייבער פון אונדזער שטעטל פאָרן כמעט אַלע טאָג קיין רומעניע, ניט נאָר צו דאָקטוירים, אויסצוהיילן זיך פון פאַרשידענע קראַנקייטן, נאָר אויך וועגן מיסחר. די באַנליניעס פון בעסאַראַביע קיין רומעניע זיינען נייע און שלעכט געמאַכטע. עטלעכע צוגן האָבן זיך שוין איבערגעקערט, אַ סך מענטשן זיינען דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן. אויך איך מיט מיין מאַמען און טאַטן זיינען מיר שוין געווען אין יאַסי. מיין טאַטע איז שוין אַ פאַרלוירענער, בלינד אַף אייביק. די מאַמע וויל זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פון טאַטנס ליכט אין די אויגן!... זי גלויבט אין ניסים. זי וויל נאָך פאָרן קיין שטעפּאַנעשט, אַ רומענישע שטאָט, אַ גרויסער צדיק וואוינט דאָרטן, אַ גרויסער באַלמויפעס. מען קומט צו אים ניט נאָר פון די ווייטסטע רומענישע שטעט, נאָר אויך פון אַמעריקע. פון אַלע וועלט־טיילן. ווער עס קומט צום רבין, ווערט געהאָלפן...

ווען דער הייליקער צדיק האָט חתונה געהאַט, דערציילן די ווייבער, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיטן אויבערשטן און אים געזאָגט:

— ריבונו של עולם, איך בעט באַ דיר אַ זון, אַ קדיש, אַ גרויסן תלמיד חכם...

און דער הייליקער שטייט אין אַ ווינקל פון זיין שיל, לעבן ארון קודש, אַן איינגעוויקלטער אין טלית און וואַרט. אין דעם האָט ער דער־הערט אַ שטאַרקן דונער און בת־קול פון הימל, וואָס האָט אים געענט־פערט:

— אַ גזר פון גאָט, גרויסער צדיק, איז אַף דיר אויסגעגאַנגען! גאָט וועט דיר געבן אַ זון, וועט ער זיין שיין ווי די זון און קלוג ווי די תורה, נאָר שלעכט און פאַרדאָרבן ווי המן הרשע.

נעמט ער, דער הייליקער צדיק, און ברעכט אויס אין אַ ביטער גע־וויין, ער שרייט צו גאָט:

— זיי דיך מרחם, ריבונו של עולם, פאַרשעם מיך ניט, מאַך מיך ניט קליין אין לייטנס אויגן, האַלט דיר דאָרטן, גאָט, די זינדיקע נשמה פון מיין זון, זאָל זי קיינמאָל, אפילו אינעם גוף פון קיין חיה ניט מגולגל ווערן!...

גאָט האָט דעם רבינס געבעט אויפגענומען. נאָר די יונגע רביצן איז אַ זינדיקע נשמה, וויל ברענגען אַ קינד אַף דער וועלט... איר מאַנס אָפּ־מאַך מיט גאָט איז איר ניט צום האַרצן, פאָרט זי אַרום פון איין גרויסן פּראָפעסאָר צום אַנדערן און זי לייגט איין וועלטן. אפילו צו גרויסע קיר־שעפּמאַכער ווענדט זי זיך... איין מאָל, ווען דער הייליקער צדיק איז זיך

געגאַנגען מכין זיין, האָט ער געטראָפן דאָס ווייב זיינס פאַרשטעקט אין א ווינקל פון הויף און אַן אַלטע ציגיינערן האָט איר אויסגעלייגט קאָרטן. דער הייליקער צדיק האָט זי דעם אַנדערן טאָג אָפּגעגעט... אַ אידישע טאָכ־טער, האָט ער געזאָגט פאַרן בית־דין, וואָס גלויבט אין כישוף, אין טומאה, מער ווי אין גאָטס ניסים, טאָר שוין דעם רבינס ווייב ניט זיין... ס'אַנדערע ווייב דעם רבינס, איז שוין אַ כשרע נשמה, אַ צדיקת, זי ווייסט אַז דער מאַן אירער איז אַ גרויסער בעל מופת און מען דאַרף אים, פונקט ווי דעם וואָס לעבט אייביק, קיין סך קשיות ניט פרעגן...

דעם רבינס הויף איז אַ גרויסער און אַ העל באַלויכטענער מיט אַ סך קליינע און גרעסערע שטיבלעך, געטוליעט איינס צום אַנדערן, מיט רויטע ציגלענע ווענט און מיט שפּיציקע בלעכענע דעכער. צוויי גרינע ברייטע טויערן, אייזערנע, פאַרמאַגט דער הויף, און זיי שטייען כסדר אָפן, ווי די טויערן פון אַ גרויסן איינפאָר־הויז. אַף די רויטע ציגלענע פּריזבעס ארום די ווענט, אַף דער ערד און אַף די ברייטע, אונטערשטע גאַלעריעס זיצן צענדליקער יונגע און עלטערע ווייבער מיט טיכלעך אַף די קעפּ און מיט אָפּגעטראָגענע ווייבערישע זשאַקעטלעך. צוויי פון די יונגע ווייבער האַלטן די קליינע קינדער זייערע אַף די הענט, בלייכע און קרענקלעכע, וואָס ניורען די פּנימער אין דער מוטערס ברוסט, קרעכצן און דרייען זיך אין ווייטיק. עטלעכע עלטערע אידענעס מיט האַרטע, געקאָרטשעטע פּני־מער פון מאַרק־זיצערנס, האַלטן קוישלעך מיט עסן אַף די שויסן און קליינע פלעשלעך מיט ווייַן. סאָלידע אידן מיט רהבותדיק שיין צעקעמטע גרויע און שוואַרצע בערד, ברייטע, נגידישע, שפּאַנען אום איבערן הויף, אָנגעטון אין נייע רייזע־מאַנטלען, פון וועלכע עס קוקן ארויס די פּאָלעס פון שוואַרצע אַטלעסענע קאַפּאָטעס. זיי רייבן אומגעדולדיק איין האַנט אין דער אַנדערער און שמייכלען בעניםעסדיק, פאַרטייעט און פאַרטראָגן אין די אייגענע געדאַנקען. עטלעכע אינגלעך מיט מיידלעך, איינגעוויקלטע אין צעפליקטע מלבושים, קאַליקעס, וואָס רוקן זיך אַף די הינטנס, קענען זיך קיין אָרט צווישן די געזונטע ניט געפינען, פּלאָנטערן זיך פאַר יעדנס פיס, כאַפּן ארויס די פּרוכטן פון די קיישלעך בא די ווייבער.

היימישע אידן, באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס מיט ברייטע, שוואַרצע קאַפּעליושן און מיט ברוינע קאַפּאָטעס, דרייען זיך אום. זיי ריידן צווישן זיך רומעניש און לויפן אריין און ארויס פון די צוויי ברייטע טויערן. אויך זיי, ווייזט אויס, קענען זיך אַף קיין קוויטל צום רבין ניט דערוואַרטן. פּרעמדע אידן, באַלמעלאָכעס, וואַסערפירער און טרעגער, אויסגעפּוצט אין די אָפּגעריבענע ברוינע און שוואַרצע קאַפּאָטעס, פאַרפלעקטע און מיט שווערע יוכטענע שטיוול, איינגעטונקענע אין אַ שמיר־טראָן, שטייען לעבן דער גאַלעריע פון אויפנעם־צימער, זיינען צוריקגעהאַלטן און זעען אויס דערשראָקן, נעבעכדיק... פון די גרויע היטלען זייערע, ווייעט מיט וואָכע־דיקייט, עס טראָגט זיך פון זיי אַ שאַרפער ריח פון טאַבעקע, פון פּראָסטן טיטין און פון אָפּגענוצטע מלבושים. צוויי צעוואַקסענע דינסט־מיידן מיט רויטע פאַרפלאַמטע פּנימער, מיט פאַרנאַשטע ליפּן, לויפן איבער פון איין

שטוב אין דער אַנדערער, לויפן אריין און ארויס פון דער גרויסער קיך און לאָזן נאָך זיך אַ ריח פון געבראָטנס.

איך מיט דער מאַמען שטייען מיר אויף דער גאַלעריע און זײַנען פאַרכאַפּט פונעם מענטשן־טומל און פון אַ טיפער דערוואַרטונג. אַ הויכער איד מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע האָט אַ צעעפן געטון ביידע טירן פונעם אויפנאַם־צימער און זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל:

— ניט אַלע מיטאַמאָל! — האָט ער געשריען. — האָטס געדולד!

דער עולם אָבער, הערט אים ניט. אַלע מיטאַמאָל טוען זיך אַ לאָז צו דער טיר, די קולות ווערן צודרינגלעכער, ניט אַנדערש, נאָר אַ ווילד משוגעת האָט זיי דעם שכל פאַרטונקלט. זיי טרעטן אויף קליינע קינדער, שטורכען זיך מיט די עלנבויגנס אין די זייטן און העשען, וואַרפן אין אַן אימה.

— הייליקער גבאי, — קלאָגט אַן אַלטע אידענע און שטרעקט אויס ביידע הענט אין דער לופטן און ווייזט אים צוואַנציק רומענישע לעי, — לאָזט מיך אַריין צום גרויסן באַלמויפעס, גיט מיר אַ קוויטל! פריער לאָזט צו די היימישע אידן! זיי מעגן וואַרטן, די רוסישע חזירים...

— מיך לאָזט צו צום גרויסן באַלמויפעס! — פּאָכעט אַ איד מיט דער בייטש אין דער לופטן. — אַ פערד איז מיר חולה...

דער עולם מוז דורכגיין אַ לאַנגע שטוב, וואו עטלעכע גבאָים, אידן מיט שוואַרצע קאַפּאָטעס און מיט הויכע, גלאַנציקע שטיוול אויף די פיס, שטייען אַרום צוויי לאַנגע טישן און האַלטן קליינע טעלער אין די הענט:

— געטס אַ פּאָר לעי פאַרן גבאים ווענן!...

— געטס! געטס! — שטרעקן זיך טעלערלעך צום עולם.

מיך וואונדערט שטאַרק פאַרוואָס מען רייסט ארויס די לעצטע פאַר גראָשן בײַ די אָרעמע לייט! איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז דעם רבינס הויף איז הייליק... אַז מען העלפט דאָרטן די אָרעמע לייט, ניט נאָר מיט אַ ברכה, נאָר אויך מיט געלט. און דאָ גאָר אַזאַ ספּעקטאַקל!

מיין מאַמעס פּנים איז לויטער, באַגאָסן מיט אַ צאַרטן טרויער און מיט ביטחון. די גרויסע, אויסגעוויינטע אויגן אירע פינקלען מיט אַ מאָדנעם שימער. איך דערקען זי קוים...

— טאָכטער! — שעפּטשעט זי פרום און מיט אַ הייליקן ציטער אין קול — דו, וויל איך, זאָלסט איבערבלייבן אין הויף, איך וועל אַליין ארויסנעמען אַ קוויטל צום רבין, איך וועל אַליין מיט אים ריידן.

איך האַלט מיך אָן אין זוים פון דער מאַמעס זשאַקעט און ענטפער שטיל:

— ניין, איך בלייב ניט אינדרויסן!...

— וואָס הייסט דו בלייבסט ניט? — טוט זי אַן אָפּגעהאַקטן זאָג און די גרויסע אויגן אירע נעמען מיך דורך מיט פאַרדרוס, מיט פּיין. — מיינסט אפּנים, אַז דו האָסט דאָ צו טון מיט אַ פּשוטן בשר ודם? איך קען דיך, גאָלדע, — טוט מיר די מאַמע אַ פּריציש קניפּעלע אין אַקסל

און איך דערפיל אַ ברי ווי אַ שטאָך פון אַ נאָדל. — קענסט חלילה צוגיין נאָנט צום רבין און דו ביזט אַ פּאַרטיקע, ווערסט גלייך פאַרסאַרפעט. די שכינה רוט אױף אים...

זי דראָעט מיר מיטן וויז־פינגער, מישט זיך אויס מיטן געדיכטן מענטשן־קנויל, ווערט פאַרלוירן צווישן דריי־שפּיציקע פּאַטשיילעס, צווישן קויטיקע טלית־שאַלעכלעך, צווישן שוואַרצע חסידישע היטלען, צווישן ברוינע און שוואַרצע בערד, פאַריסענע איבער די ווייבערישע קעפּ...

— אַז אָך און ווי איז צו די, וואָס קומען צום הייליקן צדיק, צום באַלמויפעס, ניט פון גאַנצן הארצן! — צעשאָקלט זיך אַ ברייטע אידענע מיט אַ רויט מענעריש פּנים און מיט אַ ווייס טיכל אַפן קאָפּ. — דעם רבין נאַרט מען ניט אָפּ!... אַ בייזע קללה פון זיין ליבן נאָמען וועט ער אָנשיקן אױף די זינדיקע...

ניט פאַר דעם רבינס קללה האָב איך מורא, איך בין ניט פאַלש אין מיין גלויבן, מורא האָב איך נאָר, טאָמער קען איך ניט ביישטיין דעם נסיון, איך טו אַ קוק צום הייליקן צדיק און... בין פאַרלוירן!... און איך פיל, אַז אַלע מיינע איברים, דאָס בלוט צעזינגט זיך אין אַ פרומען געבעט. אַן ארומגעכאַפּטע פון אַ הייליקן געפיל וואָס רופט אין מיר אַרויס אַ לויב צו גאָט און צום באַלמויפעס, באַשטים אים באַ מיר ניט נאָכצוגעבן דער מאַמען.

אַ הויכער איד אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע און מיט אַ שטום פּנים, אַ באַהויכטס מיט סודות און מיט חשיבות, פירט אונדז צום רבין. ער גייט פאָרויס, מאַכט דריבנע, נאָר שווערע און זיכערע שפּאַן. איך מיט דער מאַמען גייען מיר אים נאָך ווי צוויי קעלבער. מיר קלאַפּט שטאַרק דאָס הארץ. די מאַמע טוט מיר אַלע מאָל אַ שטורכע, דאָס גיט זי מיר שטומערהייט צו וויסן, אַז אַפן רבין טאָר מען ניט קיין קוק טון. דערווייל ווערן די אויגן מיינע, אַלע חושים פאַרכאַפּט, פאַרבליפט פון דער הייליקער שטילקייט וואָס הערשט אין רבינס זאַל. אַ גרויסער איז דער זאַל, אַ פירקאַנטיקער, די ווענט הויכע, זויבערע, פרישע, באַדעקטע מיט אַ טונקל גרינער פאַרב און מיט אַלערליי מאַלערייען. די גרויסע קונסט־בילדער פון אַלטע אידישע פּערזענלעכקייטן מיט ווייסע, צעשמייכלטע און געקנייטשטע בערד. די טיפע, ברייטע קנייטשן אױף זייערע הויכע קלוגע און פאַרזאָרגטע שטערנס, באַהויכטע מיט עקסטאַז און מיט עניוות, מיט גלויבן און מיט געבעט; די דריי גרויסע זילבערנע מנורות מיט די אָנגעצונדענע ליכט, וואָס הענגען אַפן מיטן פון דער סטעליע, איבער אַ לאַנגן טונקל פּאָליטורטן טיש מיט צוועלף הויכע געבעטע שטולן, די ווייכע שטילקייט פון די גרינע טעפּיכער אַפן געוועקסלטן פּאָל, די שטילע טיפע ווינקלען פון זאַל, אָנגענומענע מיט אַ מערקווירדיקער געמיטלעכקייט, דאָס שווערע האָמערן פון די גרויסע גאָלדענע ווייזערס פונעם לאַנגן וואַנט־זייגער — דערוועקן אין מיר פּחד און אויך פרייד. מיר דאַכט זיך, אַז איך שטיי אינעם הייליקן טעמפּל פון גאָט, דאָרטן אין ירושלים, אינעם בית־המיקדש

אונדזערן. איך ווייס אָבער, אַז גאָט האָט ניט געמאָנט בײַ די אידן קיין באַפּוצונגען פאַר זיין הויז און, נאָך וואָס דאַרף אַ הייליקער צדיק אַזאַ רייכקייט? איך וואָלט אים בעסער געוואָלט זען אין אַ געהיימען ווינקל, אין אַ קליין אָרים שטיבעלע, אין באַשיידענע מלבושים אָנגעטון אָדער מיט אַ שטריק אַרום די לענדן, ווי איינעם פון די זעקס און דרייסיק לאַמעדוואָווניקעס, וואָס גייען אום איבער דער וועלט און טוען שטילער־הייט נאָר גוטס און גרויסקייט...

— יענע, דערציילט די מאַמע, פאַרשטעלן זיך אַמאָל פאַר אַ וואַסער־טרעגער און אַמאָל פאַר אַ האָלצהעקער און וואויל איז צו די מענטשן, וואָס האָבן דעם זכות, אַז אַ לאַמעדוואָווניק זאָל זיך באַווייזן אין זייערע דלד אמות.

איך ווער אויפגעציטערט, ווען איך דערזע אין אַ ווינקל פון זאַל דעם רבין אַליין, אַ קלייניניקער, ווי אַ קינד מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד, אַ זויבערע, אַ צעווייעטע ווי טייערע ווייסע פעדים. דער קליינער ווייסער קאָפּ איז באַדעקט מיט אַ שוואַרצער יאַרמעלקע, וואָס גיט אים צו אַ מער חשובן אויסזען. אין אַ גרויסער שטול, אין איינגעהילטע אין רויטן סאַ־מעט, זיצט דער רבי, אַף אַזאַ ווינקלדיק ביימעלע מיט דריי שמאָלע טרעפּ־לעך איבערגעצויגענע מיט טייערן רויטן פּליוש. מער פון אַלץ געפעלט מיר דער גרינער זיידענער ראָק זיינער מיט די בלויע, שטילע בלעטער און מיט אַ ווייסן, שווערן שנור אַרום דער טאַליע. די מאַמע, ווייזט אויס, פילט שוין, אַז איך רוק מיך אַרויס אַף פאָרויס, פאַר איר און פאַרן גבאי און זי טוט מיר אַ קניפּעלע, שטופּט מיך צוריק.

אַ רבי, אַ צדיק, איז פרום און הייליק, ווייס איך, פאַרוואָס זשע זאָל ער מיך פאַרברענען, אומברענגען! ווייסט דען ניט דער הייליקער פון די גרויסע אידישע געבאָטן: זאָלסט ניט הרגענען?... נאָר דאָס האַרץ מיינס צאַפּלט זיך פון אַנגסט און פון אימה, ווי אַ פיש אַף אַ ווענדקע. אינגאַנצן אַ באַהערשטע פון אַ גרעניצלאָזער שרעק, ווי איך וואָלט טאַקע געשטאַנען פאַרן מאַלעכאַמאָוועס.

אויך די מאַמע, וואָס גייט נאָך דעם גבאי אַף די שפּיץ־פינגער, האָט מורא אַ שפּאַן צו טון און פאַרגעסט אויך ניט אין דער טאָכטער אירער. זי טוט מיר אַלע מאָל אַ גנבישן ציפּ הינטן אַרומער, אָדער אַ דין פּריציש קניפּל, אַז ס׳פאַרגייט מיר פּשוט ביזן האַלדז. אויך זי, פיל איך, צאַפּלט זיך פון שרעק. דעריבער טאַקע האַלט זי מיך אין איין „מונטערן", וואָרע־נען — זי ווייסט אַפּנים ניט די מאַמע, אַז איך האָב דעם נסיון ביישטיין ניט געקענט און איך האָב שוין גוט געזען סיי דעם הייליקן צדיק און אויך אַלצדינג וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. און מיר געפעלט ניט דער גאַנצער טאַראַראַם, אונדזער רבינס פראַכטפולער הויף און דער אופן ווי אַזוי די גבאָים נעמען אויף די אָרעמע אידן מיט די ווייבער, וואָס קומען פון די ווייטסטע ישובים און וואַלגערן זיך אָפּ טעג און וואָכן אין רבינס

הויף, באַצאָלן מיט די לעצטע, אָרעמע עטלעכע לעי פאַרן רבינס געטלעכער ברכה...

זינט מיר זיינען פון שטעפּאַנעשט אַהיימגעקומען, האָלט די מאַמע בסדר אין איין דערציילן און זיך פאַרדווייקען אין די הימלישע הויבקייטן. זי גיט איבער פאַר די שכנים אונדזערע, וואָס לאָזן זי ממש ניט אָפּ, פונעם רבינס גרויסע מופתים, ווי די שכינה רוט איבער אים און אַ העליש פייער, די פונקען פון גאָט בליצן אין זיינע בלויע מלאכישע פרומע אויגן.

איך ווידער האָב שוין גאָרניט וואָס צו דערציילן פאַר די חברטעס מיינע. איך האָב אָבער מורא סיי פאַר גאָט און אויך פאַר מענטשן. איך ציטער און שרעק מיך פאַר מיר אַליין און מייד אויס אַרויסצוברענגען פאַרן מויל די זינדיקע געדאַנקען מיינע, נאָר אין האַרץ בא מיר פיל איך, האָט זיך מיטאַמאָל אַ חלל צעעפנט און אַ טיפער טרויער, אַ ווייטיק פרעסט מיך פשוט אויף. אַ סך מאָל טראַכט איך פון טויט און וויל דורבוים וויסן צי וועל איך צוליב די זינדיקע געדאַנקען מיינע ניט פאַרשפּילן דעם גן־עדן. אַ זאַך וואָס מאַטערט מיך אָן אויפהער. אויך מאַטערט מיך די אַנטוישונג, דער פאַרדרוס, די פאַרבליפטקייט פון אַ געבווירענעם בלינדן, וואָס האָט פּלוצים די אויגן זיינע צעעפנט און דערזען, אַז די אויסגעפּאַנטאַזירטע וועלט זיינע, די אַלע פּרעכטיקע פאַרבן, דער גן־עדן פון בלומען און טענץ, איז ניט מער ווי זיינער אַ חלום.

.42

מיין טאַטע, זעט אויס, האָט שלום געמאַכט מיט זיין גורל, ער איז שוין ניט אַזוי אויפגערייצט און נעמט זיך ניט צום האַרצן, וואָס דעם רבינס ברכות מיט די געבענטשטע מטבעות, וואָס די מאַמע האָט געקויפט, האָבן אים ווידער גאָרניט געהאָלפן, אים די פאַרלוירענע שיין פון די אויגן ניט אומגעקערט... אַ נייע וועלט, אַן אינסטינקטיווע אָפּ וועלכער קיינער פון די שטוביקע איז קיין מבין ניט, האָט זיך דער טאַטע אויסגעחלומט. ער דערפילט בחוש ווען מען זאָגט אים דעם אמת און ווען עמעצער פּרואווט אים אָפּנאַרן. איצט האָב איך נאָך מער מורא צו זאָגן דעם טאַטן אַ ליגן ווי פריער, ווען ער איז געווען זעעוודיק: קודם האָב איך גרוים רחמנות אַפן טאַטן און אויך די בושה האַלט מיך אָפּ פון ליגן זאָגן.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט זיצט דער טאַטע אין קלייט אויבנאָן באַם טיש און ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן העלפט ער דער מאַמען מאַכן אַ חשבון. די מאַמע איז כסדר באַשעפטיקט: קודם איז די גערעטעניש אָף די פעלדער גוט און פויערים וואָס זיינען בא דער פעלד־אַרבעט פאַרנומען, גיבן צו לייזן פאַר אַ סך געבעקס. חוץ דעם האָט נאָך די מאַמע אָנגענומען אַ גרויסן פאַדריאַד, זי שטעלט צו געבעקס פאַר אַריבער טויזנט

סטודענטן, וואָס לערנען אין סעמינאַריע די פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע אַף רומעניש. די פאַרדינסטן זיינען גרויסע.

אין שטוב באַ אונדז איז ווידער פריילעך. מיר אַלע האָבן זיך צוגעוואוינט צום טאַטנס בלינדקייט: מיר ווייסן שוין ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום אים. אויך דער טאַטע איז רואיק. עס מאַכן אים רואיק זיינע אויפגאַבן, זיי גיבן אים אַ נייעם אינהאַלט אין זיין איינגעבראָכן לעבן. די גאַנצע בוכפירונג פון דער בעקעריי האַלט דער טאַטע אין קאָפּ און ער מאַכט קיינמאָל קיין טעות ניט. אַלע וואָך, ווען ער דאַרף גיין אין סעמינאַריע איינמאָנען אַ גרויסע סומע פאַר אַ גאַנצער וואָך געבעקס, מאַכט ער פריער אַ חשבון מיט דער מאַמען. ער איז פאַרטון איבער די אויערן און וויל דערביי ניט ליידן, טאָמער וויל עמעצער נעמען אַן אָנטייל אין זיין אַרבעט.

און נאָך אַן אַרבעט האָט ער, דער טאַטע, אַ גרויסע און אַ גליקלעכע, וואָס מאַכט אים פאַרגעסן אין אַלע זיינע צרות: ער העלפט אויסשטעלן דאָס צעטל מחותנים וועמען מען רעכנט בעטן אַף מיין שוועסטערס חתונה. אַלע פאַרנאַכט קומען דער שוועסטערס חברטעס, עס קומט זכאַריע און אויך דעם טאַטנס אַלטע גוטע ברידער קומען. די שטוב איז פול מיט אימפּעט און מיט פרייד, מיט געזאַנג. דער טאַטע האָט דעמאָלט מאָדנע אויפגעשפּיצטע אויערן, אויפגעריסענע חושים:

— מישט אייך ניט צו מיין אַרבעט! — בעט ער זיך מיט געבייזער.

—איר וועט אויך ניט זיצן ליידיק, די טעג פליען: עס וועלן קומען פרעמדע מחותנים, איר וועט זיי דאַרפן באַדינען...

אין קליין שטייט אַ צעטייעטע היץ, מיט ריחות פון הייסן קאָרן־ברויט מיט קימעל און פון פרישע אייעריקע בייגל.

— הערש! — רופט זיך אָן די מאַמע און טרערן קייקלען זיך פון אירע אויגן — ווי איז צו אונדז! אַף דער חתונה פון אונדזער עלצטער טאָכטער, וועסטו די פרייד מיט דיינע אייגענע אויגן ניט זען!...

— שווייג, מיין ווייב, — ענטפערט ער מיט אַ פרומער רעזיגנאַציע, — אַ מענטש טאָר ניט זינדיקן, עס קען נאָך זיין אַ סך ערגער!... מן הסתם איז אַזוי באַשערט!...

די מאַמע שאָקלט ביטער מיטן קאָפּ און וויינט שטיל. אַרום איר ווייעט אַ צאַרטער טרויער. דער טאַטע ווערט אומרואיק, ער שרייט אויס מיט געבייזער:

— פאַרומער מיר ניט דאָס לעבן, ראַצע!... גרעסערע יחסנים פון מיר זיינען היינט געוואָרן אָפּגעשלאָגענע הושענות!...

אין דעם טוט אַ פאַל אַריין אין קליין עמזע, מאַכמעדס פּלימעניק, וועמען די צאַרישע מאַכט האָט איניינעם מיט אַלע טערקן פון אונדזער שטעטל אַרויסגעשיקט קיין טאַמבאָוו. שוואַרץ ווי קויל איז עמזע און אינגאַנצן צעטומלט.

— דראַצן! — טוט ער אַ ווילדן געשריי צו מיין מאַמען און פאַלט

צו איר צו, דריקט אירביידע הענט און פון פרייד קען ער קיין וואָרט ניט ארויסברענגען.

— הערש! — שרייט די מאַמע דורך טרערן. — ווי איז צו מיר!... זעסט גאָרניט ווער עס איז צו אונדז געקומען!

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — שרייט דער טאַטע אין עקסטאַז און ווערט דערביי ווייס ווי די וואַנט. ער שטרעקט אויס ביידע הענט פאָרויס, ציטערדיק שוואַכע, שפּיצט אָן די אויערן, דאָס בערדל, און שרייט אין טערקיש:

— עמזאַ, אַלאַ! די אַל בונדאַ!...

עמזאַ לאַכט היסטעריש און וויקלט זיך געטריי אַרום טאַטן, קושט אים און שיט אויס אַ האַגל טערקישע ווערטער, וואָס איך פאַרשטיי ניט.

ביידע פריינט זיינען אויפגעשווידערט. עמזאַ באַקומט אַ פינצטער פּנים, אַ געבראָכנס. מיט אַ געבראָכן קול רופט ער זיך אָן צו דער מאַמען שוין אין רוסיש:

— ניע מאָזשעט ביט, מאַדאַם דראַצן! הערשקאַ טשאָרנאָפּוי — סליעפּ!

— איך בין ניט בלינד, עמזאַ. — ענטפערט דער טאַטע אין רוסיש, — אין די לייבטע שפּאַן דיינע האָב איך דיך דערקענט, דיך דערשמעקט!... גיי נאָר, גאָלדע, רוף זכאַריען! — שרייט דער טאַטע ניט מיט זיין קול. — רוף צונויף אַלע שכנים, וועלן מיר מאַכן אַ קערמעשל!...

אָפּן ראָג גאַס, אין מאַרק, טרעף איך אָן אַ מחנה אַרעסטאַנטן, געשלאָסענע אין קייטן, וועמען צוויי רומענישע סאָלדאַטן פירן ערגעץ אוועק. אויך פישעלע טויבע ליבעס, אונדזער געוועזן לערן־אינגל איז צווישן זיי. ער איז געוואָרן מענעריש, ברייטער מיט שטאַרקע, פאַרברווינטע קינבאַקן. די גרינע אויגן זיינע די גנבישע, בוידערן מיך דורך.

— פישעלע! — טו איך ספּאַנטאַן אַ געשריי. — ווי קומסטו אַהער? אַט וועל איך דיר ברענגען עפּעס עסן!...

— אַז עסן זאָל אייך דער איפּעש! — טוט פישעלע אַ זייע צווישן די ציין און מעסט מיך אָפּ מיט פינצטערע בליקן פול מיט קללות און פאַראַכטונג. — איך דאַרף צו קיינעם ניט האָבן! איך מאַך אַף גאַנץ יעדינעץ!...

די הייסע זומער־טעג זיינען אוועק מאָדנע גיך, צו גיך, ווייל אין שטוב באַ אונדז רעשט מען צוליב דער שוועסטערס חתונה. סאַרווערנס קלאַפּן נים און שלאָגן אויס אייער מיט צוקער, שמשים און בדכנים דרייען זיך אַהין און צוריק. אויך די פרייד אונדזערע דרייט זיך אַף צוריק...

מיין טאַטע אָבער איז פול מיט גלויבן. ווייזט אויס, אַז די בלינדקייט האָט אים אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט. איינמאָל רופט ער זיך אָן צו דער מאַמען:

— מיר דאַרפן, מיין ווייב, אַ סך געלט, מיר דאַרפן אויסקליידן די קינדער אונדזערע, זאָלן זיי האָבן אַ פּנים פון מענטשן!...

— הערש, אַ ים, אַן אוצר גייט באַ מיר אַוועק! — קלאָגט זיך די מאַמע. — איך האָב מורא, אַז מיר וועלן חלילה בלייבן דאַרונטער! און דאָס געפעלט מיר ניט! ס'איז גאָטס און פרעמדס!...

דער טאַטע פאַרטראַכט זיך, צופּט שוין ווידער דאָס טשופּרינקעלע און טוט פלוצים אַ שמייכל, צוגעבנדיק ספּאָנטאַן און מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האָט דערפונדן אַ וויכטיקע זאַך:

— דו ווייסט, מיין ווייב, איך האָב חשק צוצוגיין צו דעם מאַנאָליע, וואָס האָט מיר אַמאָל אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר. אָט יענער וואָס איז דאַכט זיך געווען „פּרעצעדאַטעל". ער איז איצט רייך ווי קורח, אַ גביר אדיר געוואָרן.

ווייזט אויס, אַז אויך דער טאַטע ווייסט, ער הערט ווי די מיידן פונעם געסל, דער שוועסטערס חברטעס זשומען אַרום ווי די בינען, זיי האַלטן אין איין דערציילן פונעם גרויסן גליק וואָס האָט געטראָפן יענעם בחור, דעם געוועזענעם פּאָרזיצער באַ די סאָציאַליסטן. אַ חוץ זיין אייגן גרויס געשעפט פון ברינזע און פון רינקע, וואָס ער האָט אַפן סאַמע בעסטן מאַרק־פּלאַץ באַם קלויסטער, איז ער נישט לאַנג אַ חתן געוואָרן פאַר אַ מיידל פון באָטאָשאַן, אַ שיינע און אַ רייכע. אַ גרויסן נדן האָט זי אים געגעבן.

די מאַמע שמייכלט ביטער און שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

— הערש! — רעדט זי באַהאַרצט און מיט ווייטיק, — ווען ווערסטו שוין אָנהויבן זען דעם אמת! מאַלע וואָס אַ משוגענער מאַנאָליע האָט דיר אונטערגעשריבן אַ מגילה. דעמאָלט איז נאָך ניט געווען קיין שום „וולאַסט", די אונטערשרייבעכצן זייערע האָבן ווערט געהאַט אַביסל פּאַראַיאָריקן שניי. זע נאָר פון וועמען ער גייט דאָ פּאָדערן מענטשלעכקייט!...

— וואָס רעדסטו, ראַצע! — בייזערט זיך דער טאַטע. — דו ווייסט וואָס אַזוינס ס'הייסט אונטערשרייבן אַ וועקסל? ער איז דאָך אַ רייכן טאַטנס אַ קינד! וואָס וועט זיך אָנזען באַ אַזוינע אידן עטלעכע הונדערט לעי?!

— הערש, בוי מיר ניט קיין שלעסער אינדערלופטן! זיי וועלן איינ־פאַלן פונעם ערשטן ווינטעלע!...

דער טאַטע גיט אָבער ניט נאָך. ער טוט אָן דעם שבתדיקן אַנצוג, דעם נייעם קאַשקעט און גלייכט זיך אויס. קענטיק, ער וויל ניט אויסזען ווי אַ בלינדער, ווי אַן אָרעמאַן!... די גאַס שטייט אַ ליכטיקע, אַ צע־שמייכלטע און אַ פרייע. מיט אַ פרייעם שמייכל אַפן פּנים גריסט דער טאַטע די מאַנאָליעס:

— אַ גוט העלף אייך, רב ארן!

— אַ גוט יאָר! — ענטפערט אים אַ איד מיט אַ גרוי שיטער בערדל, אַ טראָציק פאַריסנס און קליינע, גנבישע אייגעלעך פון אַ כיטרע סוחר, וועמען דער ערגסטער שווינדלער וועט ניט וואַגן אָפּצונאַרן.

אַרום אַ לאַנגן טיש זיצט די גאַנצע מישפּחה מאַנאָליע און אויך די

פּרעמדע געסט, מחותנים פון באָטאָשאַן, ווייזט אויס, וואָס זיינען געקו־מען אַף דער חתונה. אויך די כלה זיצט אין סאַמע אויבן אָן, צווישן דעם חתן אירן און זיין טאַטן. אַ קליינע איז זי, אַ פּוכקע, מיט פולע טונקל רויטע באַקן, גלאַטע, מיט צוויי טיפע חן־גריבעלעך און מיט גרויסע קאַרע אויגן, ווייכע ווי סאַמעט און מיט אַ שטילער פאַרטראַכטקייט און פרייד אין זיי.

דער רעש באַם טיש, דער געקלימפּער פון לעפל און גאָפל ווערט מיט אַמאָל איבערגעהאַקט. מיין טאַטע שטייט כמעט לעבן דער טיר און רעדט זייער שטיל. קענטיק, ער באַמיט זיך באַהערשן די נערוון זיינע, די מאָ־מענטאַלע אויפרעגונג וואָס חזרט זיך באַ אים אָפּט איבער, איבערהויפּט פון זינט ער איז בלינד געוואָרן. דאָס דערציילט ער זיי די גאַנצע מעשה פון יענעם קאַלטן ווינטער אַפּדערנאַכט, ווען דער זון פון די מאַנאַליעס האָט אים געגעבן דעם אונטערגעשריבענעם פּאַפּיר. די געסט קוקן אַף אים מיט רחמנותדיקע פּנימער, מיט שטוינען און שווייגן. אויך דער חתן שווייגט. אַ טיפע פאַרלוירנקייט ווייעט אַרום אים. נאָר די צוויי ברוינע שפּיצן פון דער פּאַטשיילע אַף דער אַלטער מאַנאַליבעס קאָפּ, די צוויי קליינע אייגעלעך אירע, דאָס שמאָלע פאַרשפּיצטע נעזל, איז טראָציק פאַ־ריסן — פּונקט ווי פּאַריסן ס'איז געוואָרן איר מאַנס אויסגעקראָכן בערדל און די צוויי שיטערע, אויסגעקראָכענע, גרויע פּיאות.

דער טאַטע, ווייזט אויס, פילט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיל, ווארט אַף אַן ענטפער און גיט פלוצים ווידעראַמאָל אַ צע־נעם די הענט, טענהט אַריין אין דער סטעליע און האָט דערביי אַ ווייכ־קייט אין קול און אַ מילדע פאַרלוירנקייט אַפן פּנים, דעם באַגאַסענעם מיט אַ לייכטער רויטקייט:

— איך קום ניט צו אייך, רב אַרן, בעטן חלילה אַ נדבה, אָדער נע־מען עפּעס מיט געוואַלד! איר, ווייס איך, גייט איצט חתונה מאַכן אייער זון און איך מיינער אַ טאָכטער. מיר זיינען דאָך טאַטעס, אידן זיינען מיר!... און אידן, מיין איך, רב אַרן, דאַרפן זיך פאַרשטיין, דאַרפן לעבן בשלום! חוץ דעם, פאַרוואָס זאָל איך, אַ איד אַן אָרעמאַן, ליידן דעם גאַנצן היזק?... ס'איז אַ חילול השם! אויך איר מעגט זיך פאַרגינען צו האָבן אַ חלק אינעם געבן אָפּצועסן אַ שטיקל ברויט אויסגעהונגערטע סאָלדאַטן!...

— איך וויל פון גאָרניט ווויסן! — פּאָכעט דער אַלטער מאַנאַליע מיט די הענט זיינע איבערן טיש. — גייט פון דאַנען, גייט! נאָ דיר גאָר אַזאַ פינצטערע אָנשיקעניש!...

— נאָ, טאַטי! — ניין פּאָטער! — טוט די כלה ספּאָנטאַן אַ געשריי אין רומעניש און שטעלט זיך אויף. — מען טאָר ניט אַזוי באַהאַנדלען אַ מענטשן! איך וועל אומקערן אַ האַלב פונעם באַטרעף!...

זי זעצט זיך צוריק אַוועק. סאַפּעט שווער און אַ טיפער אומעט טוקט זיך אין אירע גרויסע סאַמעט־שטילע אויגן.

מיין טאַטע מאָנט שוין מער גאָרניט. זיין פּנים איז צעטומלט און באַדעקט מיט אַנטוישונג, מיט אַ טיפן באַנג. זיין האַנט, פיל איך, ציטערט און איז געוואָרן קאַלט ווי אייז. פון יענער זייט טיר, ווען מיר זיינען שוין אין ברייטן, פינצטערן פאָדערהויז, מאַכט דער טאַטע אַ ברייטן שפּאַן, ספּאָטיקעט זיך צום פאַלן. ס'פאָלגט אונדז נאָך דער כלהס צאַרטע שטים, אַן אָנגענומענ'ע מיט ווייטיק, מיט אַ גרעניצלאָזן מיטגעפיל:

— גאָט מיינער! אַזאַ קלוגער מענטש און אַזוי אומגליקלעך! פאַרוואָס?...

— ווייסעך וואָס! — טוט די אַלטע מאַנאָליכע אַ בייסיקן לאַך. — ניט נאָר בלינד דאַרף ער זיין, דער הערשעלע טשאָרנאָפּוי, נאָר אויך שטום, געליימט!...

דער טאַטע טוט מיך אַ שלעפּ צו זיך און מאַכט ברייטע, נישט גלייכע שפּאַן. ער האַלט דאָס פּנים פאַריסן, די ברייטע אויפגעריסענע אויגן זיינע לויערן ערגעץ, שוועבן אין אַ ווייטער אומבאַשטימטקייט, ווילן ווידעראַמאָל דורכבויערן די פינצטערניש, וואָס האָט זיי צוגעדעקט.

די מאַרק־גאַס שטייט אַ ברייטע, אַ פרייע, אַן אָנגענעמע, מיט זון און מיט לופט, מיט ווייניקע ריחות פון אויסגעצייטיקטע פלוימען און פון זאַפטיקע באַבע־באַרן, שוואַרצע ווי די קאַרטאָפליעס, פון גרויסע שוואַרצע ראַנעטן און פון ווייַנשל גרויסע און פלייִשיקע, רויטע ווי דער אַלטער, רויטער בעסאַראַביער וויין.

פאַרזיכטיק פיר איך דעם טאַטן צווישן די שטעלן, צווישן צענדליקער וועגענער, פולע מיט גרויסע אַרבוזעס און מעלאָנעס, מיט קאַרשן און מיט לאַנגע, רויטע ווייַנטרויבן וואָס פאַרשיכורן דעם טומלדיקן אַרום: אויך דער טאַטע איז צעטומלט, ער פּלאָנטערט זיך און קען קיין גלייכן שפּאַן ניט מאַכן; קענטיק, אַז ער איז טיף אינערלעך אויפגעבראַזט; שוין לאַנג אַז איך פיר ניט אַרום דעם טאַטן, איך בין פאַרנומען אין קלייט, איך מוז צעטראָגן יעדן טאָג אַריבער דרייסיק פונט ברויט פאַר די קונים אונדזערע, די שטעלניקעס אַרום קלויסטער. זיי האָבן מיך ליב, סיי פאַר מיין פּינקטלעכקייט און פאַר דער אַרבעטזאַמקייט — צוויי מידות וואָס דער טאַטע האָט פון קינדווייז אָן איינגעפלאַנצט אין מיר און אויך אין אַלע זיינע טעכטער. איצט איז איטעלע, די שוואַכינקע, די צאַרטע, געוואָרן דעם טאַטנס שיין פון די אויגן, זיין וועגווייזערן. ווען דער טאַטע איז אַף עמעצן בייז, אָדער ס'בלוטיקט דאָס האַרץ זיינס פון באַליידיקונג און ער פאַרלירט פּלוצים די גלייכגעוויכט, קען קיין שפּאַן ניט מאַכן, ווערט זי צעטומלט, די גרויסע בלויע אויגן אירע, אָנגענומענע מיט אַ הימלישער קלאָרקייט און מיט פּיין, בלייבן הענגען אַף אים און דריקן אויס גרעניצלאָזן צער, געבעט, שרעק. דעמאָלט טוט זי דער טאַטע אַ שלעפּ פאַרן טרוקענעם הענטל און זייעט צווישן די ציין:

— וואו זיינען דיינע אויגן, איטע?... וואוהין שלעפּסטו מיך?!...

איך, ווידער, פיל שוין אַרויס יעדע מינדעסטע ענדערונג אין טאַטן. אויך איך ענדער זיך דעמאָלט. מיין האַרץ, אַלע איברים קלאָגן שטומער־הייט מיט זיין ניט אויסגעשריגענעם צער און פּונקט ווי דער טאַטע, הער איך ניט אויף צו גלייבן, אַז אַף דער וועלט איז דאָ אַ גרויסער גאָט, אַ בעל רחמים און אַ גערעכטער און ער זעט צו דעם אמת, זעט ווי שלעכט און אומרחמנותדיק עס זיינען אַ סך מענטשן, וועלכע האַלטן זיך נאָך פאַר די אויסדערוויילטע, פאַר די געטרייסטע זין פון גאָטס געבאָטן און זיי פילן ניט ווי זיי פּייניקן אַ געפּאַלענעם, רייסן שטיקער פון די אומגליק־לעכע, פון אַזוינע וואָס נויטיקן זיך אַמשטאַרקסטן און זוכן אביסל פאַר־שטענדעניש, אביסל מענטשלעכן געפיל...

דער טאַטע טראָגט דאָס צעפּייניקטע פּנים אין דער לופטן און רעדט אַריין אין דער שפּרודלדיקער זון:

— ס'איז היינט כמאַרנע, טאַכטער, ס'וועט דאַכט זיך רעגענען!...

— ניין, טאַטע, די זון שיינט, דער הימל איז בלוי און לויטער!

— און מיר, מיין קינד איז שטאַרק פינצטער פאַר די אויגן!... האָסט געהערט, טאָכטער, דעם גוטן שבת וואָס זיי, די גאָטס גנבים, האָבן דאָרטן נאָכגעשיקט דעם טאַטן דיינעם? אַ?... ווי געפעלט דיר די מענטשלעכקייט זייערע? מערזאַוועצעס! שאַפּענע קעפּ!...

אויך מיר שיקט מען נאָך אַ גוטן שבת:

— זאָלסט האָבן דיין טאַטנס פינצטערן סוף, אייזערנע זאַך איינע...

— שרייט מיר נאָך אַן איינגעטימערן פון אַ גרויסער בעקעריי, עטי די גע־שטופּלטע, מיטן קליינעם סוטולעוואַטן פליצעלע און מיט די שמאָלע צוויי ליפּעלעך, וואָס זשאַרען און קענען אויפעסן לעבדיקערהייט דעם גע־זונטסטן מענטשן אַפילו. — אַלע קונים נעמסטו צו בא מיר — געליימט זאָלסטו ווערן!...

דער טאַטע ספּאָטיקעט זיך צום פאַלן, באַקומט דערביי אַן אויפגע־שווידערט פּנים, טוט מיך אַ האַסטיקן שלעפּ פאַר דער האַנט און רעדט האַסטיק, אַפּגעהאַקט און מיט ווייטיק:

— נאָכוואָס, טאָכטער, נייסטו פאַרביי דעם דאָזיקן איפּעש?!... זעסט דאָך, אַז אַ גליקלעכער מענטש פאַרגינט ניט דעם אומגליקלעכן וואָס האָ־רעוועט ווי אַן אייזל, וואָס די מילחמה יאָרן, מיין קינד, דעם טאַטנס בלינדקייט, האָבן דיך געמאַכט פאַר אַ באַרדאַאַס, פאַר אַן אישת חיל.

.43

עס איז שוין ווייט נאָך האַלבן זומער. די גאַס שטייט אַ ליכטיקע, אַ באַשמעקטע מיט יונגע באַפּושויעס און אויסגעצייטיקטן ווייץ און קאָרן. פול איז זי מיט טיפער דערוואַרטונג און מאָדנער צעשמייכלטקייט. אין

שטוב באַ אונדז שטייט אַ מאָדנע צערודערונג. צו מיין גרויסער שוועסטערס חתונה פעלן שוין געציילטע וואָכן, די חתונה־מלבושים הענגען שוין פאַרטיקע אין שאַפע, די חתונה־בילעטן זיינען שוין צעשיקט און דאָ גאָר איז דער טאַטע פּלוצים קראַנק געוואָרן. ער קלאָגט זיך ניט פאַר דער מאַמען, מיר זעען אָבער ווי זיין פּנים איז שוואַרץ און צעפּייניקט, באַדעקט מיט שווידער און אַלטקייט און ער איז דאָך אינגאַנצן ערשט אַכט און פערציק יאָר אַלט.

יעדן טאָג, ווען אַלע זיינען מיר פאַרנומען אין דער בעקעריי, פיר איך אים אַריין צו די טערקן. דאָרט ציט ער זיך אויס אַף אַ שמאָלן הילצערנעם סאָפעקלע, וואָס שטייט אין מאַכמעדס שטיבל און רעדט מיט זיינע אַלטע פריינט וואָס זיצן אַרום אים און שפּילן אין קאָרטן. קיין טערקיש פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט, נאָר פון זיינע זשעסטן פאַרשטיי איך, אַז ער באַקלאָגט זיך אַף זיין גורל און אַף זיין שוואַכן געזונט.

איינמאָל אין אַ שבת אינדערפרי איז דער טאַטע אינגאַנצן געבליבן צו־בעט. אין שטוב איז היים און שטיקנדיק. די מאַמע האָט אים געמאַכט אַ ווייך געלעגער אין קלייט אַפן פּאָל און אים צוגעדעקט מיט אַ ווייס לײלעך. דער טאַטע קרעכצט שווער, די מאַמע זיצט באַ אים צוקאָפּנס, גלעט אים דעם קאָפּ און רעדט שטיל, דורך טרערן:

— הערש, זאָג מיר, וואָס, פילסטו, טוט דיר וויי? וואָס איז דיר?

— איך ווייס ניט, ראַצע, — ענטפערט דער טאַטע און זוכט מיט די הענט, גלייך זי וואָלט ניט געוועזן לעבן אים, — איך פיל נאָר ווי די כוחות גייען מיר אויס...

— אפשר אָפּלייגן די חתונה, הערש? אפשר איז דאָס אין די קינדערס מזל?

— וואָס ווילסטו טון, ראַצע? — קרעכצט דער טאַטע אין געבייזער. — אַ מענטש טאָר דעם ביטחון ניט אָנווערן! מאַלע וואָס אַ מענטש ווערט ניט געזונט! גרייט צו, מיין ווייב, פון אַלעם גוטן!... אַז הערש טשאָרנאָפּוי האָט דערלעבט חתונה צו מאַכן זיין עלצטע טאָכטער, מוז אַלץ זיין כיד המלך!...

די מאַמע בייגט זיך צו צו אים און הערט אים אויס דאָס האַרץ. זי שטעלט אָן די גרויסע פּיינפולע אויגן אַף די חתן־כּלה, וואָס זיצן בלייכע און דערשלאָגענע לעבן טאַטן. מיט אַ דערשלאָגן קול רופט דער טאַטע און זוכט עפּעס אַרום זיך:

— ראַצע! קינדער מיינע! וואו זיינט איר אַהינגעקומען? לאָזט מיך ניט אַליין!... אוי, ווי פינצטער ס'איז אַרום מיר!...

פינקל באַוואַשט זיך אין טרערן. די מאַמע שלעפּט צונויף די דריי קליינע שוועסטערלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַפן פּאָל און גראָבט איין די צעשראָקענע פּנימער זייערע אין טאַטנס אַנטבלויזטן ברוסטקאַסטן, דעם ווייסן ווי זילבער, וואָס הויבט זיך אומרואיק אויף און אָפּ:

— אָט האָסטו, הערש, אונדזערע קינדער, אַלע זיינען מיר דאָ!...

די קינדער קוקן זיך אַרום צעשראָקן און טרויעריק. אַ טיפער טרויער קוקט אַרויס פון די ווינקלען און פון די לאַנגע אָפּגעלייִדיקטע ראַפּטן. עס קומען אַריין זכאַריע מיט פאַיע קאַצאַפּ. חתן־כלה זיינען זיי געוואָרן. זכאַריע זעצט זיך אַוועק צוקאָפּנס דעם טאַטן און איז אויפגערוימט דער־שלאָגן. די מאַמע רוימט אים איין אָפּן אויער:

— זכאַריעלע, מיין מאַן איז שטאַרק שלאַף! זכאַריעלע, בעט גאָט פאַר דיין טאַטן! ער דערקענט, דאַכט זיך, ניט קיין מענטשן!...

זכאַריע קריצט מיט די ציין און קוקט דערביי אַף זיין כלה מיט זיינע שטילע רויזן־אויגן, וואָס זיינען פול מיט פיין און געטריישאַפט. פאַיע גייט צו צום טאַטן, לייגט אים אַרויף אַ האַנט אָפּן שטערן און רעדט שטיל:

— אַ גוט שבת אייך, רב הערש! איר דערקענט מיך?

— וואָס הייסט צי איך דערקען דיך? — הייבט ער אונטער דעם קאָפּ און פּרואווט שמייכלען. — טאָמער, פאַיע, ביזטו געוואָרן אַ כלה־מויד, מיינסטו אַז מענטשן טאָרן דיך ניט דערקענען!... און וואו איז ער, דער מערזאַוועץ דיינער?

פאַיע לאַכט צופרידן. זכאַריע ווערט פרייליכער און רעדט מיט אַ טי־פער דערלייכטערונג אין קול:

— איר האָט געדרעמלט, רב הערש, האָב איך אייך ניט געוואָלט שטערן...

— זכאַריע, מערזאַוועץ איינער, גייסט שוין ווערן אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער בעקעריי? — קרעכצט דער טאַטע און זיין קרענקלעך גרין פנים פרואווט ווידער שמייכלען. — זאָלסט נאָר ניט אָנכאַפּן גאָט פאַר די פיס! זאָלסט ניט שינדן די הויט פונעם אַרבעטער, הערסט? און דו, פאַיע, פאַרגעס ניט, אַז דו ביזט אַ סאָציאַליסטקע! זאָלסט ניט מורא האָבן פאַרן דלות!... אַן אַרבעטער, זאָלסטו וויסן, האָט פיינט אַז אַ אידענע קריכט אים אין די גרגרת!...

— אָ, רב הערש, פון מיר וועט איר האָבן תענוג און אויך פון אים, דעם תכשיט אייערן! — לאַכט פאַיע.

אַפּדערנאַכט שטייט די גאַס אַ שטילע, אַ דורכזיכטיק בלויע, אַן אָנ־גענומענע מיט דעם שעפּטשען פון די ווייבער, וואָס זאָגן „גאָט פון אב־רהם", און מיט אומעט. די טירן פון אונדזער קלייט שטייען פאַרמאַכטע. דער טאַטע ליגט נאָך אַלץ אין ווינקל אָפּן פאָל און סאָפּעט שווער. איציק זעלמאַן מיט דעם ווייב, נעכאַמע מוישע וואָלפס און נאָך שכנים, וואָס גרייטן זיך אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און וואַרטן בייצוזיין מיין שוועס־טערס חתונה, זיצן אַרום טאַטן און שווייגן אימהדיק. דער גרויסער הענג־לאָמפּ איבערן טיש, וואָס האָט אַמאָל געהאָנגען באַ אונדז אין זאַל, ברענט טונקל, ווי די נשמה וואָלט באַ אים געצאַנקט. אין די שמאָלע אָפּגעריי־בענע ווינקלען צאַנקען אויך לאַנגע שאָטנס, וועבן זיך איינער אין אַנ־

דערן, פלאַטערן ווי די שוואַרצע צעפלויגענע פאָלעס באַ אַן אַלטן באַגרעבער ווען ער טראָגט אַ קליין מתל צום בית עולם.

די מאַמע האָט אַ טריב דערשראָקן פּנים, אַן אומרואיקס און אַ פאַרפלאַמטס, מיט אַ פייכטן שימער אין די גרויסע דערשראָקענע אויגן, אַ שימער פון אַ געבונדענער טיגערטע, וואָס פילט אינסטינקטיוו, אַז דער יעגער גנבעט זיך אונטער צו דער נאָרע פון אירע קינדער. זי קוקט אומבאַהאָלפן אַף די פלעשלעך מיט רפואות, וואָס די דאָקטוירים זילבערמאַן און פּאַוולאָווסקי האָבן פאַרשריבן דעם טאַטן, און ציט אומצוטרוילעך מיט די אַקסלען:

— זכאַריעלע, גיי, מיין קינד, און ברענג נאָכאַמאָל דעם דאָקטער! — רעדט זי שטיל און באַפעלעריש, — עפּעס געפעלט מיר ניט מיין מאַנס אָטעמען! — עפּעס ליגט אין אים אַ באַהאַלטענע קראַנקייט און זיי גיבן זיך ניט קיין חשבון וועגן דעם!...

זכאַריע ברענגט צו פירן דעם דאָקטער פּאַוולאָווסקי, אַ מיטלוואוקסיקער רוס מיט אַ ווייסן מאַיעסטעטישן קאָפּ און בלויע אויגן, מילדע און צוטרוילעכע, זויבערע ווי צוויי שטערן. ער באַטראַכט נאָכאַמאָל דעם טאַטן און האָט דערביי אַן ערנסט פּנים. ער ציט מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך נישט דערוועגט אַרויסצוזאָגן אַ ביטערן אמת, און ווענדט זיך צו דער מאַמען:

— אַ האַרץ, מאַדאַם טשאָרנאָפּוי, האָט אייער מאַן אַ שטאַרקס ווי אַ שטיין. אַ סך קראַנקייטן קען אַזאַ האַרץ איבערטראָגן. עס קענען אָבער אונטערקומען קאָמפּליקאַציעס. נעמט אים קודם אַרויס פונדאַנען!... די היץ פון דער בעקעריי מאַכט אים שלעכט. דערווייל איז אים פּאַקטיש גאָרניט!

דער טאַטע בייזערט זיך און גיט צו קרעכצנדיק:

— וואָס, ראַצע, האָסטו זיך אָנגעזעצט אַף מיינע יאָרן? מיר איז חלילה גאָרניט! נעמט מיך אַרויס פונדאַנען! היט אָפּ די פּרנסה!... די קונים וועלן זיך צעלויפן!... דער עקאָנאָם פון דער סעמינאַריע וועט אָפּשטעלן דעם פּאָדריאַד, אויב ער וועט מיך זען אַ קראַנקן!...

באַנאַכט, דאָס געסל שטייט אַ ברייטס, אַ לויטערס, די געשלאָסענע שטיבער באָדן זיך אין אַ געדיכטער זילבערנער שיין, אין די קילע ריחות פון רומיאַנעק און מיאַטקע פון דעם באַשמעקטן סעמינאַריע־טייך און פון די ווערבעס ניט ווייט פונעם געסל. זכאַריע און מיין שוועסטערס חתן טראָגן אַרויס דעם טאַטן אַף די הענט צו שאָלעם פּאַריקמאַכער אין דער הינטער־שטוב. די מאַמע מיט אַלע אירע זעקס טעכטער גייען אים נאָך. די דינע ביימלעך פאַרן טערקס קלייט שושקען זיך שטיל, ווי זיי וואָלטן באַדויערט מיין טאַטן און דערמאָנט יענע צייט, ווען ער איז ביזן בלוט געגאַנגען און זיך געלאָזט שטופּנווייז אומברענגען און זיך ניט אונטערגעגעבן דעם שונאס קאַפּריזן... אַ שטיל ווינטל הייבט זיך אויף און ברענגט

צו טראָגן ריחות פון פרישער קוענער מילך, פון יונגן ווייץ און הייסן קאָרן־ברויט מיט קימל, וואָס ליגט שוין אין די ראַפטן פון די בעקערייען.

די פענצטער פון שאָלעם פאַבריקמאַכערס הינטער־שטוב, וואו דער טאַטע ליגט, שטייען אָפענע און פרייע. די שטוב איז אַ זויבערע, אַ פריש־געמאָלענע מיט אַ רויטן געוועקסלטן פּאָל און מיט פריש־געפאַרבטע טירן. שוין אַ וואָך אַז ער ליגט דאָרטן און אים איז אַלץ ניט בעסער. די שטוב איז פול מיט ריחות פון רעצעפּטן, מיט דעם טאַטנס שוואַכן קרעכצן.

פרייטיק אַפּדערנאַכט איז די שטוב פול מיט מענטשן, אייגענע און פרעמדע. אין שטוב איז דושנע און אַ קראַנקער ריח שטיקט דעם אָטעם. די מאַמע זיצט אַפן ראַנד פונעם טאַטנס בעט און קוקט אים אין בלייכן איינגעפאַלענעם פּנים.

— הערש, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי? — רעדט די מאַמע שטיל און צאַרט. — זכאַריע, ברענג מיר גיכער אַ נייעם דאָקטער! ברענג מיר אַ פאַיעטאָן און מיר וועלן מיט אים לויפן קיין יאַס! מיר געפעלן ניט די היימישע דאָקטוירים! שוחטים זיינען זיי!...

זי רעדט באַפעלעריש, ווי זי וואָלט זיך אונטערגענומען פירן אַ שלאַכט מיט דעם טאַטנס קראַנקייט:

— גיכער, גיכער!...

זכאַריע איז צערודערט. איך פיל ווי זיין האַרץ צאַפּלט פאַר שרעק. ער דריקט מיך צו זיין ברוסט און שמייכלט מילד:

— האָב ניט מורא, גאָלדע, דער טאַטע וועט מיט גאָטס הילף געזונט ווערן!...

זכאַריעס וואַרימקייט, זיין אָנוועזנהייט מאַכט מיך גליקלעך, דערמאָנט מיר יענע טעג ווען אונדזער שטוב איז געווען פול מיט פרייד און האָפענונג.

— וועסט טאַנצן מיט מיר אַף פינקלס חתונה! — טרייסט ער מיך און זיין קול ציטערט. — דיין טאַטע האָט כּשר פאַרדינט אַביסל נחת אָן אייך, אין אונדז אַלע!...

— הערש, דו ווייסט ווער עס שטייט לעבן דיר? — פרעגט די מאַמע צודרינגלעך, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן פון טאַטנס געמיט אַביסל קלאָרקייט, אַביסל טרייסט פאַר זיך, פאַר אונדז אַלע. — דו ווייסט, אַז היינטיקן דינסטיק דאַרף זיין די חתונה פון אונדזער גרויסער טאָכטער?... הערש, גיב מיר אָן עצה, וואָס זאָל איך איצטער טון?... הערש, איך בין אַליין!...

— וואָס פאַלט דיר איין, ראַצע? — קרעכצט דער טאַטע און קלאַמערט זיך אָן אירע הענט. — און וואו זיינען אונדזערע קינדער? וואו איז זכאַריע? וואו זיינען מיינע גוטע ברידער? ביזט ניט אַליין, מיין ווייב! איך בין מיט דיר! איך האָב נאָך גענוג כּוח אין זיך! מיר וועלן פירן אונדזערע קינדער צו דער חופּה, גאָט וועט מיך ניט פאַרלאָזן!... גרייט

נאָר צו, ראַצע, די בעסטע פיש, די טייערסטע זאַכן! שמועל דער גראָבער בויך איז אַ נאַשער!...

באַם דערמאָנען דעם פעטער שמועלס נאָמען, שטעלן זיך טרערן אין טאַטנס אויגן און אַ קראַנקער צעריסענער שמייכל טויכט אויף אַרום דעם צעבאָרשטענעם גרוי־ברוינעם בערדל זיינעם.

— אײ וועט ער הוליען, דער ברודער מיינער!

פינקל שטייט כסדר פונוויטנס אַ שטילע און אַ באַצאַרטע, ווי שטיל און דורכגעוועבט מיט יסורים עס זיינען דורכגעגאַנגען אירע קינדער־יאָרן און אירע מיידלשע טעג און וואָכן, אַ שעמעוודיקע, אַ צנועדיקע, אַ פרומע. זי קוקט מיר אַריין אין פּנים און רעדט שטיל, באַהאַרצט, מיט אַ געבעט אינעם קול:

— דו, גאָלדע, ביזט געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל... אַלע זאָגן, אַז דו האָסט מזל, דאַרפסט לעבן!... איך, ווידער, בין געבוירן געוואָרן אין אַ פינצטערער שעה, דאָס פינצטערע מזל גייט מיר אומעטום נאָך... זעסט?

— טוט זי אַ פיר מיט די צעפייניקטע אויגן איבערן טאַטן. — און פאַר־וואָס, גאָלדע, זאָל איך .בעסער ניט פאַרנעמען זיין פּלאַץ? אַלץ איז מיין מזל!...

די מאַמע טוט צו איר אַ דראָענדיקן קוק און זעט אויס ווי איין גרויסע טרער. זי נעמט ווידער אַרומטאַפּן דעם טאַטנס ברוסטקאַסטן, די זייטן און באַקומט דערביי אַן אויסזען פון אַ ווילדער טיגערטע, וואָס גרייט זיך פאַרצוקן דעם יעגער:

— אָבער איך גלויב דאָך ניט, אַז אייער טאַטע זאָל קיין קראַנקייט ניט ביישטיין! — רעדט זי האַסטיק. — ער מוז געזונט ווערן!... הערש, מיין מאַן, איך, דיין ראַצע וועל דיך געזונט מאַכן!... דו הערסט?...

די מאַמע רייסט פון אים אַראָפּ דעם ליילעך. אירע געטריע הענט לויערן אַרום דעם טאַטנס אויפגעטראָגענע זייטן, ווילן אַרויסרייסן פון דאָרט דעם סוד פון זיין פּלוצימדיקער שלאַפקייט און טוט אַ געשריי ניט מיט איר קול:

— גיי נאָר אַהער, זכאַריע! טאַפּ נאָר אָן די רעכטע זייט זיינע! עפּעס שטייט דאָרט אַ מאָדנע ווייכקייט, זכאַריע, לויף גיך נאָכן דאָקטער!...

דער דאָקטער פּאַוולאָווסקי האָט געבראַכט מיט זיך זיינע אינסטרו־מענטן. ער שטייט לעבן טאַטן אַ שטילער און אַ פאַרבליפטער. זיינע מילדע בלויע אויגן רוען אַף דעם ווייכן שטיקל זייט, וואו די מאַמע האַלט אויס־געשפּרייט די דלאָניע אירע און רעדט צו אים:

— וואָט זדיעס, גאָספּאָדין דאָקטאָר, איזוויניטיע!

— טאַק! — זאָגט דער דאָקטער און שטעקט אַריין אַ גרויסע נאָדל אינעם טאַטנס זייט און קוועטשט אַרויס פון דאָרט אַ פולע גלאָז מיט אייטער און מיט בלוט. דער טאַטע האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט:

— ראַצע, וייב מיינס! — קרעכצט ער אין דערלייזונג. — האָסט מיך ווידער געראַטעוועט! ראַצע!... פינקל, טאָכטער מיינע! דער טאַטע וועט דיך מיט גאָטס הילף פירן צו דער חופּה.

.44

זונטיק פֿאַרטאָג שטייט שוין אונדזער געסל אויסגעטון פֿון דער שבתדיקייט און וועבט זיך אַלץ מער און מער אַריין אין דער וואָכעדיקער צעשמייעטקייט. אַן אומרו שוועבט שוין אַף דעם, מיט אַ ביטערע חוזק־שמייכעלע. און דער אומרו טראָגט זיך פֿון איין געסל אינעם צווייטן, שפּרייט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעכטיקער: ס'איז מאַרק־טאָג.

צענדליקער פּויערים מיט לאַנגע פֿעטע האָר, ווי אונטערגעשוירענע פֿערדישע גריוועס, און אויסגעפּוצטע אין לייוונטענע העמדער, אויסגעבייטע, אַריבערגעלאָזטע איבער די ברייטע לייוונטענע גאַטקעס, יונגע פּויערטעס אין ווייסע לייוונטענע קאָפֿטעס מיט לאַנגע בוזימער, פֿון וועלכע עס קוקן אַרויס ברוינע שטייפֿע ברוסטן, גלאַטע, פֿולע און ציטיקע, ווי די אייטערס באַ יונגע טעלעצעס און אַלטע פּויערטעס מיט שוואַרצע און געקאַרבטע ברוסטן ווי גרויסע אויסגעזויגענע פֿייגן, זיצן אונטער די וועגענער און היטן די סחורה, וואָס זיי האָבן געבראַכט פֿון דאָרף צום פֿאַרקויפֿן. אַף איין וואָגן כריוקעט אַ פֿעטער געבונדענער חזיר און אַף אַן אַנדערן געבונדענע גענדז מיט קאַטשקעס, אינדיקעס און הינער, וואָס סאַפּען פֿון פֿעטקייט.

ברייטע צעוואַקסענע מאַרק־אידענעס מיט גיריק פֿאַרשמייעטע פּנימער, פֿאַרשוויצטע און באַזעצטע מיט שטויב, מיט רוגזה און ווילד־צעפֿלויגענע שפּיצן פֿון די רויטע געפּינטלטע פּאַטשיילעס אַף די קעפּ, פֿליען אום ווי די פֿייגל פֿון איין וואָגן צום אַנדערן, באַטאַפּן די סחורה, דינגען זיך מיט די פּויערטעס, שעלטן און קריגן זיך איינע מיט דער אַנדערער:

— מיין מאַנס געברעך, הערסט, מאַריצאַ, קען איך דיר געבן און ניט קיין הונדערט לעי פֿאַר אַ פּאָר אויסגעסאָכעטע אינדיטשקעס. — שאָקלט זיך אַ לאַנגע אידענע מיט אַ געשטופּלט פּנים איבערן וואָגן. — און וויפֿל וועל איך שוין פֿאַר זיי נעמען? אַ? — צילט זי אָן אַף דער פּויערטע די בייזע צעלאַכטע אויגן. — ס'זאָל דיר אַזוי גרינג אָנקומען דיין לעבן, ווי גרינג מיר קומט אָן צו פֿאַרדינען עטלעכע „פּליי" באַ די אויפֿגעקומענע נגידיתטעס! אַז די בראַנד, גאָט אין הימל, זאָל דיך עסן, ווי זיי עסן מיר אויף ס'האַרץ!...

די פּויערטע קוקט אַ ווייל אַף דער אידענעס ליפּן, וואָס מאָלן גיך און גיט אַ הייב אויף די בייטש אינדערלופֿטן מיט אַ געשריי און מיט אַ רציחה:

— לויף פֿונדאַנען, דו קישעפֿמאַכערן, דו גנבטע! מיך וועסטו שוין מער ניט אָפּנאַרן, דו פֿאַרכעוואַטע אידישקע!...

— כאַנצע־בראָכע, נאַרישע ציג! — שרייט אַן אַנדער אויפֿקויפֿערקע! — האָט זי טיף אין קבר איינייִנעם מיט די אויסגעסאָכעטע אינדיטשקעס! איך טאַפּ זיי פֿון גאַנץ פֿרי אָן!... האַרץ־פֿעלער, גאָט געטרייער,

קען איך דיר געבן! — שטעלט זי אָן אַן אומשולדיק פּנים אַף דער בייזער פּויערטע. — מיין געזונט, מיין מאַנס מערידן!...

די ערשטע אידענע לאָזט זיך אָבער ניט איינשמועסן. זי ווייסט גאַנץ גוט ווי מען דינגט אוים באַ איר די סחורה און זי צישעט אַנטקעגן איר קאָנקורענטקע:

— ווען דו קראַפּירסט אַפּילו דאָ אַפן אָרט, דו אַלטע פּעל, גיי איך ניט אַוועק פונדאַנען!

— קראַפּיר, גאָט אין הימל, אינאיינעם מיט דער גויע און מיט די אינדיקעס, מיטן רומען, כאַנצע־בראָכע, אַן אָכטיק איז מיר! אָט גייט ער דאָך, דער הוצעל, אַ בראָך אים אין די קישקעס! אידן, האָט רחמנות, ראַטעוועט זיך!!!

ביידע ווייבער כאַפּן זיך אָן פאַר די הענט און אַנטלויפן פאַרן רו־מענישן זשאַנדאַר, וואָס דרייט זיך אום מיט דער ביקס אַף די אַקסלען און מיט דער נאַהייקע אין די הענט, גרייט צו שניידן פּאַסן פון יעדן איינעם וואָס וועט אין זיין אומכיין אַריינפאַלן.

קצבים און מעקלער, אָרטיקע און פרעמדע, אידן מיט ברוינע פאַר־גרעבטע פּנימער, פּויעריש עקשנותדיק, באַדעקטע מיט חושך און זאָרג, מיט שטויב און מיט שוויים, דרייען זיך אום צווישן די וועגענער מיט צעפלויגענע פּאָלעס פון אַלטע פאַרשמאָלצעוועטע קאַפּאָטעס, לויפן איי־נער פאַרן אַנדערן, טאַפּן די פעטע הינטערכיילעקס באַ די טעלעצעס, קוקן אין די ציין פון אַלטע קי און אָקסן, דינגען זיך מיט די פּויערים, וואָס שטייען באַ די וועגענער מיט פאַרלייגטע הענט, פּיפּקען זייערע ליולקעס און האָבן דערביי גלייכגילטיקע מינעס, כיטרע און אומצוטרוילעכע.

יאָסעלע קצב, אַ קליין רירעוודיק אידל מיט גרינע לעבעדיקע אויגן טוט זיך אַ שפּיי אַריין אין דער רעכטער דלאָניע און גיט אַ פּאַטש אין אַ ברייטער הארטער דלאָניע פון אַן עלטערן פּויער מיט דריי טיפע קאַרבן אַפן פלאַטשיקן שטערן:

— זעקס הונדערט לעי, שטעפּאַנציע, נעמסטו פאַר דער טעלעצע?

— ניין! — שאָקלט דער פּויער מיטן קאָפּ אַף אַהין און צוריק און שמייכלט גלייכגילטיק.

זעקס מיט צען! — טוט זיך יאָסעלע אַ וויש דעם שוויים פונעם פּנים און טוט ווידער אַ פּאַטש איבער דער פּויערישער פראַלניק־דלאָניע. — מיט צוואַנציק! מיט דרייסיק! מיט פערציק!...

— ניין, מיט אַכציק!...

— גוט, מיט צוואַנציק!... מיט דרייסיק!...

— ניין, מיט ניינציק!...

— מיט פופציק, חם גנב! אַ וויסטער חלום אַף דיר!... — און גיט אַ האַסטיקן וואָרף אַוועק די פּויערישע האַנט ווי עפּעס אַ נוצלאָזע שמאַטע.

דאָס דינגעניש, דאָס צוליגן צום פּרייז און ווידער חרטה האָבן גייט אַריין אין אַ מין אַזאַרט, וואָס ברענגט צונויף אַ רעדל מיט נייגיריקע.

— סאַכאַרנע מאָראָז! קופּיטיע! — שרייט אַ אידענע באַ אַ שטופּ־וועגעלע. — פּיאַלקאַ, מאַנדלען, אייריסלעך טעם גן־עדן... דאָס מזל דיר אין קבר!...

— סיודאַ! אהיש! אהערצו גייט! — שרייען ווייבער אין רוסיש, אין רומעניש און אין אידיש. דאָס שרייען זיי באַ די טישלעך מיט צעלניק און מיט פאַרבן, וואָס זיינען צעשמירט באַ זיי אַף די הענט און אַף די גיריקע פּנימער, ווי באַ מענטשן וואָס איילן זיך כאַפּן דעם צוג נאָכן דריטן סיגנאַל.

אידן מיט פאַרקאַשערטע אַרבל פון די קאַפּאָטעס שטייען לעבן פולע קאַסטנס מיט שוואַרצע קאַראַקולנע קוטשמעס און פילצענע זאָקן, באַ שטעלן מיט יוכטענע שטיוול און טרוקענע פּאַסטעלעס, באַ אַלערליי שניט־סחורות, קאָלירטע פּאַטשיילעס און גרינע גלעזערנע קרעלן, גרויסע ערדענע טעפּ און מאַקערטעס, פּויעריש אויסגענייטע לאַנגע האַנטעכער און טיש־טעכער און איבער אַלעם הויערט אַ פּחד און אַן אומזיכערקייט.

אומעטום, אין יעדן ווינקל, דרייען זיך אום די רומענישע זשאַנדאַרן מיט פאַרביסנקייט פון פּאָטיינע הינט. זייערע פאַרצוקנדיקע שאַרפע בליקן לויערן איבער יעדנס בינטל ביינער, איבער דעם באַליידיקטן לייב און לעבן. אָט פאַלט שווער און שניידיק אַ נאַהייקע איבער אַ בלינדן בעטלער, אַ קאַצאַפּ, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער מילחמה אָן אויגן. ער זיצט מיט אַלע פיר אונטער זיך, בויגט זיך אַלעמאָל צו דער ערד און בעט נדבות מיט אַזאַ קלאָגעדיקן קול, אַז ס'שניידט באַם הארצן. מיט זיין קלאָג שטערט ער די רו פון די רומענישע „גרויסע לייט", וואָס מאַכן אַ שפּאַציר איבערן מאַרק. טרעפט אַז אַ פּויער צערעכנט זיך אַמאָל שטילערהייט מיט אַזאַ רומענישן גזלן און דאָ אַפן מאַרק זוכט מען אים אַרום דעם „בלוט פון איבערן נעסטער"...

אינמיטן צעבונטעוועט זיך אַ יונגער לאָשיק און רייסט זיך אַפּ צו־זאַמען מיטן שטריק פונעם דראָנג. דאָס האָט ער נישט געקענט פאַרליידן וואָס צוויי ברייט צעוואַקסענע מיידן מיט פולע בוזימס, האָבן זיך אויס־געצויגן אין זייער גאַנצער לענג צווישן זיינע פיס און אויפגעקליבן די פרישע שטיקלעך באַלינע, וואָס האָבן זיי געלאָקט, שטראַלנדיק אַף דער זון ווי גרינע לימענעס אין זיסן סאָק איינגעטונקטע. עס ווערט אַ בהלה, קולות פון מענטשן און בהמות פילן אָן דאָס געסל. פּויערטעס ציען זיך אויס איבער די בינטלעך ראַבע און ווייסע פּאַסאָליעס, מיט אייער און גרויפּן. אַנדערע כאַפּן זייערע פולע לאַדישקעס מיט סמעטענע און מיט מילך און לאָזן זיך לויפן אין די ליקלעך.

נאָר די רומענישע זשאַנדאַרן מאַכן באַלד אָרדענונג. עס פאַלן נאַ־הייקעס איבער געבויגענע פּלייצעס, עס פאַלן קללות בלוטיקע, אַף וועלכע קיינער דערוועגט ניט זיך מיט אַ וואָרט אָפּצורופן:

— אַ רוח אייַ אייערע מאַמעס, אינעם קלויסטער, אינעם אידן, אי־נעם רויטן בלוט פון איבערן נעסטער!... מאָלדאַוואַנישע הינט!...

גרופּעסווייז פֿאַרקליבן זיך פּויערים און פּויערטעס אונטער די אויסגעשפּאַנטע וועגענער און מען פֿאַרטרינקט די באַליידיקונג מיט היימיש געמאַכטן בראָנפֿן, מען בייסט צו מיט פֿרישן קאַש און מיט הערדע, מיט ראָשכוידעש־רעטעכלעך און הייסן ראַזאָוון ברויט און מען פֿאַרבייסט מיט גרויסע בלוטיקע וויינשל, רויטע ווי זייערע פֿאַרבלוטיקטע הערצער.

קילע ווינטלעך נעמען טראָגן פֿונעם טייך און פֿון די אַרומיקע פֿעלדער, ברענגען פֿון דאָרט די פֿרישקייט פֿון סעראָוואָטקע, פֿון יונגע ציבעלעס, פֿון צייטיקן גערשטן און פֿון אַלערליי איבערגעצייטיקטע פֿרוכטן און שטילע אין זיך דערשטיקטע קללות און תערומות צו די רומענישע רוצחים.

אין אָט דעם מישמאַש ווער איך פֿאַרלוירן ווי אַ שטויבעלע אין אַ גרויסן שטורעם. דאָס האָט מיין מאַמע מיך געשיקט עפּעס קויפֿן צום עסן פֿאַר די געסט, וואָס זיינען געקומען אַף מיין שוועסטערס חתונה.

מיין טאַטע איז שוין אינדערהיים. נאָכן נעכטן באַנאַכט האָט אים מיין מאַמע מיט מיין פֿעטער דאָדל אַהיימגעבראַכט פֿון שאָלעם דעם פֿאַריקמאַכער, זאָל ער זיין צווישן זיינע אייגענע פֿיר ווינקעלעך, ער האָט דאָס כשר פֿאַרדינט!... זאָל ער ניט פֿילן דעם עלנט!... ער זאָל זיין צווישן די פֿריינט, פֿון דעם טאַטנס צד און פֿון דער מאַמעס צד, וואָס זיינען זיך אָנגעפֿאָרן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך נאָך פֿרייטיק פֿאַרנאַכט בייצוזיין מיין שוועסטערס דאָבראַניטש, הוליען דריי טעג ביז דער חתונה, ווי עס איז דער מינהג בא די בעסאַראַבער הוליאַקעס.

.45

אינדערהיים איז ווי אין אַ הקדש. עס שטיקן די ריחות פֿון אַלערליי איבערגעשטאַנענע רפֿואות און אַ האַרבער טויט־שוויים פֿילט זיך. דאָס צימער איז פֿול מיט די שטילע זיפֿצן פֿון די אָנגעפֿאָרענע פֿריינט. אַ פּאָר שכנים שטייען אַרום טאַטן, שטילע אידן מיט האַרטע שווייגנדיקע פּנימער און ווייבער מיט פֿאַטשיילעס אַף די קעפּ און מיט אַ טרויעריקן שימער אין די אויגן. די מאַמע שטייט צוקאָפּנס דעם טאַטן און וואַרפֿט אים כסדר שטיקלעך אייז אין דעם אָפֿענעם מויל, מיט די צוויי גלייכע שורות קליינע וויים־בלויע ציין, וואָס פֿינקלען פֿון זויבערקייט.

איך דערקען ניט מיין טאַטן. ער איז אינגאַנצן אַ פֿאַרענדערטער. דער רעכטער קין און די רעכטע זייט ברוסטקאַסטן איז בא אים אויסגעקרומט, העכער און אַ שוויים באַדעקט זיין בלוי געוואָרן לייב. זיין בערדל און די וואָצעס זיינען פֿאַרוועלקט, דורכגעוועבט מיט גרויע שטייפֿע האָר ווי די סטרונעס, ווי בא איינעם וואָס מען האָט אים פֿון דער תפֿיסה אַרויסגענומען און מען פֿירט אים צו דער תליה. אַלע אָדערן אַפֿן טאַטנס

האַלדז און אַף זיין ברוסטקאַסטן זיינען שטייף און אָנגעגאָסן מיט בלוט, זיי קלאַפּן אומרואיק, גיך, קענטיק דאָס האַרץ זיינס שטורעמט.

עס לויפט אָן דער פעטער דאָדל מיט אַ פינצטער פּנים, באַדעקט מיט שווײס און יסורים. נאָך אים גייט דער דאָקטער פּאַוולאָווסקי, אַ שטילער, אַ רואיקער און אַ באַזאַכטער. ער שטעלט זיך אַוועק לעבן טאַטן, פּרואווט אים דעם דפק, ציילט די קלעפּלעך אַף זיין גאָלדן האַנט־זייגערל און רעדט ווי צו זיך אַליין:

— מיט דעם פּוס וואַרפט ער שוין ניט!... דאָס האַרץ אָבער וועט זיך אַזוי גיך ניט אונטערגעבן!... ס'איז אייזן שטאַרק!...

דאָס מיינט דער דאָקטער דעם נערוועזן ציטער וואָס דער טאַטע האָט באַקומען זינט די קלעפּ וואָס מען האָט אים געגעבן איבערן קאָפּ און די נערוון זיינען בא אים, ווייזט אויס געוואָרן אָפּגעשוואַכט. מערסטנס פּלעגט זיך איבערחזרן דער ציטער, ווען דער טאַטע פּלעגט זיך אויפרעגן אָדער ניט געזונט ווערן.

די מומע כייקע, דעם פעטער דאָדלס ווייב מיט דעם פּוקעט גוידערל און דעם אויסגעבאַליעטן פּנים, וואָס איז באַדעקט מיט טרויער, באַניסט זיך מיט טרערן. זי טראָגט אַרויס פון דער שטוב די שווערע קאַסטנס מיט חתונה־געבעקס, נעמט אַרויס פון דער שאַפע די נייע מלבושים פון חתן־כלה און טראָגט זיי אַריין צו אַ שכנה. זי קלאָגט איבערן פּאַק מיט קליידער:

— באַלד וועלן מיר די אמתע חתונה האָבן!...

חתן־כלה שטייען צופוסנס דעם טאַטן. ביידע זיינען זיי וויס ווי די טויטע און אַ שווערע פאַרלוירנקייט, אַ שולדיקייט, ווי זיי וואָלטן אַ מענטשן דערהרגעט, ווייעט פון יעדן אבר זייערן.

דער דאָקטער טוט אַ הוסט, פאַרנויגט זיך און גייט שווייגנדיק אַרויס פון צימער. ער וויל ניט נעמען די צוואַנציק לעי פאַרן וויזיט, וואָס זכאַריע פּרוואווט אים אַריינשטופּן אין האַנט.

הערש! מאַן מיינער! — רעדט די מאַמע אין זיין אָנגעשטרענגט און צערודערט פּנים דעם פאַרשוויצטן! — זאָג מיר, הערש, איך בעט דיך, כאַטשע נאָך איין וואָרט! איך, דיין ראַצע, וויל דאָס פון דיר!... הערש, דערקענסט מיך?...

דעם טאַטנס רעכטע ברעם ציט זיך צונויף, קענטיק ער שטרענגט זיך צופיל אָן און פּרואווט איבערדרייען די צונג, וואָס איז דאַכט זיך געוואָרן שטייף און אַריינגעצויגן אינעם שלונג. ער מורמלט אַרויס צוויי ווערטער, אָפּגעריסענע, אומפאַרשטענדלעכע, דערשטיקטע, ווי איינער וואָס האַלט באַם אַראָפּזינקען צום אָפּגרונט פון ים.

— הערש! הערש! — שרייט ווידער די מאַמע ניט מיט איר קול און באַגיסט זיך מיט ריטשקעס טרערן. איר פאַרפלאָמט צעפּייניקט פּנים דריקט אויס גרעניצלאָזן פּחד, אַנגסט און איבערמענטשלעכע פאַרצווייפלונג. זי נעמט גלעטן דעם טאַטנס פאַרשוויצטן קאָפּ, זיינע קאַלטע איינגעפאַלענע באַקן און טענהט אַריין אין זיינע האַלב־געשלאָסענע אויגן:

— הערש, דו ווייסט ווער סע שטייט לעבן דיר? איך, דיין ראַצע, דיינע זעקס טעכטער, דאָדל דער ברודער דיינער. באַלד, הערש, וועט אָנקומען שמועל, גאָלדע, דיין ווילדע מויד, דו הערסט, מאַן מיינער?

די אָדערן אַפן טאַטנס ברוסטקאַסטן און אַפן האַלדז נעמען קלאַפּן האַסטיקער, ווי די אָנגעצויגענע סטרונעס פון אַ פידל, וואָס האַלטן אין פּלאַצן. ווידער טוט דער רעכטער פוס זיינער אַ מאַדנעם ציטער. ער שטיקט זיך מיט אַ וואָרט און פּרוּווט אויפהייבן דעם קאָפּ וואָס פאַלט אומעכטיק צוריק און אַ קוואַל מיט טרערן טוט פּלוצים אַ פליִיץ פון זיינע געשלאָסענע אויגן, ווי אַ קוואַל וואָס איז יאָרן און יאָרן געווען פאַרצוימט.

זכאַריע קען זיין אומרו ניט באַהערשן. איינגאַנצן אַ בלייכער און אַ צערודערטער צערטלט ער דעם טאַטנס אויפגעציטערטן פוס ביז צו דער ביינערדיקער קני. עפּעס ריידן זיי, זיינע געטרייע הענט, אַ גאַנץ לעבן פון געטריישאַפט דערציילן זיי אויס אין דער מינוט.

די אַלטע שוילעכע, אַ אידענע פון אַ יאָר אַכציק, מיט אַ שוואַרץ געקאַרבט פּנים און מיט אַ בייזער אויסגעקרומטער נאָז ווי באַ אַ רויבפויגל, קאָרטשעט זיך פּלוצים איין, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן אין איר וואַטאָווען פידזשאַק, וואָס זי טראָגט סיי זומער און סיי ווינטער און וואָרפט אַרום זיך מיט אירע קליינע קיילכיקע אייגעלעך פון אַ דערשראָקענער הון און פאַרברעכט די פינגער פון די הענט:

— מען דאַרף, אידישע קינדער — רעדט זי מיט אַן אימהדיקן ניגון ווי מען זאָגט וידוי — רייסן איבער אים די סטעליע!... לויפט צום רבֿ!... לויפט, אידישע קינדערלעך!...

דאָס קלאָגעדיקע קול אירס דערמאָנט מיר די סליחותדיקע נעכט, ווען דער שמש גייט אום פון שטוב צו שטוב און קלאַפּט אין די לאָדנס: שטייט אויף, אידישע קינדער, צו סליחות!... ס׳דערמאָנט מיך, אַז אויך דער טויט קומט ניט אָן אַזוי גרינג, ווי עמיצן קען זיך דאַכטן, אַז דער מענטש איז פול מיט זינד און מיט רשעות...

דער מאַמעס פּנים באַדעקט זיך מיט אַנגסטן און אירע גרויסע, פון קאָפּ אַרויסגעזעצטע אויגן לויפן אום פון איינעם צום אַנדערן, באָדן זיך אין טרערן און אין גרעניצלאָזער פאַרשעמטקייט.

מיט אַ פאַרשעמטן געבויגענעם קאָפּ לויפט זי אַרויס אין הינטערהויף.

איך בין איינגאַנצן אַ פאַרהילצערטע. אַ ים מיט געפילן און געדאַנקען האָבן זיך אין מיר צוזאַמענגעשלאָגן און קיין איינער הויבט זיך אַרויס איבער דעם צווייטן.

דער מאַמעס אַלטע מומע פייגע, וואָס קען טויזנט מעשיות פון לצים, וואָס גייען אום צווישן די לעבעדיקע, וואָס גנבענען אוועק די כלות פון אונטער די חופּות און די קימפּעטאָרנס, וואָס האָבן ניט קיין שיר המעלותן איבער די בעטן, דערציילט, אַז גאָר זינדיקע מענטשן מוטשען זיך מיטן טויט, מחמת שדים און מתים, נשמות, וואָס וואַגלען אום איבערן עולם

התוהו, טאַנצן און שוועבן אַרום דעם גוסס, שרעקן זיין זינדיקע נשמה, וואָס האָט מורא אָפּצוטיילן זיך פונעם גוף. די נשמה הערט ווי די אייגענע ווייגען איבערן האַלבן מת און זי ווערט צעריסן פון געוויין און פון חרטה אַף די באַגאַנגענע זינד, פאַר וועלכע גאָט איז זיך אַזוי שטאַרק נוקם... דעמאָלט מוז מען רופן דעם רב פונעם שטעטל און אַ מנין פרומע אידן זיי זאָלן זאָגן תהילים און בעטן גאָט ער זאָל זיך מרחם זיין איבער דער זינדיקער נשמה און זי אַריינלאָזן אין גיהנום... די שדים זיינען אָבער גרויסע צולאָכעסניקעס און ווי נאָר די אויסגעמוטשעטע נשמה וויל זיך אָפּטיילן פונעם גוף, הויבן זיי אויף אַ שרעקלעכן געלעכטער, וואָס קלינגט העכער ווי אַלע קלויסטער־גלאָקן פון דער גאָרער וועלט, זיי פאַרשעמען זי און טרייבן זי צוריק אינעם האַלב טויטן גוף... און ערשט דעמאָלט דאַרף מען אָנצינדן צוויי גרויסע שוואַרצע ליכט צוקאָפּנס דעם גוסס, זאָגן געוויסע פסוקים און דער חברה־שמש רייסט אָפּ אַ שטיק פון דער סטעליע איבער דעם קראַנקנס בעט. דער אויבערשטער קען שוין מער נישט צוזען די בושה פונעם גוסס און ער שענקט אים אַ שטיקעלע פלאַץ אין גיהנום צווישן אַלע שדים און רוחות, וואָס טאַסקען אַוועק די נשמה נעבעך...

איך בין אַרומגערינגלט פון אַ פינצטערן סוד, איך האָב מורא אַ קוק צו טון אַף מיין טאַטן. אויך מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז די שדים לאַכן פון אים... איך הער דאָס ווילדע ברומען, דאָס וואָיען פון זינדיקע נשמות... איך קלאַמער מיך איין אָן מיין שוועסטער ריווקע. זי איז שטאַרקער פון מיר. ריווקע ווישט כסדר די טרערן פונעם טאַטנס פאַרענדערטן פנים און איז געל ווי אַ טויטע. נאָר באַלד דאַכט זיך מיר, אַז דער טאַטע ווייסט, ער האָט געהערט דער שוילעכעם ווערטער, ער פילט אַרוים מיינע ספקות אין אים און אָט באַלד וועט ער זיך אויפהייבן און אָנשטעלן אַף מיר דאָס פאַריסענע בערדל, דאָס פאַרשעמטע פנים, מיט זיין כסדרדיקער ווייכקייט און טיפן באַנג און זיינע צוויי אויגן וועלן מיר אַ קוק טון מיט זייער אַמאָליקער ליכטיקייט און קלוגן דראָענדיקן שמייכל: „פע, גאָלדע, ווי קומט דאָס צו דיר? אַזאַ בר דעת, אַ „סאַמאָסטאָיאַטעלנע" מויד, זאָל זיך לאָזן אָפּנאַרן, פירן אין באָד אַריין!... פע, דו, דעם טאַטנס טאָכטער, האָסט דיך מיאוס באַנאַרישט! שעם דיך! מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן, קלאַוווטע!...

דעם טאַטנס שווערע זיפצן, זיין אומויפהערלעכער כליפּען, מאַכט מיך משוגע. שוין דאָס דריטע מאָל הער איך אים וויינען. איין מאָל איז עס געווען ווען מען האָט אים אַהיימגעבראַכט פונעם „סליעדאָוואַטעל", אַ קראַנקן, מיט אַכצן לעכער אין קאָפּ; דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז שוין געווען בלינד, באַם פּעטער שמועל אין שטוב. יענע טרערן אָבער זיינען געווען שטילע, איינגעשלונגענע, איך האָב זיי מער געפילט ווי געזען מיט די אויגן... דאָס מאָל אָבער וויינט דער טאַטע ווי אַ קליין קינד, ווייל ער קען שוין מער ניט ענטפערן אַף דער מענטשלעכער רשעות, אַף דער שרעקלעכער באַליידיקונג... — איז מיר פּלוצים איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

איך לויף אַרויס אין הינטער־הויף רופן די מאַמע. ריווקע גייט מיר נאָך. די מאַמע שטייט צווישן די דריי הויכע ווענט מיט איבערגעטרוקנטן

האָלץ, אַן אַרומגערינגלטע מיט די דריי קליינע שוועסטערלעך און מיט די חתן־כּלה. אַלע זיינען זיי הוילע קלאָג, ווי די פאַרמישפּעטע צום טויט.

— גאָט! — קלאָגט די מאַמע אַרויף צום הימל, דעם וויים־בלויען און אויפגערוימטן, אַ באַדעקטער מיט דינע כמאַרעלעך ווי אָנגעווייעטער שניי. — האָב רחמנות! פאַרשעם אונדז ניט!... פאַרשעם ניט די לעצטע שאָען זיינע!... — קינדערלעך מיינע — ווענדט זי זיך צו אונדז מיט אַ קלאָגעדיקן תחינה־ניגון. — זיי מנדר אַף רב מאיר בעל הנס, אַף אָרימע לייט!.. לויפט אַפּן פעלד, רייסט קברים, בעט באַם רבונו של עולם ער זאָל שוין צונעמען די נשמה באַ אייער טאַטן!...

דער מאַמעס טענות רופן באַ מיר אַרויס אַ גוואַלדיקן פּראָטעסט. זיי דערדריקן מיך אינגאַנצן. פאַרוואָס שרייט זי ניט בעסער מיט אַלע אירע זעקס פאַרשעמטע קינדער צו גאָט און מאָנט ניט באַ אים גערעכטיקייט, ער זאָל באַשטראָפן די בייזע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי גזלניש אַף זיין נשמה אָנגעזעצט!... נאָר איך האָב קיין מוט ניט אַרויסצוטרעטן קעגן דער מאַמען. איך פיל אָבער ווי איך ווער פון איר אַף טויזנט מיילן דערוויטערט.

ריווקע קוקט אַף מיר און קלאָגט ביטער. מיר פאַרשטייען זיך.

— בעט, גאָלדע, באַ גאָט, — גלעט זי מיר אויס די טרערן פונעם פּנים. — ער זאָל אונדז צוריקשענקען דעם טאַטן!... אוי ווי ער ראַנגלט זיך נעבעך!...

מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז דער טאַטע ווײנט ווייל ער ווייסט וואָס די מאַמע טראַכט... ווייל זי גלויבט דער שוילעכע... ווייל זיין ראַצע, די אויסדערוויילטע, וואָס ער האָט אַ לעבן לאַנג באַגערט געליבט און פאַרשטאַנען צו ווערן, זי, וועמען ער האָט געשעצט מער פון אַלץ אין דער וועלט, מער פון איינענעם לעבן, זי האָט זיך געלאָזט פאַרבלענדן, און אין די הייליקסטע, אין די לעצטע מינוטן פון זיין פּיינפולן לעבן, לאָזט זי אים אַליין...

איך רייס מיך אָפּ פונעם אָרט און לויף צום טאַטן. פון אַלע ווינקעלעך שמייכלט מיר דאָס פאַרשעמטע פּנים זיינס: אָט זעסטו שוין דו קלאַווטע, — הער איך דאַכט זיך דאָס גלעטנדיקע קול זיינס, וואָס לערנט קלוג, אַז דער טאַטע האָט רעכט געהאַט, — איך האָב אָבער געוואוסט, נאַסטאַסיע די שיכורטע, וועסט קומען!... אַ קלוגע טאָכטער לאָזט ניט דעם טאַטן אַליין!...

ניין, ניט אַליין איז ער, דער טאַטע. זכאַריע ציט שווייגנדיק אַריבער אַ שפּיץ פונעם ליילעך איבער זיין בלייך אויסגעמאָגערט פּנים, דעם געהייליקטן פון יסורים.

— ברוך דיין האמת! — וויינט זכאַריע.

אַ הייליק פייער צינדט זיך פּלוצים אָן אין האַרץ באַ מיר, אַ מעכטיקע ליבע צום טאַטן, אַ מעכטיקער געפיל, אַ געהייליקטער אינעם טאַטנס טרערן, אין זיין אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, בינדן מיך נאָך שטאַרקער צו צו אים. אינייניעם מיט אים, האָב איך דערפילט, געהער איך אַף איי־

ביק צו אַלע אומגליקלעכע, צו די באַליידיקטע און דערנידעריקטע, צו די וואָס האָבן קיין פרייד און קיין מנוחה אין זייער לעבן ניט געהאַט, צו די וואָס האָבן אונטער דער לאַסט פון שווערע יסורים זייער שווערן לעבנס־וועג אויסגעטראָטן, און האָבן דאָך ליב דאָס לעבן, די וועלט און קלאָ־מערן זיך אָן איר, ראַנגלען זיך מיט די לעצטע שווערע כוחות און ווילן דאָס לעבן ניט פאַרלאָזן...

.46

א שרעקעוודיקע שטילקייט שטייט אַרום אונדזער שטוב, אָנגענומען מיט אַ קרענקלעכער דערלייכטערונג, ווי אַ מענטש וואָס איז געפּייניקט געוואָרן פון אַ שווערער לאַסט און האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון איר, אָטעמט פרייער כאָטשע דער ווייטיק איז נאָך ניט אַריבער. די טהרה־ברעט, אויף וועלכער מען האָט אָפּגעוואַשן מיין טאַטן, שטייט אין ליקל באַם פענצ־טער און טרוקנט זיך אָקעגן די לעצטע אויסגעבלייכטע זון־שטראַלן, וואָס שלייכן זיך פאַרלוירן, טוקן זיך אין זייער לעצטער גסיסה איבער דער הויכער וואַנט פון אַלטע דער צוקערניטשקעס שטוב.

אויסגעצויגענע, ווי מענטשן נאָך אַ שווערער שלאָפקייט און באַ־דעקט מיט צער, זיינען די וועגט פונעם צימער, וואָס זעט איצט אויס שרעקלעך פּוסט, ווי אַ ברייט צעעפנטער פּיסק, אָן אַ צונג און אָן ציין. דעם טאַטנס מלבושים מיט די שיך ליגן צונויפגעבונדן, פרעמדע, איבע־ריקע. קיינער דאַרף זיי מער ניט האָבן. די מאַמע מיטביידע עלטערע שוועסטער זיצן אויף דער ערד אין אַ ווינקל פון דער קלייט, שטילע, גע־בויגענע, מיט פיינלעך רעזיגנירטע פּנימער, פאַרשעמטע. די מאַמע הויד־דעט זיך לייכט אַהין און צוריק און וואַרפט אַלעמאָל אירע אויסגעוויינטע בליקן צום בינטל מיט דעם טאַטנס מלבושים, צו מיר... זי זעט, ווייזט אויס, די מאַמע, ווי איך האָב מורא צו קוקן אין יענעם ווינקל אויף דער ערד, וואו דער טאַטע איז פריער געלעגן אָן איבערגעדעקטער מיט אַ שוואַרצן טוך, אַ קליינער, אַ טרוקענער, ווי אַ קינד. זי קוקט אין יעדן ווינקל פון דער קלייט, קענטיק, עס דאַכט זיך איר, פונקט ווי מיר, אַז דעם טאַטנס נשמה ליגט ערגיץ פאַרשטעקט דאָ און וויל זיך מיט אונדז ניט שיידן. מיין חברטע סאָסיע זאָגט טאַקע, אַז ביז נאָך דער שיבעה בלייבט די נשמה פונעם מת אין שטוב און וועָן מען גייט נאָך דער שיבעה אַרויס־באַגלייטן די נשמה, מוז מען זיך אומקערן אַהיים מיט אַן אַנדערן, מיט אַ פרעמדן וועג. ווען חלילה ניט, לויפט זי צוריק אַהיים. אַזוי אָבער, זעצט זי זיך אוועק אויף איר אייגענעם קבר און קלאָגט ביטער. אַ גאַנץ יאָר טאָר טאַקע דעריבער קיינער פון דער מישפּחה נישט צוקומען נאָנט צום קבר. מען טאָר איר ניט דערמאָנען דעם וועג אַהיים. פון די טיפע, אויס־געצויגענע ווינקלען, פון די אָפּגעליידיקטע ראַפטן מיט דעם פאַרקויף־

טיש, פון די צוויי רעשטן סטעאַרינאָווע ליכט, וואָס פלעמלען נאָך אין די זילבערנע לייכטער אַפן ברעג טיש, פונעם לעמפּעלע מיט בוימל, וואו עס טוקט זיך אַ קליין קנייטל, אַ ווייַנענדיקס, אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן, ווי עס האָט פריער אויסגעזען דעם טאַטנס פנים, פון ריווקעס צעפייניקטע אויגן, פון אומעטום לויערט דעם טאַטנס אַ פאַרלווירענער שמייכל, זיין באַליידיקט פנים און ער זאָגט: — האָסט געהערט, גאָלדע, דעם שבח, וואָס זיי זאָגן נאָך דעם טאַטן דיינעם?...

טאַקע יענץ מידע און באַליידיקטע, צעטראָגענע פנים זע איך, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב אים אַרויסגעפירט פון מאַנאָליעס שטוב. דאָס מאַכט מיך קראַנק, צעבראָכן. עס ווילט זיך מיר פרעגן מיין שוועסטער ריווקע צי ווייסט ער, דער טאַטע, אַז די לוויה זיינע איז געווען אַ שטילע, ווי פון די אָרימסטע אידן, אַן עלנטע, אַ פאַרשעמטע, ווי עלנט און פאַרשעמט זיין קורץ לעבן איז געווען?... עטלעכע אָרימע אידן פון די נאָענטע הינטערגעסלעך זיינען זיך צונויפגעקומען, דעם טאַטנס אַלטע גוטע ברידער, מיט וועלכע ער האָט געדאַוונט איניינעם אינעם שניידערשן שילכל, און האָבן אַף גיך, ווי זיי וואָלטן וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן פונעם בר־מינן, ווי ער וואָלט זיי געווען אַ לאַסט, אים אַוועקגעטאַסקעט צו דער שול־גאָס... איך האָב אָבער קיין מוט ניט צו ריידן מיט ריווקען. מיר טוט ווייי וואָס זי איז אַ בעסערע טאָכטער פון מיר... ריווקע האָט זיך ניט אײַבערגעשראָקן פאַר דער אַלטער שוילעכעס ווערטער... איך פיל מיך שטאַרק זינדיק און דערשלאָגן: אומזיסט האָט מיך דער טאַטע אַזוי ליב געהאַט... די בושה און די פיין עסן מיך אויף.

נאָך פיינלעכער ווערט מיר, ווען איידיע די סויפערטע, אַן אַלטע אידענע מיט אַן אויסגעוויינט בלייך פנים און קליינע רויטע אייגעלעך, גיריקע, וואָס פינקלען אומרואיק און דערשראָקן, טוט זיך פלוצים אַ שטעל אַריין אין קליײט. איצט ווייס איך שוין אַף זיכער, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן, אַז ער איז נישטאָ מער צווישן אונדז. די אידענע, ווייס איך, האַנדלט נאָר מיט מתים. פון די ביינערדיקע הענט אירע, פון איר גאָמבעלע, דעם שמאָלן און באַוואַקסענעם מיט בראָדעווקעס און ווייסע געקרייזלטע הערעלעך, פון איר אַלטן געפּאַלדעוועטן שוואַרצן קלייד, פון איר טיכל אַפן קאָפּ און פונעם גראָבן סידור מיט די צעריסענע טאָוולען, וואָס זי טראָגט מיט זיך, פון יעדן אבר אירן, ווייעט די טוכלעקייט פון הקדש, וואו זי העלפט אָפּוואַשן די עלנטע טויטע. עס פילט זיך פון איר אַ ריח פון נאַסע קברים און דאָס קול פון ווידוי־זאָגער.

דער טאַטע האָט פיינט געהאַט איידיען. זי האָט דאָס געוואוסט און האָט אים שטענדיק אויסגעמיטן. נאָך יזכור־געלט און צדקה פאַר אָרימעלייט פלעגט זי קומען נאָר צו דער מאַמען. איינמאָל האָב איך געהערט ווי אַזוי זי האָט אַרויסגערופן אַ טויטן פונעם קבר. אַפן בית עולם האָב איך זי געטראָפן. אַן אַריבערגעבויגענע איבער אַן אַלטער געזונקענער מצבה, האָט זי געיאָמערט מיט אַן אימהדיקן קול, ווי מען באַווײנט אַ טויטן: — רב משה בן ראובן! — האָט זי אַ קלאַפּ געטון מיט אירע דאַרע צוויי

פויסטלעך איבער דער מצבה. — איך, איידיע בת חנה די צדיקת וצדקנית, איך די סויפערטע, בין אַף אייך גוזר, איר זאָלט זיך פון אייער הייליקן קעניגרייך אַראָפּלאָזן, זיך מטריח זיין און אַ רעד טון אינעם הימלישן טעלעפאָן צו רב חיים בן בצלאל, ווײ איז צו מיר, איר זאָלט אים מודיע זיין דאָרט אין זיין אייביקער רו — אין נאָוואָסעליץ ליגט ער, נפטר גע־וואָרן פון דער מגפה, — אָך איז צו מיר... זאָגט אים, איך בעט אייך, אַז לייעלע, די עלצטע טאָכטער זיינע גייט חתונה האָבן צוואַנציק טאָג אין אלול און זי בעט באַ אים מחילה און לאַדט אים איין צו דער שימחה...

ווען איך האָב פול מיט צער און רחמנות צו דער כלהס טאַטע, דער־ציילט וואָס איך האָב געזען פאַר טאַטע־מאַמע, האָבן זיי שטאַרק געלאַכט. דער טאַטע האָט מיך געטרייסט: — טראַכט ניט, טאָכטער, פון דער אַל־טער מכשפה, וואָס האַנדלט מיט טויטע!... האָב זי פיינט!... צו דיין חתונה, קלאַוועטע, וועלן, מיט גאָטס הילף, גיין דיינע לעבעדיקע טאַטע־מאַמע!... אַ פייג וועט זי לעבן אונדז פאַרדינען!...

נאָר שעפּסעלע דושעץ, אונדזער בעקער־אַרבעטער, האָט זי שוין מער ניט אָפּגעלאָזט פונעם אויג: וויפל מאָל איידיע פלעגט אַריינקומען אין קלייט, איז ער גלייך אויסגעוואַקסן לעבן איר, פלעגט זי אָפּגיסן מיט זיינע גנביש־צעשמייכלטע בליקן און מיט געמאַכטער פרומקייט אַ פרעג טון:

— איידיע, וואָס טוט מען ווען מען גייט חתונה האָבן און דער טאַטע ליגט אין דער ערד, אַזש אין נאָוואָסעליץ?

און זי פלעגט אָנשטעלן אַף אים אירע צוויי גיריקע מייזן־אייגעלעך און צוגעגעבן:

— זאָרג ניט, מיין קינד, פאַר אַ קערבל רוף איך דיר אַרויס אין טעלעפאָן. מיין מאַן, זאָל דעם ליכטיקן גן־עדן האָבן, וועט אים דיר אַהער־ברענגען!...

ווען איך שעם מיך ניט, פרעג איך זי, די דאָזיקע אידענע מיט דעם ריח פון טויט, וואָס זעט אויס ווי אַן אויסגעגראָבענע פון אַ קבר, וויפל זי וועט נעמען באַ מיר פאַר אַרויסרופן מיין טאַטן פונעם קבר. איך וויל דער טאַטע זאָל זען, זאָל פילן, ווי אויסגעליידיקט, ווי טרויעריק די שטוב איז אָן אים. זאָל ער הערן, אַז מיר וויינען נאָך אים! זאָל ער ניט זיין געפאַלן באַ זיך און ניט מיינען, אַז מיר פרייען זיך מיט זיין טויט, ווייל ער איז געווען אַ בלינדער און האָט אונדז אַלע, איבערהויפּט דער מאַמען, אַ סך יסורים פאַרשאַפט... איך וואָלט אים נאָר געוואָלט זאָגן, ער זאָל ניט מיינען אַז אויך מיר האָבן אים געוואָלט וואָס גיכער אַרויספּאַטערן פון דער שטוב, ווי די אידן וואָס האָבן אים אַף גיך אין זיין אייביקער רו אַוועקגעטאַסקעט...

— ריווקע! — קלאָג איך אַריין אין דער שוועסטערס פּאָדאַלעק. — איך בענק שטאַרק נאָכן טאַטן!... ער וועט, נעבעך, די נאַכט ליגן אַליין, צווישן די טויטע!... ריווקע, שלאָף דו מיט מיר היינטיקע נאַכט!... איך האָב מורא פאַר אַ מת!...

שוויג, נאַרעלע, — גלעט זי מיר דעם קאָפּ. — אַ טאַטע איז ניט

קיין מת!... איך וועל הײַנטיקע נאַכט שלאָפֿן אַף זיין געלעגער, אַף זיין בעטגעוואַנט! זאָל ער וויסן, דער טאַטע, אַז ער איז בײַ מיר ניט קיין טויטער!... די נשמה זיינע וועט זיך פֿרייען!... — רעדט זי דורך דערשטיקטע טרערן. — געגנוג בושות, גאָלדעלע, האָבן מיר אים שוין פֿאַרשאַפֿט!... די שוילעכע, זאָל קיין גוטן סוף ניט האָבן!...

איידיע איז פֿאַרנומען מיט לערנען מיינע צוויי קליינע שוועסטערלעך, איטעלען און עטיעלען, זאָגן דעם ערשטן קדיש נאָכן טאַטן. אין אַ ווינקל באַם טיש, לעבן די צוויי צאַנקענדיקע ליכט, שטייען זיי פֿאַר איר ווי פֿאַרן בית דין, בלייכע, דערשראָקענע, מיט גרויסע אויסגעוויינטע אויגן, אָנגענומען מיט אַ מאָדנער אומפֿאַרשטענדלעכקייט און מיט קינדישן ווײַ. איידיע ווישט זיך די אייגעלעך און קלאָגט אויס דעם ניגון פֿון באַוויינען אַ טויטן:

— זאָגט קינדערלעך: יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

דערשראָקענע טרערן ציטערן אין מיינע שוועסטערלעכס אויגן. זיי ברומען וויינענדיק:

— יתגדל ויתקדש!...

אינדערפֿרי שטייט הינטער אונדזערע פֿענצטער אַ מידע בלייכקייט, איינגעוועבט אין די טרויעריקע שאָטנס, וואָס פֿאַלן פֿון די אָרומיקע פֿעלדער און גערטנער. טרויעריק צעשמייכלטע בלעטער פֿון אַ ביימל שושקען זיך, דערציילן זיך אויס פֿון באַנאַכטיקע סודות, פֿון דער שיפֿלות און אַכזריות, וואָס דרייט זיך אום אַף גאָטס ערד.

אונדזער קלייט זעט אויס ווי אַן אמתע אַכסאַניע. די מומע באַסיע מיט אירע זעקס קינדער און אַ דינסט, וואָס איז מיט זיי געקומען, ליגן אויסגעלייגט אַפֿן פֿאָל און כראָפּען. די מאַמע וויגט זיך שווייגנדיק איינעם שיבֿעה־ווינקל. זי קוקט אַף דעם פֿעסל מיט וויין און אַף די צוויי בוטעלס ליקאָר, וואָס דער פֿעטער שמיל האָט געבראַכט מיט זיך צו מיין שוועסטערס חתונה, זי טוט אַ קוק צו מיר און טראָגט באַלד איבער די בליקן צום פֿענצטער. דער מאַמעס שטומער צער צערייסט מיר דאָס האַרץ.

צום ערשטן מאָל אין מיין קינדערשן לעבן פֿאַרטראַכט איך מיך וועגן דעם זין פֿון לעבן און טויט: דער טויט איז מעכטיקער ווי אַלע מענטשלעכע חכמות און גרויזאַמקייטן... דער מענטש וואָלט באַדאַרפֿט זיין גוט און ערלעך, ווייל קורץ איז זיין לעבנסוועג... און אָט האָבן מיר שוין איבערגענעכטיקט אַ נאַכט אָנעם טאַטן... ניט די דאָקטוירים און ניט אונדזער גאָט בעטן האָבן אים געקענט אָפּרייסן פֿונעם טויט...

אַלץ אַרום מיר זעט איצט אויס שוואַך און אויסגעמאַטערט, ציטערדיק, ווי נאָך אַ שווערן געראַנגל מיטן טויט און ווי אַ ניי לעבן וואָלט זיך אַף געוואַלד דורכגעריסן דורך די אָנגערוקטע גרויע שיכטן און אָט דאָס לעבן שפּרייט זיך איבער אונדז, שיילט זיך אויס פֿונעם טעמפּן טרויער, גישטערט און זוכט אַ שטיקל פֿעסטן באָדן, כדי ווידעראַמאָל אַוועקצו־

שטעלן זיך צווישן די לעבעדיקע און ווידעראַמאָל זיי אָפּצונאַרן מיט צוזאָגעכצן...

אין מיין נאַכטראַכטן, רייסט זיך אַריין דער אימהדיקער קלאָג־ניגון פון איידיע די סויפערטע און רייסט מיך אויף פונעם אָרט: עפּעס אַ נייס האָט שוין ווידער געטראָפן אין שטעטל... איך לויף אַרויס אין גאַס. די זון טוט מיר אַ שנייד פאַר די אויגן. ס'איז שוין ניט פרי. צענדליקער ווייבער מיט מיידן, בחורים און קליינע קינדער טראָגן זיך פאַרביי אונדזער געסל. צו דער מאַרק־גאַס לויפן זיי. זיי לויפן נאָך איידיען, וועלכע רייסט קברים מיט איר קול:

— אידן, אידישע קינדער, שטייט אויף פון אייערע געלעגערס און זעצט אייך שיבעה, טוט אָן זעק מיט אַש אַף אייערע זינדיקע קעפּ! — רופט זי פון ערגיץ ווייט. — לויפט אין די שילן, לויפט אין די באָטעמעדראָשים, טוט תשובה, בעט גאָט ער זאָל זיך מרחם זיין איבער אונדז!... אַ חילול השם, אידישע קינדער, מען לאָזט דאָך שוין אַפילו די טויטע אין די קברים ניט רוען... ווי איז אונדז, וויסט און פינצטער איז צו אונדז, זינדיקע נשמות!...

עס לויפט אָן מיין חברטע סאָסיע. אַ מאָדנער אומרו שוועבט אַף איר מאַרמאָר־לויטערן פּנים מיט די ראָזעווע געזונטע באַקן. צווישן די נאָז־ווינקלען און אונטער די אויגן בא איר שטייען נאָך סימנים פון אַלערליי פאַרבן פונעם נעכטיקן יאַריד. סאָסיע כאַפּט מיך אַרום און קוקט מיר געטריי אין פּנים אַריין:

— קום, גאָלדע, אַפן הייליקן אָרט! — רעדט זי פאַרסאַפּעט. — עס האָט געטראָפן אַן אומגליק, דער קברות־גוי, זאָגט מען, האָט זיך דערוואוסט, אַז אידישע כלות און חתנים האָבן גישט קיין סחורה אַף גרעט צו דער חתונה... צוליב דער מילחמה, זאָגט מען... און דער גוי, אַ חולשה אים אין די ביינער, האָט געזען, אַז אידישע מתים באַגראָבט מען אין לייוונט, האָט ער אַראָפּגעריסן די תכריכים פון זייערע ביינער און זיי פאַרקויפט צו אידישע כלות און חתנים... ליילעכער מיט העמדער האָבן זיי זיך אויפגענייט פון די אָנגערויבטע תכריכים...

סאָסיע רעדט איין אָטעם און איך פיל ווי אַ קעלט גייט מיר איבער איבערן גאַנצן לייב. עפּעס לייגט זיך מיר דאָס אַלץ ניט אַפן שכל, איך גלויב ניט אין אַזויפיל מענטשלעכער געמיינקייט. פונוואַנען וויסט זי דאָס אַלץ?... ס'איז דאָך ערשט טאָג געוואָרן! — פּרואוו איך אָפּשטעלן איר מאָלן מיטן מויל און וואַרפן מיט די הענט ווי מיט די פליגלען פון אַ ווינטמיל.

— גיי, ביזט אַ נאַר! — באַשטייט זי אַף אירן. — איך בין שוין אַפילו געווען באַם רב אין שטוב. איידיע די סויפערטע האָט אַהין געבראַכט צו טראָגן אַ טלית, וואָס אַ אידענע האָט געקויפט פאַר איר זונס וועגן, וואָס דאַרף די וואָך חתונה האָבן און זי האָט דערקענט, אַז ס'איז איר טויטן מאַנס טלית, וואָס מען האָט ניט לאַנג ערשט באַגראָבן מיט

אים. קום מיט מיר! — שלעפּט זי מיך, ווי מען שלעפּט אַ ציג פאַר די הערנער. — אַפן הייליקן אָרט וועלן מיר שוין אַלץ געוואוירע ווערן!...

אַפן בית עולם, צווישן די שטומע נייע קברים, אַרומגעוואַקסענע מיט נידעריקן גראָז, טונקל גרינעם און האַכנאָעדיקן, שפּאַנען אום גרופּעס מיידן מיט בחורים, מיט ערנסטע און פאַרזאָרגטע פּנימער, מיט שווערע אומזיכערע שפּאַן. פון ערגיץ ווייט הערט זיך דאָס אימהדיקע יאָמערן פון איידיע דער סויפערטע און קולות פון רומענישע אָרדענונגס־היטער. בעטלער און בעטלערנס פאַרלויפן יעדן איינעם דעם וועג:

— שענקט אַ נדבה אַן אָרימען בעזשעניק!... שענקט, האָט רחמנות, גוטע מענטשן, אַף אַ מילחמה־אינוואַליד!...

עטלעכע קברים זיינען שוין אויפגעגראָבן און אַרומגעשטעלט מיט בייגיריקע. עס פילט זיך אַ ריח פון טויט אין דער לופטן, נאָר איבער די פליטלעך פון אייניקע הויכע מצבות ציטערן געלע לויטערע זון־פּאַסמעס, שלייכן זיך קעציש איבערן אויפגעוואַכטן גראָז, באַדעקטן מיט באַנאַכטיקן טוי, אויסבאַהאַלטענע, ווי פאַרשעמטע און פון קיינעם ניט באַמערקטע טרערן.

איך בויג מיך אָן איבער אַן אָפענעם קבר, ערגיץ רעכן איך צו געפינען מיין טאַטן, שוין אָן די תכריכים אַפן לייב, איך וועל אים זיכער דערקענען, דעם טאַטן! — טראַכט איך. — ער האָט אַ שוואַרץ חן־פּעפּערל אַף דער רעכטער ברוסט און דער ביין פון זיין לינקער האַנט איז אַרויסגערוקט, גרויס... נאָר אין דעם קבר ליגט גאָר אַ פרוי, איבערגעקערט מיט דעם נאַקעטן רוקן אַף אַרויף און מיט ברוינע צעשויבערטע האָר איבער דער ברייטער פּלייצע. מיר, אָבער, דאַכט זיך אַפילו דעם טאַטנס קול, איך זע זיין וואַרים צעשמייכלט פּנים, באַדעקט מיט גלויבן און פאַרלוירנקייט...

— ווייסט ער, דער טאַטע, אַז די ווילדע מויד זיינע איז איצט אַפן הייליקן אָרט, אַז זי זוכט אים אַרום און... האָט דאָך מורא, אַז די נשמה זיינע זאָל איר נישט נאָכלויפן אַהיים?... — פרעג איך בא מיין חברטע.

— איך שעם מיך, סאָסיע, צו טראַכטן, אַז אַן אייגן קינד מוז זיך אויסבאַהאַלטן פאַר איר טאַטנס נשמה...

— שוויג, גאָלדע, מען טאָר ניט זינדיקן פאַר גאָט! — דראָעט זי מיר מיטן ווייזפינגער. — אַלץ וואָס דער אויבערשטער טוט, איז גוט און גערעכט! וואויל צו דעם מענטשן, וואָס קומט אָפּ פאַר אַלע זיינע זינד אַף דער וועלט!...

מיר שפּאַנען אום פון קבר צו קבר און מיר שוויגן. באַלד רוף איך מיך אָן צו איר:

— פאַרוואָס, סאָסיע, ביזטו נישט געקומען נעכטן באַווייגען מיין טאַטן?... אויך דו האָסט אים נעבעך פאַרשעמט!...

— שוויג נאַרעלע, רייד ניט אַזוי!... — און זי לייגט מיר אַרויף די רעכטע דלאָניע אַפן מויל, גלעט מיך מיט די גרויסע געטרייע אויגן אירע

און זיפצט שווער, צוגעבנדיק מיט א מינע פון א דערוואַקסענער: — דו, גאָלדע, וועסט עס מיר מוזן מוחל זיין!... אויך דיין טאַטע און גאָט וועלן מיר דאָס מוחל זיין!... נעכטן איז דאָך געווען מאַרק־טאָג! פּרנסה, גאָלדע, שטייט העכער פונעם אייגענעם לעבן, אפילו!...

איך גיב זיך אָבער ניט אונטער. זינט איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ריווע די מויד, סאָסיעס מאַמע, מיט אַלע אירע קינדער, פאָרן שוין אוועק קיין טשילע, איז די חברטע מיינע מיר טייערער געוואָרן. איך געדענק אַלע קליינע און גרעסערע עוולות וואָס איך בין קעגן איר באַגאַנגען פאַר אַלע יאָרן און דאָס האַרץ טוט מיר וויי. איך פאַרגעס אָבער אויך ניט די עוולות וואָס סאָסיע באַגייט קעגן מיר. איצט, וואָלט איך וועלן, זאָל די פריינטשאַפט אונדזערע זיין אַזוי ריין און גרויס...

— אַז דו האָסט פאַרגעסן, סאָסיע, קומען באַוויינען מיין טאַטן, ווען דו ביזט אַזוי נאָענט פון מיר, וואָס וועט שוין זיין אַז דו וועסט אוועקפאָרן צו דיין טאַטן קיין טשילע און דו וועסט ווערן רייך!... — רעד איך מיט פאַרביטערונג. — אַ חברטע טאָר אַזוי ניט טון!...

זי ווערט בייז און ברוגז. אַ דינע כמאַרע באַדעקט איר לויטער פּנים, אַן עקשנות, וואָס מאַכט זי עלטער און מיאוסער. באַלד אָבער טוט זי אַ לייג אַרויף ביידע הענט צו מיר אויף די אַקסלען און טענהט מיר אַריין אין פּנים:

— דאָרטן, גאָלדע, באַ מיין טאַטן, וועל איך מיט גאָטס הילף ניט דאַרפן זאָרגן פאַר פּרנסה... ערשט דעמאָלט, נאַרעלע, וועל איך דיך קענען אינזינען האָבן! אַלע טאָג וועל איך דיר שרייבן אַ בריוו... איך וועל דיך אַריבערנעמען קיין טשילע, וועסט זען!...

זי רעדט ערנסט און מיט פּאַטאָס. איך גלויב איר. איך ענטפער איר מיט באַנג, מיט טיפער רעזיגנאַציע אין קול און מיט גרויסקייט:

— ניין, סאָסיע, פאָרן צו דיר וועל איך ניט קענען, איך מוז דאָך זאָרגן פאַר מיינע דריי קלענערע שוועסטערלעך, לערנען זיי!... איך וויל ניט, סאָסקעלע, איבערלאָזן מיין טאַטן!... זיין נשמה וועט וויינען, זי וועט בענקען נאָך מיר!...

— שוויג, וויין ניט! — בייזערט זי זיך אוןווישט מיר די טרערן.

— מען טאָר ניט, גאָלדע, זינדיקן אַקעגן דעם וואָס לעבט אייביק!... וואָס די ערד נעמט צו, מוז דער מענטש פאַרגעסן!...

— ווער זאָגט דיר דען, אַז איך וויין? מיר טרערן פּשוט די אויגן!...

זי נעמט פּלוצים וואַרפן אומרואיקע בליקן אַרום די שוואַרצע געזונקענע מצבות און זיפצט שווער:

— דו ווייסט, גאָלדע, מיר דאַרפן ניט קוקן אין די אויפגעגראָבענע קברים, מיר פאַרשעמען די טויטע, ס'איז אַ זינד!...

— איך וויל דאָך אָבער אויסזוכן מיין טאַטן!... פאַרוואָס, סאָסיע, מאַכט ניט גאָט, אַז אַלע שלעכטע מענטשן זאָלן שטאַרבן?... אפילו פאַר די טויטע האָבן זיי קיין מורא ניט!...

זי ציט מיט די אַקסלען און טראַכט פאַרדייגעט. אַרום אונדז האָט זיך אַ דין געזאַנג פון די צעוואָרימטע גראָזן אויפגעהויבן, אַ זשומען פון גרויסע פליגן.

אַפן סאַמע מיטן פעלד דערזע איך זכאַריען. ער שטייט לעבן אַ פרישן בערגל ערד מיט קוים צוגעטרוקנטע גרודקעלעך. עס שטייט דאָרטן אויך דער פעטער שמיל און עמזע, דער פעטער דאָדל און זיין זון. זכאַריע רופט מיך מיט זיינע געטרייע אויגן, וואָס זיינען פול מיט זאָרג און גרעניצלאָזן רחמנות. צופוסנס דעם בערגל שטייט דער רב, אַ ברייטער איד מיט אַ ווייסער רחבותדיקער באָרד, מיט אַ שטריימל אַפן קאָפּ. דער חברה־שמש, רב צאַליק מעשולעמס, מיט זיין טונקל רויטער ברייטער באָרד. רב צאַליק, וואָס האָט אַ שם מיט זיין ניט שרעקן זיך פאַר די טויטע, פאָרעט זיך אַרום קבר, שטופּט אַהין אַריין די האַנט, זוכט און באַטאַפּט דעם אינערלעכן צוים אַרום דעם מת... באַלד טוט ער זיך אַ שטעל אויף, זיין צעאַקערט און פאַרהאַרטעוועט פּנים דריקט אויס פרייד און זיכערקייט:

— דער קבר איז אומבאַרירט! — טוט ער אַ זיכערן זאָג און קלאַפּט אָפּ איבערן קבר איין האַנט אָן דער אַנדערער...

— הערט מיך אויס, אידן! — ווענדט זיך דער רב צו מיינע פעטערס און דאָס קול זיינס איז אומרואיק און גערירט. — דאָ ליגט אַ איד, וואָס האָט געהאַט אַ הייליקע נשמה! שוין צוויי יאָר, אַז די רוצחים רייסן די תכריכים פון אונדזערע טויטע ברידער און קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט... שוין צוויי יאָר, אַז הונדערטער מתים ווערן פאַרשוועכט און אָרימע אידישע חתן־כלה נייען זיך חתונה־גרעט און ליילעכער פון דעם שוועבעש... אַ זינד אַ גרויסע — האָט זיך דער רב אַ צעוויג געטון און די האַלב־געשלאָסענע פרומע אויגן צום הימל אויפגעהויבן, — האָט זיך איבער אונדזערע זינדיקע קעפּ אַראָפּגעלאָזט! איין גאָט אין הימל, אידישע קינדער, ווייסט ווי לאַנג דאָס פייער, דאָס אַכזריות, וואָלט זיך נאָך אַרומגעטראָגן צווישן אונדז, ווען ניט די דאָזיקע הייליקע נשמה, — האָט ער אַ צעפיר געטון מיט זיינע צוויי לאַנגע הענט איבערן בערגל ערד און אַ וויטיק האָט אַ באַדעקט זיין באַזאָרגט און אַניוועסדיק פּנים, — וואָס האָט זיך נעכטן מיט גאָטס חסד באַהעפט!... אַ שעה נאָך זיין קבורה, איז דער פאַרברעך אויפגעדעקט געוואָרן!...

— ווער ליגט דאָ? ווער ליגט דאָ? — לויפן זיך צונויף מענטשן אַרום דעם פרישן קבר און די אויגן זייערע ברענען מיט שטוינען און מיט נייגיר. — וואָס האָט געטראָפן?.. ווער לייגט דאָ־אָ?...

— הערש טשאָרנאָפּוי! דער בלינדער בעקער! — טוט עמיצער פון דער מחנה אַ זאָג.

צוריקוועגס, פירט מיך זכאַריע פאַר דער רעכטער האַנט. מיר איז גוט לעבן אים. זכאַריע שווייגט. ערשט נאָכן בריקל פון בית עולם בלייבט ער שטיין, קוקט זיך אום צום פעלד און טוט אַ זיפץ. דערנאָך טראָגט ער איבער זיינע געטרייע אויגן אַף מיר:

— דו ווייסט, גאָלדע, — רופט ער זיך אָן, אַז דו דאַרפסט שוין

זיצן שיבעה נאָך דיין טאַטן!... ביזט שוין אַלט צוועלף מיט אַ האַלבן יאָר!... איך האָב געפרעגט דעם רב...

— ביזט געווען באַם רב, זכאַריע?... פאַרוואָס זשע האָסטו מיך ניט מיטגערופן? — פרעג איך אים מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס מוז זיין פאַרטראָטן באַ אַלע ערנסטע ענינים.

ער טוט מיר אַ גלעט איבערן קאָפּ און זיפצט:

— ווייַ איז מיר פאַר דיר, געטרייע נשמה מיינע, אינגאַנצן דער טאַטע! אוי וועסטו כאַפּן באַכענצעס! וויי! וויי!...

— זכאַריע, נאָכוואָס ביזטו געגאַנגען צום רב? האָסט סודות פאַר מיר? פע!...

— איך בין געגאַנגען פרעגן ווען מיר זאָלן פראַווען אונדזער שוועסטערס חתונה. נאָך דער שיבעה, גאָלדע, וועט דיין פינקל חתונה האָבן...

אַ לייכטער ציטער פילט זיך אַרויס פון זיין קול. נאָר ער מאַכט אַן אָנשטעל פון געמיטלעכקייט, גלייך גאָרניט וואָלט געטראָפן. נאָר באַלד דערזע איך, ווי פון אונטער דער ערד איז פלוצים אויסגעוואַקסן לעבן אונדז בריינדעלע, פאַיע קאַצאַפּס שוועסטער. ניט ווייט פונעם הייליקן אָרט געפינט זיך דאָס פריילעכע הייזל. זינט זכאַריע איז געוואָרן איר שוועסטערס חתן, פאַרפאָלגט זי אים. ער נעמט שפּאַנען גיכער. בריינע פאַרלירט זיך ניט. זי טוט מיך אַ ריס אַרויס פון זיין האַנט און צעלאַכט זיך מיט אַן אומהיימלעך כיכיקען. זי שטעלט אָן אויף מיר אירע פרעכע אויגן, פול מיט שפּאָט און פאַראַכטונג:

— אַנטלויף ניט פון מיר, גאָלדע! — באַפעלט זי בייז. — איך האָב מער רחמנות אויף דיר ווי יענע פאַרשיווע אידענעס מיט די מיידן, אַ פייער אין זייערע זייטן!... זיי האָבן דיך גענוג פאַרשעמט, גאָלדע! — שרייט זי גאַליק און אַ פינצטערקייט באַדעקט אירע אָנגערויטלטע באַקן און מיטאַמאָל טוט זי זיך אַ זעץ אַראָפּ אויף דער ערד און נעמט זיך קלאַפּן מיט די פויסטן אין דער ברוסט און ציִשעט: — נאָר איך קען אמת רחמנות האָבן אויף אַ יתומה!...

— לאָז מיך אָפּ, בריינע!... מיר געפעלט ניט אַזוי!... פע!...

— וואָס געפעלט דיר ניט, דו קליינער טשיזשליק, ממזרישער קאָפּ! — טוט זי אַ הילכיקן לאַך און אומהיימלעכע פייערלעך צעבלישטשען זיך אין אירע אויגן. — נאַ, זע! — שטעלט זי זיך ווידער אַוועק פאַר מיר אין דער פּאָזע פון אַ גליקלעכער קעניגן און פאַרהייבט דעם זוים פון איר קלייד, אָנווייזנדיק מיט זיגערישע בליקן אויף די ברייטע ווייסע שפּיצן פון אירע אונטערהויזן: — אָט דאָס אַלץ האָב איך כשר פאַרדינט, נאַרעלע! די טייערסטע זיידענע וועש טראָג איך!... ווי לאַנג קרענקען זיי, די באַלעבאַטישע טעכטער, צי די מילחמה האָט זיי אַפילו אַ דריטל צוגעשפּילט אַזוי ווי מיר!...

איך רייס מיך אַרויס פון אירע הענט און לויף נאָך זכאַריען.

ווען מיר זיינען שוין ווייט אַפּגעלאָפן, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט מיר בעטריי אין פּנים אַריין און טוט אַן אָפּגעהאַקטן זאָג:

— זאָלסט דיך אויסהיטן פון איר, גאָלדע!

הינטער מיינע פּלייצעס הער איך נאָך איר פּרעכן היסטערישן געלעכטער, וואָס מישט זיך אָבער באַלד אויס מיט אַנדערע מענטשלעכע קולות. נישט קיין געזאַנג איז עס און נישט קיין בייזער געלעכטער, נאָר עפּעס אַ מין שווערער ברומען, וואָס האָט הייבט זיך עס אויף און אָט ווערט עס פאַרלאָשן, צעטראָטן פון די שווערע סאָלדאַטסקע טריט.

דאָס ציען זיך פאַרביי די פּויערישע געסלעך מחנות זעלנער אין אָפּגעטראָגענע רוסישע סאָלדאַטסקע קליידער. אין אומאָרדענונג גייען זיי, אויסגעשעפּטע און מוטלאָזע, מיט פאַרכווישעכטע פּנימער און מיט ווילדע פאַרצאָרנטע פייערלעך אין די אומרואיקע אויגן. פּויערים און פּויערטעס שטייען באַ די נידעריקע פּליטלעך פון זייערע גערטנער און קוקן נאָך די פאַרבייגייענדיקע, וואָס שלענגלען זיך איבער די שוואַרצע זיגזאַגישע סטעזשקעס, אַריבער דעם באַרג, צווישן די הויכע פּאַפּושויעס פון דער געבענטשטער בעסאַראַבער ערד...

רומענישע זשאַנדאַרן מיט געלאָדענע ביקסן אַף די פּלייצעס רייטן זיי נאָך. טייל זשאַנדאַרן שמועסן זיך דורך מיט זיי שטיל און פריילעך.

מיר בלייבן שטיין באַם זוים פון וועג און קוקן זיי נאָך.

— זעסט, גאָלדע! — ווענדט זיך פלוצים צו מיר זכאַריע און זיין מאַטעווע פּנים ווערט באַגאָסן מיט אַ טיפן ערנסט. — גזלנים צווישן זיך זיינען גוטע ברידער! דער רומענישער ציגיינער פירט ערגיץ אַריבער פּעטליורעס רעשטן! ימח שמו!

סוף.

Este libro fué terminado el día 20 de Abril de 1945 en los Talleres Gráficos HEUMAN, Pasteur 333, U. T. 47, Cuyo 7752, Buenos Aires, República Argentina.

PRINTED IN ARGENTINE
By Golde Gutman (Krimer)